STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05447

BLETER FUN MAYN YUGNT

Leib Blekhman

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Herman & Judith Swartz
in memory of
their parents

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ ב ר אַ ם ד ע ר ט אַ ט ע

בלעטער פון מײַן יוגנט

שער־בלאַט געצייכנט פון י. שלאָס

אַבראַם דער טאַטע
(לייב בלעכמאַן)

בלעטער פון מיין יוגנט

זכרונות פון אַ בונדיסט

ניו־יאָרק, 1959

ABRAM DER TATE
(LEIB BLEKHMAN)

BLETER FUN MEIN YOUGNT

Copyright, 1959
by
FARLAG UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York 21, N. Y.

Printed in U. S. A.

GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.

166

אינהאַלט:

1. היים און ישיבה — 13
2. ביכער און קרייזלעך — 19
3. די ערשטע טריט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — 27
4. עטלעכע פּיאָנערן — 39
5. אין ביאַליסטאָק — 46
6. אַ פּאַרטיי־פּראָפעסיאָנאַל — 57
7. פון טורמע צו טורמע — 67
8. אַנטלאָפן פון עטאַפּ — 80
9. דער גאַרבער־בונד — 96
10. דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" — 104
11. אין אָדעסער טורמע — 120
12. וואַרשע — דער 5טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" — 147
13. דער צ. ק. באַזעצט זיך אין מינסק — 170
14. כ'קום קיין ווילנע און ווער באַלד אַ תושב אין טורמע — 197
15. שטורמישע וואָכן אין דווינסק — 218
16. אין מאָהילעוו און אַרומיקע שטעטלעך — 248
17. צוריק טעטיק אין גאַרבער־בונד — 257
18. אַ לעצטער פּרואוו — 284

אַ וואָרט וועגן מחבר . . .

איך האָב זיך מיט אַבראַם דעם טאַטן באַקענט אין מינסק, ווען איך בין נאָך אַ ייִנגל געווען. אין מינסק איז ער דעמאָלט געווען אַריינגע־שיקט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. ער איז געווען דער פאָר־שטייער פון מינסקער קאָמיטעט. אין פאַרלויף פון יאָרן האָבן מיר געהאַט אַ ריי פאָרשטייער. אַ טייל האָבן מיר רעספּעקטירט, אָבער זיי זיינען געשטאַנען אין אַ געוויסער דיסטאַנץ פון אונז. מיר האָבן זיי גערופן „די אַריסטאָקראַטישע אינטעליגענץ”. מיט אייניקע האָבן מיר זיך געקריגט און אָפּאָזיציעס געשאַפן קעגן זיי, אָבער ווען ס'איז געקומען אַבראַם דער טאַטע, איז די שטימונג צווישן אונז אַלע געווען גאָר אַן אַנדערע. מיר האָבן אים באַטראַכט ווי אַ נאָנטן, ווי אַן איי־גענעם. אויף אַ שיינעם און רואיקן אופן האָט ער זיך איינגעלעבט מיט אונז. מיט אים וואָלטן מיר געקענט גיין אין פייער ניט בלויז פאַר די אידעאַלן פון בונד, נאָר אויך פאַר דער שיינער פערזענלעכקייט און פאַר דעם האַרציקן חבר, וואָס האָט אָפּיציעל רעפּרעזענטירט דעם בונד.

דער בונדישער קאָמיטעט האָט מיך אַריינגעשיקט אין דער גע־מישטער צענטראַלער פאַרטרעטונג (סכאָדקע) פון די פאַרשידענע פאַכן אין שטאָט. אַבראַם דער טאַטע פלעגט קומען צו דער סכאָדקע זייער אָפט און דאָרט טאַקע איז פאָרגעקומען אונזער ערשטע באַ־געגעניש. די סכאָדקע איז געווען אַ געמיש פון פאַרשידענע מענטשן אין פאַרשידענע פאַכן, מיט פאַרשידענע פּסיכאָלאָגיעס און טעמפּע־ראַמענטן. כדי אַרויסצוקריגן דעם מאַקסימום פון זיי און שאַפן פון זיי אַ האַרמאָנישע קערפּערשאַפט, האָט דער פירער געדאַרפט זיין אַ מענטש, וועלכן מ'זאָל ניט בלויז רעספּעקטירן, נאָר מ'זאָל אויך ליב האָבן. און אַבראַם דער טאַטע איז געווען דער ריכטיקער מענטש אויפן ריכטיקן אָרט.

פון פאַך בין איך געווען אַ קירזשנער, אָבער צוליב מיין בונדישער טעטיקייט, האָט מיך קיין באַלעבאָס ניט געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט. בין איך אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן אין אַ טאַבאַק־פאַבריק, וואו דער בונד האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה צווישן די אַרבעטער. איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען איך בין אַרויס פון דער אַרבעט, האָב איך דער־זען שטיין ביי דער פאַבריק דעם פאָרשטייער פון קאָמיטעט. ער איז צו מיר צוגעגאַנגען שטילערהייט און האָט מיר געזאָגט, אַז מאָרגן אָוונט זאָל איך קומען אין אַ באַשטימט הויז, אָבער איך זאָל זיין פאָרזיכטיק,

זיך גוט אַרומקוקן ביים גיין און קיינער זאָל פון דעם ניט וויסן. אָפּגע־זאָגט די פּאָר ווערטער איז ער אַוועק אין אַ זייטיקער גאַס. דאָס האָט געפּאָדערט די קאָנספּיראַציע און אַבראַם דער טאַטע איז געווען פאַרעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע קאָנספּיראַטאָרן. אַז איך בין יענע נאַכט ניט געשלאָפן פון אומרואיקייט, דאַרף איך אייך ניט דער־ציילן. מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ, פול מיט דערוואַרטונג, האָב איך געציילט די שעהן צום קומענדיקן אָוונט.

ווען איך בין געקומען אין באַשטימטן הויז, האָב איך דאָרט גע־טראָפן די סמעטענע פון דער בונדישער פירערשאַפט אין שטאָט. דאָרט איז געווען עזרא, אסתר פרומקין, וולאַדימיר דער דווינסקער און נאָך אַ צאָל חברים. ס'האָט געדויערט ניט לאַנג און אַבראַם דער טאַטע האָט די זיצונג געעפנט און דערביי געזאָגט וועגן מיר אַ פּאָר ווערטער. ער האָט דערקלערט פאַרוואָס ער האָט מיך צוגעצויגן צו דער קער־פערשאַפט. געווען איז דאָס די אַזוי־גערופענע אַגיטאַטאָרסקע. זי איז געווען אין מיטן צווישן דער פיל־צאָליקער סכאָדקע און דעם קאָמיטעט, וואָס איז סך־הכל באַשטאַנען פון דריי מיטגלידער. נאָך יענער פאַר־זאַמלונג האָב איך זיך, נאַטירלעך, געפילט דערהויבן. עפּעס אַ קליי־ניקייט צו זיין אַ מיטגליד פון דער בונדישער צענטראַלער קערפּער־שאַפט אין מינסק!

אין דער קורצער צייט, וואָס אַבראַם דער טאַטע איז געווען אין מינסק, האָבן מיר זיך זייער באַפריינדעט. איך האָב אים באַטראַכט פאַר מיין פירער און בין געווען גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס ער וועט מיר הייסן. כ'האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז ווען ער זאָגט עפּעס און ווען ער הייסט עפּעס טאָן, האָט ער אַלץ גוט אויסגערעכנט און מ'דאַרף דאָס אָננעמען אַזוי, ווי ער זאָגט. אין זיין זאָגן איז אָבער קיינמאָל ניט געווען קיין באַפעל. ס'זיינען געווען רייד פון אַ גוטן טאַטן צו זיינס אַ קינד.

ער האָט געמוזט פאַרלאָזן מינסק און איז אַוועק קיין ווילנע. דאָס לעבן האָט אונז אין יאָר 1905 צעטיילט. מיר זיינען פאַרוואָרפן גע־וואָרן אין פאַרשידענע געגנטן פון רוסלאַנד. מיר האָבן זיך שוין דאָרט מער ניט באַגעגנט.

אין 1912 האָב איך אים באַגעגנט אין ניו־יאָרק. דאָ איז ער געווען אַקטיוו אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, אין די אַרבעטער־רינג־שולן.

איך בין זיכער, אַז ביי פיל לייענער וועט דאָס בוך זכרונות אויפ־וועקן אייגענע דערינערונגען פון דעם וואונדערבאַר־שיינעם אַמאָל פון אונזער יוגנט. אין די זכרונות פון אַבראַם דער טאַטע שפּיגלען זיך אָפּ אויך אונזערע יוגנט־יאָרן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַזוי פיל גלויבן, האָפענונג און שיינקייט.

נ. כאַנין

. . . און וועגן זיינע זכרונות

די זכרונות פון אַבראַם דער טאַטע זיינען אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

זכרונות זיינען אַ בויטיקער צוגאָב צו געשיכטע. זיי העלפן זי מאַכן פּולבלוטיקער, לעבעדיקער און נענטער צו דער ווירקלעכקייט. זיי דאַרפן אָבער זיין גוט און ערלעך דערציילט. און דער שר של שכחה דאַרף אויפן מעמואַריסט קיין שליטה נישט האָבן. די בלעטער פון מיין יוגנט האָבן די מעלות פון גוטע מעמואַרן. די יינגע יאָרן זיינען געווען שאַרפע און מיט זייער פרישקייט און חן זיינען זיי געבליבן בולט אין זכרון פון דערציילער.

אונזער מעמואַריסט האָט אין זיין לעבן געהאַט אַ סך נעמען. זיין ריכטיקער נאָמען איז פון געבורט לייב בלעכמאַן (איצט אין אַמעריקע — בלעק). אין די יאָרן פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט ער אָפט געמוזט בייטן זיינע פּאַספּאָרטן און טראָגן פאַרשידענע נעמען. אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז ער אַריין און געוואָרן פּאָפּולער אונטער דעם צונאָמען אַבראַם דער טאַטע — אַ צונאָמען, וואָס ער האָט באַקומען אַלס יינגל אין דער שטאָט וויטעבסק און וואָס איז אים שוין נאָכגעגאַנגען אין פיל שטעט און לענדער.

אַבראַם דער טאַטע געהערט צו די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז צו איר געקומען פון אַן אַרבעטער־היים אין אַ קליין שטעטל, דורך חדר און ישיבה. אין די יאָרן, ווען ס׳איז פאָרגעקומען דער גרויסער איבערברוך אין יידישן לעבן, איז ער געווען צווישן דער מחנה פון באַנייער. מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַ גייסטיקע גבורה, כדי איבערצורייסן מיט די אַלטע, פון דורות לאַנג איינגעשטעלטע געוואוינהייטן, רעליגיעזע טראַכטענישן, סאָציאַלע באַגריפן און פאַרקירעווען אויף אַ גאַר נייעם וועג — אַ וועג, וואָס פירט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. די יינגע מחנות האָבן געדאַרפט האָבן דעם כוח אויסצוטרעטן אַ נייעם וועג און זיי האָבן עס באַוויזן צו טון, נישט געקוקט אויף די גרויסע בערג פאַראורטיילן און שטערונגען.

לויט זיין אָפּשטאַם און דערציאונג האָט לייבקע בלעכמאַן געהערט צום שיכט, וואָס מ׳האָט אין דער יינגער באַוועגונג גערופן האַלב־

אינטעליגענטן. געמיינט האָט מען מיט דעם יענע יינגעלייט, וואָס האָבן פאַרמאָגט יידיש וויסן, אַ סכום וועלטלעכע בילדונג (נישט פון גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן, נאָר פון זעלבסט־בילדונג) און זיי־נען געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער יידישער פאָלקס־מאַסע. אין דער אויפגעקומענער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָט דער שיכט געשפּילט אַ גרויסע ראָל. ער איז געווען ווי אַ פאַרבינדונג־גליד צווישן דער אַסימילירטער יידיש־סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ און דער יידישער אַרבעטערשאַפט און פאָלקס־מאַסע. די האַלב־אינטעלי־גענטן האָבן גוט באַהערשט די יידישע שפּראַך, זיינען אינטים געווען באַקאַנט מיט די צרות און נויטן, מיט די געדאַנקען און געפילן פון דער פאָלקס־מאַסע און במילא געקענט לייכטער ריידן מיט איר און פאַר איר, זי אָרגאַניזירן און פירן.

לייבקע בלעכמאַן איז איינער פון דאָזיקן שיכט — איינער פון די בעסטע און געטרייסטע. מיט קרוב 70 יאָר צוריק האָט ער זיך געשטעלט אין דינסט פון סאָציאַליסטישן אידעאַל און גענומען אויף זיך אַ שווערן עול — קיין שום קרבנות האָבן אים נישט געקענט אָפּ־האַלטן פון דערפילן די פליכט, וואָס ער האָט פרייוויליק אויף זיך גענומען. פאַרשידענע געפאַרן, הונגער און נויט, לאַנגע יאָרן טורמעס און אַנדערע מאַטערנישן זיינען געווען דער פּרייז, וואָס ער האָט גע־צאָלט פאַר דעם צופרידענעם געפיל, אַז ער דינט דער גערעכטער זאַך פון אַרבעטער־פאָלק. אַזעלכע מענטשן זיינען זיילן, אויף וועלכער אַ באַוועגונג קען זיך שטיצן און בויען. ביז מיין קומען אין אַמעריקע האָב איך קיין מאָל אים נישט געזען, אָבער געלייענט און געהערט וועגן אים האָב איך יאָ. און געהערט וועגן אים האָב איך פון צוויי מענטשן, וואָס האָבן במשך עטלעכע יאָר נאָענט צוזאַמענגעאַרבעט מיט אים — נח און בייניש מיכאַלעוויטש. און שטענדיק, ווען זיי האָבן אַרויס־געבראַכט דעם נאָמען אַבראַם דער טאַטע, איז עס געווען מיט אַ פריינט־לעכן שמייכל און אין ערנסטן ליכט.

די זכרונות פירן אונז פון שטעטל טשאַשניק דורך וויטעבסק, ביאַליסטאָק, לאָדזש, וואַרשע, מינסק, ווילנע, דווינסק, מאָהילעוו, בער־דיטשעוו און אַ צאָל אַנדערע שטעט. זיי פירן אונז אַריין אין געוועב פון בונדישן אונטערערד, אין די געהיימע זיצונגען און מאַסן־פאַר־זאַמלונגען, אין באַראַטונגען און צוזאַמענפאָרן פון בונד. זיי פירן אונז אַרויס אויף די אָפענע סצענעס פון די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן און פירן אונז אַריין אין די ענגע קאַמערן פון אַ גרויסער צאָל צאַרישע טורמעס (אויב צווישן די נעכטיקע רעוואָלוציאָנערן— אָדער זייערע יורשים — און היינטיקע מאַכטהאָבער פון רוסלאַנד געפינען זיך יחידים, ביי וועלכע ס׳איז נאָך פאַרבליבן כאָטשבי אַ ברעקל בושה, דאַרפן זיי

דאָך ווערן רויט פון שאַנד ביים מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן די צאַרישע טורמעס און יוסטיץ מיט די סאָוועטישע). זיי פירן אונז אַריין אין גאָרבער־בונד, פון וועלכן אונזער מעמואַריסט איז געווען דער הויפּט־בויער, און דערציילן אונז וועגן הונדערטער מענטשן, וואָס זיינען געווען באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער און בונדישער באַוועגונג.

עטלעכע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו לייענען די זכרונות איידער דאָס בוך איז געוואָרן אָפּגעדרוקט. און יעדעס ווייטערדיק מאָל האָב איך זיי געלייענט מיט נישט־געמינערטן אינטערעס. געוויס האָט דאָ געווירקט דער דראַמאַטישער שטאָף. אָבער נישט בלויז דאָס אַליין. די זכרונות זיינען גוט געשריבן. זיי זיינען געשריבן פּשוט און זאַכלעך, אָבער אונטער די פאַקטן פילט מען די אַטמאָספער. הגם נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, האָט דאָך אונזער אַלטער חבר באַוויזן אָנצושרייבן אַ גוט בוך, וואָס איז געטריי נישט בלויז צו די פאַקטן און געשעענישן, נאָר אויך צו זיך אַליין: צו זיין סטיל, צו זיין באַשיידנקייט, צו זיין ערנסט און הומאָר.

שוין באַלד אַ האַלבער יאָרהונדערט לעבט אַבראַם דער טאַטע אין אַמעריקע (מיטן אויסנאַם פון דער צייט, ווען אויפן רוף פון דער צווייטער רעוואָלוציע — 1917 — איז ער צוריק אַוועק קיין רוסלאַנד, וואָס ער האָט נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר מיט ווייטאָג געמוזט פאַרלאָזן, וויל פאַר ערלעכע סאָציאַליסטן און פרייהייטס־קעמפער איז דער וועג געוואָרן פריי צו די טורמע־ווענט און טורמע־וועגטלעך). אויך דער לאַנגער זיין אין אַמעריקע האָט דעם סאָציאַליסטיש־בונדיש־באַוואוסט־זיין ביי אים נישט געקענט קאַליע מאַכן. דער אידעאַל קען נישט ווערן פאַרבלאַסט, אַפילו פאַרוואָרפן, ווען ער איז אין כאַראַקטער פון דעם מענטש, וואָס האָט אים געפונען. אונזער אַלטער מיטקעמפער איז געבליבן שטאַנדהאַפטיק־טריי דעם בונד און זיך אַליין. נאָך היינט, אין זיין הויכער עלטער, באַגעגנט מען אים אָפט אויף פאַרשידענע בונדישע פאַרזאַמלונגען און אונטערנעמונגען אין ניו־יאָרק (ביז די סאַמע לעצטע יאָרן איז ער נאָך געשטאַנען ביים אַרבעטס־וואַרשטאַט — אַלס צאָן־טעכניקער).

צו זיין 85־יאָריקן יובל, וואָס פאַלט אויס הײ־יאָר (1959), האָט אַ גרופּע חברים און פריינט באַשלאָסן צוטראָגן אַ מתנה דעם ליבן חבר אַבראַם. ס'קען גאָר נישט זיין קיין שענערע מתנה, ווי דאָס בוך זכרונות, וואָס ער אַליין האָט לעצטנס אָנגעשריבן. ס'ווערן אים אומגעקערט די שענסטע בלעטער פון זיין לעבן, און דער יידישער עפנטלעכקייט — אַ העפט פון די שענסטע בלעטער פון יידישן פאָלקסלעבן.

י. ש. הערץ

געווידמעט דעם אָנדענק פון

ד״ר פּאַוועל (פּנחס)

און אַנאַ ראָזענטאַל

1. היים און ישיבה

איך בין געבוירן געוואָרן סעפּטעמבער 1874 אין טשאַשניק — אַ קליין בלאָטיק שטעטל אין וויטעבסקער גובערניע (רוסלאַנד) — ביי אָרימע עלטערן.

מיין טאַטע מאיר איז געווען אַ שניידער. במשך זיין גאַנצן קורצן לעבן (ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 45 יאָר) איז ער געווען אַ קראַנקער מענטש און געהוסט. לערנען האָט מיין טאַטע ניט געקענט. ער האָט בלויז געקענט דאַווענען און זאָגן תהילים. ער האָט געהאַט אַ שוואַכע אָבער אַ זיסע שטים און דעם תהילים פלעגט ער ניט זאָגן נאָר אויסזינגען. ווען איך פלעג אין די פרימאָרגנס זיך צוהערן ווי ער זינגט אויס דעם תהילים, פלעגט זיך מיר דוכטן, לויט דער מעלאָדיע און אינטאָנאַציע, אַז אָט טענהט ער זיך אויס מיט עמעצן און אָט בייזערט ער זיך אויף עמעצן.

מיין מאַמע שיינע אסתר איז געווען אַ פּשוטע פרוי, שטענדיק אַ פאַרהאָרעוועטע און פאַרמאַטערטע פון דער אַרבעט אַרום הויז. אַרבעט האָט זי געהאַט אָן אַ ברעג. זי פלעגט אַליין באַקן ברויט און אויף שבת — חלה, זי האָט געקאָכט, געשטריקט און פאַרצירעוועט זאָקן, געלייגט אַ לאַטע אויף אַ בגד, זעלטן־ווען אויפגעניייט אַ קליידל פאַר זיך און נאָך צוגעהאָלפן דעם טאַטן אין דער אַרבעט. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן גאָרטן, וואו מען פלעגט פאַרזייען מערן, בוריקעס, רעטעך, קאַרטאָפל, אוגערקעס, קרויט, ברוצקע און אפשר נאָך עפּעס. יעדן פרילינג פלעגט מען דינגען אַ פויער, וואָס פלעגט דעם גאָרטן אויפאַקערן, בראָנעווען און טייל־ווייז פאַרזייען. איך זאָג טיילווייז, ווייל ער האָט פאַרזייט בלויז די זאַכן, וואָס מען דאַרף ניט פאַרזעצן מיט דער האַנט איינציקווייז, וואָס דאָס האָט שוין געטאָן די מאַמע. אַרום גאָרטן איז געווען אַ היפּש ביסל אַרבעט אַ גאַנצן זומער. גאָר אַ סך אַרבעט איז געווען סוף זומער, אָנהויב הארבסט, ווען מען האָט געדאַרפט אַראָפּנעמען די גערעטעניש פון גאָרטן. כמעט די גאַנצע אַרבעט איז געפאַלן אויף דער מאַמען.

און פון אַלע גליקן, פון גאָרטן צוזאַמען מיט דעם טאַטנס אַרבעט, האָט מען קוים געהאַט אויף חיונה פאַר דער קליינער משפחה (מיר זיינען געווען דריי קינדער אין הויז, איך און אַ שוועסטער עלטער

פון מיר מיט צוויי יאָר. אַ ברודער איז צוגעקומען, ווען איך בין שוין געווען זיבן יאָר). צאָלן שכר־לימוד פאַר מיר איז געווען אַ שווערע זאַך, בפרט ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען ביי אַ גמרא־מלמד, ווייל דער שכר־לימוד איז שוין דאָ געווען באַדייטנדיק גרעסער. צוליב דעם האָבן מיינע עלטערן מיך אַוועקגעשיקט אין וויטעבסק צו לערנען אין דער ישיבה, ווען איך בין קוים אַלט געווען צוועלף און אַ האַלב יאָר. פון מיין פריער קינדהייט געדענק איך זייער ווייניק. כ׳וועל דעריבער וועגן יענער צייט נישט מאריך זיין. געבליבן שאַרף אין מיין זכרון זיינען די יוגנט־יאָרן, פון דער צייט ווען מיינע עלטערן האָבן מיך אַוועקגעשיקט אין וויטעבסק לערנען אין דער ישיבה.

דריי ישיבות זיינען דעמאָלט געווען אין וויטעבסק. די קלענסטע לויט דער צאָל תלמידים (ס׳האָבן דאָרט געלערנט אַ 10 אָדער 15 בחורים) האָט זיך אין שטאָט ניט אָנגעזען. אויסגעהאַלטן די דאָזיקע ישיבה האָט אַ רייכער ייד, אַ לובאַוויטשער חסיד, אברהם זלמן גינזבורג. דער ראש־ישיבה, נחמן מאַריאַשין, אויך אַ לובאַוויטשער חסיד, איז געווען אַ גרויסער פאַנאַטיקער. מ׳פלעגט זאָגן וועגן אים, אַז ער איז אַ גרויסער חסיד, כ׳האָב קיינמאָל ניט געהערט זאָגן, אַז ער איז אַ גרויסער למדן. ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט זיך אים ניט איינגעגעבן איינצופלאַנצן דעם פאַנאַטיזם אין זיינע תלמידים. אין דער צווייטער ישיבה, מיכאלס ישיבה, האָבן שוין געלערנט אַרום 35 בחורים. דער גרעסטער טייל איז באַשטאַנען פון אָנהייבער אין דעם גמרא־לימוד. די דריטע ישיבה, די פאַדאַליער, איז געווען די גרעסטע. דאָ האָבן שוין געלערנט אַ 50 — 60 דערוואַקסענע בחורים און אַ היפּשע צאָל פון זיי האָט טאַקע געקענט גוט לערנען. דער ראש־ישיבה איז געווען אַ גרויסער למדן. אַ באַדייטנדיקע צאָל פון די דאָזיקע בחורים איז שפּעטער צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג. אָנקומען לערנען אין דער פאַדאַליער ישיבה האָב איך ניט געקענט אַפילו טראַכטן. איך האָב זיך ניט אַריינגעפּאַסט אַהין סיי לויט מיין עלטער, סיי לויט מיינע קענטעגישן. צו אברהם זלמן גינזבורגס ישיבה בין איך אויך ניט געווען צוגעפּאַסט, ווייל אַלע בחורים, וואָס האָבן דאָרטן געלערנט, זיינען געווען פון וויטעבסק גופא. זיי האָבן געהאַט היימען, געוואוינט מיט זייערע עלטערן און ניט געדאַרפט אָנ־קומען צו עסן ביי פרעמדע טישן. בין איך מחמת דעם אַריין אין מיכאלס ישיבה און דאָ פאַרבליבן בערך צוויי יאָר.

כדאַי צו פאַרצייכענען ווי אַזוי איך, אַ ישיבה־בחור, האָב אָנגע־הויבן לערנען רוסיש און שפּעטער אויך אַנדערע וועלטלעכע קעגנ־שטאַנדן. איך האָב „געגעסן אַ טאָג״ ביי אַ יונג פאַרפאַלק. זיי זיינען

ניט געווען קיין רייכע מענטשן, אָבער פאַרמעגלעכע. זיי האָבן געהאַט אַ גוט־גייענדיקע באַקאַליי־קראָם און האָבן געוואוינט אין אַ דירה פון עטלעכע צימערן. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט און ס׳האָט זיך געפילט אין שטוב אַ פוסטקייט, ס׳איז געווען אומהיימלעך. האָבן זיי דעריבער אין צימער פאַרדונגען צו צוויי בחורים, כדי צו האָבן מיט וועמען אַ מאָל אַ וואָרט אויסצורייד. די צוויי בחורים זיינען געווען עקסטערנס, — זיי האָבן שטודירט פריוואַט און זיך געגרייט צו אַן עקזאַמען. די באַלעבאַטים און די קוואַרטיראַנטן האָבן זיך זייער גוט צוזאַמענגעלעבט, געוואָרן אַזוי ווי איין משפחה און אין דער פרייער צייט פלעגן זיי פאַרברענגען צוזאַמען. ווען איך האָב אָנגעהויבן אַריינ־קומען אין דעם הויז, פלעגן די בחורים צייטנווייז אַריינקומען אין עס־צימער און האָבן מיט מיר אַ קורצן שמועס. זיי האָבן זיך פאַראינ־טערעסירט צו וויסן פון וואַנען איך קום, וואו איך לערן, וואָס איך לערן א. אַז. וו.. איינמאָל זיינען די בחורים אַריינגעקומען און געפרעגט ביי מיר צי איך קען לייענען און שרייבן רוסיש. איך האָב זיי געזאָגט, אַז אין דער היים האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן רוסיש. אין לערן־ביכל פלעג איך לייענען פליסיק און די ווערטער וואָס איך לייען קען איך אויך אָנשרייבן. — נו, און דאָ לערנסטו נאָך רוסיש? האָבן זיי ווייטער געפרעגט. איך האָב זיי געענטפערט, אַז אין דער ישיבה לערנט מען ניט קיין רוסיש. — אויב דו ווילסט, וועלן מיר מיט דיר לערנען רוסיש, האָבן זיי געזאָגט. איך האָב מורא געהאַט צו זאָגן, אַז איך וויל, אפשר וועט דער באַלעבאָס קוקן קרום אויף דעם וואָס אַ ישיבה־בחור גייט זיך גאָר פאַרנעמען מיט לערנען רוסיש. האָב איך געזאָגט: — איך וויס ניט, איך דאַרף זיך מישב זיין.

ווען זיי זיינען אַרויס פון צימער, האָט דער באַלעבאָס צו מיר געזאָגט: — פאַרוואָס זאָלסטו זיך טאַקע ניט לערנען קיין רוסיש? ס׳איז גוט, אַז צו דער גמרא קען מען נאָך עפּעס, עס קומט צוניץ. אמת, זיי זיינען גרויסע אַפּיקורסים, אַז איין גאָט זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין. דו ווייסט, וואָס איינער פון זיי האָט אַנומלט אָפּגעטאָן? ער האָט אַרויסגענומען פון דעם תפילין־זעקל זיינע תפילין און האָט אָנגעטאָן דעם של־ראש דעם הונט אויפן קאָפּ, דעם של־יד האָט ער אַרומ־געוויקלט אַרום דעם הונטס פאָדערשטער לאַפּע, האָט אַריינגעפירט דעם הונט צו מיר און געזאָגט: — איר זעט, איך נוץ ניט די תפילין, האָב איך זיך מישב געווען וואָס וועלן זיי אויסליגן אין תפילין־זעקל? זיי קענען נאָך פאַרשימלט ווערן, האָב איך אָנגעטאָן זיי דעם הונט, זאָלן זיי זיך אַ ביסל אויסלופטערן. פונדעסטוועגן, האָט ער ווייטער גערעדט, זיינען זיי טייערע בחורים, זיי האָבן גאָלדענע נאַטורן, אָרנטלעך ביז גאָר, אַ וואָרט איז ביי זיי הייליק.

איך געדענק ניט צי האָב איך עפּעס געזאָגט אָדער געשוויגן, נאָר פאַרן אַוועקגיין בין איך צוגעגאַנגען צום צימער, וואו די בחורים זיינען געזעסן און זיי געפרעגט: — ווען ווילט איר אָנהויבן לערנען מיט מיר? זיי האָבן באַשטימט אַ צייט.

ביי דער ערשטער לעקציע זיינען געווען ביידע בחורים. זיי האָבן מיך פאַרהערט, געגעבן לייענען עטלעכע שורות אין אַ ביכל און דיקטירט עטלעכע ווערטער אָנצושרייבן. איך האָב דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן. דאָס הייסט, זיי זיינען געווען צופרידן מיט מיינע פאַר־לויפיקע קענטעניש. נאָכדעם האָבן זיי געוואָלט אויספּרובירן צי האָב איך אַ שאַרפן קאָפּ. זיי האָבן מיר געגעבן אַן אַריפמעטישע אויפגאַבע צו לייזן. איך האָב נאָכגעטראַכט, געפּרובירט רעכענען פון איין זייט און פון דער צווייטער, אָבער עס איז ניט געגאַנגען. איך האָב געמוזט מודה זיין, אַז איך וויס ניט. איך בין געווען שטאַרק אין כעס אויף זיך אַליין פאַרוואָס איך האָב אַזאַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. אָבער מיינע לערער האָבן מיך געטרייסט: דו דאַרפסט ניט זיין אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, זעלטן־ווער עס כאַפּט זיך ווי אַזוי צו לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע. זיי האָבן באַשטימט צו געבן מיר צוויי לעקציעס אַ וואָך און יעדער איינער וועט לערנען מיט מיר איין מאָל אַ וואָך. די ערשטע צייט האָבן זיי מיר קיין היים־אַרבעט ניט געגעבן. האָב איך אָפּגעגעבן אויף לערנען רוסיש נאָר צוויי שעה אַ וואָך. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיינע דער־גרייכונגען זיינען געווען גאַנץ שוואַכע. אָבער שפּעטער האָבן זיי אָנ־געהויבן געבן מיר צוביסלעך היים־אַרבעט און אויך גענומען לערנען מיט מיר אַנדערע קעגנשטאַנדן אויסער רוסיש. איצט האָב איך שוין אַחוץ גמרא געלערנט גאַנץ געשמאַק אויך וועלטלעכע לימודים.

פּיל בחורים פון מיכאַלס ישיבה, נאָכדעם ווי זיי האָבן דאָרט אָפּ־געלערנט אַ פּאָר יאָר, האָבן געהאַט די אַמביציע אָנצוקומען אין דער פאַדאַליער ישיבה. איך האָב אויך געהאַט שטאַרק חשק צו דעם. אַ גע־וויסן טאָג בין איך אַוועק צום פאַדאַליער ראש־ישיבה. כ'האָב אים דער־ציילט, אַז איך לערן שוין צוויי יאָר ביי מיכאַלן און איצט וויל איך אָנקומען אין דער פאַדאַליער ישיבה. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און געפרעגט: — ווי אַלט ביסטו? — שוין באַלד 15 יאָר, האָב איך געענטפערט.—דו ביסט נאָך צו יונג פאַר דער פאַדאַליער ישיבה, האָט ער געזאָגט. ביי מיר לערנען דאָך בחורים פון 18 — 20 יאָר און נאָך עלטערע. — פאַרהערט מיך, האָב איך אים געבעטן. ער האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט, אָבער ער האָט געעפנט אַ גמרא, אויפגעמישט אַ בלאַט און געהייסן מיר זאָגן. איך האָב געזאָגט. אין מיטן איז אַריינ־געקומען אַ ישיבה־בחור און דער ראש־ישיבה האָט געזאָגט צו מיר:

—געגוג. דער אַריינגעקומענער האָט אויסגעזען צו זיין אַ יאָר 20.—ווער איז דער יינגל? האָט ער געפרעגט. — ער וויל איך זאָל אים אַריינ־נעמען אין דער ישיבה, האָב איך אים פאַרהערט, האָט דער ראש־ישיבה געענטפערט. — רבי, אומזיסט אייער טרחה, מיר וועלן ניט לערנען צוזאַמען מיט קליינע יינגלעך. — ער איז שוין באַלד 15 יאָר אַלט, האָט דער ראש־ישיבה געפרוווט אויף אים ווירקן. — 15 יאָר אַלט, האָט דער ישיבה־בחור איבערגעחזרט מיט ביטול. איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, מיר וועלן צוזאַמען מיט קליינע יינגלעך ניט לערנען! און ער איז מיט כעס אַוועק.

איך בין געבליבן שטיין און געפילט אַזוי ווי איך וואָלט העננגען אין דער לופטן. איך האָב געוואַרט אויף דעם אורטייל פון ראש־ישיבה. ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און געזאָגט: — איך וועל דיר געבן אַן עצה וואָס צו טאָן. גיי אַריבער צו גיטעלסאָנען, צו דעם קאַזיאָנעם רב, ער איז דער אמתער באַלעבאָס פון דער ישיבה, בעט אים אָנשרייבן אַ צעטל מיט אַ בקשה פון אים, אַז איך זאָל דיך אַריינגעמען אין דער ישיבה. דעמאָלט וועט ניט זיין קיין מניעה. איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין, אָבער איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דאָס טויג ניט און געזאָגט: — רבי, דאָס טויג ניט. גיטעלסאָן קען מיך ניט, פאַרוואָס־זשע זאָל ער מיטאַמאָל ווערן אַ גוטער בעטער פאַר מיר? ער וועט דאָס געוויס ניט טאָן. — נו, האָט דער ראש־ישיבה געזאָגט, וועסטו דאַרפן בלייבן לערנען ביי מיכאלן נאָך אַ יאָר אָדער צוויי.

איך בין געוואָרן פאַרצווייפלט. כ׳האָב געפילט, אַז איך פאַרליר דעם באָדן אונטער די פיס, אָבער באַלד בין איך געקומען צו זיך. אַ נייע האָפענונג איז מיר אויפגעקומען. איך האָב געקענט חיים שאַליט, דעם „פּאָמאָטשניק" (געהילף) פון קאַזיאָנעם רב און ער האָט מיך אויך געקענט. מיט זיינע צוויי יינגלעך האָב איך זיך געחברט און איך פלעג אָפט אַריינקומען צו זיי אין הויז. — וועט זיין גוט, אויב איך וועל אייך ברענגען אַ צעטל פון חיים שאַליט? האָב איך געפרעגט. — יאָ, אַ צעטל פון חיים שאַליט איז פונקט אַזוי גוט ווי פון גיטעלסאָנען, האָט מיר דער ראש־ישיבה געענטפערט.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך באַקומען דעם פאַרלאַנגטן צעטל און בין מיט אים אַוועק צום ראש־ישיבה. איך האָב דאָרט גע־טראָפן מיין קטגור — דעם זעלבן ישיבה־בחור, וואָס האָט פריער גע־וואָרנט, אַז די ישיבה־בחורים וועלן ניט לאָזן דערנידעריקן די ישיבה דורך אַריינגעמען קליינע יינגלעך. איך האָב דערלאַנגט דעם צעטל דעם ראש־ישיבה. נאָכן איבערלייענען האָט ער עס דערלאַנגט דעם ישיבה־בחור. — דאָס איז אַ פאַלשער צעטל, דאָס איז ניט חיים שאַליטס

האַנטשריפט, האָט דער ישיבה־בחור געטענהט. דער ראש־ישיבה האָט אים אָבער גלייך אָפּגעהאַקט די פּליגל: — רייד ניט קיין שטותערייען, האָט ער זיך כמעט ווי געבייזערט, איך קען גוט חיים שאַליטס האַנט־שריפט. דער ישיבה־בחור איז פאַרשוויגן געוואָרן. צו מיר האָט דער ראש־ישיבה געזאָגט: — קום מאָרגן צום שיעור. אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך געפילט זייער גליקלעך. אַ קליינינקייט, באַזייטיקט אַלע שוועריקייטן און דערגרייכט מיין אַמביציע!

ווען כ'בין מיט אַ טאָג שפּעטער געקומען צום שיעור, האָט מיך דערוואַרט אַ ביטערע דערפאַרונג. קיינער האָט טאַקע מיך ניט באַליי־דיקט, אָבער מען האָט מיך איגנאָרירט. קיינער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט צו מיר. כ'האָב אַפילו באַמערקט פון דער זייט פיינטלעכע בליקן געווענדט צו מיר. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אויך אין די ווייטערדיקע טעג. איך האָב זיך געפילט זייער שלעכט, איינזאַם, אַזוי ווי אַ פאַרשטויסענער. צום גליק האָט עס אָנגעהאַלטן ניט לאַנג. די ישיבה־בחורים האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך קען רוסיש און לערן אויך אַנדערע וועלטלעכע לימודים. די באַציאונג צו מיר האָט זיך מחמת דעם אינגאַנצן געביטן. מ'האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט מיר. אייניקע זיינען פאַרבליבן מיט מיר חברים לאַנגע יאָרן. דאָס זיינען געווען די, וואָס זיינען שפּעטער צוגעשטאַנען צו דער אַרבעטער־באַ־וועגונג. אין די ישיבות האָב איך געלערנט בערך 5 יאָר.

2. ביכער און קרייזלעך

בערך אַ יאָר נאָכדעם, ווי איך בין אָנגעקומען אין דער פּאָדאָליער ישיבה, האָב איך אָנגעהויבן לייענען די העברעאישע ליטעראַטור. דאָס ערשטע ביכל, וואָס איך האָב באַקומען, איז געווען אהבת ציון פון אברהם מאַפּו. דאָס ביכל איז מיר געפעלן געוואָרן צוליב דעם סטיל און אויך דער סיפור־המעשה האָט מיך פּאַראינטערעסירט. איך האָב הנאה געהאַט, אָבער קיין רושם האָט עס אויף מיר ניט געמאַכט. גאָר אַנ־דערש איז געווען די ווירקונג פון מאַפּוס אַ צווייט בוך — עיט צבוע. דאָס דאָזיקע בוך האָט מיר געגעבן מאַטעריאַל צו טראַכטן. אין גע־דאַנק פלעג איך צופּאַסן דעם טיטול פון בוך צו איניקע באַלעבאַטים פון שוהל און אויך ישיבה־בחורים. מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכער לייענער פון דער העברעאישער ליטעראַטור. איך האָב ממש געשלונגען די ווערק פון משה לייב ליליענבלום, יצחק בער לעווענזאָן, פּרץ סמאָלענסקין און אַנדערע. כ'האָב שוין איצט דער־גרייכט די שטופּע צו פאַרשטיין אויך אַ רוסיש בוך און האָב אָנגעהויבן לייענען די רוסישע ליטעראַטור. געלייענט האָב איך אַלץ, וואָס איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט, אָן אַ טאָלק און אָן אַ סיסטעם.

אין יענער צייט האָב איך זיך באַקענט און שפּעטער אַ ביסל זיך באַפריינדעט מיט דעם גלוכאָווער רבס זון שמואל. ער איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער און אַ סך געבילדעטער און אינטעליגענטער פון מיר. ער איז געווען גוט באַהאַוונט סיי אין דער העברעאישער, סיי אין דער רוסישער ליטעראַטור. בכלל איז ער געווען אַ זייער באַשיי־דענער בחור. ער האָט פּאַרמאָגט אַן אייזערנע לאָגיק און איז געווען אויסגעהאַלטן. אין שמועסן מיט אַנדערע האָט ער קיין הויכע פראַזן און געפּליגלטע ווערטער ניט באַנוצט און ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן צו שמועסן מיט אים. ניט קוקנדיק אויפן גרויסן אונטערשיד אין קענ־טעניש און אַנטוויקלונג, זיינען מיר געוואָרן זייער נאָענטע פריינט. אַגב האָט שמואל אַריינגעטראָגן אַ שטיקל סיסטעם אין מיין לייענען די רו־סישע ליטעראַטור. ער פלעגט מיר אָנווייזן וואָס עס איז ווערט און נוצלעך צו לייענען אין דער דאָזיקער ליטעראַטור. שפּעטער האָט מיך שמואל באַקענט מיט זיינע צוויי ייִנגערע ברידער, מענדל און מאָטיע. מענדל איז געווען אַ בחור מיט דורכשניטלעכע פעאיקייטן און

האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. מאַטיע, פּאַרקערט, איז געווען אַ בחור מיט גלענצנדיקע פֿעאיקייטן. האָט פֿאַרמאָגט אַ סך הומאָר און איז בכלל געווען אַ קלוגער.

אין יענער צייט (איך גלויב, אַז דאָס איז געווען אין 1891) זיינען אין וויטעבסק קיין אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע גרופּעס ניט געווען, קיין פּאַרטייען אַוודאי ניט. איך ווייס ניט צי פֿריער, אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט, איז אין וויטעבסק געווען אַן אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּאַרטיי נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. אויב אַפּילו יאָ, איז פֿון איר קיין זכר ניט געבליבן. אַ סך פֿון די נאַראָדאָוואָלצעס זיינען געווען פֿאַרשפּאַרט אין די טורמעס, אַנדערע האָט מען פֿאַרשיקט קיין סיביר און אייניקע זיינען אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד. וועגן די נאַראָדאָוואָלצעס האָט מען ביי אונז גערעדט מיט יראת־הכבוד. מיר זיינען געווען באַגייסטערט פֿון זייער העלדישקייט, מסירת־נפש און איבערגעגעבנקייט צום פֿאָלק. אַ טייל פֿון זיי, ווי זשעליאַבאָוו, סאָפֿיע פּעראָווסקאַיאַ האָבן מיר ממש פֿאַרגעטערט. אָבער דאָס איז שוין געווען פֿאַרגאַנגענהייט. אין דער צייט, וואָס איך באַשרייב דאָ, זיינען צווישן דער יידישער יוגנט געווען איינצלנע, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער חובבי־ציון באַוועגונג. שמואל און איך האָבן מיט דער דאָזיקער באַוועגונג סימפּאַטיזירט, אָבער קיין אָרגאַניזאַציע איז דעמאָלט ביי אונז ניט געווען.

אַ ראַדיקאַלע ענדערונג איז פֿאָרגעקומען נאָכן גירוש מאָסקווע. ס'זיינען אָנגעקומען אין וויטעבסק אַ סך אַרויסגעטריבענע פֿון מאָסקווע, צווישן זיי די פֿאַמיליע אַמסטערדאַם מיטן אײדעם ראובן בריינין. דער לעצטער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אָנהענגער פֿון די חובבי־ציון און, פֿאַרשטייט זיך, אויך אַ העברעער. על־פּי־רוב האָט ער פֿאַרקערט צווישן באַלעבאַטישע יידן. ער פֿלעגט האַלטן העברעאישע רעדעס אויף קליינע פֿאַרזאַמלונגען. אַרום אים האָבן זיך אויך גרופּירט עטלעכע יוגנטלעכע, אָבער מיך האָט צו דער גרופּע ניט געצויגן. ישראל אַמסטערדאַם, דער פֿאָטער פֿון דער פֿאַמיליע, איז געווען פֿון די ערשטע משכילים. ווען ער איז געקומען קיין וויטעבסק, איז ער שוין געווען אַן עלטערער מענטש און אַ קראַנקער. אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן האָט ער זיך שוין ניט באַטייליקט. פֿון זיינע צוויי זין איז דער יינגערער וואָלאָדיע (וואָלף בער) געווען נאָך גאָר יונג, אַ יאָר עלף — צוועלף. דער עלטערער אַבראַשע (אברהם מאיר) איז געווען אין די צוואַנציקער. ער איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער בחור מיט אַ היפּשער מאָס בילדונג, אויך אַ גוטער רעדנער, אַ היציקער און מיט אַ סך ענערגיע. ער האָט גלייך גענומען אָרגאַניזירן די יוגנט.

גראַד דעמאָלט איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט אַ מערק־ווירדיקן מענטשן. איינמאָל איז אַריינגעקומען אין שוהל אַ יונגערמאַן אין עלטער פון די לעצטע צוואַנציקער מיט אַ פּאָר ביכער אונטערן אָרעם און מיט נאָך מער אין די קעשענעס. ער האָט פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס. ער האָט זיך אינטערעסירט צו וויסן וואָס איך לערן, דערנאָך האָט ער גענומען אויספרעגן וואָס איך לייען און דערביי האָט ער אָנגערופן אַ העברעאיש בוך און געפרעגט צי איך האָב דאָס בוך געלייענט. ווען איך האָב געענטפערט אַז ניט, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בוך און געזאָגט: — איך האָב גראַד דאָס בוך ביי זיך, אויב איר ווילט, קען איך עס אייך באָרגן אויף עטלעכע טעג. מיין נאָמען איז זשאַראָוו. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געקומען, געפרעגט ווי מיר געפעלט דאָס בוך, געשמועסט אַ ביסל און מיר געגעבן אַן אַדרעס צו איינעם הלל ווילענסקי. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אַהין גיין, זיך פאַררופן אויף אים און דאָרטן וועל איך קריגן ביכער צום לייענען.

דאָס וואָס איך האָב דאָ באַשריבן וועגן זשאַראָוון, איז געווען זיין מעטאָדע צו ווערבירן צוקונפטיקע פאַרשפרייטער פון בילדונג און אויפקלערונג צווישן פאָלק. איך האָב אים געפאָלגט און בין אַוועק צו ווילענסקין. ווען איך האָב געעפנט די טיר, האָב איך דערזען פאַר זיך פיר מיידלעך און אַ יונגן בחור. איך בין געבליבן שטיין ביים שוועל און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס צו זאָגן, גלייך ווי דאָס לשון וואָלט ביי מיר אָפּגענומען געוואָרן. דער בחור האָט מיך באַלד אַרויסגענומען פון דער פאַרלעגנהייט. — קומט אַריין, שעמט זיך ניט, האָט ער געזאָגט און איז מיר אַנטקעגנגעקומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. איצט האָב איך שוין באַקומען מער מוט און זיי דערציילט ווער עס האָט מיך געשיקט אַהער און וואָס איך וויל. הלל האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַן אַלמער און אַן עטאַזשערקע מיט ביכער און האָט געזאָגט: — זעט וואָס איר קענט דאָ געפינען. ער האָט טאַקע מיר געהאָלפן אויסקלייבן אַ בוך. פאַרן אַוועקגיין האָט ער מיך באַקאַנט מיט די פיר מיידלעך. דאָס זיינען געווען זיינע שוועסטער. ער האָט מיר פאַרגעלייגט אַריינצוקומען צו זיי אַפילו, ווען איך וועל זיך ניט נויטיקן אין ביכער. די אויפנאַמע און די באַנעמונג פון דעם בחור האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק און איך בין טאַקע געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו זיי.

הלל, אַן ערך 20 יאָר אַלט, איז געווען אַ סימפּאַטישער און אינטעליגענטער בחור. ער האָט אַ סך געלייענט. פון דער נאַטור איז ער געווען די גוטסקייט אַליין און ער האָט צוגעצויגן מענטשן צו זיך. די עלטסטע פון די פיר שוועסטער, פייגע איטע, האָט געהאַט אַן ערנסט

פּנים, האָט ווייניק גערעדט, געווען איינגעשלאָסן אין זיך. איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען לאַכנדיק. די צווייטע, באַסיע, האָט געהאַט אַ פּן פּנים, איז געווען באַרעדעוודיק און האָט אַ סך געלייענט. מ׳האָט גע־קענט מיט איר פירן אַ לייכטן שמועס און אויך אַן ערנסטן. די דריטע, מירע, איז געווען אַ מיידל מיט דורכשניטלעכע פעאיקייטן און איז געווען ווייניקער אינטעליגענט. אַלע דריי זיינען געווען בייטאָרינס און האָבן געאַרבעט ביי זיך אין דער היים. די יינגסטע, סאָניע, איז געווען אַ זאַקנמאַכערין. זי איז געווען אַ פריילעכע, אַ לעבעדיקע, שטענדיק מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. מיט ערנסטע זאַכן האָט זי זיך ניט איב־טערעסירט. אין דער היים האָט מען זי בכלל ווייניק געזען.

אין אָט דעם הויז פון דער פאַמיליע ווילענסקי האָב איך זיך באַקענט מיטביילקע אוסישקין, אַ היטנמאַכערין, אַ גאַנץ אינטעליגענט מיידל. זי האָט מיך צונויפגעפירט מיט איר ברודער כאַצקל אוסישקין. ער איז געווען אַ ביסל עלטער פון מיר. אַן אינטעליגענטער בחור מיט אַ היפשער מאָס בילדונג. פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט או־סישקינען איז קלאָר געוואָרן, אַז פון אים קען מען עפּעס לערנען. און איך האָב אָנגעהויבן אַריינקומען צו זיי אין הויז. ס׳איז געווען ניט קיין רייך, אָבער אַ פאַרמעגלעך הויז. דער פאָטער פון דער פאַ־מיליע איז געווען אַ פאַדראַדטשיק (אַ קאָנטראַקטאָר) ביי פאַרבן דירות. די שטוב זייערע איז געווען אַן אָפענע, מ׳האָט אַלעמאָל געקענט אַהין אַריינגיין אומגעשטערט. אָפט פלעגט מען דאָרט טרעפן בחורים און מיידלעך, מען פלעגט פירן געמיטלעכע שמועסן, פריי אַרויסזאָגן מיי־נונגען און ס׳איז געווען זייער אָנגענעם צו פאַרברענגען ביי זיי. פון צייט צו צייט פלעגט כאַצקל מיר צושאַרן אַ קליין פאַרדינסטל. ער פלעגט מיר געבן איבערשרייבן מאַנוסקריפּטן. איך געדענק, אַז אין די מאַנוסקריפּטן האָט זיך גערעדט וועגן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע ענינים. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער רעגירונג. אַזוינע מאַנוסקריפּטן פלעגן גיין פון האַנט צו האַנט און מען האָט זיי געדאַרפט איבערשרייבן אין צען, פופצן און אַמאָל אויך אין צוואַנציק עקזעמפּלאַרן. איך האָב באַקומען באַצאָלט פון בויגן.

די אַלע באַגעגענישן, באַקאַנטשאַפטן זיינען געווען מיט איינצלנע פערזאָנען. צי עס עקזיסטירט אין שטאָט אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, וואָס קומט זיך צונויף רעגלמעסיק, באַהאַנדלט און באַשליסט פאַרשידענע פראַגן, האָב איך ניט געוואוסט. איינמאָל, אַ שבת, איז צו מיר צוגע־גאַנגען שלומקע האַמבורג און מיך געבעטן אַריינקומען צו אים אין אָוונט. שלומקע האָט געהאַט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט אויף סמאָלענס־

קער גאַס. ער האָט ליב געהאַט צו חברן זיך מיט דער ראַדיקאַלער יוגנט. זיין פאָטער איז מיט אַ קורצער צייט פריער געשטאָרבן, האָט ער אַליין פאַרנומען אַ גרויסע דירה. ווען איך האָב געוואָלט וויסן וואָס עס וועט ביי אים זיין, האָט ער געזאָגט: — איר וועט שוין אַליין זען, ווען איר וועט קומען.

ווען איך בין אין אָוונט געקומען צו האַמבורגן, האָב איך דאָרט געטראָפן אַ צאָל מענטשן. ס'זיינען געווען: מיין פריינט שמואל (דעם רבס זון), כאַצקל אוסישקין, אַבראַשע אַמסטערדאַם, ליזע גרינבלאַט מיט איר שוועסטער ראָזע און נאָך עטלעכע, וואָס איך געדענק ניט זייערע נעמען. דאָס איז געווען, גלויב איך, אין יאָר 1893. וואָסערע פראַגן מען האָט דאָרט דיסקוטירט געדענק איך ניט. דער גאַנצער כאַראַקטער פון קרייזל איז מיר בכלל ניט געווען קלאָר. ווען מ'האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט מען אונז צו וויסן געגעבן, אַז דעם צווייטן שבת וועט מען זיך צונויפקומען ביי דעם אַלטן אַמסטערדאַם אין שטוב. אַ פּאָר וואָכן האָט ביי מיר געדויערט ביז איך האָב זיך אָריענטירט און געקענט באַשטימען דעם כאַראַקטער פון דעם קרייזל. לויט מיין אָפּשאַצונג — איצט נאָך מיין איך, אַז מיין אָפּשאַצונג איז געווען אַ ריכטיקע — איז דאָס געווען אַ צוזאַמענקונפט פון מענטשן, וועמען עס געפעלט ניט דער גאַנצער סדר־העולם בכלל און די פאַראַנדקעס אין רוסלאַנד בפרט. מיר האָבן קודם־כל געזוכט קלאָר צו מאַכן פאַר זיך אַליין פאַרוואָס די וועלט איז אַזוי שלעכט איינגעאָרדנט און ווי אַזוי קען מען די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג אויסבעסערן. מיר האָבן אויך באַטראַכט אַנדערע וויכטיקע ענינים.

במשך די דיסקוסיעס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן צוויי ריכטונגען: איינע אַ ציוניסטישע, די אַנדערע אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע. אויפן ציוניסטישן שטאַנדפּונקט איז געשטאַנען דער עיקר אַמסטערדאַם, אַלע איבעריקע זיינען געשטאַנען אויפן רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן. (שפּעטער איז אויך אַמסטערדאַם צוגעשטאַנען צו דער רעוו. סאָצ. ריכטונג). מ'האָט געפירט אומענדלעכע היציקע דעבאַטן, אָבער אויף אַ חברישן אופן. ביסלעכווייז זיינען די דיסקוסיעס אַלץ מער פאַרשאַרפט געוואָרן, זיי זיינען געוואָרן היציקער און ליידנשאַפט־לעכער. איינמאָל זיינען די דעבאַטן געוואָרן אויסערגעוויינטלעך שטורמיש און מען איז אַרויס פון די חברישע ראַמען. ביידע צדדים האָבן שאַרף אָנגעגריפן איינער דעם אַנדערן און מען איז זיך צעגאַנגען אין אַ שלעכטער שטימונג, איך וואָלט אַפילו געזאָגט — אין אַ פיינטלעכער שטימונג. איך געדענק ניט גענוי צי נאָך דער שטורמישער דעבאַטע האָט אונזער קרייזל נאָך פונקציאָנירט, אויב יאָ, איז דאָס געווען

בלויז אויף אַ קורצער צייט. סוף־כל־סוף איז דאָס קרייזל זיך פאַ־נאַנדערגעפאַלן. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די אינסטיטוציע פון קרייז־לעך פאַר זעלבסט־בילדונג איז אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען. פאַרקערט, די צאָל קרייזלעך איז נאָך געוואַקסן. קיין אָפיציעלע אָנפירער האָבן די קרייזלעך ניט געהאַט. אויב איינער האָט זיך אויסגעצייכנט, האָט מען אויף אים ניט געקוקט ווי אויף אַן אָנפירער, נאָר פשוט ווי אויף אַ מענטשן מיט בעסערע פעאיקייטן. און ער אַליין האָט אויך אַזוי אויף זיך געקוקט.

גייסטיק האָבן מיר זיך געשפּייזט מיט די ווערק פון די ראַדיקאַלע רוסישע שרייבער, ווי טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, ביעלינסקי און אַנדערע. מיר האָבן שטודירט און דיסקוטירט זייערע אָנשויאונגען. מיר האָבן זיך אויך באַקענט מיט די ווערק פון די סאָציאַליסטישע שרייבער — פּלעכאַנאָוו, לאַסאַל, קאַוטסקי און אַנדערע. מיר האָבן אויך באַקו־מען אַ שטיקל באַגריף וועגן דער פילאָזאָפיע פון קאַרל מאַרקס. מיר האָבן שטודירט דאָס פּראָגראַם, די טאַקטיק און קאַמף־מעטאָדן פון דער אונטערגעגאַנגענער פּאַרטיי נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. מיר זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס רוסישע פּויערטום קען אין געוויסע צייטן, ביי געוויסע אומשטענדן רעוואָלטירן, וואָס זאָל זיך אויסדריקן אין ברענען פּריצישע מאַיאָנטקעס, צעשטערן און פאַרניכטן פּריציש אייגנ־טום, אָבער דאָס פּויערטום איז נאָך ניט מסוגל צו פירן אַ סיסטעמאַטישן, אָרגאַניזירטן קאַמף, כדי איבערצובויען די געזעלשאַפטלעכע און פּאָ־ליטישע אָרדענונג אין רוסלאַנד. דעריבער האָבן מיר געהאַלטן, אַז די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ איז געגאַנגען אויף אַ פאַלשן וועג, ווען זי האָט זיך דער עיקר קאָנצענטרירט אויף דעם פּויערטום. מיר האָבן געהאַלטן, אַז אַ סיסטעמאַטישן, אָרגאַניזירטן קאַמף איז מסוגל צו פירן נאָר דער שטאָטישער אַרבעטער־קלאַס. און ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט ווערן מער באַוואוסטזיניק און אָרגאַניזירט, וועט ער שוין מיטשלעפּן מיט זיך אויך דאָס פּויערטום. מיר זיינען געווען אויך קעגן די קאַמפּס־מעטאָדן פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. מיר האָבן ניט געגלויבט, אַז דורך איינצלנע טעראָר־אַקטן פון אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן קען מען איבערבויען די אָרדענונג אין רוסלאַנד.

מיר האָבן נאָכגעפאָלגט די פּאָלעמיק צווישן די נאַראָדניקעס און מאַרקסיסטן און מיר האָבן מסכים געווען מיט די מאַרקסיסטן. אונזער אויטאָריטעט און וועגווייזער איז געווען געאָרגי פּלעכאַנאָוו. פאַר אונז איז דעמאָלט קלאָר געווען, אַז דער עיקר דאַרף מען פירן פּראָפּאַ־גאַנדע צווישן די שטאָטישע אַרבעטער. איך גלויב, אַז די דאָזיקע שטעלונג איז געווען די הויפּט־סיבה פאַרוואָס איניקע חברים האָבן

באשלאָסן צו לערנען זיך אַ מלאכה. זיי זיינען געווען זיכער, אַז די בעסטע מעגלעכקייט צו פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער, איז צו זיין אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט זיי און לעבן אין די זעלביקע באַדינגונגען. אויף וויפל איך קען זיך דערמאָנען, זיינען אַוועק זיך לערנען אַ מלאכה די חברים: אברהם איצקע סאָרקין, וועלכער האָט זיך געלערנט גאַרבערייַ; איסר ראַבקין איז געוואָרן אַ שלאָסער; וועלוול מינץ — אַן איינבינדער; אידל אַבראַמאָוו — אַ שלאָסער; פּסח מעזשע־וועצקי, דער יינגסטער פון אונז, אויך אַ שלאָסער.

איך האָב אויך באַבגעטאָן מיינע חברים און אַוועק זיך לערנען שלאָסעריי. לערן־יינגלעך האָבן קיין באַצאָלט ניט באַקומען. און כאָטש מיר זיינען שוין געווען דערוואַקסענע בחורים, האָבן מיר זיך אויך גע־רעכנט פאַר לערן־יינגלעך. אָבער אַזוי ווי איך האָב געדאַרפט פאַר־דינען צום לעבן, האָב איך אָפּגעמאַכט מיטן באַלעבאָס צו אַרבעטן נאָר האַלבע טעג, דעם אַנדערן האַלבן טאָג האָב איך געדאַרפט געבן אַ פּאָר לעקציעס, כדי עפּעס צו פאַרדינען. אַחוץ דעם האָב איך נאָך געדאַרפט האָבן צייט צו באַטייליקן זיך אין די זעלבסט־בילדונגס־קרייזלעך און צוגרייטן זיך צו האַלטן עקזאַמען פאַר פּריוואַט־לערער. די אַלע אויס־גערעכנטע אַרבעטן זיינען געווען אַ צו שטאַרקע אָנשטרענגונג און מער ווי פינף אָדער זעקס חדשים האָב איך עס ניט געקענט אָנהאַלטן. פון דער אַרבעט אין דער שלאָסעריי האָב איך זיך אָפּגעזאָגט. פריער פון מיר האָט די אַרבעט אויפגעגעבן אידל אַבראַמאָוו. ער האָט באַ־שלאָסן צו דערשלאָגן זיך צו אַן אינטעליגענטער פּראָפעסיע (ער האָט אויסשטודירט אויף דאָקטאָר און פון דער באַוועגונג איז ער שפּעטער אַוועק). איסר ראַבקין האָט באַשלאָסן, אַז עס איז שוין צייט צו פאַר־ווירקלעכן זיין חלום וועגן פירן אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער־מאַסן. ער איז אַוועקגעפאָרן אין יעקאַטערינאָסלאַוו און דאָרט איז ער אָנגע־קומען אַרבעטן אין אַ גרויסער פאַבריק, וואו עס האָבן געאַרבעט נישט־יידישע אַרבעטער. ביי זיין ערשטן פּרוואו צו אַגיטירן די אַר־בעטער, האָבן זיי אים אָנגעבראָכן די ביינער און אַרויסגעוואָרפן פון פאַבריק. פון יעקאַטערינאָסלאַוו איז ראַבקין געקומען צוריק אין ווי־טעבסק אַ ביסל אַן אַנטוישטער, אָבער פון דער באַוועגונג איז ער ניט אַוועק. ער האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דער עיקר אין די בונדישע דרוקערייען אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד.

וויטעבסק איז ניט געווען קיין אינדוסטריעלע שטאָט. פאַבריקן אָדער זאַוואָדן, וואָס זאָלן באַשעפטיקן אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער, האָט די שטאָט ניט פאַרמאָגט. ס'זיינען געווען קליינע וואַרשטאַטן, וואו עס

האָט געאַרבעט דער באַלעבאָס מיט איינעם אָדער צוויי אַרבעטער און אַ פּאָר לערן־ייִנגלעך. אַן אויסנאַם זיינען געווען די שלאָסערייען, וואָס האָבן באַשעפטיקט אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער. אין כאַלפינס שלאָסעריי, למשל, האָבן געאַרבעט אַ 20־25 אַרבעטער; אין זאַריטשעיע איז געווען אַ פאַבריק פון אַקער־אייזנס, סערפּן, קאָסעס, וואו עס האָבן געאַרבעט אַ 25־30 אַרבעטער. דער זעלבער צושטאַנד איז אויך געווען ביי די סוחרים. אין אַזאַ גרויס באַקאַליי־געשעפט, ווי קאַל־באַנאָווסקיס, האָבן געאַרבעט דער באַלעבאָס אַליין מיט זיינע צוויי אָדער דריי זין און עטלעכע אָנגעשטעלטע. אַזוי איז אויך געווען אין אַנדערע געשעפטן. בלויז אין וויטענבערגס אייזן־געשעפט האָבן געאַר־בעט אַ גרעסערע צאָל אָנגעשטעלטע — פון 10 ביז 15 מאַן. אַגב אין יענער צייט האָבן די אָנגעשטעלטע ניט געוואָלט זיך רעכענען פאַר קיין אַרבעטער. ווען מען וואָלט דעמאָלט געזאָגט אַן אָנגעשטעלטן, אַז ער איז דער זעלבער אַרבעטער ווי אַ שניידער אָדער אַ סטאָלער, וואָלט ער זיך געוויס באַליידיקט.

3. די ערשטע טריט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

די נײַ־צוגעקומענע אַרבעטער פון אונזערע קרײַזלעך צוזאַמען מיט די אַלטע מער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער האָבן אַ היפּשע צײַט געפירט אַ מינדלעכע אַגיטאַציע צווישן דער אַרבעטער־מאַסע, אָבער דאָס איז ניט געווען אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. אַן אָרגאַניזירטע אַר־בעטער־באַוועגונג האָט זיך אין וויטעבסק אָנגעהויבן ערשט אין 1895־1896. ווי איך געדענק, זײַנען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָר־גאַניזירן די אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן, געווען: אָרקע ראָם, וועלוול שאַליט, ברוך בראָדסקי, איצקע דער פאַרבער, אָרקע פּאַסאַד־טשיק, יאַשקע דער סטאָלער, דרײַ פון די שוין פריער דערמאָנטע שוועסטער ווילענסקי, זעלדע פלאַגאָוו, בײַלקע אוסישקין און אַנדערע. נאָך אין 1895 איז געקומען פון פּעטערבורג אַ שנײַדער אַבראַמטשיק. אַ פּאָר יאָר האָט מען פון אים ניט געהערט, איצט האָט ער זיך באַוויזן אויף דער סצענע. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַבראַמטשיק איז געווען ניט בלויז אַ גוטער שנײַדער, נאָר אויך אַ גוטער קאָנספּיראַטאָר. די גאַנצע צײַט האָט ער געפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די שנײַדער און ער האָט זיי אַזוי גוט צוגעגרייט, אַז מען האָט שוין פון זיי געקאָנט בילדן אַ שטענדיקע אָרגאַניזאַציע.

אין יעדן פאַך האָט מען אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון די סאַמע איג־טעליגענטסטע אַרבעטער. אַזאַ גרופּע האָט מען אָנגערופן סכאָדקע. מען האָט אויך אָרגאַניזירט אַ קאַסע, וואו יעדער אַרבעטער האָט גע־דאַרפט צאָלן אַ געוויסע סומע וועכנטלעך. דער צוועק פון דער קאַסע איז געווען צו דעקן די לויפנדיקע הוצאות און צו האָבן אַ פאָנד אין פאַל פון אַ שטרייק. מיט דער קאַסע האָט פאַרוואַלטעט די סכאָדקע; די דאָזיקע קערפּערשאַפט פלעגט זיך צונויפקומען רעגלמעסיק צו באַ־האַנדלען פראַגן פון פאַך און ווי אַזוי צו קריגן און צו פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, לעגאַלע און אומלעגאַלע. אויף וויפל איך קען זיך דער־מאָנען, האָבן מיר פאַרשפּרייט עטלעכע אומלעגאַלע אַגיטאַציע־בראָשורן אויף יידיש. ווי למשל: פון וואָס איינער לעבט, שכירות, לאַנג און מאָגער און אַנדערע. מיר האָבן אויך פאַרשפּרייט רוסישע בראָשורן.

צו יעדער סכאָדקע איז צוגעטיילט געוואָרן אַן אינטעליגענט אַלס אָנפירער. אַ קורצע צייט שפעטער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צענטראַלע אָדער אַ קאָמיטעט פון אַלע פאַכן. אין דער צענטראַלער אָנפירונג האָט יעדער פאַך געהאַט זיינעם אַ פאָרשטייער. דער קאָמיטעט האָט געהאַט דאָס רעכט צוקאָאָפטירן מענטשן, ווען ער האָט עס געפונען פאַר נויטיק. דער קאָמיטעט פלעגט זיך צונויפקומען רעגלמעסיק און באַהאַנדלען פראַגן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער גאַנצער שטאָטישער באַוועגונג. אָפט פלעגט מען אויך באַטראַכטן אַ קאָמפליצירטע פראַגע פון אַן איינצלנעם פאַך.

אין יענער צייט האָבן זיך רעאָרגאַניזירט די קרייזלעך פאַר זעלבסטבילדונג. אַנשטאָט וואָס פריער האָט יעדער חבר געקענט אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַריינפירן אַ נייעם מיטגליד, האָט איצט אַ נייער מיטגליד געקאָנט אַריינגענומען ווערן נאָר מיט דער צושטימונג פון אַ מערהייט פון דעם באַטרעפנדיקן קרייזל. ווען מען האָט פאָרגעשלאָגן אַ נייעם קאַנדידאַט, האָט מען באַטראַכט זיינע מעלות און חסרונות, זיין כאַראַקטער, אינטעליגענץ און פעאיקייטן. דער עיקר האָט מען אין זינען געהאַט צי ער וועט קענען זיין נוצלעך פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווען אַ מערהייט האָט געשטימט פאַר דעם קאַנדידאַט, האָט מען אים אַריינגענומען אין קרייזל. אין די קרייזלעך האָט מען איינגעפירט אַ סיסטעם פון קורסן, ווי אין אַ לערן־אַנשטאַלט. מ׳האָט דאָרט צוגעגרייט טוער פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער אָנפירער פון דעם קרייזל, צו וועלכן איך האָב געהערט, איז געווען אַבראַם גינזבורג. אויסער מיר האָבן צום קרייזל געהערט: סאַלאָמאָן לאַנדאַ, זינע שעוועלעוו, באַקאַ האָפמאַן, חנהקע ראָזענפעלד און נאָך עטלעכע, וועמענס נעמען איך געדענק ניט.

אַבראַם גינזבורג איז געווען אַ זון פון זייער רייכע עלטערן. זיין פאָטער און זיין שטיפמוטער האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. זיין אויסערלעכער אויסזען איז געווען אָנגענעם און סימפאַטיש. ער איז געווען שיין, הויך און ברייט־פלייציק. ער האָט פאַרמאָגט גלענצנדיקע פעאיקייטן און אַן אומאויסשעפלעכן קוואַל פון ענערגיע. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע האָט ער ניט געקענט אָנקומען אין אוניווערזיטעט. ער האָט געמאַכט באַמיאונגען אין די אוניווערזיטעטן פון פעטערבורג און קאַזאַן, אָבער אָן דערפאָלג. די סיבה: אין דער פערזענלעכער כאַראַקטעריסטיק, וואָס ער האָט באַקומען פון דער גימנאַזיע, איז געווען אָנגעגעבן, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט סאָציאַליסטישע אידייען. האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג מיט זיין גאַנצן ברען און ענערגיע. ער האָט אָנגעפירט מיט סכאָדקעס, מיט אַרבעטער־קרייזלעך

און מיט קרייזלעך פאַר אינטעליגענטן. ער האָט זיך אויך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון טעכנישער אַרבעט.

צווישן די אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט. אין אָנפאַנג האָט מען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווענדט אויף צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער. די אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען געווען שרעקלעכע, מ'האָט געאַרבעט 14־15 שעה אַ טאָג. אין איניקע פאַכן האָט די אַרבעטס־וואָך זיך אָנגעהויבן שבת־צו־נאַכטס באַלד נאָך הבדלה און געענדיקט האָט זי זיך פרייטיק קורץ פאַר ליכט־בענטשן. די פאַרדינסטן זיינען געווען קלאָגעדיקע — אַ 2־3 רובל אַ וואָך. סוף 1897 זיינען אַרויס אין שטרייק די שניידער (ניט פון אַלע וואַרשטאַטן). דער שטרייק איז געווען אַ פאַרביטערטער. די באַלעבאַטים זיינען געווען איינגעשפאַרט. דעם שטרייק האָט מען פאַרשפּילט, ווייל איניקע שטרייקער, ניט פרעגנדיק ביי קיינעם, זיינען אַוועק צו דער אַרבעט אויף די אַלטע באַדינגונגען. די איבעריקע האָבן שוין ניט געהאַט קיין ברירה און זיך אויך אומגעקערט צו דער אַרבעט. אָבער מערקווירדיק, אין אַ קורצער צייט אַרום איז אין די שניידער־וואַרשטאַטן פון זיך אַליין איינגעפירט געוואָרן אַ קירצערער אַרבעטס־טאָג. שפּעטער אַ ביסל זיינען אַרויס אין שטרייק די שלאָסערס. די הויפּט־פאָדערונג, געדענק איך, איז געווען אַ 12־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג, פון 6 אינדערפרי ביז 6 פאַר־נאַכט. ביי דעם שטרייק האָט זיך שוין די זשאַנדאַרמעריע אַריינגעמישט, מ'האָט אַרעסטירט עטלעכע אַרבעטער, צווישן זיי וועלוול שאַליט. דער זשאַנדאַרמסקער אָפיצער, וואָס האָט געפירט די אויספאָרשונג, האָט געהאַלטן, אַז שאַליט איז דער הויפּט־בונטאָווששיק. ער האָט געפּרוווט אַרויסקריגן פון די אַנדערע אַרעסטירטע, אַז שאַליט איז דער הויפּט־אָנפירער פון דעם שטרייק, אָבער דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. די אַרעסטירטע האָט מען געהאַלטן אין טורמע אַ קורצע צייט און מ'האָט זיי באַפרייט. דעם שטרייק האָבן די אַרבעטער פונדעסטוועגן געוואונען.

די ערשטע צייט האָט די פּאָליציי אונזערע קרייזלעך ניט געטשעפּעט. עס איז געווען גאַנץ באַטירלעך, אַז ס'זאָלן זיך צונויפקומען אַ 5־10 בחורים און מיידלעך און אַמאָל נאָך מער און צוזאַמען לייענען, אָדער דיסקוטירן פאַרשידענע פראַגן. מיר האָבן ניט געזען צוליב וואָס מיר דאַרפן זיך היטן. גאַנץ אַנדערש איז געוואָרן, ווען די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן. דעמאָלט האָט מען שוין אָנגעהויבן נאָכצוקוקן און מיר האָבן זיך געדאַרפט היטן פון אַ בייז אויג.

דריי שפיאָנען האָבן מיר געקענט און געוואוסט, אַז זיי קוקן אונז נאָך: אַ זשאַנדאַרם מיט אַ גרויסער באָרד, וועמען מיר האָבן גערופן די פאָמעלע, איינער אַ ציווילער — כאַווקין און אַ דריטער — יאַשקע פאָדוואָראָטניק. פון די ערשטע צוויי פלעגט מען זיך נאָך קענען ווי ס'איז אַרויסדרייען, אָבער פון דעם דריטן האָבן מיר געהאַט אויסגעריסענע יאָרן. ער פלעגט ווי פון אונטער דער ערד אויסוואַקסן און דווקא דאָרט, וואו מען האָט אים צום ווינציקסטן דערוואַרט און צום ווינציקסטן געוואָלט זען. ס'איז כדאַי זיך אָפצושטעלן אַ ביסל לענגער אויף דעם דאָזיקן פאַרשוין. יאַשקע פאָדוואָראָטניק איז געווען אַ שוסטער. נאָך זיצנדיק אויפן שוסטער־בענקל, האָט ער זיך פאַרנומען מער מיט גנבה ווי מיט שוסטעריי. מיט דער צייט האָט ער די שוסטעריי אינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן און איז געוואָרן אַ פראָפעסיאָנעלער גנב. ער האָט זיך ספעציאַליזירט אַלס פערד־גנב. כדי אַריינצוקריגן זיך אין אַ הויף, ווען דער טויער איז געווען פאַרריגלט פון אינעווייניק, פלעגט ער זיך אונטערגראָבן אונטערן טויער. פון דעם שטאַמט דער נאָמען פאָדוואָראָטניק (זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען סמאָלאַקאָווסקי). שפעטער, ווען ער איז געוואָרן אויסגעבונדן מיט דער אונטערוועלט און געוואוסט אַלע זייערע סודות, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז עס וועט אים בעסער לוינען צו דינען דער פאָליציי און אַרויסגעבן סודות פון דער אונטערוועלט. ער איז אַוועק אין דער פאָליציי, האָט אָנגעגעבן זיינע קוואַליפיקאַציעס און מען האָט אים אָנגענומען. די ערשטע צייט האָט ער אַרויסגעגעבן סודות נאָר פון קרימינעלע פאַרברעכער. ווען די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער מיט זיין גנבהשן חוש דערשפירט, אַז עפעס קאָכט זיך, אָבער וואָס עס טוט זיך האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן נאָכצושפירן איינצלנע פערזאָנען, צולייגן אַן אויער, וואו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, כדי עפעס צו דערגיין. ווען אונזער באַוועגונג איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן, האָט זיך פאָדוואָראָטניק אינגאַנצן פאַרנומען מיט שפיאָנירן די בונטאָוושטשיקעס און מיר האָבן געהאַט פון אים געברענטע צרות (וועגן אים איז אַפילו געווען אַ פאָלקס־ליד).

ביז דעם יאָר 1898 פלעגן מיר פייערן דעם 1טן מאַי אין קליינע גרופעס, אין פאַרשידענע דירות און אָפטמאָל אַפילו אין פאַרשידענע טעג. דאָס מאָל האָבן מיר באַשלאָסן צו פייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב אויף אַ גרעסערן פאַרנעם, ניט געקוקט אויף די פאָליצייאישע באַדינגונגען. מיר האָבן באַשלאָסן אָפצוהאַלטן אַ גרעסערע פאַרזאַמלונג ערגעץ־וואו אין אַ וואַלד. ווי מיר האָבן אויסגערעכנט, האָבן געדאַרפט קומען צו דער פאַרזאַמלונג אַ 200 מענטשן

און אפשר אַ ביסל מער. מען האָט אויסגעקליבן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פֿאַר דער צוגרייטונגס־אַרבעט. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט געזאָלט באַזאָרגן אַ פּאַסיקן פּלאַץ, אַ פּאַן מיט געהעריקע לאָזונגען א. אַז. וו.. אַ פּאָר וואָכן פֿאַרן 1טן מאַי האָט אַבראַם גינזבורג געלאָזט וויסן, אַז דער צוגרייטונגס־קאָמיטעט פֿאַרזאַמלט זיך אין אַ געוויסן אָוונט אויף טראַיצאַנקע (אַ געגנט אין וויטעבסק), וואו מיר האָבן געהאַט אַ קאָנספּיראַטיווע דירה. אין דעם באַשטימטן אָוונט זייַנען מיר זיך צונויפֿגעקומען און באַהאַנדלט געוויסע ענינים. מיר זייַנען זיך פֿאַרזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און עטלעכע פֿון אונז, אויך אַבראַם גינזבורג און איך, זייַנען דאָרט געבליבן נעכטיקן. אינדערפֿרי האָט מיר אַבראַם גינזבורג געזאָגט, אַז הייַנט גייט ער מיט ראָכקע בערעזאָווקער זוכן אַ פּאַסיקן פּלאַץ פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג און ער האָט מיר פֿאָרגעלייגט איך זאָל מיט זיי מיטגיין. איך האָב דאָס אָנגענומען. בייטאָג האָבן מיר זיך אַלע דרייַ געטראָפֿן און אַוועק הינטער דער שטאָט אויף לורצעשע. אַ פּאָר וויאָרסט ווייטער איז געווען אַ גרויסער וואַלד. מיר זייַנען אַריין אין וואַלד, אַרומגעבראָדזשעט אַ פּאָר שעה און געפֿונען אַן אידעאַלן פּלאַץ — אַ גרויסע לאָנקע, אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייַטן מיט הויכע סאָסנעס, געדיכט איינע לעבן דער אַנדערער. די לאָנקע איז אַזוי אַרום געווען אַרומגערינגלט אַזוי ווי מיט אַ נאַטירלעכער וואַנט. מיר זייַנען געווען זייער צופֿרידן פֿון דעם פּלאַץ און זייַנען אַוועק צוריק אין שטאָט.

אויף מאָרגן האָט מען ווידער צונויפֿגערופֿן דעם צוגרייטונגס־קאָמיטעט. דעם זעלבן טאָג אינדערפֿרי בין איך אַריינגעגאַנגען צו די ווילענסקיס. איך האָב דאָרט געטראָפֿן באַסיען און זי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט אַ בוך, וואָס די צענזור פֿאַרווערט צו פֿאַרשפּרייטן, אויב איך וויל דאָס בוך לייענען, זאָל איך אַריינקומען אין אָוונט וועלן מיר אים לייענען צוזאַמען. איך האָב אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג. פֿאַרנאַכט־צו בין איך געגאַנגען צו די ווילענסקיס און ניט ווייט פֿון זייער הויז איז מיר אַנטקעגן געקומען יאָשקע פּאָדוואָראָטניק. ער האָט מיך דורכגעשפּיזט מיט זייַנע שפּיאָנישע אייגעלעך און איז אַוועק ווייטער. איך בין שוין צו די ווילענסקיס ניט אַריין און בין שוין אויך ניט געגאַנגען צו דער זיצונג פֿון צוגרייטונגס־קאָמיטעט. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אַ שטיק צייַט איבער די גאַסן און דערנאָך אַוועק נעכטיקן צו מייַן חבר אַלטער מאַריאַשין.

אין דער פֿרי, ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. אַלטער איז אַוועק עפֿענען. איך הער ווי עמעצער פֿרעגט: — לייבקע איז דאָ? דערהערט אָנרופֿן מייַן נאָמען,

בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר. ס׳איז געווען אַבראַם גינזבורג. אַ קאַטאַסטראָפע! אַרעסטירט דעם צוגרייטונגס־קאָמיטעט! — האָט ער האַסטיק געזאָגט. ער אַליין האָט צופעליק פאַרשפעטיקט צו דער זיצונג. ווען ער איז צוגעקומען נעענטער צום הויז, האָט ער דערזען אַ פאָליציאַנט ביים אַריינגאַנג. ער האָט זיך אָוועקגעדרייט און געוואָרנט די פאַרשפעטיקטע זיי זאָלן ניט אַריינגיין. אַ לאַנגע צייט האָט ער געוואַרט ביז מען האָט אַלעמען אַרויסגעפירט, אַרומגערינגלט מיט פאָליציי. ער איז פון וויטן נאָכגעגאַנגען ביז מ׳האָט זיי אַריינגעפירט אין פאָליציי־פאַרוואַלטונג. די פענצטער פון דער קאַמער, וואו מ׳האָט זיי פאַרשפאַרט, זיינען אַרויסגעגאַנגען צו אַ פאַרקל. ער, גינזבורג, האָט שוין אויסגעאַרבעט אַ פלאַן ווי אַזוי מיר זאָלן קומען מיט זיי אין פאַרבינדונג. מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ גרופע מיידלעך. צוויי זאָלן זיך אַוועקזעצן אין פאַרקל אויף אַ באַנק און האַלטן כסדר אַן אויג אויף די פענצטער. אפשר וועט זיך איינגעבן צו ריידן מיט די אַרעסטירטע אָדער אפשר וועלן זיי אַרויסוואַרפן אַ צעטל. די מיידלעך דאַרפן זיך בייטן אַלע שעה אָדער צוויי שעה. גינזבורג אַליין האָט דעם פלאַן ניט געקענט דורכפירן, ווייל ער האָט זיך ניט געטאָרט צופיל וואַרפן אין די אויגן.

האָב איך דאָס גענומען אויף זיך. איך בין אַוועק צו זעלדע פלאַגאוו, אַ וויכטיקע טוערין פון דער באַוועגונג. איך האָב איר דערציילט וועגן דעם אַרעסט פון צוגרייטונגס־קאָמיטעט און דעם פלאַן ווי אַזוי צו קומען מיט די אַרעסטירטע אין קאָנטאַקט. זי האָט זיך אונטערגענומען צו אָרגאַניזירן די מיידלעך און מיר האָבן אָפגערעדט וואו צו טרעפן זיך אין אָונט. ווען מיר האָבן זיך אין אָונט געטראָפן, האָט זי מיר איבערגעגעבן אַ צעטעלע, וואָס די אַרעסטירטע האָבן אַרויסגעוואָרפן. זיי האָבן געשריבן, אַז דער הויפט־מחותן אויף דער גאַנצער חתונה איז יאָשקע פאָדוואָראָטניק. ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן אונטערצוהערן ווי מ׳האָט פאָדוואָראָטניקן באַפוילן ער זאָל אויפזוכן און אַרעסטירן פרידמאַנען, איינעם פון אונזערע אינטעליגענטע אַרבעטער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פרידמאַן האָט געמוזט גלייך פאַרלאָזן וויטעבסק און מ׳האָט אים געדאַרפט גלייך לאָזן וויסן וועגן דעם. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיר קענען דאָס ניט דורכפירן באַלד, ווייל מיר האָבן ניט געוואוסט וואו פרידמאַן וואוינט. אַזוי ווי איך האָב געוואוסט וואו ער אַרבעט, האָב איך אָנגענומען צו טרעפן זיך מיט אים מאָרגן.

אויף מאָרגן באַלד אין דער פרי, בין איך אַוועק זיך טרעפן מיט פרידמאַנען. ער האָט געאַרבעט אין יודע נחומס שלאָסעריי אויף סמאָלענסקער גאַס. דאָרט פלעגט מען אָנהויבן די אַרבעט 6 אַזייגער אינדערפרי און 8 אַזייגער פלעגן די אַרבעטער גיין עסן אָנבייסן. אַריינ־

אַבראַם דער טאַטע
אין די יינגערע יאָרן

אַבראַם דער טאַטע מיט פרוי און קינד

אין די עלטערע יאָרן

קומענדיק אין פּלאַץ האָב איך דאָרט קיינעם ניט געטראָפן אַחוץ צוויי זיין פון באַלעבאָס. איינער איז געשטאַנען מיט זיין רעקל אָנגעטאָן אויף איין אַרבל און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט זיך געאיילט ערגעץ און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסן. האַרט לעבן אים איז געשטאַנען זיין ברודער און פון ביידנס פּנימער האָבן אַראָפּגעקוקט שרעק און פאַרלאָרנקייט. — וואָס שטייט איר אַזוי, וואָס איז געשען? האָב איך געפרעגט. ביידע מיטאַמאָל האָבן געענטפערט: — דאָ איז ערשט געווען יאַשקע פּאָדוואָראָטניק, ער האָט זיך געפרעגט אויף פרידמאַנען. — וואָס האָט איר אים געזאָגט? — מיר האָבן אים געזאָגט, אַז גראָד הייבט איז פרידמאַן ניט געקומען צו דער אַרבעט. — זייער גוט! האָב איך זיי צוגעגעבן מוט. — און וואו איז פרידמאַן? — ער איז אַוועק עסן אין טראַקטיר. איצט האָט שוין גערעדט נאָר איינער, דער וואָס האָט געהאַט אָנגעטאָן דעם רעקל אויף איין אַרבל. באַלד ווי פּאָדוואָראָטניק איז אַרויס, האָט ער געזאָגט, האָב איך געכאַפּט דעם רעקל און געוואָלט גיין אין טראַקטיר וואָרענען פרידמאַנען, האָט מיך דער ברודער אָפּגעהאַלטן און געזאָגט איך זאָל דאָס ניט טאָן, ווייל איך קען נאָך מאַכן ערגער, ס'קען דאָך זיין, אַז פּאָדוואָראָטניק באַהאַלט זיך דאָ ערגעץ־וואו אין גאַס, ער וועט דיר נאָכגיין און אויף אַזאַ אופן וועסטו אים אַליין ברענגען צו פריד־מאַנען. — נו, זייט רואיק, האָב איך געזאָגט, איר דאַרפט אין ערגעץ ניט גיין, איך וועל שוין אַלץ באַזאָרגן. און איך בין אַוועק אין טראַק־טיר.

דער טראַקטיר איז געווען אַ גרויסער, אָנגעשטעלט מיט צענטלי־קער טישלעך, איך האָב אים דערזען פון דער ווייטן. איך בין פאַר־בייגעגאַנגען זיין טישל, האָב אַ וואונק געטאָן ער זאָל מיר נאָכגיין און מיר זיינען אַרויס דורך אַן אַנדערער טיר. אין דרויסן האָב איך אים דערציילט, אַז פּאָליציי זוכט אים און געזאָגט: — דערווייל איז קלאָר איין זאַך, אַז דו טאָרסט זיך ניט אומקערן צוריק צו דער אַרבעט. ווי צו האַנדלען ווייטער, וועלן מיר (די אָרגאַניזאַציע) באַטראַכטן. מיר האָבן אָפּגערעדט וואו מיר זאָלן זיך טרעפן אין אַ פּאָר שעה אַרום און מיר האָבן זיך צעשיידט.

איך בין אַוועק צו איצקע האָפּמאַן. אַ מערקווירדיקער בחור געווען אָט דער איצקע האָפּמאַן. דירעקט אין דער באַוועגונג האָט ער זיך ניט באַטייליקט, אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער געווען אויסגעבונדן מיט אַלע טוער פון דער באַוועגונג, סיי פון דער אינטע־ליגענץ, סיי פון די אַרבעטער. אַזוי ווי ער האָט געהאַט רייכע עלטערן, פלעגט ער שטענדיק האָבן ביי זיך אין קעשענע געלט און די אָרגאַ־

ביזאַציע פלעגט פון צייט צו צייט קריגן ביי אים אָדער דורך אים עטלעכע רובל. חוץ דעם איז ער געווען זייער אַ קלוגער, ממש אַ חכם. ער האָט זיך געקענט אַריינטראַכטן אין פאַרשידענע סיטואַציעס און געפינען אַ לייזונג. איצט בין איך געגאַנגען צו אים מיטן געדאַנק, ערשטנס, צו קריגן ביי אים אַ פאָר רובל אויף רייזע־הוצאות פאַר פרידמאַנען און, צווייטנס, צו באַראָטן זיך מיט אים ווי אַזוי אַמבעסטן אַרויסצושמוגלען פרידמאַנען פון שטאָט און וואוהין ער זאָל פאָרן. מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם ענין און באַשטימט, אַז פאָרן זאָל ער אין מאָהילעוו, ווייל דאָרטן האָבן געוואוינט זיינע עלטערן. וועט ער, הייסט עס, קומען אַהיים. שפעטער וועט ער שוין אַליין זען וואָס ער האָט צו טאָן. מיר האָבן אים אָנגעצייכנט דעם מאַרשרוט ווי אַזוי ער זאָל פאָרן קיין מאָהילעוו. פון וויטעבסק איז געגאַנגען אַ דיליזשאַנס קיין אָרשע און פון אָרשע אַ פאַראַכאָד קיין מאָהילעוו. מיר האָבן באַשטימט ער זאָל פאָרן מיט אָט דעם וועג. פאַרן אַוועקגיין האָט האָפמאַן מיר געגעבן אַ פאָר רובל אויף רייזע־קאָסטן און דערביי האָט ער מיך אָנגענעם איבעראַשט מיט זיין זאָרג פאַר פרידמאַנען. ער האָט צו מיר געזאָגט: — פרידמאַן איז אַוודאי צעשראָקן, דערשלאָגן, ער מיינט מסתמא, אַז אַלע יאָגן זיך נאָך אים, טאָ מונטער אים אויף אַ ביסל, גיב אים צו קוראַזש. זע ער זאָל אַוועקפאָרן אין אַ גוטער שטימונג.

איך בין אַוועק צו פרידמאַנען, איבערגעגעבן אים דעם פלאַן וואוהין און ווי אַזוי ער זאָל פאָרן און ער איז געווען צופרידן. זיין ביסל זאַכן האָט ער שוין געהאַט פאַרפאַקט און ער איז געווען גרייט צו פאָרן. אויפזעצן זיך אין דיליזשאַנס אויף דער שטאָטישער סטאַנציע איז געווען ניט ראַטזאַם, דאָרט האָט נאָך פאָדוואָראָטניק געקענט אויסוואַקסן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן מיר זאָלן צוגיין צופוס ביז צו דער ערשטער סטאַנציע הינטער וויטעבסק, דאָס איז געווען אַ 10־12 וויאָרסט. איצט זאָלן מיר זיך צעשיידן און באַגעגענען זיך ביים אָנפאַנג פון אָרשער שאָסיי. ער זאָל גיין אַהין מיט זייטיקע וועגן, וואו עס איז ווייניקער וואַרשיינלעך צו טרעפן זיך מיט פאָדוואָראָטניקן און איך וועל גיין גלייך דורך דער שטאָט. מיר האָבן זיך צעשיידט. אויפן וועג האָב איך געקויפט ברויט מיט וואורשט און אַ פאָר פלעשלעך ביר. ווען איך בין געקומען צום שאָסיי, איז נאָך פרידמאַן ניט געווען, ער איז אָבער באַלד צוגעקומען. אין דער זייט פון שאָסיי זיינען געוואַקסן קליינע ביימלעך, אַ קוסטאַרניק. מיר זיינען אַוועק הינטער דעם קוסטאַרניק, זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז, צוגעביסן ברויט מיט וואורשט, פאַרטרונקען מיט ביר, געשמועסט אַ ביסל און דערנאָך אַוועק

צו דער סטאַנציע. באַלד איז אָנגעקומען דער דיליזשאַנס. פרידמאַן האָט זיך אַרויפגעזעצט און איז בשלום אַוועק פון וויטעבסק.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט זעלדע פלאַגאַוו אויף שלאָס־גאַס, לעבן דעם טערקס בעקעריי. מיר האָבן שפּאַצירט הין און צוריק און זי האָט מיר דערציילט, אַז פּאַרלויפּיק איז ניטאָ קיין נייעס. די אַרעסטירטע האַלט מען נאָך אַלץ אין פּאָליציי און אונזערע מיידלעך זיצן אין פּאַרקל און האַלטן די אויגן געווענדט צו די פענצטער, וואו די אַרעסטירטע זיצן. ווי מיר שפּאַצירן אַזוי אַרום, האָבן מיר דערזען פון ווייטן אַז פון זאַדונעווע גייט אונז אַנטקעגן יאַשקע פּאַדוואַראַטניק. מיר האָבן זיך שנעל אָפּגעזעגנט און צעשיידט. איך בין אַוועק מיט דער שלאָס־גאַס אין דער ריכטונג צו דער בריק. אָפּגייענדיק אַ געוויסע שטרעקע, האָב איך דערפילט, אַז דער שפּיאָן גייט מיר נאָך. מיר האָט זיך שטאַרק ניט געוואָלט טרעפן זיך מיט אים אויג אויף אויג און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי אַרויסצו־דרייען זיך פון אים. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ניט ווייט פון בריק געפינט זיך אַ וועשעריי, וואָס האָט אַ הינטער־טיר צו אַן אַנדערער גאַס. מיט די באַלעבאַטים פון דער וועשעריי בין איך געווען גוט באַקאַנט, איז דער בעסטער אויסוועג געווען אַרייננגיין אין דער וועשעריי און דאָרט דורך דער הינטער־טיר פאַרשווינדן. ווען איך האָב שוין גע־האַלטן די קליאַמקע צו עפענען די טיר, האָב איך דערפילט אַ האַנט אויף מיין אַקסל. איך האָב אומגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען פּאַדוואַראַט־ניק שטייט לעבן מיר. — ווי רופט מען אייך? האָט ער געפרעגט. איך האָב אים אויף דער פראַגע געענטפערט מיט אַ פראַגע: — וואָס האָט עס צו אייך? — מיר מוז מען זאָגן, איך בין פון דער פּאָליציי. און כדי צו באַשטעטיקן, אַז ער דינט טאַקע אין דער פּאָליציי, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בלעכל און מיר געוויזן. דעמאָלט האָב איך אים געזאָגט אַ נאָמען מיט אַ פאַמיליע און וואו איך האָב כלומרשט געוואוינט. פאַרשטייט זיך, אַז סיי דער נאָמען, סיי דער אַדרעס איז געווען אויסגעטראַכט, פון דער הפטורה. יאַשקע האָט זיך פאַרטראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך מישב געווען וואָס צו טאָן מיט מיר. איך האָב זיך באַנוצט מיט דעם מאָמענט און אַריין אינעווייניק אין דער וועשעריי, אַוועק צו דער הינטער־טיר, אַרויס אויף אַן אַנדערער גאַס, אַרונטער צום ברעג טייך און מיטן ברעג אַוועק ווייט הינטערן שטאָט, בערך אַ צוויי־דריי ווייאָרסט. דאָרט איז געזעסן אַ מאַן אין אַ שיפל און ער האָט פאַר 2 קאָפּיקעס מיך אַריבערגעפירט אויף דער אַנדערער זייט. ניט ווייט פון ברעג איז דאָרט געווען אַ קליין וועלדל און איך בין אַהין אַריין. כ׳בין געבליבן זיצן אין וועלדל אַ פּאָר שעה, דערנאָך בין איך אַוועק צוריק אין שטאָט.

דורך זייטיקע געסלעך בין איך אריין צו מיין חבר אַלטער מאַ־ריאַשין און אים דערציילט וואָס מיט מיר האָט געטראָפן. איך האָב מיין חבר געזאָגט, אַז איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט נאָכדעם ווי איך בין פאַרשוואונדן פון דער וועשערײַ. — דאָס וועל איך לײַכט אויסגעפינען, האָט מאַריאַשין געזאָגט. ער האָט אײַנגע־פּאַקט אַ ביסל ברודיקע וועש און איז אַוועק אין דער וועשערײַ אָפּגעבן צו וואַשן. דערווײַל וועט ער שוין געוואויר ווערן וואָס דאָרט האָט פּאַסירט נאָך מיין פאַרשווינדן. מיט די באַלעבאַטים פון דער וועשערײַ איז ער אויך געווען גוט באַקאַנט. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געבראַכט אַ טרויעריקע בשורה: עטלעכע מינוט נאָך דעם, ווי איך בין פאַרשוואונדן דורך דער הינטער־טיר, איז פּאַדוואַראַטניק אַרײַן אין דער וועשערײַ און געפרעגט וואו איז דער בחור, וואָס איז אַרײַנ־געקומען? די באַלעבאַטים, אַ טאַטע מיט פיר זין, האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס: זיי וויסן ניט וועמען ער מיינט. בכלל, האָבן זיי אים געענטפערט, איז קיינער פון די אַרײַנגעקומענע דאָ ניט פאַר־בליבן.

פּאַדוואַראַטניק האָט געמאַכט אַ גרינטלעכע רעוויזיע און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער הינטער־טיר. ער האָט שוין פאַרשטאַנען וואו איך בין אַהינגעקומען און געפאָדערט מען זאָל אים זאָגן מיין נאָמען, פאַמיליע און אַדרעס. די באַלעבאַטים האָבן זיך געהאַלטן בײַ זייערס, אַז זיי וויסן ניט. מיט אַ פאַר שעה שפּעטער איז ער ווידער געקומען שוין צוזאַמען מיט אַ פּריסטאַוו און צוויי פּאָליציאַנטן. זיי האָבן געהאָט אַ באַפעל צו פאַרמאַכן די וועשערײַ, אויב מען וועט זיי ניט געבן די געפאָדערטע אינפאָרמאַציע וועגן מיר. עס האָט גאָרניט געהאָלפן און דער פאָטער פון דער פאַמיליע האָט זיי געגעבן מיין אמתן נאָמען און אויך דעם נאָמען פון מיין געבורט־שטעטל.

— וואָס האָסטו איצט בדעה צו טאָן? האָט מיך אַלטער געפרעגט.
— דערווײַל וויס איך אַליין ניט, האָב איך אים געענטפערט. עס איז ווירקלעך געווען פאַר מיר אַ שווערע פראַגע. פיל פעדים האָבן מיך פאַרבונדן מיט דער שטאָט וויטעבסק. דאָ האָב איך דורכגעמאַכט מיין גאַנצע יוגנטלעכע אַנטוויקלונג. דאָ האָב איך זיך דערוואָרבן אַ סך נאָענטע פריינט און חברים. יעדעס שטיינדעלע, קען מען זאָגן, איז מיר דאָ געווען טייער. ס'איז מיר שווער געווען שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איך דאַרף דאָס אַלץ פאַרלאָזן אויף שטענדיק.

נאָך אַ לאַנגן טראַכטן, האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל צופאַרן אין מיין געבורט־שטעטל און אַרויסנעמען אַ נייעם פּאַספּאָרט (דער טער־מין פון דעם ערשטן פּאַספּאָרט איז שוין לאַנג געווען אויסגעגאַנגען)

און נאָכדעם וועל איך צוריק קומען אין וויטעבסק. די כוונה איז געווען, אַז אויב מען וועט מיך אַרעסטירן און עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז עס זיינען ניטאָ קעגן מיר קיין שום באַווייזן און מען וועט מיך באַפרייען, וועט מען מיך ניט שיקן מיטן עטאַפּ צוליב דעם וואָס איך האָב ניט קיין גילטיקן פּאַספּאָרט.

אין טשאַשניק האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי מיינע קוזינס. איך בין באַלד אַוועק צום סטאַראָסטע, אַרויסגענומען אַ נייעם פּאַספּאָרט און געטראַכט, אַז איך וועל טאַקע דאָ פאַרבלייבן אַ פּאָר וואָכן. כ׳וועל דאָ קענען אַ ביסל אויסרוען מיינע נערוון, וואָס זיינען די לעצטע צייט געווען אָנגעשטרענגט ביז גאָר. ס׳איז מיר אָבער ניט באַשערט געווען צו רוען. מיט דריי אָדער מיט פיר טעג שפּעטער האָט מען פאַרטאָג אָנגעקלאַפּט אין טיר. מיין קוזין האָט געעפנט די טיר און אַן אומבאַקאַנטער בחור האָט אים געזאָגט, אַז ער דאַרף מיך נויטיק האָבן. מיין קוזין האָט אים אָנגעוויזן דעם צימער וואו איך בין געשלאָפן. באַלד האָב איך דערזען לעבן זיך אַלטער מאַריאַשין. — וואָס באַדייט עס? האָב איך געפרעגט, וואָס האָט פּאַסירט. ער האָט מיר דערציילט, אַז די אַרעסטירטע וואָס מען האַלט נאָך אַלץ אין פּאָליציי, האָבן געגעבן צו וויסן, אַז פון אַ געשפּרעך, צווישן יאָשקע פּאָדוואָראָטניק און פּאָליציאַנטן, וואָס זיי האָבן אונטערגעהערט, פאַרשטייען זיי, אַז יאָשקע וועט פאָרן קיין טשאַשניק מיך זוכן. האָבן חברים באַשלאָסן צו פאַרלויפן אים דעם וועג און מיר אָנזאָגן, אַז איך זאָל זיך אָפּטראָגן.

דעם זעלבן פרימאָרגן זיינען מיר אַוועקגעפאָרן פון טשאַשניק קיין ביעשענקאָוויטש. אויפן וועג האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל פאָרן גלייך קיין וויטעבסק און איך זאָל פאַרבלייבן אין ביעשענקאָוויטש און וואַרטן אויף זיינעם אַ בריוו. ער וועט מיר שרייבן צי איך מעג קומען קיין וויטעבסק. מיר האָבן זיך געזעגנט. ער איז אַוועק צום פּאַראָכאָד און איך בין אַוועק צו מיינעם אַ קוזין. אַ פּאָר טעג האָב איך פאַרבראַכט ביי דעם קוזין. דערנאָך בין איך אַוועק צו זיינער אַ שוועסטער, וועלכע האָט געוואוינט אין אַ דאָרף זיבן וויאָרסט הינטער ביעשענקאָוויטש. דאָרט האָב איך אויך פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג און פאַר דער צייט אַרומגעטראַכט מיין גאַנצע לאַגע. איך האָב באַשלאָסן אַז איך מוז פאָרן קיין וויטעבסק, אומאָפּהענגיק דערפון וואָס אַלטער וועט מיר שרייבן. איך האָב געהאַט פאַר מיין באַשלוס פאָלגנדיקע מאָטיוון: 1) אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז איך קען פאַר קיין פאַל ניט בלייבן אין וויטעבסק און איך מוז פאָרן ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט, האָב איך ניט גענוג געלט ביי זיך. 2) איך מוז זיך באַראַטן מיט אַ פּאָר חברים וואוהין איך זאָל פאָרן. 3) איך דאַרף האָבן אַן אַדרעס

און אַ רעקאָמענדאַציע צו דער שטאָט וואוהין איך פאָר. דערליידיקן דאָס אַלץ דורך בריוו איז אַ פאַרשלעפעניש און איך האָב דערווייל ניט וואו צו זיין. קומענדיק צוריק אין ביעשענקאָוויטש האָב איך געפונען צו מיר אַ בריוו פון אַלטערן. ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם בריוו איז מיין באַשלוס צו פאָרן קיין וויטעבסק געוואָרן נאָך שטאַר־קער. אַלטער האָט מיר געשריבן פאַרשטעלט און עס איז מיר ניט געווען קלאָר צי ער מיינט, אַז איך קען קומען אין וויטעבסק אָדער ניט. מ'האָט עס געקענט טייטשן, אַז יאָ און אויך פאַרקערט.

דעם זעלבן טאָג בין איך אָוועקגעפאָרן קיין וויטעבסק. אַז איך בין אַריין צו אַלטער מאַריאַשין אין צימער האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן און געזאָגט: — וואָס טוט זיך מיט דיר, כ'האָב דאָך דיר געשריבן, אַז דו זאָלסט ניט קומען! איך האָב אים געענטפערט, אַז ערשטנס האָב איך זיין בריוו ניט פאַר־שטאַנען און צווייטנס... כ'האָב אויסגעלייגט מיינע מאָטיוון פאַרוואָס איך בין געקומען. יעדנפאַלס, האָב איך געזאָגט, איז דאָך שוין פאַרפאַלן, איך בין דאָך דאָ. איצט וואָלט איך וועלן דו זאָלסט איינאָרדענען פאַר מיר אַ באַגעגעניש מיט אבראַם גינזבורג. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט עס געטאָן. איך האָב זיך געטראָפן מיט אבראַם גינזבורג און מיר האָבן אַרומגערעדט די גאַנצע סיטואַציע. ער האָט מיר געראָטן איך זאָל פאָרן אין ביאַליסטאָק. — ביאַליסטאָק, האָט ער געזאָגט, איז אַן אינדוסטריעלע שטאָט, דאָרט זיינען דאָ גרויסע מאַסן אַרבעטער, ס'עקזיסטירט שוין דאָרט אַ סאָלידע און פאַרצווייגטע אַרבעטער־באַוועגונג און ס'איז דאָ וואו פאַנאַנדערצופירן די הענט. אויסער דעם, האָט ער ווייטער מאָטיווירט, געפינט זיך אין ביאַליסטאָק ישראל מאיר שליאַכטער (מיינער אַ נאָענטער חבר פון די זעלבסט־בילדונג קרייזלעך), ער וואוינט שוין דאָרט אַ לענגערע צייט, ער וועט איך העלפן איינאָרדענען זיך און ער וועט אייך אַריינפירן אין דער אָרגאַ־ניזאַציע. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך נעם אָן זיין ראָט און וועל פאָרן אין ביאַליסטאָק. — שליאַכטערס אַדרעס, האָט ער ווייטער גע־רעדט, האָב איך ניט. ס'קען אויך טרעפן, אַז ווען איר וועט קומען אין ביאַליסטאָק, זאָל שוין דאָרט שליאַכטער ניט זיין, מאָלע וואָס עס קען פאַסירן. דעריבער נעמט אַ בילעט קיין ווילנע און איך וועל שרייבן צו ליזע אַמסטערדאַם זי זאָל אייך באַגעגענען אויפן וואָקזאַל. דורך איר וועט מען אייך צוזאַמענפירן מיט שליאַכטערן. מיר האָבן אָפּגע־רעדט ווען איך זאָל אַרויספאָרן, ער האָט מיר געגעבן געלט אויף הוצאות און מיר האָבן זיך געזעגנט.

4. עטלעכע פּיאָנערן

צו פֿאַרענדיקן מיט דעם וויטעבסקער פּעריאָד וועל איך נאָך דערמאָנען וועגן עטלעכע פּיאָנערן, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ניט בלויז אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון וויטעבסק, נאָר אויך פֿון פֿאַרשידענע אַנדערע שטעט אין לאַנד.

אַבראַם גינזבורג האָט באַכן אַרעסט אין 1898 לאַנג אין וויטעבסק ניט געקענט פֿאַרבלייבן. ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין כאַרקאָוו מיטן ציל צו ווערן טעטיק צווישן די אַרבעטער פֿון די גרויסע פֿאַבריקן. זומער 1899 איז ער געקומען אין דווינסק און איז אַריין אין אָרטיקן קאָמיטעט. מיט זיין גאַנצן אימפּעט און ברען האָט ער זיך אַריינגע־וואָרפֿן אין דער באַוועגונג. ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַנאַנדער־שיקן אומלעגאַלע בונדישע ליטעראַטור, וואָס איז געקומען פֿון אויס־לאַנד און האָט אַליין פֿאַבריצירט בלעטלעך. זיין ברויזנדיקע נאַטור האָט אים ניט געלאָזט רוען, עס האָט אים געטריבן צו נייע גרויסע מעשים. נאָך זייענדיק אין דווינסק, איז ער געשטאַנען אין שטענדיקער פֿאַרבינדונג מיט אַ ריי שטעט אין דרום־רוסלאַנד און אַהין איז ער שפּעטער אַוועק. דאָרט האָט ער געשפּילט אַן אָנפֿירנדיקע ראָל ביים פֿאַראייניקן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון אַ צאָל שטעט אין אַ פֿאַרבאַנד אונטערן נאָמען דער דרום־אַרבעטער (יוזשני ראַ־באָטשי).

דער פֿאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַ פּעריאָדישע צייטשריפֿט מיטן זעלבן נאָמען, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן. גינזבורג האָט איינגעאָרדנט אַ געהיימע דרוקעריי און דאָרט אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם אָרגאַן יוזשני ראַבאָטשי. אין דרוקעריי האָבן געאַרבעט: אַבראַם גינז־בורג, חנהקע ראָזענפֿעלד, ראַדיע טערמאַן און באַריס צייטלין, וועל־כער איז מיט אַ קורצער צייט פֿריער אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון מאָסק־ווער אוניווערזיטעט. גינזבורג און צייטלין זיינען געווען אינטימע פֿריינט נאָך פֿון גימנאַזיע אָן. צייטלין איז געווען אַ בחור מיט אַ הויכער עטיק און גלענצנדיקע פֿעאיקייטן, אים האָט אָבער געפֿעלט גינזבורגס ענערגיע און זיין אונטערנעמונגס־גייסט. סוף 1901 האָט מען די דרוקעריי פֿאַרכאַפּט אין יעליסאַוועטגראַד און אַלע באַשעפֿטיק־טע אַרעסטירט. מ׳האָט זיי געהאַלטן אין אָדעסער טורמע.

אין אַפּריל 1902 בין איך אויך מגולגל געוואָרן אין דער זעלבער אָדעסער טורמע. גינזבורגס האַלטן זיך אין טורמע איז געווען צו באַוואונדערן. סיי די אַרעסטירטע, סיי די אַדמיניסטראַציע האָבן גע־האַט פֿאַר אים דעם גרעסטן רעספּעקט. דורך דעם וואַכמייסטער, אוסאָוו, וואָס האָט געהאַט די אויפֿזיכט איבער די פּאָליטישע אַרעסטיר־טע, האָט גינזבורג איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט דער שטאָטישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע און דעם פּאָליטישן רויטן קרייז (פֿאַר־שטייט זיך, אַז דער זשאַנדאַרם האָט באַקומען גוט באַצאָלט פֿאַר דעם). ער האָט באַקומען אַלע נייעס פֿון דער באַוועגונג און ער האָט עס אונז אַלעמען מודיע געווען. דער זשאַנדאַרם אוסאָוו, וועלכער האָט שוין געדינט אין דער זשאַנדאַרמעריע אַ סך יאָרן, האָט פֿון די „היינ־טיקע" פּאָליטישע ניט געהאַלטן, ער פֿלעגט זיך באַציִען צו זיי מיט ביטול. וואָס פֿאַר אַ פּאָליטישע זיינען עס, פֿלעגט ער זאָגן, זיי זידלען זיך דאָך אין דער מאַמען אַריין אַזוי ווי דאָרפֿישע פּויערים! מיט גרויס רעספּעקט פֿלעגט ער ריידן וועגן די אַמאָליקע פּאָליטישע. יענע זיינען דאָך געווען מענטשן פֿון דער אַריסטאָקראַטיע, זין און טעכטער פֿון הויכע רעגירונגס־באַאַמטע, אָדער מיליטער־לייט, אָבער די היינ־טיקע זיינען דאָך פֿון די נידעריקסטע שיכטן. בלויז גינזבורגן האָט ער אַרויסגעגעבן אַן אַטעסטאַט פֿון אַן אמתן פּאָליטישן. ווייל ער האָט וועגן אים געהאַט אַזאַ הויכע מיינונג, האָט ער צו אים געהאַט צוטרוי און איז געווען ווילליק צו טאָן פֿאַר אים פֿאַרבאָטענע שליחותן.

נאָך דעם שטורמישן הונגער־שטרייק האָט מען אַ גרופּע צעשיקט אין פֿאַרשידענע טורמעס, צווישן זיי איז אויך געווען אַבראַם גינזבורג. אין 1903 האָט מען אים און אויך די אַנדערע, וועלכע מען האָט אַרעס־טירט אין דער דרוקעריי, פֿאַרשיקט אויף פֿינף יאָר אין יאַקוטסקער אָבלאַסט. איידער מען האָט אים פֿאַרשיקט, האָט ער חתונה געהאַט מיט חנהקע ראָזענפֿעלד. ער איז געקומען אויפֿן פֿאַרשיקונגס־אָרט באַלד נאָכן אויפֿשטאַנד פֿון די ראָמאַנאָווצעס (1904). ער האָט גלייך אָוועקגעשיקט אַ בריוו צום גענעראַל־גובערנאַטאָר קוטאַיסאָוו, אַז אים פֿאַרדריסט זייער שטאַרק, וואָס ער איז געקומען צו שפּעט און האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט פֿיזיש צו באַטייליקן זיך אין דעם פּראָ־טעסט, אָבער ער שליסט זיך אָן אין דעם פּראָטעסט אידעאיש. נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1905 האָט גינזבורג מיט זיין פֿרוי זיך באַ־זעצט אין מאָסקווע. אַ לאַנגע צייט האָט ער געאַרבעט אין פּראָפֿע־סיאָנעלן פֿאַראיין פֿון מעטאַל־אַרבעטער. אין 1931, ווען מען האָט פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס קעגן 12 מענשעוויקעס, צווישן וועלכע ער איז אויך געווען, האָט ער באַקומען 10 יאָר טורמע. מער האָב איך פֿון אים ניט געהערט.

כאַצקל אוסישקין האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענע אָרט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. פריער אין די זעלבסט־בילדונג־קרייזלעך און שפּעטער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז עטלעכע מאָל געווען אַרעסטירט, באַלד נאָך דער באַפרייאונג איז ער ווידער געוואָרן אַקטיוו אין דער באַוועגונג. אין מערץ 1902 האָב איך זיך מיט אים גע־טראָפן אין מאָהילעוו. ער איז דאָרט געווען אונטער פּאָליציי־אויפ־זיכט. צוליב קאָנספּיראַציע האָבן מיר זיך באַגעגנט אין אַ זייטיק געסל, אַ לאַנגע צייט שפּאַצירט און געשמועסט וועגן פאַרשידענע זאַכן. איך בין דעמאָלט אַרומגעפאָרן אין די אינטערעסן פון גאַרבער־בונד. מיט די מאָהילעווער גאַרבער האָב איך קיין פאַרבינדונג ניט געהאַט און אוסישקין האָט מיך מיט זיי צונויפגעפירט. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז ער געשטאָרבן פון טיפוס אָדער כאָלערע.

אַבראַשע אַמסטערדאַם און ליזע גרינבלאַט זיינען אין 1896 אַוועק־געפאָרן קיין ווילנע. זיי האָבן חתונה געהאַט און אויפגעשטעלט דאָרט זייער היים. אין יאַנואַר 1897 האָט מען אַמסטערדאַמען אַרעסטירט. מען האָט אים געהאַלטן אין טורמע איבער צוויי יאָר. אין טורמע איז ער קראַנק געוואָרן און מחמת דעם האָט מען אים אַרויסגעלאָזט ביזן אורטייל. דערווייל האָט ער געדאַרפט זיין אונטער פּאָליציי־השגחה אין שקלאָוו, וואו ער איז געווען אַ נכתב. די שקלאָווער אָרטאָדאָקסישע יידן האָבן זיך צו אים באַצויגן זייער פיינטלעך, מ׳האָט ממש געבראָכן זיינע טריט. צוליב דעם פלעגט ער זיך גיין באָדן אַ ביסל וויטער פון דעם אָרט, וואו אַלע פלעגן זיך באָדן. איין מאָל, ווען ער איז אַריין אין וואַסער, האָט דער שטראָם אים פאַרכאַפּט און גענומען טראָגן אַלץ וויטער און וויטער. ער האָט מיט אַלע כוחות זיך געראַנגלט צו דערגרייכן דעם ברעג, אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען, ער איז דערטרונקען געוואָרן. ליזע, זיין פרוי, איז ווידער געוואָרן אַקטיוו אין דער באַוועגונג. ביז 1906 האָט זי געאַרבעט אין די געהיימע בונ־דישע דרוקערייען. 1906־7 אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער בונ־דישער פּרעסע אין ווילנע. אַ לאַנגע צייט האָב איך פון איר ניט גע־הערט. אין 1927 ווען מאַרק גאָרוויט (מענדל דעם גלוכאָווער רבס זון) איז געווען אויף אַ באַזוך אין רוסלאַנד, האָט ער זיך געטראָפן מיט איר אין וויטעבסק. זי האָט געאַרבעט אויף אַ רעגירונג־שטעלע און איז פאַרבליבן אַ דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטקע.

דעם גלוכאָווער רבס דריי זין — שמואל, מענדל און מאָטיע — זיינען אין 1896 אַוועקגעפאָרן קיין האָמעל. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יינגסטער פון זיי, מאָטיע, פאַרמאָגט ניט בלויז אַ גוטן קאָפּ, נאָר אויך בריליאַנטענע הענט. פון ברעטלעך און קלעצלעך האָט ער

אויסגעמייסטרעוועט אַ מאַכערייקע און אַ באַמען געגעבן דרוקעריי. זיי האָבן זיך געשאַפן אַ ביסל שריפט און גענומען דרוקן פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זיי אַליין האָבן געשריבן, געדרוקט און אַליין פֿאַרשפּרייט אויך. איך ווייס ניט געניי ווי לאַנג זיי האָבן די דאָזיקע אַרבעט אָנגעהאַלטן. ווען זיי האָבן דערפֿילט, אַז די לופֿט אין האָמעל ווערט פֿאַר זיי צו הייס, האָבן זיי זיך פֿאַנאַנדערגעטיילט.

מאָטיע, דער ייִנגסטער, איז מיט זיין דרוקעריי אַוועק ערגעץ־וואו אין דרום־רוסלאַנד און האָט ווייטער געטאָן די זעלבע אַרבעט, וואָס אין האָמעל. און ווען אויפֿן נייעם מקום האָט אים אָנגעהויבן צו ברענגען די פּיאַטעס, איז ער געקומען צוריק קיין וויטעבסק. דאָ האָט ער זיין דרוקעריי געשטעלט אין רשות פֿון דער אָרגאַניזאַציע און מיט איר אָנגעפֿירט אַ געוויסע צייט. שפּעטער איז ער ווידער אַוועקגעפֿאָרן קיין דרום־רוסלאַנד. אין פּאָלטאַווע האָט ער באַקומען אַרבעט אין דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג פֿון דער דאָרטיקער זעמסטוואָ. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אַ סטאַטיסטיקער. אין דער זעלבער צייט האָט ער שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און איז אויך אין דעם קעגנשטאַנד געוואָרן אַ ספּעציאַליסט. סוף־כל־סוף האָט ער דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז ער האָט באַקומען אַ קאַטעדרע פֿון די דאָזיקע קעגנשטאַנדן אין כאַרקאָווער אוניווערזיטעט. ער איז דאָרט געבליבן פּראָפֿעסאָר ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ער האָט צוליב זיין עלטער געמוזט רעזיגנירן.

מענדל איז פֿון האָמעל געקומען צוריק קיין וויטעבסק. דאָ האָט ער געלעבט אַ שטיקל צייט, אָבער אין דער באַוועגונג האָט ער זיך ניט באַטייליקט. שפּעטער איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין דווינסק און דאָרט איז ער ווידער געוואָרן אַקטיוו. אַ היפּשע צייט האָט די פּאָליציי אים ניט געטשעפּעט, אָבער לסוף האָט מען אים אַרעסטירט. ווען מ׳האָט אים פֿון טורמע באַפֿרייט, האָט מען אים אַרויסגעשיקט קיין פּאָלטאַווע אונטער פּאָליציי־אויפֿזיכט. אין 1903 איז ער געקומען קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער שטודירט און געוואָרן אַ דענטיסט. ער האָט געביטן זיין נאָמען אויף מאַרק גאָרוויט. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד איז ער געוואָרן אַ פֿאַרברענטער קאָמוניסט און האָט פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער היגער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין 1952 איז ער דאָ געשטאָרבן.

שמואל איז פֿון האָמעל אַוועקגעפֿאָרן קיין דרום־רוסלאַנד. דאָרט איז ער געווען אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער אויף דער פֿריי איז ער לאַנג ניט פֿאַרבליבן, מ׳האָט אים אַרעסטירט און אַ לאַנגע צייט האָט מען אים געהאַלטן אין אָדעסער טורמע. לסוף

האָט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר אויף דריי יאָר. אין 1906 האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין וויטעבסק. ער איז באַלד אַוועקגעפאָרן קיין פראַנקרייך. דאָרט האָט ער געענדיקט אויף אינזשיניער און אויך שטודירט אין אַ ספּעציעלער שולע פאַר לופט־פליערײַ. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געקומען צוריק קיין רוסלאַנד און געאַרבעט אַלס אינזשיניער אין אַ פאַבריק פון עראָפּלאַנען. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געשטאָרבן אין לענינגראַד.

אַבראַמטשיק דער שניידער איז זינט 1894 געווען אַ וויכטיקער טוער אין דער וויטעבסקער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. נאָכן אַרעסט אין אַפּריל 1898 איז ער, ניט געקוקט אויף די שווערע פּאָליציייִשע באַדינגונגען, פאַרבליבן אין וויטעבסק נאָך אַ לאַנגע צייט. פון דאָרט איז ער שפּעטער אַוועקגעפאָרן, איז געווען אין פאַרשידענע שטעט און אומעטום איז ער געווען אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין 1905 איז ער געפאָרן קיין פראַנקרייך, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט רחלען, דעם גלו־כאָווער רבס טאָכטער. ביז 1904 איז רחקע געווען אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין וויטעבסק און אויך אין אַנדערע שטעט. נאָכ־דעם ווי זי איז געזעסן עטלעכע טערמינען אין פאַרשידענע טורמעס איז זי אַוועק קיין פראַנקרייך. אַבראַמטשיק און רחקע האָבן זיך באַ־זעצט אין פּאַריז און דאָרט געהערט צו דער גרופּע מענשעוויקעס. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זײַנען זיי אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן, וואו זיי האָבן געוואוינט ביז אַ פּאָר יאָר נאָך דער מלחמה. פון לאָנדאָן זײַנען זיי געקומען קיין אַמעריקע. זיי וואוינען אין ניו־יאָרק און אויך דאָ געהערן זיי צו דער גרופּע פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. זייער נאָמען איז קהאַטיק.

צו די אינטעליגענטע אַרבעטער האָט אויך געהערט איצקע דער פאַרבער. אין 1896 האָט מען צו מיר אַרײַנגעפירט אַ יונגן בחור, איך זאָל זיך מיט אים באַקענען. מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט און ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק. איך פלעג זיך טרעפן מיט אים גאַנץ אָפט. ער האָט זיך זייער גיך אַרויסגערוקט אין דער באַ־וועגונג און איז אַליין געוואָרן אַן אַגיטאַטאָר. איצקע דער פאַרבער איז אַריין אין דער סכאָדקע פון זיין פאַך. אַ ביסל שפּעטער האָט מען אים קאָאָפּטירט אין דעם קאָמיטעט פון אַלע פאַכן. אין די יאָרן 1898־1899 איז ער שוין געווען אַ וויכטיקער טוער אין דער באַוועגונג. מען האָט אים צוגענומען אין מיליטער. דאָס קאַזאַרמע־לעבן האָט אים ניט געשמעקט און ער איז אַנטלאָפן. אין 1900 איז ער געקומען קיין ביאַליסטאָק, וואו מען האָט אים צופעליק אַרעסטירט און אַוועקגע־

שיקט מיטן עטאַפּ קיין וויטעבסק. דער קאָנוואָי האָט אים געבראַכט אין וויטעבסקער פּאָליציי־פּאַרוואַלטונג און אים איבערגעגעבן צום דיזשורני. יענער האָט אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן און געזאָגט, אַז ער וועט אים אָפּשיקן אין פּאָליציי־צירקל, וואו ער וואוינט און דאָרט וועט מען אים באַפרייען. ער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַן אָפענער טיר צו אַ דערבייאיקן ליידיקן צימער און געזאָגט: — גייט אַריין אין דעם צימער און וואַרט ביז אַ פּאָליציאַנט וועט קומען נאָך אייך. איצקע דער פּאַרבער איז אַהין אַריין. ער האָט געוואוסט, אַז ווען מען וועט אים ברענגען אין פּאָליציי־צירקל, וועט באַלד אַנטדעקט ווערן, אַז ער איז אַן אַנטלאָפענער סאָלדאַט. און קיין צרות וועט אים שוין ניט פעלן. איז ער געזעסן פאַרטיפט אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען. אָבער אַ גליקלעכער צופאַל האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון דער ביטערער לאַגע.

אין אויפנאַם־צימער, וואו דער דיזשורני איז געזעסן, איז אַריינגעקומען איצקע האָפּמאַן. ער איז געווען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט און ער פלעגט קומען צוויי מאָל אַ וואָך זיך מעלדן. אַריינקומענדיק האָט ער דערזען, אַז איצקע דער פּאַרבער זיצט אין דעם זייטיקן צימער אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז איצקע דער פּאַרבער דאַרף זיין אין קאַזאַרמע אָנגעטאָן אין סאָלדאַטסקע קליידער. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיין חבר איצקע איז אַנטלאָפן פון מיליטער און מען האָט אים געכאַפּט. איצקע האָפּמאַן האָט צו אים אַ וואונק געטאָן. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צום טישל, וואו דער דיזשורני איז געזעסן, ער האָט זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז ער האָט מיט זיין קערפּער פאַרשטעלט די טיר פון דעם דערבייאיקן צימער און האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט דעם אָקאָלאָדאָטשניק. ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט אויך דעם אָקאָלאָדאָטשניק מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט געפילט, אַז הינטער זיין רוקן שאַרט זיך פאַרביי עמעצער. ער האָט ווייטער געצויגן דעם שמועס, דערביי האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם אָקאָלאָדאָטשניק ווי עס שמעקט אים דער פּאַפּיראָס. — גוט, האָט דער אָקאָלאָדאָטשניק געענטפערט. — אויב אַזוי, האָט איצקע געזאָגט, קען איך דיר געבן דאָס גאַנצע שאַכטל, און עס טאַקע באַלד אַוועקגעלייגט אויפן טיש. דער אָקאָלאָדאָטשניק איז געווען צופרידן פון דער מתנה. איצקע האָפּמאַן האָט פריינטלעך זיך געזעגנט מיט דעם אָקאָלאָדאָטשניק און איז אַוועק.

איצקע דער פּאַרבער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער קען ווייטער אין רוסלאַנד ניט בלייבן. ער איז אַוועק קיין פראַנקרייך. עטלעכע חדשים האָט ער געלעבט אין פּאַריז און שפּעטער אַ פּאָר

יאָר אין לאָנדאָן. אין 1904 איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער גלייך אָנגעהויבן אַרבעטן ביי זיין פאַך, ווי אַ פּעינטער. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ קאָנטראַקטאָר. ס׳איז אים אַוועק גוט און ער איז געוואָרן אַ רייכער מאַן. אין יענער צייט האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט דעם באָראָ־פּאַרק לייבאָר־ליסעאום. דער קראַך אין וואָל־סטריט אין 1929 האָט אָפּגעווישט זיין פאַרמעגן. ס׳איז אים געבליבן בלויז אַ קליין הויז אין באָראָ־פּאַרק, וואו ער וואוינט מיט זיין פרוי בלומע און אַ זון. אַלע יאָרן איז ער געווען און איז פאַרבליבן ביזן הייַנטיקן טאָג אַ געטרייער דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט. זיין נאָמען איז איסאַק ליעף.

5. אין ביאַליסטאָק

איך בין געקומען אין ביאַליסטאָק אין מאַי 1898 און האָב זיך גאַנץ שנעל איינגעאָרדנט. כ׳האָב געטראָפן מיין חבר פון וויטעבסק — ישראל מאיר שליאַכטער, וועלכער האָט שוין דאָרט געוואוינט אַ לענגערע צייט און אָנטייל גענומען אין דער באַוועגונג. ער האָט מיך באַקענט מיט די וויטיקע מענטשן. באַלד נאָך מיין קומען איז ער אַוועקגעפאָרן פון ביאַליסטאָק, און איך האָב איבערגענומען זיין קוואַרטיר. דאָס איז נישט געווען, חס ושלום, קיין צימער, נאָר אַ שלאָף־באַנק. די באַלעבאַטים פון דער דירה זיינען געווען אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער. די מאַמע איז געווען אַ מלמדקע: זי האָט געלערנט עברי (איווריע) מיט מיידלעך. די טאָכטער, גיסיע איז געווען איר נאָמען, איז געווען אַ שניידערקע. זי איז געווען אַ בילד־שיין מיידל, ניט מער ווי אַ יאָר 16, אָבער אין דער באַוועגונג האָט זי שוין פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. די נאַטור האָט זי געבענטשט מיט אַן איינגעבוירענער אינטעליגענץ און גראַדן שכל.

כ׳האָב באַקומען אַ פּאָר לעקציעס, כדי צו פאַרדינען צום לעבן. איך בין באַלד קאָאָפּטירט געוואָרן צום קאָמיטעט פון אַלע פאַכן, ס׳האָט דאַכט זיך דאָרט געהייסן די צענטראַלע, און מען האָט מיר איבערגעגעבן אָנצופירן מיט דעם פאַך שלאָסאַרעס. מען האָט מיר אויך געגעבן אָנצופירן אַ פּאָר אַרבעטער־קרייזלעך.

ביאַליסטאָק האָט גלייך פון אָנהויב געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. נאָך אין וויטעבסק האָב איך געוואוסט, אַז ס׳זיינען פאַראַן שטעט, וואו עס זיינען דאָ יידישע אַרבעטער אין גרויסע מאַסן, אָבער ערשט אין ביאַליסטאָק האָב איך דאָס דערזען מיט מיינע אייגענע אויגן. אין דער פרי און פאַרנאַכט האָבן איבער די גאַסן פון ביאַליסטאָק געשטראָמט מאַסן אַרבעטער צו און פון דער אַרבעט. לויט דער צאָל פון דער באַפעלקערונג איז ביאַליסטאָק געווען ניט פיל גרעסער ווי וויטעבסק, אָבער לויט דער באַוועגונג אין די גאַסן איז וויטעבסק געווען אַ דאָרף קעגן ביאַליסטאָק.

די אַרבעטער אין ביאַליסטאָק האָבן שוין דעמאָלט געהאַט דורכגעמאַכט גרויסע קאַמפן: ס׳זיינען פאָרגעקומען קליינע און גרויסע שטרייקן אין אַלע פאַכן. ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ 12 שעהדי־

קער אַרבעטסטאָג (מען האָט פריער געאַרבעט 14 און 15 שעה אַ טאָג), נאָר אין צווי אייזן־פאַבריקן איז דער אַרבעטס־טאָג געווען 13 שעה. די פאַרדינסטן זיינען באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן. כמעט אַלע פאַכן זיינען שוין געווען אָרגאַניזירט.

אין איין היגזיכט איז די אַרבעטער־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק געווען זייער הינטערשטעליק: זי איז געווען אָרים אין אינטעליגענטע קרעפטן. איך קען זיך ניט דערמאָנען, אַז ווער פון דער אָרטיקער אינטעליגענץ (אַזאַ האָט דאָך געמוזט זיין) זאָל האָבן פאַרבינדונגען מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. אויב ס׳זיינען יאָ געווען אַזעלכע, בין איך זיכער, אַז מען האָט זיי געקענט איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט און ס׳זאָלן נאָך בלייבן פינגער צום ציילן.

פון אָנגעפאָרענע אינטעליגענטן האָב איך געטראָפן: יאָסל דעם בריסקער (יוסף איזביצקי, שפּעטער באַרימט אַלס בייניש מיכאַלעוויטש), יאָכע — אויך פון בריסק (מען האָט זי גערופן די רביצין) און אַנאַ. אָט דאָס זיינען געווען די אינטעליגענטע קרעפטן, וואָס די ביאַליסטאָקער באַוועגונג האָט פאַרמאָגט, ווען איך בין אַהין געקומען. דערפאַר אָבער איז די באַוועגונג געווען גאַנץ רייך מיט באַוואוסטזיניקע, אַנטוויקלטע אַרבעטער. אַ צאָל פון זיי זיינען אין אינטעליגענץ (ניט אין בילדונג) געשטאַנען העכער פון מאַנכע אינטעליגענטן, וועלכע איך האָב געקענט פון פריער אין וויטעבסק. זיי האָבן געקענט אַנאַליזירן און אָפּשאַצן פאַרשידענע סיטואַציעס און פאַסירונגען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל און פון אַרבעטער־לעבן בפרט. מיט זיי אַלע האָב איך זיך אין אַ קורצער צייט באַקענט. ניט אַלע געדענק איך (זייער צאָל איז געווען אַ גאַנץ גרויסע), אָבער עטלעכע האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון און איך געדענק זיי זייער גוט. איך וועל דאָ אָנרופן זייערע נעמען: חאַציע מונוועז — אַ בערשטער, גיסיע אַפּנער (ביי איר האָב איך די ערשטע צייט געוואוינט), רייזל — אַ זאָקנמאַכערקע, שיינע עלקע — אַ נופּערקע, יעקב שלמה ראָזענקראַנץ — אַ שניידער, רחמיאל לאַפּין (אָדער לאַפּינסקי) — אַ שניידער, גרישאַ — אַ שניידער, שאול דוד — אַ שלאָסער, מרדכי — אַ בלעכער, יאַנקל — אַ טאָקער, צירל — אַ פּאַפּיראָסנמאַכערקע, העניע רחל — אַ פּאַפּיראָסנמאַכערקע, יודל — אַ וועבער, אַוראָמקע וואַסילקאָווער — אַ וועבער, חיים יודל — אַ וועבער, זיין פאָטער גדליה אויך אַ וועבער. פריער, איידער איך בין געקומען, האָט גדליה געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער באַוועגונג, אָבער אין מיין צייט איז ער שוין געווען אַ ביסל אָפּגעשטאַנען.

די אויסגערעכנטע פּערזאָנען און אַ היפּשע צאָל אַנדערע האָבן גע־

בילדעט דעם רוקנביין פון דער ביאַליסטאָקער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער ערשטער צייט, וואָס איך בין אַהין געקומען.

עטלעכע חדשים נאָך מיין קומען איז פּאָליציי באַפאַלן די קאָנס־פּיראַטיווע דירה, וואו ס'האָט געוואוינט רייזל די זאָקנמאַכערקע. יאָסל דער בריסקער איז דאָרט געווען אַ שטענדיקער אַריינגייער. ווען די פּאָ־ליציי איז באַפאַלן די דירה, איז ער גראָד ניט געווען און די „באַלעבאָס־טע" האָט באַוויזן נאָך דער רעוויזיע נעלם ווערן דורך אַ צווייטער טיר. הינטער אַ קראָקווע (די דירה איז געווען אַ דאַך־שטיבל) זיינען געווען באַ־האַלטן מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען געווען דער אויסגעפּאַרטיקטער מאַטע־ריאַל פאַר דעם ערשטן נומער ביאַליסטאָקער אַרבייטער, אַ צייטונג, וואָס מיר האָבן זיך געגרייט אַרויסצוגעבן (דעם מאַטעריאַל האָט צוגעגרייט יאָסל דער בריסקער). יאָסל האָט געמוזט אַוועק פון ביאַליסטאָק. אַזוי אויך יאָכע די בריסקערין. פון דער גאַנצער אינטעליגענץ איז געבליבן נאָר אַנאַ באַרישניק.

אַ קורצע צייט זיינען מיר געבליבן אַזוי ווי פּאַראַליזירט. די הענט האָבן זיך ניט געהויבן צו טאָן עפּעס. ס'האָט זיך געשאַפן אַן איבערגעטריבענע פאַרזיכטיקייט און די באַוועגונג האָט פון דעם שטאַרק געליטן. מיין אַרבעט אין דער באַוועגונג איז געווען אַ באַגרענעצטע: איך האָב געקענט אָפּגעבן פאַר דער באַוועגונג דעם שבתדיקן טאָג און אַ מאָל אַן אָוונט, ווייל אין אַלגעמיין בין איך אין די אָוונטן געווען פאַרנומען מיט לעקציעס, וואָס איך האָב געגעבן, כדי צו פאַרדינען צום לעבן. איך האָב געלערנט מיט אַרבעטער. מיר איז פיל מאָל אויס־געקומען צו דערקלערן מיינע שלאָסאַרעס, ווען זיי האָבן געבעטן איך זאָל אָפּגעבן פאַר זיי אַן אָוונט, אַז די אָוונטן מוז איך האָבן פאַר זיך אַליין. איצט האָבן אַ פּאָר בחורים, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטורמאַנס פאַבריק, געזאָגט צו מיר: — איר האָט זיך דאָך אַמאָל געלערנט שלאָ־סעריי, קענט איר דאָך האַלטן אַ האַמער און אפשר אַ פייל אויך. אויב איר ווילט, וועלן מיר איך אַרויפנעמען אַרבעטן צו אונז אין פאַבריק, וועט איר קענען האָבן פרייע אָוונטן. איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגע־נומען. איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין שטורמאַנס פאַבריק פאַר 3 רובל אַ וואָך, וואָס איז געווען גענוג געווען פאַר איין מענטש דורכצולעבן אין יענער צייט. איך האָב שוין געהאַט פרייע אָוונטן און געקענט אָפּגעבן מער צייט דער באַוועגונג. איך האָב אָנגעהויבן באַזוכן רעגלמעסיק די בערזע און גענומען אָנצופירן נאָך אַ פאָר קרייזלעך.

אין דער זעלבער צייט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין ביאַליסטאָק נייע קרעפטן פאַר דער באַוועגונג: ס'איז געקומען בענציע לעווין

מיט זיין פרוי חנה. בענציע איז געווען אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן און דערפאַרענער טוער. ער איז געווען אַ זייגערמאַכער אָבער אין ביאַליסטאָק האָט ער זיך אויסגעלערנט וועבעריי און איז ביי דעם פאַך פאַרבליבן. ער האָט גלייך אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער באַוועגונג. באַלד איז געקומען יודל — אַ בוכבינדער, וועלכער איז אויך געווען, מער אָדער ווייניקער, אַ דערפאַרענער טוער. אַ ביסל שפּעטער האָבן אָנגעהויבן קומען אייִנע נאָך די אַנדערע מייִנע חברים פון וויטעבסק: ס'איז געקומען סאָלאָמאָן לאַנדאָ. ער איז געווען אַ זון פון פאַרמעגלעכע עלטערן, זיין בילדונג האָט ער באַקומען ביי פּריוואַטע לערער. ער האָט אַ סך געלייענט און איז בכלל געווען אַ פעאיקער בחור. אין וויטעבסק האָבן מיר ביידע געהערט צו איין זעלבסטבילדונג־קרייז, פון וועלכן אַבראַם גינזבורג איז געווען דער אָנפירער. ער איז געקומען ספּעציעל צו אַרבעטן אין דער ביאַליסטאָקער אַרבעטער־באַוועגונג, און מיר האָבן אים, פאַרשטייט זיך, גלייך אַריינגענומען. באַלד נאָך אים איז געקומען חיים טאַטאַרסקי, מייִנער אַ חבר פון דער ישיבה. ער איז געווען אַ גאַנץ גוטער רעדנער, איבערהויפּט האָט ער אין זייִנע רעדעס געקענט מאָלן שייִנע בילדלעך און ער האָט אינגיכן באַקומען צווישן די אַרבעטער דעם נאָמען פּאָעט. אנשטאָט חיים טאַטאַרסקי האָט מען אים אָנגעהויבן רופן — חיים דער פּאָעט. צו די פאַרזאַמלונגען, וואו ער האָט גערעדט, זייִנען אַרבעטער געלאָפן, איבערהויפּט די מיידלעך. אַ ביסל שפּעטער איז געקומען בערל פינצאוו, אויך מייִנער אַ חבר פון דער ישיבה. ער איז געווען אַ בחור מיט דורכשניטלעכע פעאיקייטן און האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, אָבער צו דער באַוועגונג איז ער געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. ס'זייִנען אויך געקומען עטלעכע אַרבעטער פון וויטעבסק, אָבער איך געדענק נישט ווער זיי זייִנען געווען.

אַ ביסל פריער, איידער מייִנע חברים פון וויטעבסק זייִנען געקומען, בין איך קאָאָפּטירט געוואָרן אין קאָמיטעט. אין דער זעלבער צייט איז אויך קאָאָפּטירט געוואָרן גיסיע די שניידערקע. אויף אַזאַ אופן איז אויסגעפילט געוואָרן דער בלויז, וואָס האָט זיך באַקומען נאָך דעם איבערפאַל אויף רייזלס דירה. די באַוועגונג האָט שטאַרק אויפגעלעבט. די אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן זייִנען אויסגעפילט געוואָרן מיט נייע טוער. די צאָל פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער איז געוואַקסן. מיט איין וואָרט — מיר זייִנען געגאַנגען באַרג־אַרויף. אָבער עפּעס האָט דאָך געפעלט: מיר האָבן קיין אינטעליגענץ אין דער אָרגאַניזאַציע נישט געהאַט. אין אַ געוויסן טאָג, (אין די לעצטע חדשים פון 1899), ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט בענציע לעווין (איצט האָבן מיר

אים שוין געראָפן — בענציע דער וועבער), דערציילט ער מיר, אַז אין ביאַליסטאָק האָט זיך ערשטע באַזעצט אַ פּאָר־פאָלק — דר. ראָזענטאַל און זיין פרוי. זיי האָבן שוין געעפנט אַן אָפּיס אויף ליפּאָווע גאַס. ער — בענציע — האָט באַקומען אַ בריוו, אַז די ראָזענטאַלס זיינען זייער וויכטיקע טוער מיט אַ רייכער פאַרגאַנגענהייט, מען זאָל זיי ניט פאַרנאַכלעסיקן און זען באַלד אַריינציען זיי אין דער באַוועגונג. איצט איז די פראַגע אין וועלכער קערפּערשאַפט זאָל מען זיי אַריינגעמען. ער מיינט, אַז מען דאַרף זיי גלייך קאָאָפּטירן אין קאָמיטעט און פרעגט מיין מיינונג. איך האָב מסכים געווען מיט זיין מיינונג, אַזוי אויך חאַציע מוגנועז. אין אַ געוויסן אָוונט זיינען מיר אַלע דריי אַריינגעפאַלן צו די ראָזענטאַלס אין הויז, אַוועקגעזעצט זיך צוזאַמען מיט זיי אַרום טיש און געמאָלדן: — מיר עפענען די זיצונג פון קאָמיטעט. און אַזוי זיינען זיי צוקאָאָפּטירט געוואָרן צו דער אָנפירונג. מיר האָבן גיך דערזען, אַז מיר האָבן זיך מיט זיי נישט אָפּגענאַרט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און זיי האָבן באַקומען פאַרבינדונגען מיט דער אָרטיקער אינטעליגענץ און מיט דער שטודירנדיקער יוגנט. מען האָט אָרגאַניזירט פון זיי קרייזלעך, מיט וועלכע די ראָזענטאַלס האָבן אָנגעפירט.

שפּעטער (הערבסט 1900) האָט אין ביאַליסטאָק זיך באַזעצט נח (פּאָרטניי). אין דער אָרטיקער באַוועגונג האָט ער קיין אָנטייל נישט גענומען, דאָך איז געוואָרן פריילעכער. פון צייט צו צייט פלעגט מען זיך באַראַטן מיט אים וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען. קורץ נאָך דעם ווי די ראָזענטאַלס האָבן זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק, איז אַהער געקומען אסתר ריסקינד. זי איז געווען שוואַרץ ווי אַ ציגיינערין, מיט ברענענדיקע אויגן. זי האָט געשטאַמט פון ליאַדי און פון גרויסן יחוס — פון די משפּחות פון ליאַדיער רבין. זי איז געווען זייער אַ פעאיק און אינטעליגענט מיידל און אַ טייערע נשמה. ווען זי איז אַלט געוואָרן 16 יאָר, האָבן די עלטערן געוואָלט זי חתונה מאַכן, אָבער זי האָט זיך ענערגיש געשטעלט קעגן און איז אַוועקגעפאָרן אין כאַרקאָוו לערנען זיך וועלטלעכע לימודים. דאָרט האָט זי זיך באַקענט און באַ־פריינדט מיט פּאַוועל ראָזענטאַל, וועלכער איז געווען אַ סטודענט אין כאַרקאָווער אוניווערזיטעט. ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז פּאַוועל ראָזענטאַל האָט זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק, איז זי אויך געקומען אַהער און איז באַלד אַריין אין דער באַוועגונג. (זי איז שפּעטער געווען אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג פון וואַרשע, לאָדזש, ווילנע און אַנדערע שטעט און איז 1905 דערהרגעט געוואָרן אויף דער אַרבעטער־בערזע אין ביאַליסטאָק).

די אָרגאַניזאַציע־אַרבעט איז דעמאָלט געגאַנגען גלאַטיק און מיט דערפאָלג. מיר פלעגן אָפט אָרגאַניזירן פאַרזאַמלונגען, ווינטער־צייט קלענערע — 30 אָדער 40 מענטשן — אין פאַרשידענע הייזער. ווען עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט פרילינג און אין וואַלד איז נאָך ער־טערווייז געלעגן שניי און קליינע בלאָטקעס זיינען נאָך געווען פאַרצויגן מיט אייז, פלעגן מיר זיך שוין באַנוצן מיטן וואַלד. ווען דער זומער איז געקומען, איז דער וואַלד געווען דער איינציקער אָרט פאַר אונזערע פאַרזאַמלונגען, סיי קלענערע און סיי גרויסע, פון עטלעכע הונדערט מענטשן. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב געוואוינט אין ביאַ־ליסטאָק, איז קיין פאַרזאַמלונג אין וואַלד נישט דורכגעפאַלן.

איך וויל דאָ פאַרצייכענען אַ פּאָר עפּיזאָדן פון אַ סך, כדי צו אילוסטרירן, וואָס אונז איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד: איין מאָל, אַ שבת אין דער פרי, אָן ערך אַ וואָך פאַר דעם 1טן מאַי, האָט אונזער צענטראַלע סכאָדקע געדאַרפט זיך צוזאַמענקומען אין וואַלד. איך בין גראָד געקומען דער ערשטער. צוקו־מענדיק נאָענט צום וואַלד, האָט פאַר מיינע אויגן אַ בליאַסק געטאָן אַ באַ־גנעט פון אַ ביקס. ווען איך האָב זיך גוט צוגעקוקט, האָב איך דערזען אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אויף די פלייצעס שפּאַצירט אַרום צווישן די בוימער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט דער איינציקער. איך האָב אויפגעזוכט אַ קינד פון אַ יאָר 8־9, וואָס האָט געוואוינט לעבן וואַלד, און אים געבעטן ער זאָל צוגיין צום וואַלד כלומרשט אָנ־קלויבן אַ ביסל יאַגדעס און צוקוקן זיך, וואָס אין וואַלד קומט פאָר. באַלד איז דאָס קינד צוריקגעקומען מיט אַ הויפן יאַגדעס, שוואַרצע ליפּן און אַ שוואַרצער צונג און געזאָגט: אין וואַלד גייען אַרום סאָל־דאַטן מיט ביקסן. ס׳איז געווען קלאָר, אַז מען דאַרף אָפּהאַלטן אַלע, וואָס וועלן קומען, זיי זאָלן נית אַריין אין וואַלד. אָבער אין וואַלד קען מען אַריינקומען אויך פון אַנדערע געסלעך, וואָס געפינען זיך בשכנות. איך האָב געהאַט עטלעכע באַקאַנטע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געוואוינט אין דעם געסל. האָב איך זיי אַרויסגערופן פון די הייזער, פאַנאַנדערגעשיקט אין די אַרומיקע געסלעך און אָנגעזאָגט: אויב זיי וועלן זען גיין צום וואַלד, זאָלן זיי זאָגן, אַז דער וואַלד איז פול מיט סאָלדאַטן. אַזוי־ערנאָך זיינען אַלע פאַרהיט געוואָרן. קיינער איז נישט אַריינגעפאַלן.

אַ צווייטער עפּיזאָד: אויך אַ שבת אין דער פרי אין וואַלד. אונזער צענטראַלע איז געזעסן און באַהאַנדלט פאַרשידענע פראַגן. רוקט זיך צו צו מיר אַ חבר און שושקעט מיר אַריין אין אויער אַ פראַגע: — איר האָט „עפּעס" אויף אייער קוואַרטיר? „עפּעס" מיינט טריפהנע זאַכן.

איך האָב געהאַט ביי זיך אַ היפּשן פּאַק. איך ענטפער אים מיט אַ פראַגע — אַנטקעגן וואָס פרעגט איר דאָס? און ער ענטפערט — מען שפּיאָנעוועט אייער קוואַרטיר. — גוט וואָס איר האָט דאָס מיר געזאָגט. איך וועל דאָס האָבן אין זינען און זען, וואָס איך קען טאָן.

איך האָב געוואוינט צוזאַמען מיט מיינע צוויי חברים — סאָלאָמאָן לאַנדאַ און בערל פּינצאוו. יעדער פון זיי האָט אויך באַקומען די זעלבע וואָרנונג פון אַנדערע בחורים. גייענדיק צוריק אין שטאָט, דערציילן מיר מיינע מיטוואוינער, אַז מען שפּיאָנעוועט אונזער קוואַר־טיר. — איך וויס דאָס, האָב איך געזאָגט. מיר האָבן זיך מישב געווען וואָס צו טאָן. זיי זאָגן, אַז מען דאַרף גלייך אַלץ צונעמען און מאַכן ריין די קוואַרטיר, וויל פּאָליציי קען דאָך יעדע וויל אָנקומען. איך האַלט, אַז דאָס טויג נישט. ערשטנס, ס׳איז שבת און ס׳איז דעמאָלט נישט באַקוועם צו טראָגן פּעקלעך. צווייטנס, איז אַ סכנה, מען קען פאַרשלעפּן אַ שפּיאָן צו אַנדערע פּלעצער. אַזוי אַמפּערנדיק זיך, זייי־נען מיר אַרויף אין שטוב. גראָד איז אַריינגעקומען אייזיק דער וועַ־בער (זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען אַלטער), איינער פון אונזערע בחורים. דערהערט וועגן וואָס מיר אַמפּערן זיך, זאָגט אייזיק: — איך האָב אַ פאַרשלאַג. איך מיט שלום לעווין האָבן זיך ערשט אַריינגע־קליבן אין אַ נייער דירה. דערוויל בין איך זיכער, אַז מיר זיינען פולקאָם כשר, וויל עס איז נאָך נישט געווען קיין צייט ווער ס׳זאָל אונז אין עפּעס פאַרדעכטיקן. זאָל יעדער פון אונז אַרומפּאַקן אַרום זיך וויפל עס איז מעגלעך, מיר וועלן אַרויס איינציקווייז, אַוועק אין פאַר־שידענע ריכטונגען און דורך פאַרשידענע גאַסן קומען צו מיר. דער פּלאַן איז אונז געפעלן געוואָרן און מיר האָבן אים גענומען דורכפירן.

אין משך פון אַ שעה האָבן אַלע דריי פאַרלאָזט די קוואַרטיר. איך בין געבליבן דער לעצטער. איך האָב געהאַט פאַר זיך אַ באַקוועמען וועג דורכצושמוגלען זיך אומבאַמערקט פון אונזער וואוינונג. דער הויף, וואו אונזער דירה האָט זיך געפונען, איז געווען אַ גאַנץ לאַנגער. ביים סוף זיינען געשטאַנען צוויי געמויערטע הייזער, וואָס אויבן זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען אַזוי ווי איין הויז, אָבער אונטן איז געווען אַ שמאָלער דורכגאַנג צו אַ צווייטן הויף, וואָס האָט געפירט צו אַ געסל. אַזוי ווי איך בין געווען גאַנץ דין, האָב איך זיך געקענט דורכקוועטשן דורך דעם דאָזיקן דורכגאַנג. איך האָב זיך שוין עטלעכע מאָל באַנוצט מיט דעם וועג און איך בין איצט אויך אַוועק מיט דעם זעלבן וועג. מיר זיינען אַלע אָנגעקומען בשלום צו אייזיק דעם וועבער אין זיין נייער דירה. מיר האָבן דאָרטן געטראָפן שלום לעווין און נאָך אַ פּאָר אונזערע בחורים. מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגעגאַרטלט, אַרויסגעלייגט

די „סחורה" איז אַ ווינקל און אַרומגעזעצט זיך אַרום טיש. זייענדיק צופרידן פון דער אָפּגעטוענער אַרבעט, האָט איינער פאַרגעשלאָגן מען זאָל מאַכן טיי. אייזיק איז אַרונטערגעגאַנגען ברענגען געקאָכט וואַסער. באַלד ווי אייזיק איז אַוועק, האָט אַ קליין ייִנגל (דער זון פון באַלעבאָס) ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די טיר און עס זיינען אַריין צוויי פּאָליציאַנטן. זיי האָבן געפרעגט צי עס וואוינט דאָ אַ געוויסע פּערזאָן און אָנגערופן אַ נאָמען. — ניין, ער וואוינט דאָ נישט. — ווער וואוינט יאָ דאָ? האָבן זיי ווייטער געפרעגט. שלום לעווין האָט זיך אָפּגערופן — איך וואוין דאָ. זיי האָבן באַטראַכט די דירה און זיינען אַוועק. גלייך נאָך זיי איז געקומען אייזיק. ער האָט געזען, ווי פּאָליציאַנטן זיינען אַרויף און ער האָט געוואַרט אונטן ביז זיי זיינען אַרונטערגעגאַנגען. איצט איז געשטאַנען די פראַגע, וואָס באַדייט דער דאָזיקער וויזיט? איז דאָס געווען צופעליק, אָדער זיי זיינען געקומען אויסקוקן און באַלד וועט די דירה באַפאַלן ווערן פון פּאָליציי? אַלע זיינען געווען איינשטימיק, אַז מען טאָר זיך אויף ניסים ניט פאַרלאָזן און מען מוז גלייך אַלץ צונעמען. מען האָט באַשלאָסן דורכמאַכן די זעלבע פּראָצעדור וואָס פריער, ד. ה. יעדער זאָל נעמען וויפל ס'איז מעגלעך, אַוועקטראָגן ערגעץ און מאָרגן וועל איך דאָס צונויפקלייבן.

מיר איז אָנגעקומען נישט שווער צו באַפרייען זיך פון מיין ביסל „סחורה". איך האָב געהאַט אַ סך באַקאַנטע, וואו איך האָב געקענט איבערלאָזן טריפהנע סחורה אויף אַ קורצער צייט. די אַנדערע האָבן אויך קיין גרויסע שוועריקייטן נישט געהאַט. אַנדערש איז געווען מיט אייזיקן. ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין אָוונט, האָט ער מיר דערציילט אַזאַ געשיכטע. ער האָט איינגעפּאַקט די „סחורה" אין אַ קאָשיק, וואָס פרויען גייען מיט דעם אין מאַרק איינקויפן. ער איז אַוועק צו אַ פּאָר באַקאַנטע און געבעטן איבערלאָזן ביי זיי דעם קאָשיק ביז מאָרגן, אָבער זיי האָבן אָפּגעזאָגט. ער איז געבליבן מיטן קאָשיק אין מיטן גאַס און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. צופעליק האָט ער געטראָפן אונזערן אַ בחור, יוזקע, און האָט אים געפרעגט צי ער קען צונעמען ביי אים דאָס פּעקל און האַלטן ביז מאָרגן. יענער האָט געענטפערט, אַז ער וועט דאָס גערן טאָן, אָבער מען מוז וואַרטן ביז עס וועט ווערן פינצטער, ווייל קומען אַהיים מיט אַ פּעקל שבת קען ער ניט. זיי האָבן זיך אַ שטיקל צייט אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, נאָכדעם זיינען זיי אַריין אין אַ ביר־האַלע, אַוועקגעזעצט זיך ביי אַ טישל, באַשטעלט אַ פּאָר פלאַש ביר און געוואַרט ביז עס איז געוואָרן פינצטער. דעמאָלט האָט יוזקע גענומען דאָס פּעקל און אַוועק אַהיים. מאָרגן אין דער פרי, ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, מען קלאַפּט אין טיר.

ס׳איז געווען יוזקע. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָט־וואָס: ווען ער איז נעכטן אָוונט געקומען אַהיים מיטן פּעקל, האָט ער דאָס באַהאַלטן אויפן הויף אין אַ קעמערל מיט האָלץ. ער האָט געמיינט, אַז קיינער האָט דאָס נישט באַמערקט, און איז אַוועק אין גאַס. אָבער זיין שטיפטאַטע האָט דאָס יאָ באַמערקט. ווען יוזקע איז שפּעטער געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפן זיין מאַמען מיטן שטיפטאַטן שטיין ביי אַן אָנגעהייצטן אויוון און דער קאָשיק לעבן זיי. זיי זיינען גרייט געווען דאָס צו פאַרברענען. ער האָט געמאַכט אַ סקאַנדאַל, האָט געסטראַשעט און זיי האָבן זיך טאַקע דערשראָקן פאַר זיינע סטראַשונקעס — מאַלע וואָס אַ הפקר־יונג קען אָפּטאָן. זיי האָבן אים אָפּגעגעבן דעם קאָשיק בתנאי ער זאָל דאָס גלייך אין דער פרי אַוועקטראָגן און דאָס זאָל מער קיינמאָל אין הויז נישט געדאַכט ווערן. קיינער פון זיי איז יענע נאַכט נישט געשלאָפן, זיי האָבן געהיט איינע די אַנדערע. ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, זיינען די אַלטע איינגעשלאָפן און ער איז געקומען אַהער.

אייזיק פרעגט מיך וואָס ער זאָל טאָן? איך בין אַוועק צו אים אַהיים און צוגענומען דעם קאָשיק. אין משך פון טאָג האָב איך צונויפגעקליבן פון אומעטום די „סחורה" און אַוועקגעטראָגן אויף אַ זיכערן פּלאַץ.

איך האָב געבראַכט די פּאָר עפּיזאָדן אַלס אילוסטראַציע אויף וואָס מיר האָבן צוליב פאַרשידענע צופאַלן געדאַרפט פאַרשווענדן אַרבעט, צייט און ענערגיע.

די באַוועגונג אין ביאַליסטאָק איז אין יענער צייט געווען אין אַ גוטן צושטאַנד. די פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע איז אָנגעגאַנגען מיט אַ סיסטעם און אַ סדר. אַחוץ די פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס פלעגן מיר אויך אָנפירן מיט שטרייקן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פאַרשידענע פאַכן. צוויי פון זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

איינער איז געווען אין יאַנאָווסקיס טאַבאַק־פאַבריק. דאָרט האָבן געאַרבעט 300 מיידלעך — פּאַפּיראָסנמאַכערקעס און פון 30 ביז 40 מענער — סיגאַרמאַכערס. מען האָט געאַרבעט פון שטיק. אין דער פאַבריק האָבן מיר געהאַט אַ גאַנץ גוטע אָרגאַניזאַציע. אַ באַדייטנדע צאָל אַרבעטער — סיי מיידלעך, סיי מענער — האָבן געהערט צו דער באַוועגונג. אַ געוויסן טאָג דערציילט מיר אַ פּאַפּיראָסנמאַכערקע, אַז די לעצטע צייט קומט פאָר אין פאַבריק אַ מיאוסע זאַך: מען זאָגט אָפּ די יידישע מיידלעך און מען פאַרבייט זיי מיט קריסטלעכע. ס׳איז געווען, אַז אַ מיידל זאָל נישט אַרויסווייזן רעספּעקט צום פאַבריקאַנט אָדער ער זאָל גלאַט וואַרפן אַן אומחן אויף אַ מיידל, מ׳זאָל זי אָפּזאָגן. אויף די פּלעצער פון די אָפּגעזאָגטע אַרבעטן שוין קריסטלעכע מיידלעך. דאָס מיידל, וואָס האָט עס מיר דערציילט, האָט

פאַרלאַנגט עפּעס צו טאָן וועגן דעם. איך האָב צוגעזאָגט, אַז די אָר־גאַניזאַציע וועט דאָס באַטראַכטן און זען, וואָס מען קען טאָן.

* איך בין אַוועק צו די ראַזענטאַלס צו באַראַטן זיך מיט זיי. פּאַוועל האָט זיך באַצויגן גאַנץ קאַלט צו דער זאַך. ער האָט געזאָגט, אַז טאָן עפּעס וואָלט מען געקענט נאָר אין פאַל, אויב דער פאַבריקאַנט צאָלט די קריסטלעכע מיידלעך ווייניקער ווי די יידישע. אויב אָבער ער צאָלט דעם זעלבן פּרייז, קען מען גאָרנישט טאָן, ווייל די קריסטלעכע מיידלעך ווילן אויך פאַרדינען אויף צום לעבן. איך האָב מיט אים נישט מסכים געווען. איך האָב אָנגעוויזן, אַז וואַרשיינלעך וועט דער פאַ־בריקאַנט אַראָפּדריקן דעם פּרייז, ווען אים וועט זיך איינגעבן צו באַ־זעצן די פאַבריק מיט אַ מערהייט קריסטלעכע מיידלעך. מיר וועלן גאָרנישט קענען טאָן. אַרויסרופן די קריסטלעכע מיידלעך צו אַ שטרייק וועלן מיר נישט קענען און די פאַבריק וועט פאַר דער אָרגאַניזאַציע זיין פאַרלוירן. מיר האָבן זיך נישט געקענט צונויפרעדן און איך בין אַוועק מיט גאָרנישט.

אויף דער נאָענטסטער פאַרזאַמלונג פון דער צענטראַלע האָט מען די פראַגע וועגן יאַנאָווסקיס פאַבריק אַוועקגעשטעלט אויף דער טאָג־אָרדענונג. נאָך אַ לאַנגער און לעבהאַפטער דיסקוסיע האָט מען באַ־שלאָסן צו פאָדערן ביים פאַבריקאַנט צוריק צולאָזן צו דער אַרבעט די אָפּגעזאָגטע מיידלעך. און אויב ער וועט ניט נאָכגעבן, זאָל מען רופן אַ שטרייק. ווי געוויינלעך, האָט דער פאַבריקאַנט ניט נאָכגעגע־געבן. זיין טענה איז געווען, אַז וועגן צונעמען און אָפּזאָגן אַרבעטער קען אים קיינער קיין דעה ניט זאָגן. מיר האָבן אַרויסגערופן אַ שטרייק. אַלע אַרבעטער, אַחוץ דער קליינער צאָל קריסטלעכע מיידלעך, זיינען אַראָפּ פון דער אַרבעט. ס'איז אַוועק אַ וואָך און צוויי און דער פאַבריקאַנט איז געבליבן איינגעשפּאַרט. מיר האָבן גענומען נאָכ־טראַכטן וועגן אַנדערע מיטלען, וואָס זאָלן צווינגען דעם פאַבריקאַנט נאָכצוגעבן. איינער פון אונז, דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען חאַציע מונוועז, האָט פאָרגעשלאָגן מען זאָל דערקלערן אַ באָיקאָט אויף יאַנאָוו־סקיס פּאַפּיראָסן. ער האָט אַרגומענטירט: די אַרבעטער וועלן אונז געוויס פאָלגן און אויפהערן צו קויפן יאַנאָווסקיס פּאַפּיראָסן. און ס'איז זייער מעגלעך, אַז אין דער געזעלשאַפט בכלל וועלן זיך געפינען אַ סך סימפּאַטיקער, וואָס וועלן אויך פאָלגן. דאָס קען ווירקן אויפן פאַבריקאַנט צו ווערן ווייכער. דער פאָרשלאָג איז געפעלן און מיר האָבן אים אָנגענומען. מיר האָבן אָפּגעדרוקט אויף קליינע שטיקלעך פּאַפּיר נאָר 2 שורות: 1) אַ חרם אויף יאַנאָווסקיס פּאַפּיראָסן! (אין קלאַמערן: באָיקאָט), 2) קויפט נישט יאַנאָווסקיס פּאַפּיראָסן! מיט די

צעטעלעך האָבן מיר באַקלעפּט די גאַנצע שטאָט. אַלע ווענט, אַלע סלופּעס און אויך אַלע שוהלן און בתּי־מדרשים.

אין שייכות מיט דעם דערמאָן איך זיך אַ קוריאָז: אין איין שוהל איז דער שמש געווען אַ באַאיוועך מענטש און אַ זייער פרומער ייד. דערזען אַ צעטל, וואו עס שטייט געשריבן אַ חרם אויף יאַנאָווסקיס פּאַפּיראָסן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַן עבירה צו רויכערן די דאָזיקע פּאַפּיראָסן. אַזוי ווי ניט אַלע, וואָס קומען דאַווענען, גיבן זיך די מי צו גיין לייענען אַ צעטל, וואָס איז אָנגעקלעפּט אויף דער וואַנט, האָט ער גענומען אויף זיך די מצווה צו לאָזן וויסן קהל וועגן דעם. נאָכן דאַווענען איז ער אַרויף אויפן באַלעמער, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אויסגערופן: — יידן, מען טאָר ניט קויפן יאַנאָווסקיס פּאַפּיראָסן. ס'איז אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף זיי!

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט יאַנאָווסקי דערפילט דעם באָיקאָט. ער האָט דערזען, אַז מען האָט אויפגעהערט צו קויפן זיינע פּאַפּיראָסן. און אויב עס זאָל ווייטער אַזוי אָנהאַלטן, וועט ער דאַרפן איינגאַנצן צו־מאַכן די פאַבריק. ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ער גיט נאָך די פאָדערונג, ער וועט צוריקנעמען אַלע אָפּגעזאָגטע מיידלעך. מיר האָבן דעם שטרייק געוואונען. דעם טאָג, ווען די מיידלעך זיינען צוריק געגאַנגען צו דער אַרבעט, איז ביי אונז אַלע געווען אַן אמתער יום־טוב.

דעם צווייטן שטרייק, וואו איך בין געווען איינער פון די שטרייקער, האָבן מיר פאַרלוירן און גאַנץ מיאוס. דאָס איז געווען אויף אַ טירל־פאַבריק. דאָרט האָבן געאַרבעט פון 30 ביז 40 אַרבעטער. דער אַרבעטסטאָג איז געווען 13 שעה. מיר האָבן געפאָדערט אַרונטער־נעמען אַ שעה. ווען מיר האָבן אָפּגעשטרייקט אַ וואָך און דער באַלע־באָס האָט נישט נאָכגעגעבן, האָבן אַ טייל אַרבעטער ביי זיך באַשלאָסן, אַז צוליב אַזאַ „קלייניקייט" ווי איין שעה אַ טאָג, לוינט נישט ווייטער צו פירן דעם שטרייק און זיי זיינען אַוועק אַרבעטן אויף די אַלטע באַ־דינגונגען. די איבעריקע האָבן נאָכדעם אויך געטאָן דאָס זעלבע. ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָט מיך דער אויפזעער באַגעגנט און געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר ניט קיין אַרבעט. איך בין געבליבן אַרבעטסלאָז.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך באַקומען אַרבעט אין אַ קליינעם וואַרשטאַט, וואו עס האָבן געאַרבעט דער באַלעבאָס אַליין און איין אַרבעטער און איך בין געווען דער צווייטער. נאָכן אָפּאַרבעטן עט־לעכע וואָכן, האָט דער באַלעבאָס געפאָדערט איך זאָל אַרבעטן מיט אַ שעה לענגער. איך האָב ניט געוואָלט נאָכגעבן און איך בין ווידער געבליבן אַרבעטסלאָז.

6. אַ פּאַרטיי־פּראָפעסיאָנאַל

כ׳האָב ניט געהאַט קיין אויסזיכטן צו קריגן באַלד אַרבעט, ווייל אין שטאָט האָט זיך אָנגערוקט אַ קריזיס און ס׳זיינען געווען מאַסן אַרבעטסלאָזע. האָבנדיק אַ סך פרייע צייט, פלעג איך אָפט צופאָרן, אין די אינטערעסן פון דער באַוועגונג, אין די אַרומיקע קליינע שטעטלעך, וואו עס האָבן זיך געפונען לעדער־פאַבריקן מיט אַ סך גאַרבער־אַרבעטער.

אין ביאַליסטאָק האָט יעדער פאַך געהאַט אַחוץ דער עקאָנאָמישער קאַסע אויך אַ פּאָליטישע, ד. ה. יעדער אַרבעטער, וואָס האָט געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע, האָט אַריינגעטראָגן וועכנטלעך אַ געוויסן אָפּצאָל פאַר די הוצאות פון דער אָרגאַניזאַציע. די פאָרשטייער פון די סכאָדקעס האָבן די איינקאַסירטע געלטער איבערגעגעבן מיר. פון צייט צו צייט האָב איך זיך אויסגעחשבונט מיט אַנאַ ראָזענטאַל. אויב נאָכן דעקן די לויפנדע הוצאות איז עפּעס איבערגעבליבן, האָב איך דאָס איר איבערגעגעבן. איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך אויסגעחשבונט און איך האָב איר געוואָלט אָפּגעבן די איבערגעבליבענע סומע, האָט זי מיר געזאָגט: — דאָס האַלט פאַר זיך. איר אַרבעט דאָך ניט און האָט ניט קיין אויסזיכט צו קריגן אַרבעט. און ווען אַפילו איר זאָלט קענען קריגן אַרבעט, האָט איר ניט ווען צו אַרבעטן. איר זענט דאָך כסדר פאַרנומען מיט דער אַרבעט פאַר דער באַוועגונג. פון היינט אָן זאָלט איר נעמען פאַר זיך וויפל איר דאַרפט פון די געלטער, וואָס קומען אַריין צו אייך.

איך האָב זיך דערפילט פריקרע און גענומען זיך קווענקלען, אָבער אַנאַ האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם: — ניטאָ וואָס צו טראַכטן, וואָס צו קווענקלען זיך, אַזוי וועט דאָס זיין.

אויף אַזאַ אופן בין איך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנאַל. אַ וועכנטלעכער געהאַלט איז ניט געווען באַשטימט, אָבער איך האָב געהאַט דאָס רעכט צו נעמען וויפל ס׳איז מיר נויטיק געווען. אויף וויפל איך געדענק, קען איך מיט אַ ריינעם געוויסן זאָגן: — איך האָב ניט מיסברויכט.

איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט. פון צייט צו צייט האָט אָבער דער צענטראַל־קאָמיטעט מיך

געשיקט מיט שליחותן אין דער אָדער יענער שטאָט. צווי אַזעלכע שליחותן געדענק איך. וועגן איינער געדענק איך אויך וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט.

געווען איז דאָס סוף 1900. דער מינסקער קאָמיטעט פון בונד האָט באַשלאָסן איינאָרדענען אַן אייגענע דרוקעריי, כדי צו האָבן אַ מעג־לעכקייט אַרויסצולאָזן מער דרוקזאַכן און אפשר אויך אַ פּעריאָדישע צייטשריפט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דאָס געהאַלטן פאַר ניט געוואונטשן. ווי איך געדענק, האָט ער אָנגעגעבן פאָלגנדע אַרגו־מענטן: אַ דרוקעריי בעמט צו אַ געוויסע צאָל מענטשן, וועלכע ווערן איזאָלירט פון דער באַוועגונג. און ווען עטלעכע קאָמיטעטן זאָלן טאָן דאָס זעלבע און איינאָרדענען אייגענע דרוקערייען, וועט דאָס זיין אַ גרויסער פאַרלוסט אין קרעפטן. דער צוזאַמענבונד מיטן צענטראַל־קאָמיטעט וועט אויך אָפּגעשוואַכט ווערן און דער גאַנצער בונד וועט ווערן אַ לויזע אָרגאַניזאַציע. מעגלעך אַז ס'זיינען געווען נאָך אַרגו־מענטן, וואָס איך האָב פאַרגעסן. אַחוץ די אַרגומענטן האָב איך גע־דאַרפט איבערגעבן די מינסקער חברים די פאַרזיכערונג פון צ. ק., אַז אַלץ וואָס זיי וועלן צושטעלן צו דער צענטראַלער דרוקעריי, וועט אויסגעפירט ווערן אָן אָפּהאַלט. אין מינסק האָט געוואוינט מיינער אַ חבר פון וויטעבסק — פסח מעזשעוועצקי. ער איז דאָרט געווען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט און האָט געוואַרט אויף זיין אורטייל. צו אים טאַקע האָט מיר נח געגעבן דעם אַדרעס. דערביי האָט ער מיר אָנגעזאָגט איך זאָל אים בעטן ער זאָל מיך צוזאַמענפירן מיטן גוי. ביים געבן איינעם אַ צונאָמען פלעגן ביי אונז טיילמאָל פאַרקומען פאַרשידענע קוריאָזן: איז איינער געווען אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס, האָבן מיר אים אַ נאָמען געגעבן „ליליפּוט"; איז איינער געווען אַ מיאוסער, האָבן מיר אים גערופן „פּרעקראַסני". אַ. ד. ג. ווען נח האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך טרעפן מיט אַ גוי, האָב איך געטראַכט: מסתמא וועל איך טרעפן אַ יידן מיט אַ גרויסער באָרד און אַ לאַנגער קאַפּאָטע. אין מינסק האָב איך אויפגעזוכט מיין חבר. ס'איז געווען אַ וואַרעמע און האַרציקע באַגעגעניש. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל זען דעם גוי. גוט, האָט ער געזאָגט, מאָרגן וועלן מיר זיך טרעפן מיטן גוי. מאָרגן אינדערפרי האָט ער מיך אַוועקגעפירט אין אַ פּלאַץ, דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ קליינער רעסטאָראַן אויף אַ זייטיקער גאַס, אַהין איז אויך געקומען דער גוי. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ יונגן בחור — הויך, שלאַנק, פלאַקסענע האָר און גוטע, קלוגע אויגן מיט אַ לענגלעכן, אויסערגעוויינלעך בלאַסן פּנים. אַן אמתער טיפּ פון אַן אידעלן, אינטעליגענטן און סימפּאַטישן בחור — דאָס איז געווען מעדעם.

איך האָב זיי איבערגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון צענטראַל־קאָמיטעט, — די אַרגומענטן און צוזאָגן. אײדער די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן, האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך בין ניט קיין מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט, איך פיר בלויז אויס זיין שליחות. איך האָב געמיינט, אַז דורכפירן מיין שליחות בשלימות הייסט, אַז איך דאַרף פון זיי אַרויסקריגן אַ באַשלוס זיך אָפּצוזאָגן פון געדאַנק איינצואָרדענען אַן אייגענע דרוקעריי. אויף דעם האָב איך געפרעסט בעת דער דיסקוסיע, אָבער מעדעם האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. ער האָט מיר געזאָגט: — איר האָט אונז איבערגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון צענטראַל־קאָמיטעט און זיינע אַרגומענטן. מיט דעם האָט איר שוין אייער שליחות דערפילט. איצט גיט אונז די פּריווילעגיע צו באַטראַכטן די זאַך שפּעטער אין אייער אָפּוועזנהייט, ווען מיר וועלן ניט זיין אונטער אייער דרוק. מיר קענען אייך צוזאָגן, אַז מיר וועלן זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון צענטראַל־קאָמיטעט.

איך בין אַוועקגעפאָרן אַן אומצופרידענער. איך בין געווען זיכער, אַז איך בין מיט מיין שליחות דורכגעפאַלן. ווען איך בין געקומען אין ביאַליסטאָק, זיך געזען מיט נחן און אים דערציילט אַלץ ווי עס איז צוגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט: — איך בין צופרידן, ס'איז גוט. — וואָס איז די גוטסקייט? האָב איך געפרעגט. — קוים האָבן זיי צוגעזאָגט צו רעכענען זיך מיט אונזער מיינונג, וועט שוין רעכט זיין, איז געווען נחס ענטפער.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט מיך געשיקט מיט אַ שליחות אין וואַרשע, אָבער איך געדענק ניט וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט. וואַרשיינלעך האָב איך געדאַרפט איבערגעבן אַ געוויסן באַשלוס אָדער רעקאָמענדאַציע צו דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. פון די אָנגעזעענע טוער האָבן דעמאָלט געוואוינט אין וואַרשע צביה די זעמשעריין און מאַריע זשאַלודסקי. אין אָוונט האָב איך זיך געטראָפן מיט צביהן און געזאָגט, אַז איך האָב עפּעס איבערצוגעבן דער אָרגאַניזאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט. האָט זי געזאָגט: — גוט, היינט טאָקע פאַרזאַמלט זיך די אַגיטאַטאָרסקע. קומט און איר וועט דאָרט איבערגעבן וואָס איר דאַרפט. מיר זיינען אַוועק צו דער פאַרזאַמלונג, און איך האָב איבערגעגעבן וואָס איך האָב געדאַרפט. מען האָט דעבאַטירט און איך געדענק, אַז דער באַשלוס איז געווען פאַר מיר צופרידנשטעלנדיק.

באַלד ווי די זיצונג האָט זיך געענדיקט, איז מען מיך באַפאַלן פון אַלע זייטן מיט טענות, פאַרוואָס דער צ. ק. פאַרנאַכלעסיקט וואַרשע. די אָרטיקע באַוועגונג איז פאַרצווייגט און וואַקסט זיך פאַנאַנדער, מען

וואָלט געקענט אַ סך מער אויפטאָן, אָבער מיר האָבן ניט קיין קרעפטן. דער צענטראַל־קאָמיטעט מוז צושיקן אַ פּאָר מענטשן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז זייערע טענות זײַנען טאַקע גערעכטע, אָבער זיי ווענדן זיך אויף אַ פאַלשן אַדרעס. איך בין ניט קיין מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט. איך ווייס ניט צי זיי האָבן מיר געגלויבט, אָבער זיי האָבן געענדערט דעם אופן פון דעם געשפּרעך. אַנשטאָט דעם, וואָס פריער האָבן זיי גערעדט צו מיר ווי צו איינעם פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָבן זיי זיך צו מיר געווענדט מיט אַ בקשה: איך זאָל זיי דאָרט זאָגן, איך זאָל זיי דאָרט דערציילן א. אַז. וו..

איך האָב צוגעזאָגט איבערצוגעבן אַלע זייערע גערעכטע טענות. פריער בין איך געווען אַ שליח פון צ. ק. צו דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, בין איך איצט געוואָרן אַ שליח פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע צום צ. ק.. מיר האָבן זיך גאַנץ פרײַנטלעך געזעגנט און איך בין אַוועקגעפאָרן.

קומענדיק צוריק אין ביאַליסטאָק, בין איך אַרײַנגעגאַנגען צו ראָזענטאַלן. דאָרט איז אויך געווען נח. איך האָב אַלץ איבערגעגעבן און געזאָגט, אַז לויט מײַן מיינונג זײַנען די וואַרשעווער חברים גערעכט. אויף דעם האָט נח, מיט זײַן שטענדיקן גוטמוטיקן שמייכל, זיך אָפּגערופן: — אַוודאי זײַנען זיי גערעכט, אָבער וואָס קענען מיר טאָן? עס וואַלגערן זיך ביי אונז מענטשן און מיר שיקן זיי ניט? איר ווייסט דאָך אַליין, אַז מיר האָבן ניט. ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וועלן מיר דאָס געוויס טאָן.

איך האָב זיך מיט דעם ענטפער ניט צופרידנגעשטעלט. אויף דער ערשטער מעגלעכקייט דאַרף מען לאַנג נישט וואַרטן. די מעגלעכקייט איז שוין איצט פאַראַן. אין פאַרגלייך מיט וואַרשע, איז ביאַליסטאָק צו רײַך אין קרעפטן. מען קען אָפּשפּאָרן אַ פּאָר מענטשן און אַוועקשיקן אַהין, וואו זיי זײַנען נייטיקער. — נו, מיר וועלן זען, האָט נח געזאָגט און ביי דעם איז דאָס דערווייל געבליבן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען איך האָב געטראָפן נחן, האָט ער זיך צו מיר געווענדט מיט אַ פראַגע: — זאָגט מיר, אבראַם, וואָלט איר וועלן אַוועקפאָרן פון ביאַליסטאָק? אַ מאָמענט בין איך געבליבן שטיין און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב זיך אין ביאַליסטאָק זייער גוט אײַנגעלעבט. די גאַנצע סביבה, די אַטמאָספער איז געווען זייער אַן אָנגענעמע, דאָך האָב איך באַלד געענטפערט: — אויב דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט באַשליסן, אַז איך דאַרף אַוועקפאָרן, וועל איך זיך אונטערוואַרפן. זאָגט מיר נח: — כ׳האָב גערעדט וועגן דעם מיט פאַוולען און אַנאַן, זאָגן זיי, אַז מען טאָר איך פון ביאַליסטאָק

ניט צונעמען. מען מוז אייך האָבן דאָ. — דאָס איז ניט ריכטיק, ביאַליסטאָק קען אויסקומען אָן מיר, איז געווען מיין ענטפער. — אויב אַזוי, קענט איר זיך גרייטן אין וועג אַריין. איך וועל איבערגעבן פּאַוולען און אַנאַן וואָס איר אַליין טראַכט וועגן פאַרלאָזן ביאַליסטאָק. און נח האָט פּאַרענדיקט דעם געשפּרעך מיט די ווערטער: — אָבער פאָרן וועט איר נישט אין וואַרשע, נאָר אין לאָדזש. וואַרשע קען דערוויל וואַרטן. אין לאָדזש זענט איר נויטיקער.

אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז אין אַ באַשטימט הויז וועלן זיך צונויפקומען אַ גרופּע חברים צו געזעגענען זיך מיט מיר. אין אָוונט בין איך געקומען אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס און איך האָב געטראָפן אַ גרופּע גאָר נאָענטע חברים. צווישן זיי זיינען אויך געווען פּאַוועל און אַנאַ ראַזענטאַל. נח איז ניט געווען. ער האָט אין דער אַרטיקער באַוועגונג קיין אָנטייל נישט גענומען. אויף אַ חברישן אופן האָבן מיר פאַרבראַכט אַן אָנגענעמען אָוונט. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט און אויף מאָרגן בין איך אָוועקגעפאָרן אין לאָדזש.

איך האָב געהאַט צוויי אַדרעסן אין לאָדזש — איינער צו פּנחס דעם שוסטער (קאַלקשטיין, שפּעטער קאַרל) און דער צווייטער צו סינאַי יאַקאָבי — אַ דרוקער. איך האָב זיי ביידע געקענט. זיי פלעגן קומען פון צייט צו צייט אין ביאַליסטאָק. אין לאָדזש האָב איך אָן שוועריקייטן געפונען די דירה פון סינאַי דעם דרוקער. אין זיין דירה האָב איך געטראָפן נאָך 3 בחורים: איינער פון זיי איז געווען שמאַי קרומקאָפּ (וויסענבלום), — אַ וועבער. אים האָב איך געקענט. ער פלעגט אויך טיילמאָל קומען אין ביאַליסטאָק, די אַנדערע האָב איך פון פריער נישט געקענט. איינער איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטער — ריטערבאַנד איז געווען זיין נאָמען. דער אַנדערער — פּונקט דער היפּוך — אַ נידעריקער, אַ דאַרער מיט אַ בלאַסן פּנים (זיין נאָמען געדענק איך ניט). ביידע זיינען געווען שניידער און אַלע — אַרבעטסלאָז.

איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין געקומען צו באַזעצן זיך אין לאָדזש. — אויב אַזוי, האָט זיך אָנגערופן סינאַי, איז דאָך גוט. אַזוי ווי איר זענט ערשט געקומען, האָט איר דאָך מסתמא געלט. טאָ לייגט אַרויס אויפן טיש עטלעכע קאָפּיקעס, וועלן מיר קויפן טיי, ברויט און אפשר נאָך עפּעס. מיר וועלן מאַכן אַ סעודה און פייערן אייער אָנקומען. איך האָב אַרויסגעלייגט עטלעכע קאָפּיקעס, מען האָט געבראַכט ברויט, טיי און, דאַכט זיך, אַ הערינג אויך און מיר האָבן געהאַט אַ סעודה כיד המלך.

אין אָוונט איז געקומען משה לייב דער וועבער (לעווקאָוויטש) —

אַ טייערער, אינטעליגענטער בחור און אַ גוטער רעדנער. צווישן די לאָדזשער אַרבעטער איז ער געווען זייער פּאָפּולער, אַלע האָבן אים ליב געהאַט און געאַכטעט. שפּעטער איז געקומען אסתּר ריסקינד. זי איז געקומען אין לאָדזש אַ פּאָר חדשים פריער פון מיר. מיר האָבן פאַרבראַכט דעם אָוונט אַלע צוזאַמען און פאַרן אַוועקגיין האָב איך אָפּגערעדט מיט אסתּר ריסקינדן, זי זאָל קומען מאָרגן אין דער פרי און גיין מיט מיר זוכן אַ צימער. זי איז טאַקע געקומען און מיר זיינען אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר שעה, געזוכט — אָבער גאָרניט געפונען. דעם ווייטערדיקן טאָג זיינען מיר ווידער געגאַנגען זוכן און אַלץ ניט געפונען קיין פּאַסיקן צימער פאַר מיר. דערווייל האָב איך געוואוינט ביי סינאַי.

ביי אונז איז געווען איינגעפירט, אַז איידער מען גייט שלאָפן, דאַרף מען צונויפנעמען די „טריפהנע" זאַכן פון שטוב, מאַכן אַ פּעקל און באַהאַלטן עס אויפן הויף. דער הויף איז געווען אַ לאַנגער און ביים סוף זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן ברעטער, קלעצער און סתם אָפּפאַל. דאָרט פלעגט מען דאָס פאַרשטעקן און אין דער פרי צוריק אַרויפברענגען. איין מאָל אין דער פרי האָט מען דאָס פּעקל נישט געפונען. זיכער, אַז עמיצער האָט עס שוין פריער צוגענומען. ס'איז אַנטשטאַנען אַ פראַגע צי שטעקט ניט אין דעם אַ סכּנה פאַר אונז. מיר האָבן וועגן דעם דיסקוטירט און געקומען צום אויספיר, אַז ניין. ניטאָ וואָס צו זאָרגן זיך וועגן דעם. אין הויף וואוינען אַ סך שכנים און ביי קיינעם פון אונז איז ניט אָנגעשריבן אויפן שטערן, אַז דאָס פּעקל געהערט צו וועמען עס איז פון אונז. אויב אַפילו דאָס פּעקל איז אַריינגעפאַלן צום סטרוזש און ער האָט דאָס איבערגעגעבן דער פּאָליציי, מיינט דאָס אויך גאָרניט פאַר אונז. אין דער צייט איז אַריינגעקומען אסתּר ריסקינד. און זי האָט מסכּים געווען מיט אונז.

מיר זיינען געבליבן זיצן באַרואיקטע. אָבער גאָר גיך איז אַריינגעקומען דער זשאָנדצע און צעשטערט אונזער רואיקייט. — ווער עס איז ניט געמאָלדן זאָל אַוועקגיין, באַלד וועלן קומען אַהער סיסטשיקעס, האָט ער געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען. ס'איז געווען קלאָר, אַז אסתּר מוז גלייך נעלם ווערן. צו מיר האָט סינאַי געזאָגט: — איר קענט בלייבן. דאָס וואָס איר זענט ניט געמאָלדן, איז גאָרנישט. איר זענט ערשט געקומען און ס'איז נאָך נישט געווען קיין צייט וועגן צו מעלדן זיך. איך האָב אים געפאָלגט; איך בין געבליבן און אסתּר איז אַוועק.

גלייך ווי אסתּר איז אַרויס, האָבן זיך אין צימער אַריינגעריסן 5 אָדער 6 גרויסע, געזונטע חברה־לייט, אַלע ציוויל געקליידעט. אונזערע אויגן האָבן זיך געווענדט צו דער טיר. מיר זיינען געווען זיכער, אַז נאָך זיי קומען זשאַנדאַרמען און פּאָליציי. אָבער קיינער איז מער ניט

געקומען. איינער פון די אַריינגעקומענע האָט אַ געשריי געטאָן: — אויפשטיין! מיר זיינען געבליבן פריטשמעליעט און נישט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. מען פאַרדעכטיקט דאָך אונז, אַז דאָס פעקל אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור געהערט צו אונז, איז דאָך דאָס אַ פּאָליטישער ענין. טאָ ווי קומט אַזאַ גראָבע באַנעמונג? מיר האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט. אָבער זיי האָבן אונז ניט געלאָזט לאַנג טראַכטן. אַ צווייטן מאָל האָט זיך דערהערט דער אויסגעשריי — אויפשטיין! מיט פאַרביילטע פויסטן איז איינער פון זיי געלאָפן צום טיש. מיר האָבן דערזען, אַז דאָס איז אַ שפּיל פאַרן טייוול און מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט. מיט אַמאָל עפנט זיך די טיר און איינער פירט אַריין אסתרן. ער איז געשטאַנען אונטן און ער האָט געזען — זאָגט ער — אַז אסתר איז אַרויס פון דער וואוינונג. זי לייקנט שטיין און ביין — זי איז דאָ נישט געווען. מען שטעלט איר פאַרשידענע פראַגעס און זי גיט תירוצים. די לעצטע פראַגע איז געווען — וואו וואוינט זי? און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. זי האָט געהאַט אין דער היים אַ סך „טריפהנע סחורה". זי האָט באַשלאָסן ניט זאָגן גלייך וואו זי וואוינט און פּרובירן געווינען צייט. זי האָט געזאָגט: — ניט גאָר ווייט פון דאַנען. דעם נאָמען פון דער גאַס האָט זי פאַרגעסן, דעם נומער פון הויז אויך פאַרגעסן, אָבער זי האָט אירע סימנים, זי ווייס ווי צו קומען אַהין.

דער אָנפירער פון דער אָבלאַווע האָט געהייסן איינעם גיין מיט איר אַהיים, זען צי זי זאָגט אמת, און נאָכדעם ברענגען זי אין פּאָ־ליציי־צירקל. אַרונטערגייענדיק מיטן שפּיאָן אין גאַס, האָט זי באַשלאָסן, כלומרשט זוכנדיק דאָס הויז וואו זי וואוינט, אים אַרומפירן גאָר לאַנג. אפשר וועט געשען אַ נס און זי וועט פּטור ווערן פון איר באַגלייטער. און אַ נס איז געשען: אַרומגייענדיק מיטן שפּיאָן אַ געוויסע צייט האָט זי דערזען, אַז עס קומט אַנטקעגן אַ באַקאַנטער בחור, וועלכער האָט געוואוסט וואו זי וואוינט. זי האָט אים אַ וואונק געטאָן און יענער האָט דעם וואונק פאַרשטאַנען. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס און גענומען זוכן אין די קעשענעס אַ שוועבעלע און ניט געפונען. דערווייל האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיט אסתרן. ער האָט זייער העפלעך אין אַ גוטן פּויליש זיך געווענדט צו איר באַגלייטער און געבעטן אַ שוועבעלע. יענער האָט גענומען זוכן און אין דעם מאָמענט האָט אסתר, אַזוי ווי צו זיך אַליין, אַ בורטשע געטאָן: — ריינמאַכן מיין דירה. דער בחור האָט פאַרויכערט דעם פּאַפּיראָס און איז אַוועק. אסתר מיטן שפּיאָן זיינען ווייטער אַוועק זוכן דאָס הויז וואו זי וואוינט. דער בחור האָט שנעל גענומען עטלעכע בחורים, וועלכע זיינען אַוועק צו אסתרס דירה

און אַלץ צוגענומען, איינער האָט נאָכדעם אָנגעיאָגט אסתרן און פאַר־בייגייענדיק, ווי צו זיך אַליין, אַ בורטשע געטאָן: — כשר. באַלד האָט אסתר שוין דערקענט דאָס הויז וואו זי וואוינט. זי האָט אַריינגעפירט דעם שפּיאָן אין איר צימער, געוויזן אירע זאַכן. ער האָט זי אָוועק־געפירט אין פּאָליציי־צירקל. דאָס אַלץ האָט מיר אסתר דערציילט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן אין ביאַליסטאָק.

אונז, 5 בחורים, האָבן די שפּיאָנען געבראַכט אין פּאָליציי־צירקל און פאַרשפּאַרט אין אַ קאַמער. אָהער האָט מען געברענגט אַלע, וואָס זיינען געוואָרן אַרעסטירט אין משך פון טאָג: גנבים, גאַסן־פרויען און פּאָר אַנדערע חטאים. דאָ האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך אַליין האָב צו לייזן אַ שווער פּראָבלעם. איך האָב געהאַט ביי זיך דריי פּאַספּאָרטן: איינער, דער אמתער וועמענס טערמין איז שוין געווען אויסגעגאַנגען; אַ צווייטער — מיין נייער פּאַספּאָרט — וואָס איז געווען אַ נאָכגעמאַכטע קאָפּיע פון דעם אַלטן; דער דריטער — אַ פּאַספּאָרט פון אַ מיידל, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און אירער אַ ברודער האָט אים מיר איבערגעגעבן, כדי די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך באַנוצן מיט אים. פאַרן אַוועקפאָרן האָב איך פאַרגעסן איבערלאָזן אים. זייענדיק אין לאָדזש, האָב איך פאַרנאַכלעסיקט אים אָפּצושיקן קיין ביאַליסטאָק און איך האָב אים געהאַט ביי זיך. ס'איז געווען קלאָר, אַז דעם פּאַספּאָרט דאַרף איך פאַרניכטן. איצט איז געשטאַנען די פראַגע, וועלכן פון מיינע צוויי אייגענע פּאַספּאָרטן דאַרף איך פאַרניכטן? דעם אַלטן, דעם אמתן, וואָס איז שוין לאַנג געווען אויסגעגאַנגען, אָדער דעם נייעם, וואָס איז אַ נאָכגעמאַכטע קאָפּיע? איך האָב באַשלאָסן צו פאַרניכטן דעם אַלטן. איך האָב אויסגערעכנט, אַז אויב דער אַרעסט וועט זיך אַרויסווייזן ניט ערנסט, וועט מען מיך אָפּהאַלטן אַ קורצע צייט און אַרויסלאָזן, דאַקעגן אויב איך וועל האָבן דעם אַלטן, שוין ניט־גילטיקן פּאַספּאָרט, וועט מען מיך שיקן מיטן עטאַפּ אין מיין געבורטשטאָט. און אַהין טאָר איך ניט קומען. אָנגענומען אַ באַשלוס, האָב איך זיך געפרעגט — ווי אַזוי פאַרניכטעט מען די 2 פּאַספּאָרטן? איך האָב באַטראַכט די קאַמער און געזען: אין איין ווינקל איז געשטאַנען אַ וואַסער־שיסל, אין וועלכער עס איז געלעגן אַ באַרג צעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר און פון קראַן האָט זיך כסדר געגאָסן וואַסער אויף דעם. אין אַ צווייטן ווינקל איז געשטאַנען אַ הויכער קאַכלנער אויוון, וואָס האָט ניט דערגרייכט די סטעליע. צווישן דעם אויוון און די סטעליע איז געווען אַ חלל און אַז מען זאָל אַרויפוואַרפן עפּעס אַהין וועט עס בלייבן ליגן ביז משיח וועט קומען. איך האָב דעם פרויען־פּאַספּאָרט צונויפגעדרייט, געמאַכט

די ערשטע טריט אין וויטעבסק

אַבראַם גינזבורג (נאַומאָוו)



באָרים צייטלין (באַטורסקי)

אברהם אַמסטערדאַם

ליזע גרינבלאַט־אַמסטערדאַם

דר. פּאַוועל און אַנאַ ראָזענטאַל

אסתר ריסקינד

ראָזע לעוויט (פרידע)

אַ קליין באַלעכל און אַרויפגעוואָרפן אַהין. מיין אַלטן פאַספּאָרט האָב איך צעריסן אויף פּיצלעך, אַריינגעוואָרפן אין דער וואַסער־שיסל און צונויפגעמישט מיט די איבעריקע שטיקלעך פּאַפּיר. דאָס זעלבע האָב איך געטאָן מיט עטלעכע פאַרשריבענע בלעטלעך פון מיין נאָטיץ־ביכל. איך האָב דערפילט אַ לייכטקייט אין מיין געמיט, מיין שווער פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן.

אין דער קאַמער, וואו מיר זיינען געווען פאַרשפּאַרט, האָט מען אונז אָפּגעהאַלטן לאַנגע שעהן. ערשט ווען די נאַכט האָט גענומען צופאַלן, האָט מען אָנגעהויבן אַרויסרופן איינציקווייז אונזער גרופּע אין קאַנטאָר. די אַרויסגערופענע זיינען צוריק ניט געקומען. ווען איך בין אַריין אין קאַנטאָר, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ זשאַנדאַרמען־אָפיצער זיצן ביים שרייב־טיש און מיט אים אַ מאַן אין ציווילע קליידער. צוערשט האָט דער אָפיצער מיר געשטעלט די געוויינלעכע, סקאַרבאָווע פראַגן: נאָמען, פאַמיליע, געבורט־פּלאַץ א. אַז. וו.. נאָכדעם האָט ער מיר געהייסן אַרויסלייגן אויפן טיש אַלץ, וואָס איך האָב אין די קעשענעס. איך האָב אַלץ אַרויסגעלייגט. דער אָפיצער האָט גלייך גענומען דאָס נאָטיץ־ביכל, האָט אַ בלעטער געטאָן און געזאָגט צום ציווילן: — איר זעט אַ נאָטיץ־ביכל? עטלעכע ליידיקע בלעטלעך, די פאַרשריבענע האָט ער געהאַט גענוג צייט צו פאַרניכטן. נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט די דאָזיקע ווערטער: — איר ווייסט, אונזער פּאָליציי און די סיסטשיקעס זיינען זייער באַאיווו. ווען זיי האָבן איך אַרעסטירט, איז דער אָנפירער פון די סיסטשיקעס געקומען צום נאַטשאַלניק פון דער אָכראַנע מיט אַ שמחה. ער האָט אַנטדעקט אַ נעסט פון גנבים און אַרעסטירט 5 מענער און אַ מיידל, אָבער ווען דער נאַטשאַלניק האָט אויסגעהערט אַלע פּרטים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז עפּעס ניט גלאַטיק, ס'איז אומגעלומפּערט און ער האָט געזאָגט צום סיסטשיק: — וואָס פאַר אַ גנבים האָט איר געכאַפּט? דאָס זיינען ניט קיין גנבים. דאָס מוזן זיין פּאָליטישע און ער האָט דאָס געמאָלדן דער זשאַנדאַרמעריע. נו, אָט בין איך דאָ, אָבער איך האָב ניט קענען אייך קיין באַווייזן, דעריבער שטעל איך ניט אַרויס קעגן אייך קיין באַשולדיקונגען.

אין געדאַנק האָב איך טריאומפירט. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז אָט באַלד עפנט מען פאַר מיר ברייט די טיר און מען הייסט מיך גיין. אָבער דער אָפיצער האָט צעשטערט מיין זיסן חלום. ער האָט ווייטער געזאָגט: אַזוי ווי איר זענט אַ מענטש אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג, וועלן מיר אייך אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ אין אייער געבורטשטאָט.

מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אין מיין שטעטל האָב איך זיך ניט געטאָרט ווייזן, ווייל דאָרט האָט מען מיך געזוכט אין פאַר־בינדונג מיט דעם וויטעבסקער אַרעסט אין 1898. איך בין געווען זיכער, אַז דער פריסטאַוו געדענקט דאָס און באַלד ווי מען וועט מיך ברענגען, וועט ער מיך אַפּשיקן צו דער וויטעבסקער זשאַנדאַרמעריע. אַז מען האָט וועגן מיר ניט פאַרגעסן, האָב איך געהאַט אַ באַשטעטיקונג אַ קורצע צייט איידער איך בין אַפּגעפאָרן פון ביאַליסטאָק. מען האָט דאָרט אַרעסטירט אַ וויטעבסקער חבר — סאָלאָמאָן לאַנדאַ. אויף דער אויספאָרשונג האָט מען ביי אים געפרעגט צי ער קען מיך. ער האָט געזאָגט, אַז ער הערט צום ערשטן מאָל אַזאַ נאָמען. פון טורמע האָט ער מיר געלאָזט וויסן וועגן דעם און געוואָרנט איך זאָל זיין פאָרזיכטיק. איך בין געווען זיכער, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר מיר צו צאָלן פאַר מיינע זינד און איך האָב מיט דעם שלום געמאַכט. מיך האָט נאָר שטאַרק פאַרדראָסן וואָס איך בין אַזוי נאַריש אַריינגעפאַלן.

לאַנג טראַכטן האָט מיך דער זשאַנדאַרמען־אָפיצער ניט געלאָזט. וואו זיינען אייערע זאַכן? — האָט ער געפרעגט. אויף דער קוואַרטיר, וואו מען האָט מיך אַרעסטירט. ער האָט אַריינגערופן אַ פּאָליציאַנט, אים איבערגעגעבן מיינע פּאַפּירן, געהייסן אים ער זאָל גיין מיט מיר נעמען די זאַכן און נאָכדעם אָפּפירן מיך אין טורמע. דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט מיר באַלד געמאָלדן, אַז דער עטאַפּ גייט אָפּ אין 4 טעג אַרום. מען האָט מיך פאַרשפאַרט אין אַ קאַמער, וואו איך האָב שוין געטראָפן די אַנדערע 4 חברים.

7. פון טורמע צו טורמע

פון לאָדזש ביז מיין געבורטס־שטעטל אין וויטעבסקער גובערניע איז אַ גרויסער מהלך. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע לאַנגע און שווערע וואַנדערונגען איבער פאַרשידענע טורמעס.

פון לאָדזש קיין וואַרשע דויערט מיט דער באַן עטלעכע שעה, אָבער אַז מען שיקט מיטן עטאַפ, שיקט מען אים ניט גלייך קיין וואַרשע, נאָר פריער קיין פיעטרקאָוו. דאָס, ווייזט אויס, גיט מען אַ פּריווילעגיע דעם אַרעסטאַנט צו באַקענען זיך מיט נאָך אַ טורמע. פון לאָדזש קיין פיעטרקאָוו גייט אַ באַן, אָבער מיט דער באַן שיקט מען נאָר פרויען. מענער דאַרפן גיין צופוס, סיידן איינער איז קראַנק אָדער איז אַ קריפל.

ערב דעם טאָג, ווען דער עטאַפ האָט געדאַרפט אַוועקגיין, האָט מען אונזער גרופע אַרויסגערופן אין קאַנטאָר צו באַשטימען דעם גורל פון יעדן איינעם — ווער עס זאָל זוכה זיין צו פאָרן און ווער עס זאָל גיין צופוס. ווען איך בין אַריין אין קאַנטאָר, איז שוין סיבאַי געגאַנגען צוריק מיט אַ פריילעכער מינע. ער האָט אַ שעפטשע געטאָן צו מיר: — זאָגט, אַז איר קענט ניט גיין. שמאַי האָט איין באָרוועסן פוס געהאַלטן אויף אַ שטול. ביי אים זיינען צוויי פינגער געווען צוזאַמענגעוואַקסן און ער האָט דאָס געוויזן דעם באַטשאַלניק. שמאַי האָט געטענהט, אַז דאָס שטערט אים צו גיין. נאָך דעם ווי דער באַטשאַלניק האָט אַ קוק געטאָן, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין פסק: — איר וועט פאָרן. ווען איך בין צוגעגאַנגען האָט ער געפרעגט: — נו, אויף וואָסער קראַנקייט באַקלאָגט איר זיך? איך האָב געזאָגט: — קיין באַזונדערע קען איך ניט אָנרופן, אָבער... איך האָב זיך אויף אַ מאָמענט אָפגעשטעלט. איך האָב אין געדאַנק גענומען צוקלייבן אַ וואָרט, וואָס זאָל מיך באַרעכטיקן צו פאָרן. דער באַטשאַלניק האָט מיר אַרויסגעהאָלפן: — וואָס, אַלגעמיינע שוואַכקייט (אָבשטשאַיאַ סלאַבאָסט). — יע, האָב איך צוגעשטימט. — איר וועט פאָרן, איז געווען זיין פסק. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די 2 שניידער. ער האָט זיי ביידע גאָרניט געפרעגט און האָט גלייך געפסקנט. דעם בידעריקן און דאַרן האָט ער געזאָגט: — איר וועט פאָרן. און איר, האָט ער זיך געווענדט צום הויכן, וועט גיין צופוס.

ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין, האָט דער באַטשאַל־

ניק ביי מיר אַ פֿרעג געטאָן: —איר האָט דאָ זאַכן? אונזערע זאַכן זײַ־נען געווען צוזאַמענגעשטעלט אין אַ ווינקל טאַקע דאָ אין קאַנטאָר. איך האָב אים אָנגעוויזן מײַן טשעמאָדאַן. — ווי וועט איר דאָס טראָגן? — האָט ער געפֿרעגט. מען וועט דאָך איך אָנטאָן קייטן אויף די הענט. — וועל איך דאָס דאָ איבערלאָזן. — ניין, דאָס קען מען ניט. איך האָב ניט קיין פּלאַץ פֿאַר דעם און איך קען אייערע זאַכן ניט היטן. איך האָב געשוויגן. ער האָט מיר ווידער אַרויסגעהאָלפֿן: — אפֿשר האָט איר דאָ אַ פֿריינט, אַ באַקאַנטן ביי וועמען איר וואָלט געקענט דעם טשעמאָדאַן איבערלאָזן? — האָט ער געפֿרעגט. דעם איינציקן אַדרעס, וואָס איך האָב געוואוסט אין לאָדזש, איז געווען פֿון פּנחס דעם שוסטער. ס'האָט זיך ביי מיר געשטעלט די פֿראַגע צי מעג איך אָנגעבן זײַן נאָמען, צי וועל איך אים ניט קאָמפּראָמיטירן? איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מעג. דער זשאַנדאַרמסקער אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז ער באַשולדיקט מיך אין קיין זאַך ניט. — יאָ, האָב איך געזאָגט, איך האָב אַ פֿריינט, וועלכער וואָלט דאָס געוויס געטאָן, אָבער ווי אַזוי קען איך אים אָנזאָגן, אַז מאָרגן איבערמאָרגן גיי איך אַוועק? — דאָס וועל איך איינאָרדענען, האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט, איך וועל דאָס אַוועקשיקן מיט אַ נאַדזיראַטעל, נאָר איר וועט אים דאַרפֿן באַצאָלן פֿאַר דער טירחה. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ שטיקל פּאַפּיר און געזאָגט: — שרײַבט אָן עטלעכע ווערטער צו אייער פֿריינט. בעט אים ער זאָל קומען צונע־מען דעם טשעמאָדאַן.

איך האָב אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער און אים איבערגעגעבן. ער האָט דאָס אַרײַנגעלייגט אין אַ קאָנווערט און מיר געגעבן איך זאָל אָנשרײַבן דעם אַדרעס. אַז איך בין פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער אַרײַנ־גערופֿן אַ נאַדזיראַטעל און אים געזאָגט: — טראָג אַוועק דעם בריוו, וואָרט דאָרט ביז דער אַדרעסאַט וועט איבערלייענען און דיר געבן אַן ענטפֿער. און מיר האָט ער געזאָגט: — גיט 20 קאָפּיקעס. איך האָב באַצאָלט. דער נאַדזיראַטעל איז אַוועק צו פּנחס דעם שוסטער און איך אין מײַן קאַמער. מאָרגן גאַנץ פֿרי האָט מען מיך אַרויסגערופֿן אין קאַנטאָר. איך האָב דערזען מײַן טשעמאָדאַן שטייט אויף דעם זעלבן פּלאַץ און דער נאַטשאַלניק זאָגט צו מיר: — אייער פֿריינט האָט צו־געזאָגט צו קומען צונעמען דעם טשעמאָדאַן, אָבער ער איז ניט געקומען. איר וועט שוין מוזן זיך אַליין אַן עצה געבן. מען האָט אָנגעטאָן קייט־לעך אויף די הענט. יעדער האָט גענומען זײַן פּעקל און מיר זײַנען אַרויס אין גאַס. אַפּגייענדיק אַ שטיקל וועג האָב איך אומגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק, מסתמא געוואָלט נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף דער לאָדזשער טורמע, ערשט איך זע עטלעכע בחורים לויפֿן אונז נאָך. באַלד

האָבן זיי זיך אויסגעגלייכט מיט אונז. פּנחס האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טשעמאָדאַן פון מיינע הענט און איך האָב זיך דערפילט פריי. דאָס האָט מיר פאַרשפּאָרט אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן. גיך זיינען מיר אָנגעקומען אין פּיעטרקאָוו.

ווען מען האָט אונז אַריינגעפירט אין טורמע־הויף, איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען אַן עטאַפּ, אין וועלכן עס איז געווען אסתר ריסקינד. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די אויגן. זי איז אַוועק צום וואָקזאַל און מיר אינעווייניק אין טורמע. אין קאַנטאָר איז צוגעגאַנגען, ווי געווינלעך: דער נאַטשאַלניק האָט אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן, די נאַדזיראַטעלעס האָבן אונז באַזוכט, באַטאַפּט און צוגענומען אַלץ וואָס מען טאָר ביי זיך ניט האַלטן. מען האָט אונז צוגעפירט צו אַ טיר, אויפגעשלאָסן, אַריינגעשטופּט און צוריק פאַרשלאָסן. אַ מאָמענט זיינען מיר געבליבן שטיין ביי דער טיר, געוואָלט זיך אַרומקוקן. אין זעלבן מאָמענט האָט אַ בחור, וואָס איז געלעגן אויף דער נאַרע, זיך אויפגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן: — נייאינקע! פרישינקע! איר ווילט אַ פּלאַץ אויף אַ נאַרע? — יאָ, געוויס, האָבן מיר געזאָגט. — דאַרף מען באַצאָלן. גיט אַהער געלט, געלט! — קיין געלט האָבן מיר ניט, האָט איינער פון אונז געזאָגט, דאָס וואָס מיר האָבן געהאַט, האָט מען ביי אונז צוגענומען אין קאַנטאָר. דער בחור אויף דער נאַרע האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ טייוולשן געלעכטער און אַ געשריי געטאָן: — יאָלדן! וואָס הייסט מען האָט ביי איך צוגענומען? פאַרוואָס האָט איר ניט באַהאַלטן? ער האָט גלייך געפּסקנט: — איר וועט שלאָפן אונטער דער נאַרע. מיר זיינען געשטאַנען אויפן זעלבן פּלאַץ, געקוקט איינע אויף די אַנדערע און ווי געפרעגט: וואוהין זיינען מיר דאָס אַריינגעפאַלן? אַ צווייטער, וואָס איז געלעגן אויף דער נאַרע, האָט זיך אויפגעזעצט און געזאָגט מיט אַ מילדן טאָן: — קליינגעלט מוזט איר דאָך האָבן, קליינגעלט נעמט מען ניט צו אין קאַנטאָר. — יאָ, קליינגעלט האָבן מיר. — טאָ גיט אַהער, האָט דער ערשטער ווידער אַ געשריי געטאָן. מיר האָבן צונויפגענומען אַ ביסל קליינגעלט און געגעבן.

מען האָט געמאַכט פאַר אונז פּלאַץ אויף דער נאַרע און עס איז געוואָרן גוט און פיין. איינגעקויפט זיך, הייסט עס, אין דער חברה. איצט האָב איך גענומען באַטראַכטן די קאַמער. דאָס איז געווען אַ גאַנץ לאַנגער צימער און זייער אַ שמאָלער. דער דורכגאַנג פון דער טיר לענג־אויס דער נאַרע איז געווען אַזוי שמאָל, אַז 2 מענטשן זייט ביי זייט האָבן קוים געקענט דורכגיין. פריי אַרומשפּאַצירן איבערן דורכגאַנג האָט געקענט נאָר איינער. איבער דער גאַנצער לענג פון

דער נאַרע האָבן געקענט ליגן, ניט צונויפגעפּרעסט, 18 מענטשן. זיינען אין קאַמער געווען 20, האָט מען געמוזט זיך צונויפקוועטשן און אַלע האָבן געקענט שלאָפן אויף דער נאַרע. אויב ס'זיינען געווען מער פון 20, האָבן די איבעריקע געמוזט ליגן אונטער דער נאַרע.

אונזער גרופּע איז דאָ אָפּגעזעסן 2 וואָכן ביז ס'איז געקומען אַ קאָנוואָי און אונז אָפּגעפירט קיין וואַרשע.

די פּערעסילנע טורמע אין וואַרשע איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכער וואַנט, אינעווייניק אַ גרויסער הויף, טיף אין הויף אַ גרויסע געביידע. די פּראַצעדור פון אויפנעמען — די זעלבע. נאָכן באַזוכן און אַרומטאַפּן, האָט מען אונז אַרויפגעפירט אויפן 2טן שטאָק און אַריינגעלאָזן אין אַ קאַמער. די קאַמער זייער אַ גרויסע — ברייט און לאַנג — איז געווען שוואַך באַלויכטן מיט נאַפט־לאָמפּן. ביי דער וואַנט אַנטקעגן דער טיר, האָט זיך געצויגן אַ נאַרע איבער דער גאַנצער לענג, פון ברעג ביז ברעג. אין מיטן האָט זיך אויך געצויגן אַ נאַרע איבער דער גאַנצער לענג פון צימער, אָבער ניט קיין גאַנצע, נאָר אי־בערגעהאַקט מיט דורכגאַנגען אין עטלעכע פּלעצער. די דורכגאַנגען זיינען געווען גאַנץ ברייטע. מענטשן אין קאַמער זיינען געווען ווייניק, ליידיקע פּלעצער אויף די נאַרעס — איבערגענוג. מיר האָבן אויסגע־קליבן פאַר זיך איינע פון די קליינע נאַרעס, וואָס איז פון קיינעם ניט געווען פאַרנומען. זייענדיק באַזאָרגט מיט אַ פּלאַץ צום שלאָפן, האָב איך זיך אַרומגעקוקט און אַרומשפּאַצירן איבער די דורכגאַנגען. אַזוי אַרומשפּאַצירנדיק איז מיר אַ פּאָר מאָל אַנטקעגן געקומען אַ יונגער בחור מיט אַ סימפּאַטישן אויסזען. אַז מיר האָבן זיך באַגעגנט צום דריטן מאָל, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט צו באַקענען זיך. איך האָב אים אין געציילטע ווערטער איבערגעגעבן די געשיכטע פון מיין אַרעסט און ער — זיינע. אים האָט מען אַרעסטירט ניט ווייט פון בענדין, ווען ער האָט געוואָלט מיט אַ גרופּע עמיגראַנטן אַריבערשמוגלען זיך די גרענעץ, און ער גייט קיין וויטעבסק. ער איז אַ געבוירענער אַ ווי־טעבסקער. — נו, האָב איך אים געזאָגט, האָט איר דאָך ניט וואָס צו זאָרגן, איר וועט דאָך שוין באַלד זיין אין דער היים. — ניין, ס'איז ניט אַזוי פּשוט, ווי איר מיינט. ער האָט זיך מיר פאַרטרויט: — ער איז אַן אַנטלאָפענער סאָלדאַט. מען האָט אים דעם יאָר צוגענומען אין מיליטער. ער האָט ניט געהאַט קיין חשק צו גיין דינען פאָניען. האָט ער דעריבער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און אַט איז ער אַריינגעפאַלן. דאָס איז נאָך ניט אַלץ. צו דעם — האָט ער זיך פאַר מיר ווייטער פאַרטרויט — איז דאָ נאָך עפּעס. ער גייט איצט ניט אונטער זיין אייגענעם נאָמען. פאַרן אַוועקפאָרן פון וויטעבסק האָט

אים זײַנער אַ פּרײַנט געבאַרגט זײַן פּאַספּאָרט און זײ האָבן אָפּגערעדט, אַז באַלד ווי ער וועט אַריבער די גרענעץ, זאָל ער דעם פּאַספּאָרט צו־ריקשיקן. אויב ער וועט דורכפאַלן, וועט זײַן פרײַנט מעלדן, אַז ער האָט דעם פּאַספּאָרט פאַרלוירן. איצט דאַרף מען האָבן מזל: אויב ער וועט קומען אין וויטעבסק אײדער זײַן פרײַנט האָט געמאָלדן, אַז ער האָט דעם פּאַספּאָרט פאַרלאָרן, וועט ער זײַן פרײַ. אויב ניט — איז פאַסקודנע.

אַזוי אַרומשפּאַצירנדיק מיט מײַן נײַעם באַקאַנטן, איז בײַ מיר אַרויפגעשוואומען אַ פראַגע, וואָס איך האָב זי אים גלײַך געשטעלט: — צו וואָס האָט איר געדאַרפט פאָרן אַזוי ווײַט, אַזש קײַן בענדין, צו שמוגלען די גרענעץ? איר האָט דאָך געקאָנט דאָס טאָן אַ סך נעענטער. מען קען, למשל, פון ווילנע צופאָרן קײַן קאָוונע. דאָרט גײט אַ גרוי־סער גרענעץ־שמוגל דורך פאַרשידענע שטעטלעך. מען קען אויך שמוגלען די גרענעץ אַרום גראָדנע אָדער ביאַליסטאָק. ווען איך האָב דערמאָנט די לעצטע שטאָט, האָט ער געזאָגט: — איך בין טאַקע געפאָרן קײַן ביאַליסטאָק. מײַנער אַ פרײַנט האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס צו אײנעם אַן אַבראַם, וואָס זאָל מיך באַזאָרגן, אָבער ווען איך בין געקומען אין ביאַליסטאָק, האָב איך אויסגעפונען, אַז דער אַבראַם איז אַוועקגעפאָרן. ער וואוינט שוין ניט מער אין ביאַליסטאָק. קײַן אַנדערע פאַרבינדונגען האָב איך ניט געהאַט. אין בענדין וואוינט מײַנער אַ פרײַנט, בין איך געפאָרן קײַן בענדין. — נו, האָב איך צו אים געזאָגט, איר האָט איצט געפונען דעם אַבראַם, וועלכן איר האָט געזוכט אין ביאַליסטאָק, אָבער העלפן איך שמוגלען די גרענעץ קען ער ניט. דאָס בין איך דער אַבראַם.

מיר האָבן זיך בײדע האַרציק צעלאַכט פון דעם מאָדנעם צופאַל און מיר זײַנען שוין געוואָרן גוטע פרײַנט.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען מײַנע לאָדזשער חברים צוגע־נומען. סיניאַי איז געווען אַ וואַרשעווער און מען האָט אים גלײַך באַ־פרײַט. שמאַי און די צווײ שנײַדער זײַנען געווען פון שטעטלעך ניט ווײַט פון וואַרשע, האָט מען זײ אַוועקגעפירט אַהין. איך בין געבליבן מיט מײַן נײַעם חבר און מיר האָבן זיך שוין געטוליעט אײנער צו דעם אַנדערן. איך געדענק ניט ווי לאַנג מיר האָבן געוואַרט אויפן עטאַפּ — אַ וואָך אָדער צווײ. אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען דער קאָנוואָי און אונדז אָפּגעפירט קײַן ווילנע.

די פאַרעסילנע טורמע אין ווילנע איז געווען ניט ווײַט פון וואָקזאַל. מען האָט געפירט דורך זײַטיקע געסלעך און מיר האָבן באַלד דערזען אַ געבײַדע שטאַרק באַלויכטן מיט פאַנאַרן. ווען מיר זײַנען צוגעקומען

גאַר באַענט, האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַן אַלטע, פאַרשוואַרצטע איינ־שטאָקיקע געביידע אַן אַ פאַרצוימונג. פון אַלע זייטן אַ סך לײדיקער פּלאַץ. די געביידע שטייט אַזוי ווי אין מיטן פעלד. אינעווייניק איז דער איינדרוק געווען נאָך אַן ערגערער: שמוציק, אָפּגעלאָזן, פאַרפוילט און אומהיימלעך. ניט בעסער איז געווען אין דער קאַמער, וואו מען האָט אונז אַריינגעלאָזט — די זעלבע שמוץ און פאַרפוילטקייט. די איינציקע טרייסט איז געווען, אַז לאַנג וועלן מיר דאָ ניט פאַרבלייבן. צומאָרגנס 12 בייטאָג האָט געדאַרפט קומען דער קאָנוואָי און אונז אָפּפירן קיין דווינסק, און איבערנעכטיקן איין נאַכט איז ניט געפער־לעך. מיט דעם געדאַנק האָבן מיר זיך אָוועקגעלייגט אין אַ ווינקל אויף אַ קליינער נאַרע און איינגעשלאָפן.

אין דער פרי זייַנען מיר גיך פאַרטיק געוואָרן מיטן קיפּיאַטאָק און עפּעס צוגעביסן, מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויפן קאָנ־וואָי. ס'איז שוין 12 אַזייגער און דער קאָנוואָי איז ניטאָ. עס איז אַריבער נאָך אַ שעה, מען זעט ניט און מען הערט ניט. מיר ברענען מיט אומגעדולד. אַרום 2 אַזייגער איז אַריינגעקומען דער נאַטשאַלניק און געמאָלדן: — אַלע, וואָס דאַרפן גיין קיין דווינסק, וועלן בלייבן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט דאָ אין ווילנע, ווייל אין דווינסקער טורמע איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע און די טורמע איז גע־שטעלט געוואָרן אונטער קאַראַנטין. מען לאָזט קיינעם ניט אַריין און ניט אַרויס. ווי לאַנג דאָס וועט דויערן, קען מען ניט וויסן. ווי נאָר דער נאַטשאַלניק האָט פאַרענדיקט, האָט זיך איינער, אַ מיטליאָריקער מאַן, אַ קריסט, אַ וואָרף געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און אויסגעשריגן:
— פּאַטערל, האָב רחמנות...

די סצענע האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. דער נאַטשאַלניק האָט אים געהייסן אויפשטיין און געפרעגט וואָס האָט פּאַסירט. און דער אַרעסטאַנט האָט דערציילט פאָלגנדע געשיכטע: ער וואוינט שוין לאַנגע יאָרן אין מאָסקווע. ער האָט דאָרט אַ שלאָסעריי, ער באַ־שעפטיקט אַ פּאָר אַרבעטער. ער האָט דאָרט אויך אַ פרוי און קינדער, אָבער ער איז צוגעשריבן צו אַ דאָרף אַרום דווינסק, ד. ה. לויט דעם שטאַנד איז ער אַ פּויער. ער פאַרמאָגט אין דאָרף אַ שטיקל ערד, פון וואָס ער האָט ניט קיין שום נוצן, אָבער די דאָרפס־געמיינדע מאָנט ביי אים שטייערן כסדר, יאָר נאָך יאָר. ער פלעגט זיך מאַכן ניט וויסנדיק, אָבער לעצטן מאָל האָט די דאָרפס־געמיינדע צוגעשיקט אַ פאָדערונג צו דער מאָסקווער פּאָליציי, אַז מען זאָל אים צושטעלן אין דאָרף מיטן עטאַפּ. נו, ער האָט גערעכנט, אַז אין אַ קורצער צייט וועט ער אַלץ איינאָרדנען און אין אַ וואָך אַרום וועט ער זיין צוריק אין

מאָסקווע, אָבער איצט אַז ער זאָל דאָ פאַרבלייבן אויף אַן אומבאַשטימ־טער צייט, איז ער דאָך איינגאַנצן רואיגירט. דאָס ווייב מיט די קינדער וועלן דאָרט אויסגיין פון הונגער. דער נאַטשאַלניק האָט אים אויס־געהערט און געזאָגט: — איך וואָלט דיר גערן געהאָלפן, אָבער צום באַדויערן קען איך גאָרניט טאָן, און איז אַוועק. דער עטאַפּניק האָט געווײנט מיט ביטערע טרערן.

איך האָב גענומען זיך צוקוקן צו די איינוואוינער פון דער קאַמער. מיין אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגן אַ מיטלוואוקסיקער יידישער בחור מיט ברייטע פּלייצעס און שטאַרקע מוסקולן. ס'האָט געשפּראָצט פון אים מיט גבורה. איך האָב פאַרפירט מיט אים אַ שמועס, געוואָלט וויסן ווער און וואָס ער איז, און איך האָב זיך דערוואוסט: ער איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אין אַ דאָרף. קיין ברעקל אינטעליגענץ האָט ער ניט פאַרמאָגט. אויף דער נאַרע האָט ער ליב געהאַט אויסצו־שפּרייטן זיך ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. ער האָט פאַרנומען פּלאַץ פאַר דריי, נאָר אַזוי ווי עס איז געווען גענוג פּלאַץ האָט דאָס קיינעם ניט געאַרט. איינמאָל אין מיטן נאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, האָט מען אין אונזער קאַמער אַריינגעפירט אַ נייע פּאַרטיע פון 10 אָדער 12 מאַן. צווישן זיי איז געווען איינער, אַ הויכער, אַ דיקער אַן אמתער ריז. גלייך ווי ער איז אַריין האָט ער אַ געשריי געטאָן: — נעמט אויף געסט! מאַכט פּלאַץ אויף די נאַרעס!

אונזער דאָרפס־יונג האָט, ווייזט אויס, געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אַ תקיף און ער האָט זיך נאָך מער צעשפּרייט. דער ניי־געקומענער ריז האָט דאָס באַמערקט. ער איז צוגעשפּרונגען צו דער נאַרע, גע־כאַפּט דעם יונג פאַר אַ פוס און אָנגעהויבן שלעפּן פון נאַרע. יענער האָט אים מיט דעם צווייטן פוס אָפּגעשטויסן. דער ניי־געקומענער ריז איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער: — אַ טויט אויפן אָרט, האָט ער אַ גע־שריי געטאָן און גענומען אַרויסרייסן אַ קלאָץ, אויף וועלכער די נאַרע איז געווען אָנגעשפּאַרט. די נאַרע האָט אָנגעהויבן טרעשטשען. מיר אַלע האָבן זיך באמת דערשראָקן פאַר דעם, וואָס דאָ קען פאַרקומען. מיר זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון די נאַרעס, צוגעגאַנגען צום אויפגע־קאָכטן ריז און מיט געבעט און תחנונים אים געפּרואווט באַרואיקן. מיר האָבן אים פאַרזיכערט, אַז עס וועט זיין פאַר אַלעמען פּלאַץ אויף די נאַרעס. מען האָט טאַקע געמאַכט פּלאַץ, אונזער דאָרפס־יונג האָט זיך אויך אַ ביסל צונויפגעקאָרטשעט, אַלע האָבן זיך צעלייגט און ס'איז געוואָרן שטיל. דער שלאָף האָט אַלע פאַרוויגט.

צומאָרגנס גלייך אינדערפרי — אַ נייע תתונה: אונזער מאָסקווער שלאָסער איז אַרויס מיט אַ ביטערן געוויין, מען האָט אים אומגליק־

לעך געמאַכט. ער האָט געהאַט פאַרנייט אין זיין פוטער אַ געלט־באַנקנאָט. ביינאַכט האָט מען דעם פעלץ אויפגעטרענט און דעם באַנק־נאָט אַרויסגענומען. — ווער איז ביי דיין זייט געשלאָפן? — האָט דער ריז געפרעגט. ער האָט אָנגעוויזן. — מישקאַ! האָט דער ריז אַ רוף געטאָן און מישקאַ איז צוגעגאַנגען. — גיב אָפּ דאָס געלט, האָט דער ריז באַפוילן. — איך האָב ניט גענומען, זאָגט מישקאַ. דער זעלבער באַפעל איז געקומען אַ צווייט מאָל, נאָר אויף אַ העכערן טאָן. מישקאַ האַלט זיך אַלץ ביי זיינס — ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. איבער דער גאַנצער קאַמער האָט אָפּגעקלונגען איין פּאַטש און אַ צווייטער. מישקאַ האָט אַרויסגענומען די פּאָר רובל און אָפּגעגעבן.

אַ פּאָר שעה שפּעטער, מען האָט שוין אָפּגעגעסן, וואָס צו טאָן איז ניטאָ, דרייט מען זיך אַרום אין קאַמער. איינער פון די נייע, מיט אַן אַריסטאָנטסקן היטעלע פאַרוקט אויף אַ זייט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן קאַמער, פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און אַרויסגעבלאָזן געדיכטע הויפנס רויך. ס'קומט אַריין דער סטאַרשי באַדזיראַטעל, ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן חוצפּהניק און אַ געשריי געטאָן: — גרישקאַ, וואַרף אַוועק דעם פּאַפּיראָס! גרישקאַ מאַכט זיך ניט ווויסנדיק און בלאָזט ווייטער אַרויס דיקע הויפנס רויך. דער באַפעל חזרט זיך איבער אַ ביסל אין אַן אַנדער פאָרם: — איך זאָג דאָך דיר, וואַרף אַוועק דעם פּאַפּיראָס. דו ווייסט דאָך, אַז אין טורמע טאָר מען ניט רויכערן. און גרישקאַ ענטפערט: — איך ווייס, אַז מען טאָר ניט, אָבער איך מעג. איך בין אַ פּאָליטישער. און ער איז עס טאַקע געווען. און די גע־שיכטע איז אַזאַ: מיט עטלעכע חדשים פריער איז פּאָליציי באַפאַלן אַ הויז אויף נאָוואָגאַראַד, וואו עס האָבן געוואוינט אונזערע בחורים פון דער באַוועגונג און האָט זיי אַרעסטירט. אויף נאָוואָגאַראַד זיינען געווען אַ סך מענטשן פון דער אונטערוועלט, וועלכע זיינען נישט געווען בשלום מיט דער פּאָליציי. דערזעענדיק, אַז די פּאָליציי פירט אַרעסטירטע בחורים, זיינען עטלעכע פון דער אונטערוועלט אָנגעפאַלן אויף דער פּאָליציי מיט שטעקנס, מיט שטיינער און געוואָלט אָפּשלאָגן די אַרעס־טירטע. ס'איז געוואָרן אַ פּייפעריי און ס'זיינען אָנגעלאָפן אַ סך פּאָ־ליציאַנטן. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַן אמתע שלאַכט. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אונזערע בחורים צוזאַמען מיט עטלעכע פון דער אונטערוועלט אַוועקגעפירט אין פּאָליציי. און אַזוי זיינען די אונטערוועלט־מענטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטישע. דער קריסט־לעכער בחור מיטן פּאַפּיראָס איז געווען איינער פון זיי. דער באַדזי־ראַטעל האָט אים ניט אָפּגעלאָזט און ס'איז אַוועק צווישן זיי דער פאָלגנדער דיאַלאָג: דער באַדזיראַטעל זאָגט צו אים ווייטער: — נו,

איז וואָס, אַז דו ביזט אַ פּאָליטישער? — איך דערלויב דיר ניט צו רויכערן. דער אַרעסטאַנט: — ווי אַזוי קענסטו ניט דערלויבן, אַז דער גענעראַל אַליין האָט מיר דערלויבט. דער נאַדזיראַטעל: — וואָס פּלאַפּלסטו? וועלכער גענעראַל? דער אַרעסטאַנט: — איך פּלאַפּל שוין גאָרניט, דער זשאַנדאַרמסקער גענעראַל. דער נאַדזיראַטעל: — דו האָסט גערעדט מיט אַ גענעראַל? דער אַרעסטאַנט: — געוויס האָב איך גערעדט מיט אַ גענעראַל, וואָס דען? מיט דיר וועט ריידן אַ גענעראַל?

דער סטאַרשי נאַדזיראַטעל איז געבליבן שטיין און נישט געוואוסט וואָס ווייטער צו ריידן. ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און זיך געווענדט צו אַלעמען און צו קיינעם ניט: — נו, ווי געפעלט דאָס אייך. ער האָט זיך דאָך דאָ ביי אונז אין טורמע אויפגעהאָדעוועט. ווען מען האָט אים דעם ערשטן מאָל געבראַכט אַהער פאַר אַ שטיקל גנבה, איז ער נאָך געווען אַ קליין הינטל. ער איז דאַן אָפּגעזעסן אַ קורצע צייט און מען האָט אים באַפרייט. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אים ווידער געבראַכט און אַזוי כסדר. אָט לאָזט מען אים אַרויס און אָט ברענגט מען אים ווידער. איצט איז ער געוואָרן אַ גאַנצער יחסן. אַ פּאָליטישער, נו, צייטן געקומען! ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט — קיין גוטס קען מען שוין ניט דערוואַרטן, און איז אַוועקגעגאַנגען.

דאָס טורמע־לעבן איז אַוועק מיטן נאָרמאַלן גאַנג. יעדן אָוונט פלעגט דער נאַטשאַלניק מיט אַ פּאָר נאַדזיראַטעלעס קומען אויף פּראָווערקע און יעדן מאָל געשטעלט די זעלבע סקאַרבאָווע פראַגע צי מען פאַרלאַנגט עפּעס. אויף וויפל איך געדענק, פלעגט זיך קיינער ניט אָפּרופן. איינמאָל צו פּראָווערקע (מיר זיינען שוין געזעסן אַ טאָג 10), ווען דער נאַטשאַלניק האָט געפרעגט צי מיר פאַרלאַנגען עפּעס, האָב איך זיך אָפּגערופן. קיינער האָט מיך ניט באַפולמעכטיקט, אָבער איך האָב גערעדט אין אַלעמענס נאָמען. איך האָב געזאָגט: — דו זעסט דאָך אַליין, אַז מיר לעבן אין זייער שווערע באַדינגונגען. די טורמע ווערט אַלץ מער אָנגעפילט. די לופט אין קאַמער איז פאַרסמט, דאָך האָבן מיר פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מיר זיינען דאָ, ניט געהאַט קיין געלעגנהייט איינצואָטעמען אַ ביסל פרישע לופט. ביי אַזעלכע באַדינגונגען קען דאָך דאָ אויך אויסברעכן אַן עפּידעמיע. ווילן מיר, אַז דו זאָלסט אונז אַרויסלאָזן אין דרויסן יעדן טאָג כאָטש אויף איין שעה, מיר זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט איינצואָטעמען אַ ביסל פרישע לופט. דער נאַטשאַלניק האָט מיך געדולדיק אויסגעהערט און געענטפערט: — דאָס איז אוממעגלעך. און ער האָט באַקרעפטיקט

זיין אָפּזאָג מיט דעם אַרגומענט: — די טורמע איז ניט אַרומגעצוימט, זי שטייט אין מיטן פעלד, אָפן פון אַלע זייטן און ווען איך זאָל איך אַרויסלאָזן אין דרויסן, וועט שוין ניט זיין וועמען צוריק אַריינצולאָזן. נייך, איך קען דאָס ניט טאָן. איך האָב אים ניט אָפּגעלאָזט: — טאָ שטעל אַוועק נאַדזיראַטעלעס זיי זאָלן אונז היטן. ער האָט מיר דער־ווידערט: — אַזוי פיל נאַדזיראַטעלעס האָב איך ניט. יעדער נאַדזיראַ־טעל איז פאַרנומען מיט זיין געוויינלעכער, רוטינער אַרבעט. — אָבער עס איז דאָך אומדערטרעגלעך און טאַקע אַ סכנה אויך — האָב איך וויי־טער אַרגומענטירט. דער נאַטשאַלניק איז געוואָרן אַ ביסל ווייכער און דערקלערט, אַז ער וועט פּרובירן עפּעס טאָן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט: — איך וועל זיך ווענדן צום גובערנאַטאָר און בעטן ער זאָל באַוויליקן אַ צאָל סאָלדאַטן, וועלכע זאָלן האַלטן וואַך, אָבער איך צווייפל זייער צי פון דעם וועט עפּעס אַרויסקומען. אַלנפאַלס, איך זאָג אייך גאָרניט צו — מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. דער נאַטשאַלניק מיט זיינע נאַדזיראַטעלעס זיינען אַוועק.

עס זיינען אַריבער עטלעכע טעג, און אין דער פרי האָבן מיר דורך די פענצטער דערזען, אַז אַרום טורמע זיינען פאַראַן סאָלדאַטן. זיי שטעלן זיך אויס, גייען זיך פאַנאַנדער און שטעלן זיך ווידער אויס אַ ביסל ווייטער פון דער טורמע־געביידע. מיר האָבן שוין פאַרגעסן וועגן אונזער בקשה מכוח פרישער לופט און געטראַכט וואָס קען דאָס זיין? לאַנג טראַכטן האָבן מיר ניט געדאַרפט. ס׳האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר און אַ נאַדזיראַטעל האָט אויסגעשריגן: — נאַ פּראָגולקו! ווי די רוחות האָבן מיר זיך אַרויסגעשאָטן אין דרויסן. אַ היפּשע שטרעקע אַרום דער טורמע־געביידע זיינען געווען אויסגעשטעלט סאָלדאַטן, גאַנץ נאָענט איינער צו דעם אַנדערן. זיי האָבן געבילדעט אַ לעבעדיקע וואַנט. אין דעם פרייען שטח האָבן מיר אין משך פון אַ שעה אַרומ־געשפּאַצירט און געשעפּט פרישע לופט. נאָך אונז האָט מען אַרויס־געלאָזט אַ צווייטע קאַמער, נאָך דעם אַ דריטע, במשך עטלעכע שעה האָבן אַלע אַרעסטירטע אין פאַרלויף פון אַ שעה צייט איינגעאָטעמט פרישע לופט. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט יעדן טאָג. 5 וואָכן זיינען מיר דאָ אָפּגעזעסן. לסוף פון די 5 וואָכן איז געקומען אַ קאָנוואָי, פאַר־נומען אַלע וואָס האָבן געדאַרפט גיין קיין דווינסק און אונז אָפּגעפירט אין דווינסקער טורמע.

פון דער דווינסקער טורמע איז ביי מיר פאַרבליבן גאָר וויי־ניק איינדרוקן. איך געדענק בלויז, אַז די נאַדזיראַטעלעס האָבן זיך באַצויגן צו די אַרעסטאַנטן זייער גראָב. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין קאַמער צו פראַוויערקע, אַרויפגעשפּרונגען אויף די בענקלעך טרייס־

לען די קראַטעס צו זען צי זיי זיינען גאַנץ, צוריק אַראָפּגעשפּרונגען און אונז איבערגעציילט. דער נאַטשאַלניק איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט אַ פאַרזויערטן פּנים, פאַרביטערט. איך האָב קיין איין מאָל ניט געהערט פון אים אַפילו די סקאַרבאָווע פראַגע, צי מען פאַרלאַנגט עפּעס. אין דווינסק האָב איך זיך געדאַרפט געזעגענען מיט מיין וויטעבסקער חבר, דעם אַנטלאָפענעם סאָלדאַט. דאָ איז געווען דער לעצטער פונקט פון אונזער גיין צוזאַמען. ער האָט געהאָפט באַפרייט צו ווערן אין וויטעבסק און ער האָט געפרעגט, וואָס ער קען טאָן פאַר מיר, אויב ער וועט זיין פריי. איך האָב אים געבעטן בלויז איבערגעבן דער אָרגאַניזאַציע, אַז ער האָט מיך געטראָפן אין וואַרשעווער טורמע, אַז מיר זיינען געווען צוזאַמען די גאַנצע צייט פון אונזער וואַנדערן איבער די טורמעס און אַז איך ריכט זיך צו ווערן איינגיכן אַ תושב אין וויטעבסקער טורמע. ער האָט דאָס מיר צוגעזאָגט און טאַקע געהאַלטן וואָרט.

ער איז אַוועק דירעקט קיין וויטעבסק. מיך האָט מען אַרונטערגענומען אין פאָלאָצק און פאַרשפּאַרט איבער נאַכט אין טורמע. פון פאָלאָצק אין ליעפּליע גייט ניט קיין באַן. פאַר פרויען גיט מען אַ פור, מענער דאַרפן גיין צופוס. איינדערפרי איז געקומען דער קאָנוואָי, וואָס איז באַשטאַנען פון איין סאָלדאַט (עס איז געווען אַ קליינער עטאַפּ, צוויי פרויען און איך דער דריטער). ער האָט אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן און רופט מיך צו. — ביסטו אַ געבוירענער אַ טשאַשניקער, פרעגט ער מיך. — יאָ, אַ געבוירענער. — איך בין אויך אַ טשאַשניקער, שטעלט ער זיך פאָר. איצט בין איך אין פאָלאָצקער קאָנוואָיער קאָמאַנדע, מיר זיינען זעמליאַקעס. אין גאַס איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט די פור, די פרויען זיינען אַרויף און איך מיטן סאָלדאַט זיינען נאָכגעגאַנגען. ווי נאָר מיר זיינען אַרויס פון שטאָט, האָט דער סאָלדאַט מיר געהייסן אַריין אין וואָגן, ער האָט זיך אויך צוגעזעצט און מיר זיינען געפאָרן ווייטער. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרונטערשפּרינגען, דורכגיין זיך אַ ביסל און צוריק זיך זעצן אין וואָגן. אָנהויב אָוונט זיינען מיר געקומען צו דער ערשטער סטאַנציע. דאָס איז געווען דער דאָרף, וואו די 2 פרויען האָבן געוואוינט, דאָ האָט זיך אויך געפונען דער וואָלאָסט. מיר זיינען צוגעפאָרן צום וואָלאָסט, איבערגעלאָזט די פרויען און מיך האָט מיין באַגלייטער אַוועקגעפירט צום סטאַרשינאַ.

ביי אים אין הויז איז געווען אָפּגעצוימט מיט אַ ווענטל אַ ווינקל פאַר אַרעסטאַנטן און אַהין האָט מען מיך אַריינגעפירט. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ קליין טישל, אַ טאַבורעט און אַ נאַרע, אויף וועלכער ס׳איז געלעגן אַ זאַק, וואָס איז אַמאָל געווען שטרוי און איצט איז

דאָס געווען פֿאַראַך. מען האָט מיר דערלאַנגט קיפּיאַטאָק (געקאָכטע וואַסער). איך האָב אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער הייסע וואַסער, עפּעס צוגעביסן און געבליבן זיצן. ס'האָט מיך אָנגעהויבן צו שלעפֿערן. איך בין אַרויף אויף דער נאַרע און געמיינט, אַז איך וועל שנעל איינ־שלאָפֿן. אָבער ניין. רוצחים זײַנען מיך באַלד באַפֿאַלן און געגומען זויגן מײַן בלוט. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס זײַנען געווען וואַנצן. ס'איז געוואָרן אַ בייסעניש נישט אויסצוהאַלטן. איך בין אַראָנטער פֿון נאַרע, אָוועקגעזעצט זיך אויפֿן טאַבורעט און אַזוי אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט.

אויף מאָרגן באַלד אינדערפֿרי האָט מיך דער סאָלדאַט געפֿירט צו דער באַנטסטער סטאַנציע. איצט זײַנען מיר ביידע געגאַנגען צו־פֿוס. פֿאַרנאַכט זײַנען מיר אַרײַן אין דאָרף. דער סאָלדאַט האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ פּויערשער כאַטע, וואו עס איז אויך געווען אָפּ־געצוימט אַ ווינקל פֿאַר אַרעסטאַנטן. דאָ איז שוין אינעווייניק קיין נאַרע ניט געווען. עס איז נאָר געווען אַ האַרטע, שמאָלע באַנק און אין ווינקל איז געשטאַנען אַ נאַפֿט־לעמפּל אויף אַ קליין טישל. איך האָב געהאַט די זעלבע וויעטשערע, וואָס פֿאַריקע נאַכט און באַלד זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק און אָפּגעשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט אָן שטערונגען. אינדערפֿרי זײַנען מיר שוין ווידער געגאַנגען, איצט שוין צו ליעפּליע. ס'איז שוין געווען ניט ווײַט. נאָך אַ פּאָר שעה זײַנען מיר געווען אין ליעפּליע. דער סאָלדאַט האָט מיך איבערגעלאָזט אין פּאָליציי־אוטשאַסטאָק און איז אַוועק. מיך האָט מען פֿאַרשפּאַרט אין אַ צימער און געזאָגט, אַז באַלד וועט נאָך מיר אימיצער קומען.

פֿון ליעפּליע קיין טשאַשניק גייט ניט קיין מיליטערישער קאָנוואָי. דאָ זײַנען די קאָנוואָיִנע — די דאָרפֿישע פּויערים. ס'איז געקומען אַ פּויער, האָט מיך גענומען אונטער זײַן שוץ און מיר זײַנען אוועק צום נאָנטסטן דאָרף. ווען ס'איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט, זײַנען מיר אַרײַנגעקומען אין דאָרף. מײַן באַגלייטער האָט מיך אַרײַנגעפֿירט צו אַ פּויער אין הויז, האָט איבערגעגעבן מײַנע פּאַפּירן דעם באַלעבאָס און אָנווייזנדיק אויף מיר, האָט ער אַ זאָג געטאָן: — נעם אים צו! און איז אַוועק.

דער באַלעבאָס האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ באַנק און האָט אַי באַפֿעליריש, אַי אײַנלאַדנדיק געזאָגט: — זיץ. איך האָב זיך אַוועקגע־זעצט. אין הויז זײַנען געווען נאָך אַ פּאָר פּויערים, ווײַזט אויס, שכנים. זיי האָבן פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיטן באַלעבאָס. איך האָב אויפֿגעפּאַקט עפּעס שפּייז, וואָס איך האָב געקויפֿט אין ליעפּליע און געהאַט מײַן אָוונט־ברויט. ס'איז אַריבער אַ געוויסע צייט, די פּויערים האָבן זיך

אויפגעהויבן אַוועקצוגיין און דער באַלעבאָס זאָגט צו מיר: — צייט צו גיין שלאָפן. ער האָט מיר אַריינגעפירט אין אַ שטאַל און פאַרשלאָסן די טיר. אינעווייניק איז געווען ביטער־קאַלט. אין אַ ווינקל איז געלעגן אַ קופּע שטרוי און היי. איך האָב זיך אַהין אַריינגעוואָרפן. גאַנץ פרי האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט און אַ פויער האָט מיך אַוועקגעפירט צום נאָענטסטן דאָרף.

דאָ איז געווען דער וואָלאָסט. מיין באַגלייטער האָט מיך אַהין אַוועקגעפירט און מיך איבערגעגעבן צום סטאַרשינאַ. יענער האָט אַריינגעקוקט אין מיינע פּאַפּירן און אַ זאָג געטאָן צו מיר: — דו ווילסט דאָך זיין אויף שבת אַהיים (דאָס איז געווען פרייטיק), אַ שאָד, דו וועסט מוזן וואַרטן ביז מאָרגן. מיינע פויערים זיינען אַוועק אין וואַלד האַקן האָלץ און זיי וועלן ערשט קומען אין אָוונט. ס'פאַרדריסט מיך באמת. איך בין געבליבן אין אַ געדריקטער שטימונג. איך בין געווען אויסגעמאַטערט, בפרט פון די לעצטע טעג גיין צופוס איבער די פאַרשנייטע וועגן. פּאַסקודנע אָבער פאַרפאַלן. איך האָב נאָך געהאַט אַ שטיקל ברויט, וואָס איז געבליבן פון נעכטן. איך האָב דאָס ווי עס איז אַראָפּגעשלונגען און געבליבן זיצן. דערווייל איז אַריינגעקומען דער פורמאַן, וואָס פירט די פּאָסט פון טשאַשניק. ער האָט אָפּגעגעבן דעם סטאַרשינאַ אַ פּעקל און דער סטאַרשינאַ האָט אים געגעבן אַ פּעקל אָפּצופירן אין טשאַשניק. זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער און דער פורמאַן האָט שוין גענומען אַוועקגיין. דאָ האָט דער סטאַרשינאַ זיך געווענדט צו אים און געזאָגט: — טו אַ טובה, נעם אָט דעם זשידאָק און פיר אים צו צום פּריסטאַוו. ער וויל זיין אויף שבת אַהיים, אַ רחמנות אויף אים. פון אָנהויב האָט דער פורמאַן זיך געקווענקלט, אָבער באַלד האָט ער מסכים געווען. מיר זיינען אַרויס, אַריינגעזעצט זיך אין וואָגן און אַוועקגעפאָרן.

8. אַנטלאָפן פון עטאַפ

דער וועג איז געווען אַ גוטער, דאָס פערדל אויסגערוט און מיר זיינען געפאָרן גאַנץ שנעל. די שטרעקע איז געווען ניט קיין ווייטע, איינגאַנצן 7 וויאָרסט. ס'האָט לאַנג ניט גענומען און איך האָב פון דער ווייטן דערזען דאָס שטעטל, מיין טשאַשניק. דאָ האָט זיך מיין פאַנטאַזיע צעשפּילט און איך האָב אָנגעהויבן צו פילאָזאָפירן: ס'טויג ניט איבערצוגעבן זיך דעם שיקזאַל אין די הענט און לאָזן אַלץ גיין ווי עס גייט. מען דאַרף פּרובירן עפּעס טאָן, עפּעס אונטערנעמען און די געדאַנקען פירן מיך ווייטער. אין שטעטל האָב איך אַ פעטער, מער אָדער ווייניקער אַן אָנגעזעענע פּערזאָן, מיט אַן אייגן הויז. מיר פאָרן פאַרביי זיין הויז, דאַרף מען אַריינגיין און בעטן ער זאָל צוגיין צום פּריסטאַוו און באַשטעטיקן, אַז איך בין זיין פּלימעניק. ס'איז דאָך מעגלעך, אַז דער פּריסטאַוו זאָל ניט באַטראַכטן און מיך איבערגעבן אין רשות פון מיין פעטער. יאָ, אַזוי דאַרף מען טאָן.

ווען מיר זיינען צוגעקומען גאָר נאָענט צו מיין פעטערס הויז, האָב איך געבעטן דעם פורמאַן ער זאָל זיך אָפּשטעלן אויף אַ מינוט. אָנווייזנדיק אויף דעם הויז, האָב איך געזאָגט צום פורמאַן: — דאָ וואוינט מיינער אַ פעטער. זיי אַזוי גוט, גיי אַריין און זאָג אים, אַז דו פירסט מיך מיטן עטאַפּ און איך בעט אים, אַז ער זאָל צוגיין צום פּריסטאַוו. — ניין, האָט ער געענטפערט, איך טאָר דאָס ניט טאָן. איך טאָר דיך ניט לאָזן אַליין. אויסער דעם פיר איך די פּאָסט און איך טאָר ניט לאָזן די פּאָסט אין וואָגן און אַליין אַוועקגיין. — טאָ לאָז מיך אַרונטער, איך וועל אַריין צום פעטער און בעטן ער זאָל צוגיין צום פּריסטאַוו. — ניין, ער טאָר דאָס אויך ניט. ער האָט שוין גענומען די לייצעס אין די הענט און געוואָלט אָנהויבן פאָרן. איך האָב זיך געכאַפּט פאַרן אַלטן מיטל — כאַבאַר. — דו קריגסט אַ פלאַש בראָנפן, האָב איך כמעט ווי אויסגעשריגן. דער פורמאַן איז גע־וואָרן גאָר אַן אַנדערער, ווייך ווי פּוטער. — נו, גיי, אָבער מאַך דאָס שנעל, איך קען לאַנג ניט וואַרטן.

איך בין אַרונטער פון וואָגן און אַריין אין הויז. אויסער דעם פע־טער און דער מומען איז אין הויז קיינער ניט געווען. ווי נאָר די מומע האָט מיך דערזען, האָט זי אויסגעשריגן: — אוי, לייבע! איך

האָב געזען, אַז זי גרייט זיך מיט נאָך עטלעכע „אויס". איך האָב זי אָפּגעשטעלט און זיך געווענדט צום פעטער. איך האָב געזאָגט: — מ'פירט מיך מיטן עטאַפּ. כ'האָב געוואָלט ווייטער ריידן, זאָגן וואָס מיין בקשה איז, אָבער ווי נאָר די מומע האָט דערהערט — עטאַפּ, האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און ווידער אויסגעשריגן: — אוי, מען האָט דיך געכאַפּט! מען האָט דאָך דיך אַזוי שטאַרק געזוכט, מען האָט דאָך איבערגעקערט דאָס גאַנצע שטעטל — און גענומען ריידן אָן אָפּשטעל. אַלע מיינע חלומות זיינען צערונען. אַ געדאַנק איז מיר דורכגעלאָפן: אויב די מומע געדענקט דאָס אַזוי גוט, האָט מיך וואַרשיינלעך אויך ביט פאַרגעסן די פּאָליציי. איך האָב דאָ מער גאָרניט וואָס צו טאָן. אויב אַזוי, האָב איך געזאָגט, — אַ גוטן טאָג! און אַוועק צום טיר. די מומע האָט נאָכגעשריגן: — וואו גייסטו? — אָבער איך בין שוין געווען אויף יענער זייט טיר. אַ נייער געדאַנק איז דורכגעלאָפן: גיין צוריק צום פורמאַן, הייסט דאָך איבערגעבן זיך פריוויליק דער פּאָליציי. זאָל איך דאָס טאָן? ניין, האָב איך גלייך באַשלאָסן. איך בין אַריין אין גאָרטן, אַריבערגעקלעטערט איבער אַ פּאַרקאַן, דורכגעגאַנגען נאָך אַ גאָרטן, אַריבערגעקלעטערט אַ צווייטן פּאַרקאַן, אַריינבאַקומען זיך אין אַ הויף און דורכן טויער אַרויס אויף אַן אַנדערער גאַס ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו איך האָב געלאָזט וואַרטן מיין פורמאַן.

איצט איז פאַר מיר געשטאַנען אַ שווערע פּראָבלעם: וואָס ווייטער? וואוהין גייט מען? איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אין שטעטל אַ גוטן פריינט — דאָס איז געווען דער פעלדשער פון שטעטל. ראובן איז געווען זיין נאָמען און אַזוי האָט מען אים טאַקע אין שטעטל גערופן — ראובן דער פעלדשער. ווען איך בין געשטאַנען צום פּריזיוו מיט 4 יאָר צוריק, בין איך קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. איז ער געווען מיין הויפּט־דאָקטאָר. דער אמתער דאָקטאָר איז געקומען נאָר איין מאָל, גלייך ווי איך בין קראַנק געוואָרן. ער האָט געשטעלט דעם דיאַגנאָז און פאַרשריבן אַ רעצעפּט. נאָכדעם איז שוין ראובן געווען מיין דאָקטאָר. ער איז געקומען אַלע טאָג און געזאָרגט פאַר מיר מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פריידענקער און איז געווען אַ קלוגער מענטש. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט מיר העלפן מיט אַלץ, וואָס איז מעגלעך. איך האָב געוואוסט וואו ער וואוינט. און איך בין אַהין אַוועק. דאָרט האָט מיך אָבער דערוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג. ווען איך בין געקומען צום פּלאַץ, וואו עס איז אַמאָל געווען ראובנס הויז, האָב איך דערזען בלויז אָפּגעסמאַליעטע סימנים פון הייזער, וואָס

זיינען אַמאָל געשטאַנען. הייסט עס, זיין הויז האָט אָפּגעברענט. איך בין געבליבן שטיין אַזוי ווי פאַרגליווערט.

איך בין אַוועק אויפן שוהל־הויף. דאָרט איז געווען אַ גרויסער בית־מדרש און עטלעכע חסידים־שטיבלעך. איך בין אַריין אין איי־נעם פון זיי. אין שוהלעכל איז קיינער ניט געווען אויסער דעם שמש, וועלכער האָט אויפגעראַמט לכבוד שבת. איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן יידן צו מנחה. דער ערשטער איז אַריינגעקומען אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן. איך האָב אים גלייך דערקענט. אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען מיט טאַטע־מאַמע, איז ער געווען אונזערער אַ נאָנטער שכן. מיר האָבן געוואוינט אין אַ הויז לעבן אַ הויז. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, אַריינגעשטעקט אַ שלום־עליכם און שטאַרק זיך איינגעקוקט אין מיר. — איר זייט מיר שטאַרק באַקאַנט — זאָגט ער — איר זענט געווען אַמאָל אין טשאַשניק? — ניין, קיינמאָל ניט געווען. — און איך וואָלט שווערן, אַז איך האָב איך אַמאָל געזען. — עס טרעפט, זאָג איך, אַז צוויי מענטשן זיינען ענלעך. איך בין זיכער, אַז איר האָט אַ טעות. ער האָט מיך אָפּגע־לאָזט.

ס'זיינען אָנגעקומען נאָך יידן און מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט, כלומרשט איינער פון די דאַוונער. אָפּגעדאַוונט, זיינען עטלעכע אַוועקגעגאַנגען, און אַנדערע זיינען פאַרבליבן. איך האָב זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל. שפּעטער, אַז ס'איז געוואָרן פינצטער, האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען מעריב. איך שטיי שוין ווידער מיטן פּנים צו דער וואַנט און בין ווידער איינער פון די דאַוונער. אָפּגעדאַוונט, האָט זיך דער עולם גענומען פאַנאַנדערגיין. איך האָב זיך אומבאַמערקט אַרויסגעשאַרט.

איך בין אַוועק צו מיינעם אַ קוזין. איך האָב אים געטראָפן פונקט, ווען ער איז געשטאַנען מיט אַ בעכער אין האַנט און געמאַכט קידוש און זיין יונג ווייבל לעבן אים. ווי נאָר ער האָט מיך דערזען, איז דער בעכער אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און דער ווין האָט זיך אויסגעגאָסן. דאָס ווייב האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן חלשן. איך בין גלייך אַרויס. טיף אין הויף איז געשטאַנען אַ שטיבל, וואו זיין עלטערער ברודער, מיין עלטערער קוזין האָט געוואוינט. איך בין צוגעגאַנגען אַהין, געוואָלט עפענען די טיר, זי איז אָבער געווען פאַרשפּאַרט פון אינעווייניק. איך האָב אָנגעקלאַפּט. אַ קינדערשע פרויען־שטימע האָט געפרעגט: — ווער איז דאָרט? איך האָב אָנגערופן מיין נאָמען. ס'איז אויסגעבראָכן אַ געוויין. איך בין צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וואו די פענצטער זיינען געווען, געוואָלט אַריינקוקן אינעווייניק, אָבער די

פענצטער זיינען געווען גאַנץ הויך. איך האָב זיך ווי ס'איז אַרויפגעקראָכן צו אַ פענצטער און דערזען: אין מיטן שטוב שטייט אַ מיידל, כמעט נאָך אַ קינד — פון בערך אַ יאָר 10, אַרום איר שטייען אירע קלענערע ברידערלעך און וויינען. זי סטאַרעט זיך איינשטילן זיי, טאַטע־מאַמע זיינען אין הויז ניטאָ.

איך בין אַוועק צוריק אין שוהלעכל. איינעווייניק איז קיינער ניט געווען. פינצטער אַרום. בלויז ביים עמוד האָט נאָך געצאַנקט אַ ליכט. איך בין אַריין אין חדר שני, אַ קליין צימערל צוגעבויט צו דער שוהל. דאָ דאַווענען די יידן, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענע ערטער אין שוהל גופא. ביי איין וואַנט שטייט אַ לאַנגער טיש, פוןביידע זייטן בענק. אויפן טיש ברענט אַ לאָמפּ. ביי די איבעריקע ווענט — קורצע בענק. איך האָב אויסגעקליבן דעם טונקעלסטן ווינקל, אַוועקגעלייגט זיך אויף אַ באַנק און איינגעוויקלט דעם קאָפּ אין מאַנטל. אויסגעמאַטערט בין איך געווען, בין איך איינגעשלאָפן. פאַרטאָג, איך הער מענטשן קומען אָן. איך טו אַ קוק, יידן — עלטערע און ייִנגערע — זעצן זיך אַרום טיש און זאָגן געשמאַק תהילים אויפן קול. דאָס איז געווען די שטעטלשע חברה־תהילים. דורך דער טיר האָב איך זיך איינגעקוקט אין שוהלעכל. דאָרט איז געווען פינצטער און שטיל. איך האָב זיך גענומען אַרויסשאַרן פון צימער, געוואָלט אַריין אין שוהלעכל, כדי אויסצומיידן פרעמדע בליקן אויף זיך. איך זע אַ יונגערמאַן פון די תהילים־זאָגער הויבט זיך אויף און גייט מיר נאָך. איך האָב אים זייער גוט געקענט נאָך פון די קינדער־יאָרן. אַריינגעקומען אין שוהלעכל, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט: — פאַר דיר איז דאָ קיין אָרט ניט. דו מוזט פון דאַנען באַלד אַוועק. פּאָליציי האָט איבערגעקערט דאָס שטעטל. זיי זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז, זיי קענען קומען אַהער אויך.

ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ס'איז מיר געוואָרן הייס און קאַלט. איך בין געוואָרן דערדריקט. איך האָב געוואוסט, אַז דער יונגערמאַן איז אַ גרויסער פּלאַפּלער, ער קען ניט האַלטן קיין סוד. אין אַ קורצער צייט קען שוין דאָס שטעטל וויסן, אַז איך בין דאָ און מען וועט קומען צולויפן אָנקוקן דאָס משונהדיקע באַשעפעניש, וואָס איז פון די חברה־לייט, וועלכע ריידן אויפן קיסר און גלויבן ניט אין גאָט. אַזאַ באַגריף וועגן מיר האָט מען געהאַט אין שטעטל פריער, ווען מען האָט מיך געזוכט אין שייכות מיטן וויטעבסקער דורכפאַל. איך האָב איצט אָנגעווענדט מיין גאַנצע רעדנער־קראַפט, איך האָב אים באַשוואוירן מיט אַלע שבועות, אַז ער זאָל האַלטן פאַרמאַכט דאָס מויל. איך האָב אים אָנגעזאָגט, אַז ער טאָר קיינעם, אפילו זיין

— גערענק! — איגן ווייב, קיין וואָרט ניט לאָזן פאַלן וועגן מיר. — האָב איך פאַרענדיקט, דו שפּילסט זיך מיט אַ מענטשנס לעבן. ער האָט מיר פאַרזיכערט מיט הייליקע שבועות, אַז ער וועט שווייגן. אין זיינע ווערטער האָב איך דערשפּירט, אַז דעם מאָל וועט ער האַלטן וואָרט. — איצט, האָב איך געזאָגט, האָב איך צו דיר אַ בקשה: דו גייסט באַלד אַהיים, דו גייסט פאַרביי אהרן לייבן (דאָס איז געווען מיין עלטערער קאָזין), גיי אַריין און זאָג אים, אַז איך בין דאָ. פאַרפיר ניט מיט אים קיין שמועס, גיי גלייך אַוועק. אויך דאָס האָט ער מיר צוגעזאָגט. מיר האָבן זיך צעשיידט און איך האָב זיך פאַרשטעקט אין אַ טונקעלן ווינקל. ווען עס איז געוואָרן גוט ליכטיק, און מענטשן האָבן אָנגעהויבן קומען צום דאַוונען, בין איך אַריין אין קליינעם צימער. דאָרט האָט מען זיך שוין געשטעלט דאַוונען. איך שטעל זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט און וואַרט. דאָס וואָרטן האָט זיך ביי מיר געצויגן, ווי אַן אייביקייט. פּלוצלונג האָב איך דערפילט אַ האַנט אויף מיין אַקסל. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען מיין עלטערן קאָזין.
— קום, האָט ער שטיל געזאָגט, מיר זיינען אַרויס פון שוהלעכל.

אין גאַס איז געווען פּוסט און שטיל. אַלע יידן זיינען געווען ביים דאַוונען. מיין קאָזין האָט אָנגעהויבן ריידן. — נעכטן פאַרנאַכט האָט פּאָליציי געמאַכט ביי מיר אַן אַביסק. זיי האָבן איבערגעקערט די גאַנצע שטוב, געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אפילו אין שטאַל, וואו מען האַלט האָלץ. אין אָוונט בין איך מיט פּעסיען (זיין פרוי) אַוועק צו ראובנען מישב זיין זיך, וואָס צו טאָן. ווען מיר זיינען געקומען אַהיים, האָבן די קינדער דערציילט, אַז דו ביזט געווען און זיי האָבן דיך ניט אַריינגעלאָזט, זיי האָבן מורא געהאַט. וואו צו געפינען דיך, האָב איך ניט געוואוסט. איצט דאַרף מען טאָן אַזוי: ראובן האָט אַ וויטן קרוב, ער איז אַ באַלעגאָלע. ראובן איז ביי אים ווי אַ גאָט, זיין וואָרט איז ביי אים הייליק. מיר גייען איצט אַהין. ער וואוינט אין עק שטאָט. איך וועל אים זאָגן, אַז ראובן האָט געהייסן דו זאָלסט דאָרט וואַרטן אויף אים, ער וועט קומען שפּעטער. ביינאַכט וועט דיך דער באַלעגאָלע אַרויספירן פון טשאַשניק, וואוהין — וועלן מיר שפּעטער זען. האָסט געלט? — האָט ער ביי מיר אַ פרעג געטאָן. — אַזוי גוט ווי ניט, נאָר קליינגעלט האָב איך. — נו, מען וועט זיך שוין אַן עצה געבן וועגן דעם אויך.

אין הויז ביי דעם באַלעגאָלע האָבן מיר געטראָפן זיין ווייב און אַ זון — אַ יאָר 17 אַלט. — וואו איז משה? — האָט מיין קאָזין געפרעגט. — ער איז ניט געקומען אַהיים אויף שבת. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין אַ דערבייאיק שטעטל, ער וועט קומען ערשט מאָנטיק, אַזוי האָט

ער אָנגעזאָגט דורך אַ צווייטן באַלעגאָלע, האָט דאָס ווייב געענטפערט. פּאַר מיר איז דאָס געווען אַ ביטערע אַנטוישונג, דאָס האָט געמיינט, אַז איך וועל שוין ניט קענען אַרויסבאַקומען זיך ביינאַכט פון טשאַשניק. מיין קאַזין אָבער האָט דאָס אויפגענומען גאַנץ גלייכגילטיק. און דאָס, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעגרייט צו זאָגן דעם באַלעגאָלע, האָט ער געזאָגט זיין ווייב: — ראובן האָט געהייסן, אַז אַט דער יונגערמאַן זאָל דאָ וואַרטן אויף אים, ער וועט קומען שפּעטער, נאָך וואַרמעס. — גוט, האָט זי געזאָגט. אין איר ענטפער האָט זיך געפילט, אַז וויבאַלד ראובן הייסט, איז דאָך ניט שייך. — נו, האָט מיין קאַזין געזאָגט צו מיר, איך וועל שוין גיין און דו וואַרט אויף ראובנען. ער איז אַוועק. אַ ביסל שפּעטער איז דער זון אויך אַוועק. די באַלעבאָסטע איז ניט געווען קיין באַריידעוודיקע. זי האָט ניט געשטעלט קיין פראַגעס און איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס איך דאַרף ניט זוכן קיין ענט־פערס.

אַ פּאָר שעה שפּעטער איז דער זון צוריקגעקומען. ער האָט עפּעס גענומען דערציילן שטילערהייט דער מאַמען. איך האָב גאָרניט געקענט הערן, אָבער איך האָב געשפּירט, אַז דער טאָן איז אַן אויפגע־רעגטער, און ווען ער האָט געענדיקט, האָב איך געהערט, ווי די מאַמע זאָגט: — גיי שוין גיי, עס קען ניט זיין.

אַז דער בחור איז ווידער אַוועק, זאָגט צו מיר זיין מאַמע: — מיין זון זאָגט, אַז איר זייט אַ ציצי־סיצי, אוי, איך קען דאָס ניט אויסריידן. איך וואַרט שוין ניט ביז וואַנען זי וועט זיך אויסלערנען אויסריידן, און איך זאָג: — וואָס הערט איר זיך צו צו אַלע נאַרישקייטן, ער ווייסט דען וואָס ער רעדט? — איך האָב אים דאָך געזאָגט, אַז עס קען ניט זיין, פאַרענטפערט זי זיך. מיר זיינען געבליבן זיצן שווייגנדיק.

אַ געוויסע צייט שפּעטער און דער זון איז דאָ צוריק. ער נעמט ווידער ריידן צו דער מאַמען, ער סטאַרעט זיך שוין ניט צו ריידן שטיל איך זאָל ניט הערן. ער רעדט גאַנץ הויך און מיט איבערצייגונג. איך זע, אַז די מאַמע הויבט אָן גלויבן. זי וואַרפט אומפריינטלעכע בליקן אין מיין זייט. איך רוף זיך ניט אָן מיט קיין וואָרט. ס'איז אַ ביטערע לאַגע. סוף־כל־סוף איז די שפּאַנונג איבערגעריסן געוואָרן. ס'איז אָנ־געקומען ראובן. ער האָט מיך אַרויסגערופן אין פירהויז. אונזער באַגעגעניש האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ וואַרעמען האַנט־דרוק. פּאַר סענטימענטן איז ניט געווען קיין צייט. ער איז גלייך צו צום פּונקט: — הייסט עס, אַז מען דאַרף דיך אַריבערפּעקלען איבער דער גרענעץ. — ניין, ניט נויטיק, זאָג איך. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן אַזוי, ווי ער וואָלט געווען אין ספק צי ער האָט גוט געהערט:

— ניט נויטיק זאָגסטו, טאָ וואָס דען דאַרף מען טאָן? — ערשטנס, האָב איך געענטפערט, דאַרפט איר מיר העלפן אַרויסבאַקומען זיך פון טשאַשניק, צווייטנס, דאַרפט איר מיר באַזאָרגן עטלעכע רובל איך זאָל קענען דערפאָרן ביז ביאַליסטאָק. — דאָס אַלץ? — דאָס אַלץ. — איז דאָך גוט, זאָגט ער אַ צופרידענער. דו פאַרשטייסט, איך האָב גערעדט מיט אַ פּאָר באַלעבאַטים (ער האָט אָנגערופן די נעמען) און מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערשמוגלען דיך איבער דער גרענעץ. אָבער דאָס דאַרף דאָך קאָסטן אַ היפּשע סומע. גלייך אויפן פלאַץ האָבן מיר דאָס ניט געקענט שאַפן, בין איך דיר געקומען זאָגן, אַז דאָס דאַרף נעמען אַ טאָג אָדער צוויי, אָבער אַז מען דאַרף ניט שמוגלען קיין גרענעץ, וועסטו נאָך היינט ביינאַכט קענען אַוועקפאָרן. וועט זיין גענוג אַ צענערל? — האָט ער געפרעגט. — יאָ, גענוג, האָב איך געענטפערט. — נו, איך וועל אַלץ באַזאָרגן דו זאָלסט היינט אַוועקפאָרן. און איצט קום אַריין אין שטוב, איך וועל זיי זאָגן. בכלל האָט קיין זינען ניט צו שפּילן זיך מיט זיי אין באַהעלטעניש. די גאַנצע שטאָט ווייסט וועגן דיר.

מיר זיינען אַריין אין הויז און ער האָט זיך געווענדט צו דער מאַמען מיטן זון: — הערט זיך איין, דער יונגערמאַן וועט היינט ביינאַכט אַוועקפאָרן. איך גיי גלייך באַשטעלן אַ פור. איר האָט ניט וואָס מורא צו האָבן, איך וועל אַלץ באַזאָרגן. איר ווייסט דאָך, אַז אויף ראובנען קען מען זיך פאַרלאָזן. באַלד ווי איך וועל פאַרטיק ווערן, וועל איך קומען זאָגן ווען דער פורמאַן וועט קומען. ער איז גלייך אַוועק.

אַלע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. דער באַלד האָט זיך פאַרצויגן אויף אַ פּאָר שעה, אָבער ער איז געקומען. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אַלץ איז איינגעאָרדנט אויפן בעסטן אופן. דער פורמאַן (ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען) וועט קומען 12 אַזייגער. — איר קענט גיין רואיק שלאָפן, האָט ער געזאָגט צו דער מאַמען מיטן זון, און דו קענסט כאַפּן אַ דרעמל דאָ ביים טיש. מיר האָבן זיך געזעגנט.

קיינער פון אונז איז ניט געגאַנגען שלאָפן. אַלע וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן פורמאַן. די ווייזערס אויפן זייגער רוקן זיך אַזוי לאַנגזאַם... די ווייזערס האָבן זיך שוין צוגערוקט צו 12. די שפּאַנונג איז אַזוי גרויס, אַז עס הויבט אַזש אָן צו שטעכן אין די שלייפן. אָבער עס גייט אַריבער 15 מינוט, אַ האַלבע שעה. דער זייגער איז שוין איינס — ניטאָ, מען הערט ניט און מען זעט ניט. דער בחור איז אויפגעשפּרונגען און געזאָגט: — איך וועל צוגיין צום פורמאַן זען וואָס איז מיט אים, פאַרוואָס איז ער ניט געקומען. ער איז אַרויס פון שטוב.

אין אַ ווײַלע אַרום, ער קומט צוריק אַ פֿאַרזאָרגטער. ביים פֿורמאַן אין הויז איז פֿינצטער. ער האָט געקלאַפּט אין טיר און קיינער האָט ניט געענטפֿערט. מיר וואַרטן ווייטער, יעדע מינוט — אַן אייביקייט. ערשט באַנט צו 4 אַזייגער — אַ קלאַפּ אין פֿענצטער. דער בחור איז צוגעשפּרונגען צו דער טיר און אויפֿגעמאַכט. דער פֿורמאַן האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ און אַ רוף געטאָן: — קום! איך בין אַרויס. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ פֿערד געשפּאַנט אין אַ שליטן. דער הינטערשטער טייל פֿון שליטן — באַדעקט מיט אַ בויד. איך בין אַריין אין בויד און דער פֿורמאַן פֿון פֿאָרנט, ער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס און מיר פֿאָרן.

אַ שטיק צייט זיינען מיר געפֿאָרן גאַנץ שנעל און באַקוועם. דער וועג איז גלאַט און דער שליטן גליטשט זיך. עס האָט אָנגעהויבן שנייען. פֿון אָנפֿאַנג איז געפֿאַלן לאַנגזאַם אַ דין דראָבנע שנייעלע, ביסלעכווייז איז דער שניי געוואָרן גרעסער און געדיכטער ביז ער איז געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז מען האָט ניט געקענט זען פֿאַר אַ שפּאַן פֿאָראויס. פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען אַזוי ווי אַ לאַנגזאַם באַוועגלעכע וואַנט. דער באַלעגאָלע האָט גערעדט צו זיך אַליין: — נאָר ניט אַראָפּ פֿון וועג. ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ ווינט. די קעלט נעמט דורך און איך נורע זיך איין פֿעסטער אין מאַנטל. דער ווינט ווערט שטאַרקער, אין די פֿינגער פֿון די הענט און פֿיס נעמט שטעכן אַזוי ווי מיט נאָדלען. אַ ביסל שפּעטער האָט די שטעכעניש אויפֿגעהערט, אָבער איך האָב אינגאַנצן אויפֿגעהערט צו פֿילן די הענט און די פֿיס, ווי זיי וואָלטן געווען ניט מיינע. דער ווינט שטאַרקט זיך אַלץ מער. ס׳איז געוואָרן אַ שרעק־לעכע זאַווערוכע. עס יאָגט, עס פֿייפֿט, עס וויינט, ווי עס וואָלטן זיך צונויפֿגעקליבן אַלע שדים און רוחות פֿראַוועון אַ חתונה פֿאַרן אַשמדאי אַליין. דאָס פֿערדל קוים וואָס עס גייט, מען הערט ווי עס סאָפּעט. ערטערווייז האָט דער ווינט צונויפֿגעטראָגן אַ גאַנצן באַרג שניי. ס׳איז אוממעגלעך דורכצופֿאָרן און דאָס פֿערדל שטעלט זיך אָפּ. דער פֿור־מאַן פֿאַרקירעוועט אין אַ זייט אַרומצופֿאָרן דעם באַרג און יעדעס מאָל איבערחזרט ער: — איך זאָל נאָר ניט פֿאַרלירן דעם וועג.

דער שטורעם האָט אָנגעהאַלטן אַרום 3 שעה. ווען ס׳האָט אָנגע־הויבן גרויען אויף טאָג, האָט דער שניי אויפֿגעהערט, אָבער דער ווינט האָט נאָך געבושעוועט. אַז עס איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער, האָבן מיר פֿון ווייטן דערזען אַ דאָרף, אין וועלכן די כאַטעס זיינען געשטאַנען אַזוי ווי האַלב איינגעזונקען אין שניי. אַריינפֿאָרן גלייך אין דאָרף האָט מען ניט געקענט, אַ הויכער באַרג שניי האָט פֿאַרשטעלט דעם וועג. מען האָט געמוזט פֿאַרקירעווען צו די גערטנער און פֿון דאָרט

אַריין אין דאָרף. ביי אַ כאַטע, וואו דער שניי איז ניט געווען הויך, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. דער פורמאַן איז אַוועק זען צו איבער־וויניק זיינען דאָ לעבעדיקע מענטשן. ער איז באַלד צוריק געקומען און געזאָגט: — קום אַרונטער, מיר וועלן זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען.
— איך קען זיך פון אָרט ניט רירן, די פיס און די הענט זיינען אַזוי ווי קלעצער, זאָג איך אים. מיט גרויס מאַטערניש האָט ער מיך אַרויס־געשלעפּט פון שליטן און אויף די הענט, אַזוי ווי אַ קינד, אַריינגעטראָגן אין כאַטע. דאָרט האָב איך דערזען אַ פּויערטע, איינגעהילט אין אַ באַרג שמאַטעס. אויפן אויוון איז אויך וועד געלעגן איינגעדעקט מיט שמאַטעס. אין אויוון האָבן זיך געררויכערט אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ און ס'איז געווען אַ ביטערע קעלט. דער פורמאַן איז אַרומגעשפּרונגען איבער דער שטוב, כדי צו דערוואַרעמען זיך. איך בין געזעסן אויף אַ באַנק, קוים זיך געקענט רירן און די פּויערטע האָט דערציילט איר טרויעריקע געשיכטע: איר מאַן איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן. זי איז געבליבן מיט צווי קליינע קינדער. האָלץ אויפן ווינטער האָט זי ניט געקענט צוגרייטן און זי מוז דערייבער זיין זייער שפּאָ־רעוודיק. זי ווייזט אָן אויף אַ ווינקל, וואו עס ליגט אַ ביסל קאַרטאָפל, אַז דאָס איז איר גאַנצע שפּייז.

דער פורמאַן האָט זיך שוין אַ ביסל דערוואַרעמט. איך האָב זיך שוין אויך געקענט באַוועגן און איך האָב אַרומשפּאַצירט לאַנגזאַם אי־בער דער שטוב. מיר זיינען נאָך דאָ פאַרבליבן אַ היפּשע צייט ביז איך האָב זיך דערפילט פולקאָם דערוואַרעמט. דער פורמאַן האָט זיך אָנגערופן: ביז דער באַן־סטאַנציע האָבן מיר נאָך צו פאָרן 15 וויאָרסט. ביז מיר וועלן קומען וועט שוין דער צוג זיין לאַנג אַוועק. ס'האָט ניט קיין זינען צו פאָרן איצט אַהין. 5 וויאָרסט פון דאַנען געפינט זיך דאָס שטעטל אולא. דאָרט האָב איך מיינעם אַ גוטן פריינט. אַהין וועלן מיר אַריינפאָרן און דאָרט וואַרטן ביז דעם נאָענטן צוג.

מיר זיינען אַריין אין שטעטל און פאַרפאָרן צו אַ יונג פּאָרפאָלק. אין הויז איז געווען וואַרעם און געמיטלעך. דער פורמאַן און זיין פריינט האָבן זיך באַגריסט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט און פאַרפירט צווישן זיך אַ שמועס שטילערהייט. צום סוף פון דעם שמועס האָט דער יונגער באַלעבעסל געזאָגט גאַנץ הויך: — ס'איז זיכער וואָס זיכערער קען ניט געבן. אַלע קענען מיך דאָ פאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן, אַ פיינעם באַלעבאָס. און דער פורמאַן זאָגט צו מיר: דער נאָענטסטער צוג גייט אָפּ שפּעט ביינאַכט. איך קען דאָ אַזוי לאַנג ניט וואַרטן. איך וועל באַשטעלן אַ באַלעגאָלע, וועלכער וועט דיך שפּעטער צופירן צו דער באַן־סטאַנציע.

ער איז אַוועק און איז באַלד צוריק געקומען. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אַלץ איז באַזאָרגט. דער באַלעגאָלע וועט קומען ביינאַכט צו דער ריכטיקער צייט. ער האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט די באַלעבאַטים און אויך מיט מיר און איז אַוועק. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, האָט דער באַלעבאָס צו מיר געזאָגט: — זייט ווי ביי זיך אין דער היים. איר האָט גאָרניט וואָס צו זאָרגן. איר זייט אין זיכערע הענט, מיר זיינען דאָך יידן. די עטלעכע וואַרעמע, האַרציקע ווערטער פון אַ ווילד־פרעמדן, וואָס זעט מיך צום ערשטן מאָל און וואָס וועט אין עטלעכע שעה שפּעטער מיך זען צום לעצטן מאָל, האָבן מיך גערירט ביז טרערן. נאָך איצט, ווען איך דערמאָן זיך וועגן דעם, שטיקט מיר אין האַלז.

ביינאַכט איז געקומען דער באַלעגאָלע. איך האָב זיך האַרציק געזעגנט מיטן פאָרפאָלק און אַוועק צו דער באַן־סטאַנציע. דער צוג איז באַלד אָנגעקומען. איך האָב געקויפט אַ בילעט קיין וויטעבסק, אַריין אין וואַגאָן, איינגעאָרדנט זיך ערגעץ אויף אַ באַנק און טאַקע באַלד איינגעשלאָפן.

ס׳איז שוין אַוועק פון יענער צייט מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט און ס׳איז שווער צו אַנאַליזירן יעדע קלייניקייט, וואָס איך האָב דעמאָלט געטאָן. איך מוז מודה זיין, אַז ווען מען זאָל ביי מיר פרעגן צי אַלץ, וואָס איך האָב דעמאָלט געטאָן, איז געווען לאָגיש, מיט פאַרשטאַנד, אָדער אומבאַרעכנט און אימפּולסיוו, וואָלט איך ניט געקענט ענטפערן. ביי מיר אַליין איז אַ ספק. איינס איז זיכער: די פאַקטן, וואָס איך גיב אָן, זיינען פאָרגעקומען פּינקטלעך אַזוי, ווי איך האָב זיי דאָ פאַרצייכנט.

איך בין אָנגעקומען אין וויטעבסק גאַנץ פרי. איך האָב אין בופעט פון דריטן קלאַס געטרונקען טיי, עפּעס צוגעביסן און אַרויס אין גאַס. קיין באַגאַזש האָב איך ניט געהאַט, אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, האָב איך געטראָגן אויף זיך. איך געדענק, איך האָב געטראָגן דריי העמדער, איינע אויף דער אַנדערער, צוויי פּאָר גאַטקעס און אַ האַנטוך אויך אַרומגעוויקלט אַרום זיך. איך האָב באַשלאָסן צו גיין צו מיין אַמאָליקן תלמיד און שפּעטערדיקן חבר ארקע ראם. איך האָב ניט געוואוסט, אַז ארקע איז ניטאָ אין וויטעבסק. די שטרעקע פון וואָקזאַל אַהין איז געווען אַ גאַנץ לאַנגע, אָבער דער טאָג איז געווען אַ לויטערער, ניט שטאַרק קאַלט. איך האָב געהאַט אמתן פאַרגעניגן פון גיין אָן אַ באַגלייטער, אָפּשטעלן זיך, ווען און וואו איך אַליין וויל און ניט לויט אַ באַפעל, גיין שנעלער אָדער לאַנגזאַמער לויט מיין אייגענעם ווילן.

אין הויז האָב איך געטראָפן ארקעס מאַמע, זיינע 2 שוועסטער און אַ ברודער. זיי אַלע האָבן מיך זייער גוט געקענט און איך זיי אויך. אַמאָל בין איך דאָ געווען אָן אָפּטער אַריינגייער. טיילמאָל האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט אונזערע זעלבסטבילדונגס־קרייזלעך. מיר האָבן פאַרפירט אַ פריינטלעכן שמועס, פאַנאַנדערגעפרעגט זיך וועגן דעם, וועגן יענעם. אין מיטן איז אַריינגעקומען אַ בחור. ער האָט מיך געקענט. ווי נאָר ער האָט מיך דערזען, האָט ער אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן פון אי־בעראַשונג. ער האָט מיר געשטעלט נאָר איין פראַגע: — ווען זייט איר געקומען? — אָט ערשט, האָב איך געענטפערט. מיר האָבן ווײ־טער געפירט דעם איבערגעריסענעם שמועס, שוין צוזאַמען מיט אים. אַז מען האָט זיך אַ ביסל אויסגערעדט, האָט דער געקומענער בחור געזאָגט צו מיר: — קומט, מיר וועלן זיך זען מיט אַ פּאָר חברים. איר וועט דאָך מסתמא דאָ לאַנג ניט פאַרבלייבן.

מיר זיינען אַוועק. ווי נאָר מיר זיינען אַרויס אין גאַס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווידער געשטעלט נאָר איין פראַגע: — ווי אַזוי? איך האָב אים אין קורצן דערציילט מיין געשיכטע פון די לעצטע עטלעכע טעג. איצט האָט ער מיר גענומען דערציילן אַ לענגערע גע־שיכטע: מיין טורמע־חבר, דער אַנטלאָפענער סאָלדאַט, איז באַלד נאָכן אָנקומען אין וויטעבסק באַפרייט געוואָרן. ער האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע און איבערגעגעבן אַלץ, ווי איך האָב אים געבעטן. די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן, אַז מען טאָר דאָס ניט לאָזן גיין אַזוי. מען מוז אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען מיך צו באַפרייען. זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, זיי האָבן געוואוסט גענוי ווען מען וועט מיך פירן פון ליעפּליע אין טשאַשניק. זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז דער קאָנוואָי באַשטייט נאָר פון איין דאָר־פישן פויער. איז דער פּלאַן זייערער געווען אַזאַ: עטלעכע חברים זאָלן אַרויספאָרן מיר אַנטקעגן. ווען זיי וועלן מיך באַגעגענען, דאַרפן זיי באַזייטיקן מיין באַגלייטער. מען וועט אים פאַרבינדן די הענט, פאַרשפּאַרן דאָס מויל און לאָזן גיין. מיך וועט מען גלייך אַרויפנעמען אויפן וואָגן און — האַיידאַ קיין וויטעבסק. מען האָט זיך געווענדט מיט דעם פּלאַן צו די פּילוּיס. דאָס זיינען געווען 4 ברידער — שטאַר־קע, העלדישע יונגען איינער אין אַנדערן. יענע האָבן גערן אָנגענומען דעם פּלאַן דורכצופירן. מיט דער צושטימונג פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן זיי צוגעצויגן נאָך איינעם — איזיק וואַסיל. זיי האָבן געדונגען אַ פּאָר פערד מיט אַ שליטן און זיינען אַוועקגעפאָרן מיך באַגעגענען. אויפן וועג פון טשאַשניק קיין ליעפּליע האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ קרעטשמע אַ ביסל אָנוואַרעמען, עפּעס עסן און טרינקען. איבעריק צו זאָגן, אַז די דאָזיקע חברה האָט געקענט מאַכן אַ שנאַפּס.

זיי האָבן באַשטעלט צוביסן. מען האָט געטרונקען, געגעסן — מער געטרונקען ווי געגעסן. זיי האָבן זיך צעוואַרעמט, געוואָרן אַ ביסל פאַרשניאָשקעט און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זינגען אויף די העכסטע טענער. גראָד איז פאַרביגעגאַנגען דער אוריאַדניק. דערזען אַ פאָר פערד געשפאַנט אין אַ שליטן און אינעווייניק איז אַ טומל, אַ זינגעריי, איז ער אַריין אַ קוק טאָן, וואָס דאָ קומט פאָר. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און גוטמוטיק גענומען פאַנאַנדערפרעגן ווער זיי זיינען, וואָס זיי טוען א. אַז. וו.. חברה האָט זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט, אָבער זיך ניט פאַרלאָרן. זיי זיינען וויטעבסקער סוחרים, פאָרן אויף יאַרידן אויפקויפן סחורות. דער אוריאַדניק האָט זיך אַ ווילע פאַרטראַכט און נאָכדעם אַ זאָג געטאָן: — דאָקומענטי. — וואָסערע דאָקומענטן? ער וויל זען זייערע פאַספאָרטן. איצט האָט זיך די חברה שוין אינגאַנצן אויסגעניכטערט. ביי אַלע צוגרייטונגען האָבן זיי פאַרגעסן אין זאַך און גראָד אַ גאַנץ וויכטיקע זאַך — זיי האָבן פאַרגעסן צו פאַרזאָרגן זיך מיט פאַספאָרטן. זיי האָבן ניט און דאַרפן ניט קיין פאַספאָרטן. זיי פאָרן אויף דעם וועג שוין ניט צום ערשטן מאָל און קיינער האָט ביי זיי קיינמאָל ניט געפרעגט קיין פאַספאָרטן. דער אוריאַדניק טוט אַ זאָג גאַנץ געלאַסן: — ניטאָ קיין פאַספאָרטן, מוז איך אייך אַרעסטירן און אָפשיקן מיטן עטאַפ קיין וויטעבסק. — וואָס הייסט מיטן עטאַפ? — קאָכן זיך די חברה־לייט. דו טאָרסט אונז ניט שיקן מיטן עטאַפ. מיר זיינען סוחרים. — אַזוי איז דאָס, האַלט זיך דער אוריאַדניק ביי זיינס, איר וועט מוזן גיין מיטן עטאַפ. דערזעען, אַז די לאַגע ווערט גאַנץ ערנסט, האָבן זיי זיך געכאַפט פאַרן לעצטן און כמעט אַלע מאָל בעסטן מיטל — כאַבאַר. זיי האָבן אָנגעבאָטן אַ פאָר רובל. ער אָבער וויל ניט הערן. ווייזט אויס, אַז די סומע האָט אים ניט צופרידן געשטעלט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. מען העכערט דעם אָנבאָט מיט נאָך אַ פאָר רובל. ניין, ניט גענוג. מען אַרגומענטירט, מען אַפעלירט, עס גייט ניט. מען העכערט ווידער דעם אָנבאָט און לסוף איז מען דורכגעקומען. דער אוריאַדניק האָט צוגענומען די עטלעכע רובל און חברה איז אַוועק צוריק קיין וויטעבסק. געקומען צוריק אַהיים מיט דעם, וואָס זיי זיינען אַוועק און מיט אויסגעצויגענע, אַראָפגעלאָזטע נעז אַלס צוגאָב.

— און איצט, האָט מיין דערציילער געזאָגט, וועלן מיר אַריינגיין צו די פילויס. ביי די פילויס האָבן מיר געטראָפן נאָר דעם טאַטן, לויטן אויסזען אויך ניט קיין שיפע זיבעלע. די זין זיינען אין דער היים ניט געווען. מיין באַגלייטער האָט זיך מיט אים באַגריסט. אָנווייזנדיק אויף מיר, האָט ער געזאָגט: — דאָס איז דער, וועמען דיינע

בנים זיינען געפֿאָרן אַרויסראַטעווען פֿון גוישע הענט. דער טאַטע פֿון די בנים האָט מיר אַריינגערוקט אַ בריוו שלום־עליכם און געבעטן זיצן, ער האָט געזאָגט, אַז די זין דאַרפֿן באַלד אָנקומען און זיי וועלן זיין זייער צופֿרידן מיך צו זען. באַלד איז אַריינגעקומען אַ יונגער־מאַן. ווי באַר פּילוי האָט אים דערזען, האָט ער אויסגערופֿן: — קום אַהער, אייזיקל! פּילוי שטעלט אונז פֿאָר: דאָס איז אייזיק וואַסיל און, אָנווייזנדיק אויף מיר, דאָס איז דער, וועמען דו ביזט געפֿאָרן ראַ־טעווען און געקומען מיט אַ נאַז. איך האָב זיי אָבער באַלד געזאָגט, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו זאָרגן. ווייל ממה נפשך: איז ער אַ יאָט, וועט ער זיך אַליין אַן עצה געבן; אויב ניט, וואָלט איר אים אויך ניט געקענט העלפֿן.

ווער איז אייזיק וואַסיל? נאָך מיט יאָרן פֿריער האָב איך דעם נאָמען געהערט. מען האָט דערציילט, אַז דאָס איז אַ מענטש מיט אויסערגעוויינלעך שטאַרקע מוסקולן, אַ סקאַנדאַליסט, אַ שלעגער. אַלע האָבן מורא פֿאַר אים, אַפֿילו די פּאָליציי. זיין באַשעפֿטיקונג? ער פֿאַרנעמט זיך מיט דין־תורהס. אַז אַ ייד האָט געמאָנט ביי אַ צווייטן געלט און יענער האָט געלייקנט, אַז עס קומט פֿון אים אָדער ער האָט ניט געוואָלט באַצאָלן, האָט זיך דער מאַנער געווענדט צו אייזיק וואַסיל ער זאָל פּסקנען. און אַז אייזיק האָט געפּסקנט, אַז מען דאַרף באַצאָלן, האָט שוין יענער באַצאָלט. מיט אייזיק וואַסיל טרייבט מען ניט קיין קאַטאָוועס. מיט אַזעלכע און ענלעכע דין־תורהס האָט זיך פֿאַרנומען אייזיק וואַסיל. פֿון דעם איז געווען פּרנסה ניט צו פֿאַר־זינדיקן.

די אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהאַט אַ מאָדנעם כוח. זי האָט אַריינגעצויגן אַ היפּשע צאָל אונטערוועלט־מענטשן און זיי פֿאַרוואַנדלט אין מענטשן, אָן דעם צוגאָב אונטערוועלט. אייזיק וואַסיל איז געווען איינער פֿון זיי. צו אַזעלכע מלאכהס, ווי מיינער, זיינען זיי געווען אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט.

ווען מיר זיינען אַרויס פֿון די פּילויס, האָט מיך מיין באַגלייטער גענומען פֿאַנאַנדערפֿרעגן וועגן מיינע וויטערדיקע פּלענער. קודם האָב איך געדאַרפֿט האָבן אַ פּלאַץ וואו צו נעכטיקן. דער באַגלייטער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פֿאַר מיר אַ זיכער אָרט: — דו קענסט דאָך די ברידער עטקין? דער עלטערער איז אַ סאָלדאַט, ער דינט אין פֿינ־לאַנד. גראָד איצט איז ער געקומען אויף אורלויב. די מאַמע זייערע איז זייער אַ וואוילע פֿרוי. אַ סאָלדאַט איז אַ כשרער מענטש. איך בין זיכער, אַז זיי וועלן דערלויבן דו זאָלסט דאָרט זיין עטלעכע טעג. איך וועל צוגיין אַהין דורכריידן זיך און שפּעטער וועלן מיר זיך טרעפֿן.

מיר האָבן אָפּגערעדט וואו צו טרעפן זיך און זייגען אַוועק אין פאַרשידענע ריכטונגען. ווען מיר האָבן זיך שפּעטער געטראָפן, האָט מיר דער חבר געזאָגט, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג. איך וועל דאָרט קענען זיין ווי לאַנג איך וועל וועלן. מיר זיינען אַהין אַוועק. מיר האָבן דאָרט געטראָפן: די פרוי עטקין, אירע צוויי זין און אַ טאָכטער, נאָך גאָר אַ יונג מיידל. דער סאָלדאַט האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין מאַמען און געזאָגט: — ער וועט דאָ וואוינען מיט אונז עטלעכע טעג. דו האָסט דאָך ניט דאַקעגן. — געוויס ניט. ער וועט קענען שלאָפן מיט דיר און אברהמען אין אייער צימער. איך וועל שוין צוגרייטן אַ געלעגער פאַר אים.

מיט אַ צייטווייליקער היים בין איך שוין געווען באַזאָרגט. דעם צווייטן טאָג בין איך אַוועק צו מיינע פריינט האָפמאַן. איך האָב דאָרט געטראָפן נאָר פאַליען. איר שוועסטער באקא איז געווען אין אויס־לאַנד. איצקע איז אויך ניט געווען אין וויטעבסק. איך האָב איר דערציילט מיין געשיכטע, בפרט פון דער לעצטער וואָך. און אינטע־רעסאַנט, ווי אַלע וואָלטן זיך צונויפגערעדט: ווי נאָר איך האָב גע־ענדיקט, האָט זי אַ זאָג געטאָן: — הייסט עס, אַז מען דאַרף דיך אַרי־בערפעקלען אין אויסלאַנד. — ניין, מען דאַרף מיך ניט „פּעקלען", — האָב איך געענטפערט. איך דאַרף נאָר האָבן אַ ביסל געלט. כ'מיין, אַז פאַר 50 רובל וואָלט איך אין ביאַליסטאָק געקענט קריגן צו קויפן אַ גוטן פאַספּאָרט און לעבן ווייטער ביז דעם באַנטסטן דורכפאַל. קענסטו מיר שאַפן אַזאַ סומע? לויטן אויסדרוק אויף איר פּנים האָב איך געזען, אַז זי איז בישט באַגייסטערט פון מיינע אַוואַנטורעס. דאָך האָט זי וועגן דעם קיין באַמערקונגען ניט געמאַכט און האָט געענט־פערט: — גוט, איך וועל שאַפן די סומע, נאָר דאָס דאַרף נעמען עטלעכע טעג.

אין דער זעלבער צייט איז געקומען אין וויטעבסק, אויף אַ קור־צער צייט, מיין לאַנג־יאָריקער חבר ישראל מאיר שליאַכטער און מיר האָבן זיך געטראָפן. אַ געוויסן טאָג האָבן מיר שפּאַצירט איבער סמאָלענסקער גאַס. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ שוך־קראָם און געזאָגט: — די קראָם געהערט צו יאַשקע פאַדוואָראַטניק. און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן אַ געשיכטע, וואָס האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ רושם.

זומער 1899 האָט יאַשקע פאַדוואָראַטניק אַרעסטירט אונזערן אַ חבר, מענדל קיוועטסאַן איז געווען זיין נאָמען. זיין פאָטער האָט גע־האַלטן אַ סאָדע־וואַסער ביידל אין גובערנאַטאָרס סאַד. אין אוטשאַסטאָק האָט מען דעם אַרעסטירטן שטאַרק געשלאָגן. מען האָט גערעדט, אַז

דער הויפּט־שלעגער איז געווען טאַקע יאַשקע פּאַדוואַראַטניק. קורץ, מען האָט מענדלען דערשלאָגן צום טויט. כדי אָפּצואווישן די שפּורן, האָט מען דעם טויטן אויפן האַלז אָנגעטאָן אַ פּעטליע און אויפגעהאַנגען. די פּאָליציי האָט געמאָלדן, אַז דער אַרעסטירטער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד — ער האָט זיך אויפגעהאַנגען.

די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט בליץ־שנעל, דער עולם איז געוואָרן שטאַרק אויפגערודערט. אַ גרויסע מאַסע אַר־בעטער איז אַוועק צו יאַשקען אַהיים. זיין טריפהנער מזל איז געווען, וואָס ער איז אין דער היים ניט געווען, מען וואָלט אים צעריסן אויף שטיקער. די מאַסע האָט צעבראָכן אַלץ, וואָס איז געווען אין זיין הויז. ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יאַשקע באַהאַלט זיך אין טורמע. די מאַסע איז אַוועק צו דער טורמע און האָט אָנגעהויבן ברעכן דעם טויער. פון אינעווייניק אין הויף האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע: — צום געווער! יעדע מינוט האָט געקענט זיך אָנהויבן אַ בלוט־פאַרגיסונג. דער נאַטשאַלניק האָט געראַטעוועט די סיטואַציע: ער איז צו צום טויער און גענומען אַפּעלירן צו דער מאַסע. מיט זיין ערנוואָרט האָט ער פאַרזיכערט, אַז פּאַדוואַראַטניק געפינט זיך דאָרט ניט. ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט זיין געצוואונגען צו הייסן שיסן, אויב מ'וועט ניט אויפהערן שטורמען דעם טויער. ער האָט אָפּגע־לירט ניט גורם צו זיין אַ בלוט־באַד. ער האָט אַפּעלירט נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל און ס'האָט געווירקט — די געמיטער האָבן זיך ביס־לעכווייז געגומען באַרואיקן. די שפּאַנונג האָט נאָכגעלאָזט און די מאַסע איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. די לוויה פון אומגעבראַכטן חבר מענדל קיווענסאָן איז געווען אַ זייער שטורמישע. ס'זיינען געווען ערנסטע צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי און מיליטער.

נאָך דער דאָזיקער געשיכטע האָט די פּאָליציי געמאָלדן, אַז זי האָט אַרויסגעוואָרפן פּאַדוואַראַטניקן פון דינסט. פּאַדוואַראַטניק פון זיין זייט האָט דאָס באַשטעטיקט. ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז יאַשקע פּאַדוואַראַטניק האָט חרטה אויף זיינע זינד. ער איז געוואָרן אַ סטאַטעק, אַן אמתער בעל־תשובה. אַ ביסל שפּעטער האָט ער געעפנט די שיך־קראָם. אַז שליאַכטער האָט געענדיקט די דערציילונג, האָט ער צו מיר געזאָגט: — פונדעסטוועגן וואָלט איך דיר נישט געראָטן אַריינגיין איצט צו אים און באַניצן אייער אַמאָליקע „באַקאַנטשאַפט". נאָך אַלעמען געטרוי איך אים נאָך אַלץ ניט.

ווען איך האָב באַזוכט פאַליא האָפמאַן דעם צווייטן מאָל, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט נאָך ניט דאָס געלט, אָבער זי וועט דאָס זיכער שאַפן. זי קען מיר באַשטימט ניט זאָגן וועלכן טאָג זי וועט דאָס האָבן,

דעריבער איז גלייכער, אַז איך זאָל איצט אַוועקפאָרן. אויב איך קען, זאָל איך איר לאָזן אַן אַדרעס אָדער שפּעטער צושיקן און זי וועט מיר דאָס געלט באַזאָרגן. — וויטעבסק, האָט זי צוגעגעבן, איז פאַר דיר ניט קיין זיכערער פּלאַץ. איך האָב מיט איר מסכּים געווען און געגעבן איר אַן אַדרעס (זי האָט טאַקע שפּעטער צוגעשיקט דאָס געלט). מיר האָבן זיך זייער וואַרעם געזעגנט. מיט אַ טאָג שפּעטער, אין אָוונט, האָט מיך עטקין, דער סאָלדאַט, באַגלייט צום וואָקזאַל. ער האָט גע־קויפט פאַר מיר אַ בילעט ביז ביאַליסטאָק און מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט.

9. דער גאַרבער־בונד

איך בין אַריין אין וואַגאָן. קיין סך פּאַסאַזשירן זיינען ניט געווען. איך האָב געפֿונען אַ ליידיקע אויבערשטע באַנק. איך בין אַרויף און אויסגעצויגן זיך, ווי ביים טאַטן אין ווינגאָרטן. בשלום בין איך אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק.

אָן שוועריקייטן האָב איך געפֿונען מיינע חברים. אין דעם צימער, וואו איך האָב געוואוינט איידער איך בין אַוועק פֿון ביאַליסטאָק, האָבן איצט געוואוינט חיים טאַטאַרסקי און בערל פּינצאָוו. מיין אַריינקומען איז פֿאַר זיי געווען אַ גרויסע און אָנגענעמע איבעראַשונג. ס'איז געווען וועגן וואָס צו ריידן און דערציילן. דעם טשעמאָדאַן, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין לאָדזש, איז שוין אויך געווען דאָ אין צימער. איך האָב זיך דערווייל אָפּגעשטעלט וואוינען מיט זיי צוזאַמען.

דעם צווייטן טאָג בין איך אַוועק צו דר. ראָזענטאַל. די זעלבע אָנגענעמע איבעראַשונג. אַן אמתע חברישע באַגעגעניש. באַלד האָט מיר אַנאַ דערציילט, אַז די באַוועגונג געפֿינט זיך אין אַ גוטן צושטאַנד. די צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָט זיך באַדייטנדיק פֿאַרגרעסערט. די טאָג־טעגלעכע רוטינע אַרבעט גייט רעגלמעסיק און מיט דערפֿאָלג. צוליב דעם, וואָס ווינטער קען מען זיך ניט באַנוצן מיטן וואַלד, האָט מען קיין גרויסע פֿאַרזאַמלונגען ניט געקענט דורכפֿירן, אָבער קלענערע פֿאַרזאַמלונגען אין הייזער קומען פֿאָר גאַנץ אָפֿט.

איך בין שוין פֿאַרבליבן אין ביאַליסטאָק און טאַקע באַלד אַריין אין דער אַרבעט. אין דער אָרגאַניזאַציע האָב איך פֿאַרנומען דעם זעלבן פּלאַץ, וואָס פֿריער און איך האָב זיך דערפֿילט אין דער היים. איצט האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַרבעט צווישן גאַרבער. איך האָב אָפֿט באַזוכט די שטעטלעך אַרום ביאַליסטאָק, וואו עס זיינען געווען לעדער־פֿאַבריקן. פֿון צייט צו צייט בין איך אַוועקגעפֿאָרן אין די גרעסערע און ווייטערע שטעט, ווי גראָדנע, ווילנע און דווינסק. די אַרבעט ביי די גאַרבער איז פֿאַר מיר געווען זייער אינטערעסאַנט און אַנגענעם. די גאַרבער האָבן אַרויסגעגעבן פֿון זיך אַ צאָל באַוואוסטזיניקע און אינטעליגענטע אַרבעטער, וועלכע האָבן געקענט אויסגעצייכנט אָנפֿירן מיט דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. ס'איז געווען אַ פֿאַרגעניגן, ביי מיינעם אַ באַזוך, אויסצוהערן אַ באַריכט וועגן דער

טאָג־טעגלעכער אַרבעט און הערן דיסקוטירן פאַרשידענע אַרטיקע און אַלגעמיינע פראַגן פון דער באַוועגונג. איך געדענק ניט אַלע גאַרבער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט און פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פלאַץ אין דער באַוועגונג, אָבער עטלעכע געדענק איך און איך וועל דאָ פאַרצייכענען זייערע נעמען:

אריע פון גראָדנע, בענדעט — קרינקי, אווראמקע ריידי — דווינסק, יודל העלצער — דווינסק, ארקע פאסאדטשיק — וויטעבסק, אברהם איצקע סארקין — וויטעבסק, בערל באגראוו — סמאָרגאָן, יודל — ווילנע, יונה באגאראד — וויטעבסק, מרדכי קארפ — ראזשינאי, יאָשקע פלאווסקין — זאבלודאָווע, קארעוו — סאָקאָלקי, שלמה יצחק וואלקער (פרידענבערג) א. אַ. איך בין זיכער, אַז די צאָל, וועמענס נעמען איך האָב פאַרגעסן, איז געווען גרעסער, ווי די אויסגערעכנטע.

ווי געזאָגט, האָב איך אַ סך פון מיין צייט אָפּגעגעבן דער אַרבעט ביי די גאַרבער, דאָס מיינט אָבער ניט, אַז איך האָב געאַרבעט אויסשליסלעך פאַר די גאַרבער. איך האָב אויך געהאַט אויסצופירן אַנדערע פונקציעס פאַר דער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע. צום ביישפּיל: איך בין געווען דער פאַרוואַלטער פון דער אומלעגאַלער ביבליאָטעק, אין ביאַליסטאָק האָט מען עס גערופן — דער סקלאַד. מיין אויפגאַבע איז געווען צו באַזאָרגן אַ זיכערן פלאַץ פאַר דעם סקלאַד. געוויינלעך פלעגט דאָס איינגעאָרדנט ווערן אויף אַזאַ אופן: אַ מיידל פון דער באַוועגונג, וועלכע איז נישט געווען צווישן די אַקטיווע טוערינס, האָט געדונגען אַ פּאַסיקן צימער פאַר זיך צו וואוינען. דאָרט האָט מען אַריינגעשטעלט די גרויסע שטרוי־געפלאָכטענע קוישן מיט דער אומלעגאַלער ליטעראַטור. אַ פּאַסיקער צימער האָט אין דעם פאַל געמיינט, אַז אַריינצוקומען אַהין, זאָל מען ניט דאַרפן דורכגיין די צימערן פון די באַלעבאַטים. אַחוץ דעם האָט מען געזוכט, אַז די באַלעבאַטים זאָלן זיין אַן עלטער אָדער אַ גאַר יונג פּאַרפּאָלק, אָן קינדער. ס׳פלעגט טרעפן, אַז ביים דינגען דעם צימער האָט אויסגעזען, אַז אַלץ איז גוט, אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוליב אַזאַ אָדער אַנדערער סיבה איז דער צימער ניט פּאַסיק און מען האָט געדאַרפט זוכן אַן אַנדערע דירה. ס׳פלעגט אויך פּאַסירן, אַז דער צימער איז אַ שטיק צייט געווען אויסגעצייכנט אין אַלע הינזיכטן, און אַלץ איז געווען אין בעסטער אָרדענונג, אָבער אַ געוויסן טאָג פלעגט דאָס מיידל קומען צו לויפן אַ צעשראָקענע און זאָגן: — אַבראָם! מען מוז גלייך צונעמען דעם סקלאַד. פּאַסירט האָט אָט וואָס: די באַלעבאַטים האָבן גענומען פאַרדעכטיקן, אַז אין צימער ביי דער

קוואַרטיראַנטקע איז עפּעס ניט כּשר און זיי האָבן איר געהייסן גלייך אַרויסציִען זיך. אָדער ס'האָט פּאַסירט אַן אַנדערע זאַך: דאָס מיידל האָט באַמערקט — אפשר האָט זיך איר בלויז געדאַכט — אַז מען שפּירט איר נאָך, און ס'איז ניט געווען קיין ברירה, מען האָט געמוזט דעם סקלאַד גלייך צונעמען. אין אַזאַ פֿאַל איז די לאַגע געווען זייער אַ ביטערע. מען האָט דאָך אַפילו נישט געקענט טראַכטן צו געפינען גלייך אויפן מאָמענט אַ זיכערן פּלאַץ. מען האָט געמוזט אַריבערפירן דעם סקלאַד אויף עטלעכע טעג אין אַ צייטווייליקן פּלאַץ און אויסזוכן אַ פּאַסיקן שטענדיקן אָרט. דאָס האָט צוגענומען צייט, ענערגיע און פֿאַרשאַפט אַ היפּש ביסל עגמת־נפש, אָבער מען האָט זיך ניט געקענט העלפן. דאָס איז געווען די לאַגע פון דער אונטערערדישער אַרבעט.

אויסער באַזאָרגן אַ דירה פאַר דעם סקלאַד האָב איך אויך גע־דאַרפט באַזאָרגן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער מיט אומלעגאַלער לי־טעראַטור. די דאָזיקע אַרבעט פלעגט דורכגעפירט ווערן אויף דער בירזשע. זי איז געווען אויף סוראַזשער גאַס און שוהל־הויף. דאָרט פלעג איך זיך טרעפן מיט די פאָרשטייער פון די פאַכאָווע סכאָדקעס, אָפּנעמען ביי זיי די איבערגעלייענטע בראָשורן און געבן זיי אַנדערע. די גאַנצע אומלעגאַלע ביבליאָטעק איז געלעגן אין אַ גרויסן קויש און דאָס איז געווען זייער ניט באַקוועם. ס'פלעגט טרעפן, אַז ווען איך האָב געדאַרפט אַ געוויסע בראָשור אָדער בוך, פלעגט מיר אויסקומען צו איבעראַקערן דעם גאַנצן קאָרב. כ'האָב כּסדר געטראַכט ווי אַזוי צו באַזייטיקן די דאָזיקע אומבאַקוועמלעכקייט. מיט דער צייט האָב איך די ביבליאָטעק איינגעאָרדנט אויף אַ בעסערן אופן. איך האָב גע־דונגען אַ צימער ביי אַ יונג פאָרפאָלק, וועלכע האָבן געהערט צו דער באַוועגונג, אָבער זיינען ניט געווען אַקטיוו. איך האָב אַריינגעשטעלט אַן אַלמער, געמאַכט פּאָליצעס און פאַנאַנדערגעלייגט די ליטעראַטור. איצט איז שוין געווען גאַנץ לייכט צו געפינען, ווען איך האָב עפּעס געדאַרפט. אויסער דעם האָב איך ניט געדאַרפט מורא האָבן, אַז די באַלעבאַטים וועלן מיך אין עפּעס פאַרדעכטיקן און וועלן מיר הייסן אַרויסציִען זיך. זיי האָבן געוואוסט וואָס איך האַלט. די באַלעבאַטים זיינען געווען וועלוול דער שוסטער און זיין פרוי.

אומגעפער אין דער זעלבער צייט האָב איך אויף דער בירזשע באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט אַ פאַך, וואָס איז ניט געווען אָנגערירט פון דער באַוועגונג. דאָס זיינען געווען די בעקער. די אַרבעטס־באַ־דינגונגען אין דעם פאַך זיינען געווען שווידערלעכע: דער אַרבעטס־טאָג איז געווען אומגעהויער לאַנג, די פאַרדינסטן קלאָגעדיקע. פאַר די לערן־יינגלעך און פאַר די ניט פאַרהייראַטע געזעלן איז די בעקעריי

איך געווען זייער וואָרענונג. דאָרט האָבן זיי געגעסן און געשלאָפן אויף די מעל־זעק צוזאַמען מיט די מייז און טשטורעס, וועלכע האָבן איך געמאַכט זייער היים צווישן די מעל־זעק. די בעקערס זיינען שטענדיק געווען בישט אויסגעשלאָפן און פאַרמאַטערט.

איינמאָל, אויף דער בירזשע, זיינען צו מיר צוגעגאַנגען צוויי בחורים. איינעם האָב איך געקענט. אָנווייזנדיק אויף מיר, האָט ער געזאָגט צו זיין חבר: — מיט אים קענסטו רעדן וואָס דו ווילסט, און איז אַוועק. — נו, וואָס ווילט איר זאָגן? — האָב איך געפרעגט דעם בחור. — איך וויל זאָגן, אַז איר באַגייט אַ גרויסע עוולה קעגן אונז, בעקער. איר אינטערעסירט זיך ניט מיט אונז און איר האָט אונז איינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט. אין דער אמתן גויטיקן מיר זיך דאָך אין אייער הילף מער, ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער. מיר לעבן דאָך אין אַזעלכע שרעקלעכע באַדינגונגען. איך האָב אים גלייך אָפגעשטעלט און געזאָגט: — מיט דער לאַגע פון די בעקער זיינען מיר זייער גוט באַקאַנט. מיר ווייסן אין וואָסערע באַדינגונגען זיי לעבן, אָבער טאַקע דערפאַר האָבן מיר ביז איצט גאָרניט געקענט טאָן. ניט איינמאָל האָבן מיר גערעדט, אַז מען דאַרף אָרגאַניזירן די בעקער, אָבער ווי אַזוי אָרגאַניזירט מען זיי, אַז די יינגערע קען מען פון די בע־קערייען ניט אַרויסשלעפן און די עלטערע זיינען שטענדיק פאַרמאַ־טערט, ניט אויסגעשלאָפן און מען קען מיט זיי ניט ריידן. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: — איך האָב שוין געפרואווט רעדן מיט איניקע און זיי לאָזן זיך רעדן, נאָר מען דאַרף זיי אויפקלערן. איך אַליין ווייס דאָך אַזוי ווייניק, אָבער ווען אייערער אַ מענטש זאָל זיך מיט זיי אָפגעבן, זיי אויפקלערן, וואָלט מען מיט דער צייט געקענט אַ סך אויפטאָן. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז די אָרגאַניזאַציע וועט טאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך צו אָרגאַניזירן די בעקער. מיר האָבן אָפגערעדט ווען און וואו צו טרעפן זיך אַ צווייטן מאָל.

ביי דער נאָנטסטער פאַרזאַמלונג פון דער צענטראַלע האָב איך דערציילט, אַז איך האָב אַ פאַרבינדונג מיט די בעקער און פאָרגע־שלאָגן מען זאָל באַשטימען ווּעמען ס׳איז, וועלכער זאָל זיך אָפגעבן מיט אָרגאַניזירן דעם פאַך. די פראַגע האָט ניט אַרויסגערופן קיין דעבאַטן. מען האָט גלייך באַשטימט, אַז יודל העלצער (אַ גאַרבער) זאָל איבערנעמען דעם פאַך. יודל איז געווען אַן אינטעליגענטער בחור, אַ גוטער אַגיטאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר. ער פלעגט אָפגעבן באַריכטן דער צענטראַלע וועגן זיין אַרבעט און ס׳האָט אויסגעזען, אַז די אַרבעט גייט גוט. אין משך פון עטלעכע חדשים איז שוין אַ גרויסע צאָל בעקער געווען אָרגאַניזירט. אַ געווויסן טאָג האָט מיר יודל געזאָגט, אַז דעם

נאָנטסטן שבת וועט פאָרקומען אין וואַלד אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די בעקער און זיי ווילן, אַז איך זאָל קומען ריידן. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ גאַנץ גרויסע. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַלע בעקער־אַרבעטער פון שטאָט זיינען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג. די אָרגאַניזירטע גרופּע האָט געאַרבעט זייער ענערגיש און האָט צוזאַמענגעבראַכט אַלע, וועלכע האָבן נאָר געקענט גיין. נו, איך האָב גערעדט און די פאַרזאַמלונג איז דורכגעגאַנגען אין דער בעסטער אָרדענונג.

אַ קורצע צייט נאָך דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט יודל באַריכטעט צו דער צענטראַלע, אַז די בעקערשע סכאָדקע האָט באַשלאָסן רופן די בעקער צו אַ שטרייק. זיי זיינען זיכער, אַז דער אָפּרוף וועט זיין אַ גוטער און זיי האַלטן איצט אין אויסאַרבעטן די פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים. פון דער אָרגאַניזאַציע פאַרלאַנגען זיי, אַז מען זאָל אַרויסלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע מיט אַ רוף צום שטרייק. זיי גלויבן, אַז אַ געדרוקטער וואָרט וועט האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג. מיר האָבן די פראַגע גרינטלעך דיסקוטירט און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַוויליקן דעם פאַרלאַנג. מיט דער פּראָקלאַמאַציע האָבן מיר פון אָנהויב געהאַט אַ ביסל שוועריקייטן. דער איינציקער אין קאָמיטעט, וואָס האָט געקענט אָנשרייבן אַ פּראָקלאַמאַציע, איז געווען דר. פּאַוועל ראָזענטאַל און מיר האָבן דאָס אים איבערגעגעבן. ווען איך בין אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען צו אים און געפרעגט צי ער האָט די פּראָקלאַמאַציע פאַרטיק, האָט ער געענטפערט, אַז ניט. ער האָט געפרואווט אָנשרייבן, אָבער עס גייט ניט. דער מענטשן־מאַטעריאַל פון די בעקער איז אים ניט באַקאַנט און ער קען ניט כאַפּן דעם טאָן, ווי אַזוי מען דאַרף צו זיי רעדן. אַנאַ האָט פאָרגעשלאָגן מען זאָל זיך ווענדן צו יודלען, ער זאָל אָנשרייבן. ער קען גוט די בעקער און ער ווייסט ווי צו ריידן צו זיי. אויב אַפילו עס וועט זיין שלעכט אָנגעשריבן, וועט מען דאָס קענען אויסבעסערן. דער פאָרשלאַג איז אונז געפעלן געוואָרן און איך בין אַוועק צו יודלען אים זאָגן, אַז די פּראָקלאַמאַציע מוז ער אָנשרייבן, ווייל נאָר ער ווייסט ווי אַזוי אַמבעסטן צו ווירקן אויף די בעקער. ער האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט, אָבער ער האָט דאָס אָנגענומען און אָנגעשריבן. מיר האָבן עס אויסגעבעסערט, אָפּגעדרוקט און פאַנאַנדערגעטיילט צו די בעקער. זיי האָבן זיך מיט דער פּראָקלאַמאַציע געקוויקט. מען האָט באַשטימט אַ טאָג, ווען די בעקער זאָלן אַוועקלייגן די אַרבעט און דער אָפּרוף איז געווען אַ גלענצנדער. אַלע בעקערייען זיינען געבליבן אָן אַרבעטער. דער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן זיג פאַר די אַרבעטער. די בעקער־אַרבעטער האָבן געיובלט און מיר אין דער אָרגאַניזאַציע האָבן טריאומפירט.

די אַרבעט צווישן די גאַרבער האָב איך אָנגעהאַלטן אָן איבערייס. ס'איז מיר ווייטער אויסגעקומען צו באַזוכן פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, וואו ס'האָבן עקזיסטירט גאַרבערייען. ס'איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע וועגן גרינדן אַ גאַרבער־בונד לויט דעם מוסטער פון שוין עקזיסטירנדיקן בערשטער־בונד, וואָס איז געווען אַ טייל פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד, מיט אַ געוויסער מאָס אויטאָנאָמיע. די זעלבע סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די נויטווענדיקייט און צוועקמעסיקייט פון בערשטער־בונד, האָבן אויך עקזיסטירט אין דער לעדער־אינדוסטריע. אויך לעדער ווערט אויסגעאַרבעט ניט בלויז פאַר דעם אָרטיקן געברויך, נאָר גייט פאַר דעם ברייטן און ווייטן מאַרק. ס'איז דעריבער נויטיק, אַז די קאָסטן פון דער אויסאַרבעטונג זאָלן אומעטום זיין בערך איינע און די זעלבע, כּדי איין געגנט זאָל ניט קענען, דורך שטאַרקער קאָנקורענץ, רואינירן די אינדוסטריע אין אַ צווייטער געגנט. מיר האָבן באַשלאָסן צונויפרופן אַ צוזאַמענפאָר פון די גאַרבער־אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע שטעט און דורכשמועסן זיך וועגן דעם ענין.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון גאַרבער איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1898 אין ווילנע. ס'זיינען געווען פאַרטראָטן אַלע גאַרבער־אָרגאַניזאַציעס פון צפון־מערב געגנט דורך די דעלעגאַטן: אַבראַם דער טאַטע, בענדעט, גרשון פעלדמאַן, בענציע לעווין, מרדכי קאַרפּ, אַריה גראַדנער, אַבע לעוו, יודל קרעמער, אווראַמקע ריידי און בערל באַגראַוו.

אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז די פראַגע וועגן דער נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ גאַרבער־בונד אַלזייטיק דיסקוטירט געוואָרן. נאָך אַ גרינטלעכער דיסקוסיע איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַ גאַרבער־פאַרבאַנד דאַרף אָרגאַניזירט ווערן, אָבער דערווייל דאַרף מען זען אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען צו פאַרשטאַרקן די אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער, ד. ה. אָריינציען וואָס מער אַרבעטער אין דער אָרגאַניזאַציע און אויסבילדן גרעסערע קאַדרען באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. ווען די צייט וועט זיין רייף, וועט מען צוטרעטן צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די גרינדונג פון גאַרבער־בונד. מען דאַרף באַמערקן, אַז אין יענער צייט איז ביי אונז ניט געווען קיין פראַגע, ווי אַזוי, אויף וואָסערע יסודות, דער גאַרבער־בונד דאַרף זיין געגרינדעט. פאַר אונז איז געשטאַנען אַלס מוסטער דער בערשטער־בונד און מיר האָבן גערעכנט, אַז אויף דעם זעלבן אופן דאַרף זיין אָרגאַניזירט דער גאַרבער־בונד.

אין גאַנג פון דער אַרבעט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין איין היב־

זיכט איז פֿאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד צווישן דער בערשטער־אינ־דוסטריע און דער לעדער־אינדוסטריע: בעת אין דער בערשטער־אינדוסטריע זיינען באַשעפֿטיקט אויסשליסלעך ייִדישע אַרבעטער, אַר־בעטן אין דער לעדער־אינדוסטריע אַ סך קריסטן, און אין דער נאָסער אָפּטיילונג אַרבעטן בלויז קריסטן. ס'איז זייער וויכטיק, אַז די קריסט־לעכע אַרבעטער זאָלן אויך זיין אָרגאַניזירט. אָבער ווער ס'זאָל די קריסטלעכע אַרבעטער אָרגאַניזירן איז ניט געווען. די ייִדישע גאַר־בער זיינען ניט געווען בכוח דאָס צו טאָן. די פּ.ס.ד. (סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע פֿון פּוילן און ליטע) איז אין יענער צייט נאָך געווען זייער שוואַך און האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן מיט אָרגאַניזירן די גאַרבער. ערשט אין 1901 האָט די פּ.ס.ד. געמאַכט אַ פּרוואוו צו אָרגאַניזירן די פּוילישע גאַרבער אין אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל שפּעטער אַריינטרעטן אַלס אַזעלכע אין גאַרבער־בונד. די איניציאַטאָרן זיינען געווען דער אַדוואָקאַט קאָזלאָווסקי און טרוסעוויטש־זאַלעווסקי, אָבער, אויף וויפֿל איך געדענק, איז פֿון דעם גאָרניט אַרויסגעקומען. פֿאַר אונז איז געשטאַנען אַ שווער פּראָבלעם: גרינדן אַ גאַרבער־בונד פֿון ייִדי־שע אַרבעטער אַליין און די קריסטן אַרויסלאָזן, ניט רעכענען זיך מיט זיי, האָט מען ניט געקענט. אין דער לעדער אינדוסטריע האָבן זיי פֿאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ, ווער ס'זאָל די קריסטן אָרגאַניזירן איז אָבער ניט געווען.

אין מערץ 1900 איז פֿאָרגעקומען דער 2טער צוזאַמענפֿאָר פֿון די גאַרבער. ס'זיינען אַנוועזנדיק געווען די זעלבע דעלעגאַטן, וואָס אויפֿן 1טן צוזאַמענפֿאָר און אויסער זיי זיינען אויך געקומען אַברהם איצקע סארקין און יאַקאָוו מינדעל. ווען דער צוזאַמענפֿאָר איז שוין געווען אין מיטן דער אַרבעט, איז אין ביאַליסטאָק געקומען בייניש מיכאַלעוויטש. מיר האָבן אים איינגעלאַדן און ער האָט אָנטייל גענומען אין אַלע פֿאַרהאַנדלונגען. פֿון די באַריכטן, וואָס די דעלעגאַטן האָבן אָפּגעגעבן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער אַרבעטן רעגולמעסיק און מער־וויניקער מיט דערפֿאָלג. ס'פֿאַרגרעסערט זיך כסדר די צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער און ס'וואַקסט אויך די צאָל באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. לויט דעם צושטאַנד פֿון די אָרגאַניזאַציעס, איז די צייט געווען רייף צו גרינדן דעם גאַרבער־בונד, אָבער דאָס פּראָבלעם מיט די קריסטלעכע אַרבעטער האָט געשטערט און קיין לייזונג צו דעם פּראָבלעם האָט דער צוזאַמענפֿאָר ניט געפֿונען. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו בילדן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, וועמענס אויפֿ־גאַבע זאָל זיין באַטראַכטן און זען צו געפֿינען אַ לייזונג צו דעם פּראָבלעם, ווי אויך אויסאַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע פֿאַר דעם צוקונפֿטיקן

גאַרבעטער־בונד. אין דעם קאָמיטעט זיינען אַריין: בענדעט און מרדכי (ביידע גאַרבער), אַבראַם דער טאַטע, אליאַ (חנהקע ראָזענפעלד), ביי־ניש מיכאַלעוויטש און פּאַוועל ראָזענטאַל. נאָך פיל טראַכטעניש, זוכעניש און דיסקוסיעס זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער גאַרבער־בונד דאַרף זיין אָרגאַניזירט אויף פעדעראַטיווע יסודות. טעאָרעטיש האָט עס געמיינט, אַז עס דאַרפן זיך בילדן דריי באַזונדערע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס פון יידישע, פּוילישע און רוסישע אַר־בעטער (אויפן היגן, אַמעריקאַנער לשון וואָלט דאָס געהייסן דריי לאָקאַלן) און זיי זאָלן זיין פאַראייניקט דורך אַ צענטראַלער קערפּער־שאַפט, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער לעדער־אינדוסטריע. אַזוי ווי דערווייל איז נאָך קיין אָרגאַניזאַציע פון פּוילישע און רוסישע גאַרבער ניטאָ, זאָלן דערווייל די יידישע גאַרבער גרינדן דעם גאַרבער־בונד און שטרעבן, אַז אויך די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך בילדן און אַריינטרעטן אין דעם אַלגעמיינעם פעדעראַטיוון גאַרבער־בונד.

דעם דאָזיקן פּראָיעקט האָבן מיר פאָרגעלייגט דעם גאַרבער־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעברואַר 1901 אין ביאַליסטאָק. נאָך דעם, ווי דער פּראָיעקט איז גרינטלעך דיסקוטירט געוואָרן, האָט דער צוזאַמענפאָר דעם פּראָיעקט אָנגענומען. אַזוי ווי אין אַ קורצער צייט אַרום האָט געדאַרפט פאָרקומען דער פערטער צוזאַמענפאָר פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן צו דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר אַ דעלעגאַט, וועלכער זאָל דאָרט דעם פּראָיעקט פאָרלייגן. אויב דער צוזאַמענפאָר וועט דעם פּראָיעקט באַ־שטעטיקן, זאָל מען גלייך צוטרעטן צו פאַרווירקלעכן דעם פּראָיעקט אין לעבן. אַלס דעלעגאַט איז דערוויילט געוואָרן דער שרייבער פון די שורות.

10. דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד"

עטלעכע וואָכן שפּעטער — כ׳גלויב, אַז דאָס איז געווען אין אַפּריל ווען איך בין געקומען צו דר. ראָזענטאַל, איז דאָרט געווען נח. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז דער צ. ק. האָט באַשלאָסן דער 4טער צוזאַמענפאָר זאָל פאָרקומען אין ביאַליסטאָק סוף מאַי. דאַרף מען צוגרייטן אַ פּאַסנדיקע דירה און געפינען אַ פּערזאָן, וואָס זאָל אָפיציעל זיין דער באַלעבאָס פון דער דירה. מיר האָבן אויסגערעכנט עטלעכע נעמען פון באַנטע חברים און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף יעקב שלמה ראָזענקראַנץ — אַ שניידער. גלייך האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט, אַז די דירה דאַרף זיין אויסגעשטאַט אַלס אַ שניידער־וואַרשטאַט.

איך בין אַוועק צו יעקב שלמה דעם שניידער, אים פאַרטרויט, אַז מיר ווילן מאַכן אין ביאַליסטאָק דעם צוזאַמענפאָר און געפרעגט, צי וואָלט ער געוואָלט זיין דער באַלעבאָס פון דער דירה. ער האָט דאָס גערן אָנגענומען און צוגעזאָגט צו געפינען אַ פּאַסנדיקע דירה. אין אַ קורצער צייט אַרום איז יעקב שלמה געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז ער האָט געפונען אַ דירה, וואָס וועט זיין צוגעפּאַסט פאַר אונזער צוועק. ער וויל איך זאָל אויך די דירה אָנקוקן. אויב זי וועט מיר געפעלן, וועט ער די דירה דינגען. מיר זיינען אַוועק אַהין. דאָס איז געווען ערגעץ אויף כאַנאַיקעס. אין אַ הויז, וואָס איז געווען אַריינגערוקט אין אַ הויף, איז געווען אַ בוידעם־שטיבל פון צוויי צימערן. דעם גרעסערן צימער האָט מען געקענט אויסשטאַטן, ווי עס פאָדערט זיך פאַר אַ שניידער־וואַרשטאַט, און אַ פּאָר צענטליק מענטשן האָבן דאָרט געקענט זיין גאַנץ באַקוועם. אונטן האָט קיינער ניט געוואוינט. מיר האָבן באַטראַכט די געגנט אַרום און באַשלאָסן די דירה צו דינגען. אין די ערשטע טעג פון מאַי 1901 איז די דירה געווען אויסגעשטאַט אַלס אַ שניידער־וואַרשטאַט: מיר האָבן אַריינגעשטעלט אַ לאַנגן טיש, אַ ניי־מאַשין, אַ פּרעס־אייזן און אַנדערע מכשירים.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געעפנט אין די לעצטע טעג פון מאַי. דעם טאָג, ווען דער צוזאַמענפאָר האָט זיך גענדאַרפט עפענען, איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן זייער שווער. דעם אַדרעס פון דער דירה האָט מען קיינעם ניט געשריבן, איך האָב דעריבער געדאַרפט די דעלעגאַטן באַגעגענען אויפן וואָקזאַל אָדער אין אַנדערע פּלעצער. כדי זיי

זאָלן ניט דאַרפן זוכן, האָב איך זיי איינציקווייז אָדער פּאָרווייז געפירט צו דער דירה. אויסער דעם האָב איך נאָך געהאַט אַנדערע אַרבעטן אין שייכות מיטן צוזאַמענפאָר. ווען איך בין אָנהויב אוונט געקומען צו דער עפענונג, בין איך געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך האָב זיך ניט געקענט האַלטן אויף די פיס. אין אַ ווינקל האָב איך זיך צוגעמאָשציעט אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַ קולאַק אונטער דעם קאָפּ און בין גלייך איינגעשלאָפן. די עפענונגס־רעדע האָט געדאַרפט האַלטן מיכאל גאָלדמאַן (מאַרק ליבער). איך געדענק, אַז בענציע לעווין האָט מיך געוועקט, ער האָט מיך אויפגעזעצט און אַריינגערעדט אין אויער:

— ליבער גייט רעדן (ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ גוטער רעדנער), אָבער אַזוי שנעל ווי בענציע איז פון מיר אַוועק, בין איך צוריק אַוועקגעפאַלן און אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. און אַזוי בין איך אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. ערשט צומאָרגנס אינדערפרי האָב איך זיך געפילט פולשטענדיק אויסגערוט און געקענט זען אַלע דעלעגאַטן ביי דער אַרבעט.

אויפן צוזאַמענפאָר זיינען געווען 24 דעלעגאַטן, איך געדענק כמעט אַלע און וועל זיי דאָ אויסרעכענען: אַנאַ ראָזענטאַל און בענציע לעווין פון ביאַליסטאָק, שיינע עלקע און חיים זאַקאָן — וואַרשע, מיכאל גאָלדמאַן (ליבער) — לאָדזש, רחמיאל וויינשטיין און מנוחה (שוועסטער פון צביה הורוויטש) — ווילנע, ישראל מיכל קאַפּלינסקי — דווינסק, ליזא אַמסטערדאַם — פון דער דרוקעריי, הירש באָטוויניק (אַ פּריוואַטיקער סאָלדאַט) — גראָדנע, געזענצוויג — האָמעל, אַלטער עפּשטיין — בערדיטשעוו, מיצקון — זשיטאָמיר, פּיוול שטעפּער — קאָוונע, אַבראַם דער טאַטע — גאַרבער, זלמן דער בערשטער — בערשטער־בונד, ס. זעלדאָוו־ניעמאַנסקי. נח, פּאַוועל ראָזענטאַל און דוד קאַץ — מיטגלידער פון צ. ק.. די איבעריקע געדענק איך ניט.

די טאָג־אָרדענונג איז געווען אַ גרויסע. ס'זיינען געווען פיל וויכטיקע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. איך קען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף אַלע באַהאַנדלטע ענינים. איך וועל דערמאָנען בלויז די וויכטיקסטע, צוליב וועלכע דער צוזאַמענפאָר איז געוואָרן אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון בונד און פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

די דיסקוסיע איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט קלאָר אַרויסגעבראַכט — און אַלע זיינען אין דעם געווען איינשטימיק — אַז יעדע נאַציע האָט אַחוץ די שטרעבונגען צו בירגערלעכער פּאָליטישער פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג אויך די שטרעבונגען צו נאַציאָנאַלער פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג. אין נאַציע דאַרף אין קיין שום הינזיכט

ניט זיין אונטערדריקט מצד אַ צווייטער. מיר אַלע זיינען אויך געווען איניק, אַז דער פּונקט אין דעם פּראָגראַם פון דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס זאָגט, אַז יעדע נאַציע האָט אַ רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג, זאָגט גאָרנישט, ווייל ס׳איז נישט אָנגעוויזן אין וואָס די זעלבסט־באַשטימונג קען זיך אויסדריקן.

אַרויסגייענדיק פון אָט דער הנחה, האָט אַ קליינע גרופּע געהאַלטן, אַז כדי צו לייזן די נאַציאָנאַלע פּראַגע, דאַרף רוסלאַנד פּאַנאַנדערגעטיילט ווערן אויף באַזונדערע מלוכות לויט די נאַציאָנאַליטעטן, ווי פּוילן, ליטע, אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד א. אַז. וו.. דער שטאַנדפּונקט איז גלייך אָפּגעוואָרפן געוואָרן. ס׳איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דאָס קען נישט לייזן די נאַציאָנאַלע פּראַגע, ווייל אין יעדער מלוכה וועלן זיין נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס די מערהייט וועט אונטערדריקן. אין די דעבאַטן איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק, אַז דער בונד דאַרף אין זיין פּראָגראַם אַרויסשטעלן די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע: אויב אין אַ געוויסער טעריטאָריע וואוינען פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, מוזן די באַאַמטע פון די רעגירונגס־אינסטיטוציעס, ווי פּאָסט־טעלעגראַף, געריכט א. אַז. וו. קענען רעדן די שפּראַכן פון די דאָזיקע נאַציעס, כדי יעדער זאָל זיך דאָרט קענען ווענדן אין זיין מוטער־שפּראַך. דער זעלבער פּרינציפּ דאַרף אָנגעווענדט ווערן וואָס שייך דעם אונטערריכט אין די בילדונגס־אינסטיטוציעס. די גרויסע מערהייט האָט אָבער געהאַלטן, אַז ביי דער איצטיקער פּאָליטישער אָרדענונג האָט קיין זין נישט אַרויסצושטעלן אַזאַ פאָדערונג. די דעבאַטע האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. לסוף האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אין הסכם מיט דער מיינונג פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט. אין דער רעזאָלוציע איז געוואָרן געזאָגט: דער צוזאַמענפאָר האַלט, אַז דעם באַגריף נאַציאָנאַליטעט דאַרף מען אָנווענדן אויך אויפן יידישן פאָלק. געפינענדיק אָבער אַז ביי די היינטיקע באַדינגונגען איז נאָך פרי אַרויסצושטעלן די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר יידן, האַלט דער צוזאַמענפאָר, אַז דערווייל דאַרף מען נאָר קעמפן קעגן אַלע אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן, קעגן אונטערדריקן די יידישע נאַציאָנאַליטעט. (די ענדגילטיקע פאָרם פון נאַציאָנאַלן פּראָגראַם מיט דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע איז אָנגענומען געוואָרן אויף דעם 6טן צוזאַמענפאָר — 1905).

די אָרגאַניזאַציע־פראַגע, ד. ה. ווי אַזוי די ר.ס.ד.אַ.פּ. זאָל זיין אָרגאַניזירט, האָט שוין ניט פאַרנומען אַזוי פיל צייט, ווי די נאַציאָנאַלע פראַגע. דאָך איז פאָרגעקומען אַ גרינטלעכע דיסקוסיע. ווען די רוס־

לענדער ר.ס.ד. אַרבעטער פּאַרטיי האָט זיך געגרינדעט, איז דער בונד, וואָס האָט שוין עקזיסטירט פריער, אַריין אין דער פּאַרטיי אַלס אויטאָנאָמער טייל. אין די דעבאַטן איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די פאָרם איז בישט צוגעפּאַסט צו אַזאַ לאַנד ווי רוסלאַנד, וואָס איז באַפעלקערט פון פיל נאַציעס. אַזאַ לאַנד דאַרף אין דער צוקונפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַרבאַנד פון נאַציעס מיט פולער אויטאָנאָמיע פאַר יעדער פון זיי. וואָס שייך דער ס. ד. פּאַרטיי, דאַרף זי שוין איצט זיין געבויט אויף פעדעראַטיווע יסודות. זי דאַרף זיין צוזאַמענגעשטעלט פון אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע ס. ד. פּאַרטייען, וועלכע זיינען פאַראייניקט דורך אַ צענטראַלער קערפּערשאַפט. דער צוזאַמענפאָר האָט אינסטרואירט דעם צ. ק. צו אַרבעטן אין דער ריכטונג.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויך געענדערט דעם נאָמען פון בונד. ביז דעם פערטן צוזאַמענפאָר איז דער פולער נאָמען געווען: דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פוילן. מ'איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז ניט לאָגיש און שטימט ניט מיט דערווירקלעכקייט. ניט לאָגיש דערפאַר, ווייל אויב מען טיילט אויס איין ראַנד־געביט פון רוסלאַנד — פוילן, בעט זיך ממש מען זאָל אויסטיילן אַ צווייטן ראַנד־געביט — ליטע. ס'איז דעריבער געווען אַ פאָרשלאַג צוצוגעבן צום פריערדיקן נאָמען דאָס וואָרט ליטע. דאָס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווייל דאָס וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דער בונד האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט צוערשט אין רוסלאַנד, נאָך דעם אין פוילן און צום סוף אין ליטע. אין דער אמתן איז דאָך דאָס געווען פּונקט פאַרקערט. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצודרייען דעם סדר פון די ווערטער און דער נאָמען זאָל זיין: אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד.

ווען מען איז צוגעטראָטן צו פאַרהאַנדלען דעם פּונקט וועגן די גאַרבער, האָב איך באַריכטעט, אַז אַ גאַרבער־צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט אַ קורצער צייט צוריק, איז געקומען צום באַשלוס, אַז ס'איז נויטיק צו גרינדן אַ פאַרבאַנד פון גאַרבער. כ'האָב אויך איבערגעגעבן דעם פּראָיעקט וועגן דעם ווי אַזוי אַזאַ פאַרבאַנד דאַרף זיין אָרגאַניזירט. עטלעכע דעלעגאַטן האָבן מיר געשטעלט פראַגעס. איך האָב געענטפערט אויף די פראַגעס. ווען מיין ענטפער האָט ניט צופרידנגעשטעלט דעם פרעגער, האָט פאַוועל ראָזענטאַל מיר אַרויסגעהאָלפן. נאָכדעם איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז דער פערטער צוזאַמענפאָר האַלט פאַר נויטיק און צוועקמעסיק דאָס גרינדן אַ גאַרבער־בונד, וואָס זאָל זיין אָרגאַניזירט אויף פעדעראַטיווע יסודות.

נאָך דעם ווי דער צוזאַמענפאָר האָט אָפּגעאַרבעט 4 טעג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די טאָג־אָרדענונג איז נאָך נישט אויסגעשעפּט. ס׳זיי־נען פאַרבליבן עטלעכע פּונקטן, וואָס דאַרפן נאָך באַטראַכט ווערן. אַ געוויסע צאָל דעלעגאַטן האָבן אָבער געמאָלדן, אַז זיי קענען לענגער נישט בלייבן, זיי מוזן אָוועקפאָרן. ס׳איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז די, וועלכע קענען, זאָלן פאַרבלייבן אויף נאָך אַ טאָג. ס׳זאָל זיין נית קיין צוזאַמענפאָר, נאָר אַ קאָנפערענץ (די 4טע לויט דער ריי) און זי זאָל דערליידיקן די פאַרבליבענע פּונקטן פון טאָג־אָרדענונג. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קאָנפערענץ זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין וואַלד. דער וועטער איז געווען שיין און וואַרעם. ס׳איז נית פּראַקטיש צו מיסברויכן מיט דער אומפּעאיקייט פון דער ביאַליסטאָקער זשאַנדאַר־מעריע — האָבן חברים געשפּאַסט.

צוזאַרגנס האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אין וואַלד און אין משך פון טאָג האָבן מיר דערליידיקט די פאַרבליבענע פּונקטן פון טאָג־אָר־דענונג. געוויינלעך זייענען די באַשלוסן פון אַ קאָנפערענץ נישט אָב־ליגאַטאָריש, אָבער פאַר דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט דער צוזאַ־מענפאָר געמאַכט אַן אויסנאַם און באַשטימט, אַז אירע באַשלוסן זאָלן יאָ זיין אָבליגאַטאָריש.

אין אָוונט, נאָך דער קאָנפערענץ, זייענען אַלע געקומען צו די ראָ־זענטאַלס אין הויז. אויפן טיש איז געשטאַנען דער סאַמאָוואַר און געקאָכט. דער עולם האָט זיך אַרומגעזעצט און זיך געלאָזן וואוילגיין מיט טיי און צובייסן. מ׳האָט פאַרבראַכט אַנגענעם ביז שפּעט ביינאַכט. ס׳איז געווען אַן אָוונט פון „עולם הזה״.

צוזאַמען מיט דער קאָנפערענץ האָט דער צוזאַמענפאָר געדויערט פינף טעג און האָט זיך גוט פאַרענדיקט. קיינער איז נישט אַרעסטירט געוואָרן. אַ צייט שפּעטער האָט מאַניע ווילבושעוויטש געשריבן אין איר זעלבסט־פאַרטיידיקונג, אַז זובאַטאָוו האָט געוואוסט וועגן דעם צוזאַ־מענפאָר און געשיקט אין ביאַליסטאָק זיינע שפּיאָנען. שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס האָט ער דעם צוזאַמענפאָר נישט אַרעסטירט? דר. פּ. ראָזענטאַל שרייבט וועגן דעם אין זיינע זכרונות, אַז דאָס איז איינע פון די רעטענישן, וואָס בלייבן נית געלייזט. ניטאָ פאַר דעם קיין אויפקלערונג. איך מיין, אַז מען קען דאָס יאָ דערקלערן. גאָר פּשוט. זובאַטאָוו האָט דעם צוזאַמענפאָר נית געוואָלט אַרעסטירן, ווייל ישראל מיכל קאַפּלינסקי איז דאָרט געווען. איך שטיץ מיין מיינונג אויף אַן ענלעכן אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען עטלעכע יאָר שפּעטער אין וואַרשע. דאָרט האָט מען אַרעסטירט אַ צוזאַמענקום פון בונדישע טוער. צווישן די אַרעסטירטע איז צופעליק אויך געווען ישראל מיכל קאַפּלינ־

סקי. מען האָט זיי געהאַלטן אַ פּאָר חדשים און נאָכדעם אַלע באַפרייט. די באַפרייאונג איז געווען אַ רעטעניש. קיינער האָט ניט געקענט דערקלערן פאַרוואָס מען האָט זיי באַפרייט. אָבער שפּעטער, ווען ס'איז אויפגעדעקט געוואָרן, אַז ישראל מיכל איז געווען אַ שפּיאָן, איז די רעטעניש געלייזט געוואָרן. זובאַטאָוו האָט געדאַרפט האָבן ישראל מיכלען אויף דער פריי. פאַר אים איז ישראל מיכל געווען די גאַנז, וואָס לייגט גאָלדענע אייער. אָבער באַפרייען אים אַליין און די איבעריקע פאַרהאַלטן און פאַרפירן קעגן זיי אַ פּראָצעס האָט ניט געטויגט. דאָס וואָלט געוואָרפן אַ חשד אויף ישראל מיכלען און האָט נאָך געקענט אויפדעקן זיין ראָל. דעריבער איז זובאַטאָוו געווען געצוואונגען צו באַפרייען אַלע. דאָס זעלבע, מיין איך, איז חל אויפן פערטן צוזאַמענפאָר — זובאַטאָוו האָט ניט געוואָלט אַרעסטירן דעם צוזאַמענפאָר, ווייל ישראל מיכל איז געווען איינער פון די דעלעגאַטן.

באַלד נאָכן צוזאַמענפאָר האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די געוויינלעכע, טאָג־טעגלעכע, רוטינע אַרבעט. צו דעם האָט נאָך דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די גאַרבער זיך גענומען גרייטן צו רעאַליזירן דעם באַשלוס וועגן גרינדן דעם גאַרבער־בונד.

אין יענער צייט האָב איך דורכגעלעבט אַ געשעעניש אין שייכות מיט מיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. אין אַ געוויסן טאָג בין איך אַריינגעקומען צו דר. ראָזענטאַל און האָב דאָרט געטראָפן זיין פרוי אַנאַ און ליזע אַמסטערדאַם. איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זיך צו באַגריסן מיט ליזען, האָבן ביידע מיט אַמאָל אויסגעשריגן: — אָט איז ער! גאָט אַליין האָט איך צוגעשיקט! מיר זיצן דאָ און טראַכטן — האָט שוין גערעדט אַנאַ אַליין — וואו קען מען איך געפינען און אָט זענט איר אַליין געקומען. — מיט וואָס בין איך דאָס געוואָרן אַזאַ טייערער אוצר, וואָס איר זענט אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט מיך צו געפינען? — האָב איך געפרעגט. אַנאַ האָט מיר דערציילט אַזאַ געשיכטע: פון אויסלאַנד איז געקומען אַ יונגערמאַן און געבראַכט אַ „טשעמאָדאַן”, (אַ טשעמאָדאַן מיט טאָפּלטע ווענטלעך). אין אים איז געווען איינגעפּאַקט דער לעצטער נומער אידישער אַרבייטער, וואָס איז ערשט אַרויס פון דרוק. דער יונגערמאַן פאָרט אין אָדעס. ער האָט אין אויסלאַנד געבעטן מען זאָל אים געבן פאַרשידענע בראָשורן פאַר אָדעס, האָט מען אים געזאָגט, אַז דאָס וועט ער קריגן אין ביאַליסטאָק. אַנאַ האָט די געבראַכטע נומערן אידישער אַרבייטער אַוועקגעטראָגן אין סקלאַד און געוואָלט נעמען אַ ביסל ליטעראַטור פאַר אָדעס, אָבער דאָרט איז כמעט גאָרנישט געווען. בלייבט דעריבער צו מאָן אָט וואָס: אַזוי ווי אין גראָדנע איז מיט אַ קורצער צייט צוריק

אָנגעקומען פון אויסלאַנד אַ גרויסער טראַנספּאָרט ליטעראַטור און איז נאָך כמעט ניט געטשעפּעט, דאַרף מען צופֿאָרן אַהין און ברענגען אַ ביסל ליטעראַטור פֿאַר אַדעס. מען מוז דאָס טאָן גלייך, ווייל דער יונגערמאַן זיצט אין האָטעל און וואַרט. אויב איך קען וועמען ס׳איז שיקן דורכצופירן דאָס שטיקל אַרבעט, איז געוויס גוט, אויב ניט, וועל איך דאָס דאַרפן אַליין טאָן. — שיקן, האָב איך געזאָגט, קען איך איצט קיינעם ניט. ס׳איז אַ וואָכעדיקער טאָג און אַלע זיינען ביי דער אַרבעט. איך וועל דעריבער אַליין פֿאָרן. איך האָב געבעטן, אַז זי זאָל מיר געבן עפּעס אַ קליין וואַליזקעלע, אין וועלכן כ׳זאָל אַריינפּאַקן די „סחורה" אין גראָדנע. ליזאַ אַמסטערדאַם האָט מיר גלייך פֿאָרגעשלאָגן איך זאָל נעמען איר האַנט־געפּעק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קאָלדרע, אַ קליין קישעלע און אַנדערע קלייניקייטן אַרומגעבונדן מיט רימענס און די רימענס האָבן געהאַט אַ הענטל. מיט אַזאַ האַנט־געפּעק פלעגן געוויינלעך אַרומפֿאָרן קאָמי־וואָיאַזשאָרן.

דאָס קישעלע מיט די אַנדערע קלייניקייטן האָב איך איבערגעלאָזט, צונויפגעלייגט די קאָלדרע, אַרומגעבונדן די רימענס און אַוועק צום וואָקזאַל. שוין זיצנדיק אין וואַגאָן, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: ווייבאַלד איך פֿאָר שוין יאָ נאָך ליטעראַטור, קען איך דאָך פֿאַר די זעלבע הוצאות נעמען מער, ווי איך דאַרף פֿאַר אַדעס. ביאַליסטאָק נויטיקט זיך דאָך שטענדיק אין ליטעראַטור, ווייל מיר דאַרפן באַזאָרגן אַ גאַנצע ריי שטעט אַרום ביאַליסטאָק. איך באַשליס, אַז איך וועל טאָקע אַזוי טאָן. איך וועל נעמען אַזויפיל, אַז עס זאָל זיין גענוג פֿאַר ביאַליסטאָק אויך.

אין גראָדנע בין איך גלייך אַוועק צו יאַשקע דעם לערער (יאַקאָוו מינדעל). ער האָט געהאַט דעם צוטריט צו דער ליטעראַטור. איך האָב אים געזאָגט וואָס איך וויל און געגעבן אים אַ צעטל, וואָס ער דאַרף מיר ברענגען. ער האָט גענומען דעם צעטל און איז אַוועק. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז ער צוריקגעקומען ליידיק. — מען קען אַהין היינט ניט צוקומען, האָט ער געזאָגט, מען מוז דאָס איבערלאָזן אויף מאָרגן. איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט און געבליבן וואַרטן, און טאַקע ביי אים גענעכטיקט. ער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט אַ ברודער אין אַ באַזונדער שטיבל. מאָרגן פֿאַרנאַכט איז יאַשקע ווידער אַוועק ברענגען די ליטעראַטור און איז שוין געקומען צוריק אַן אָנגעפּאַקטער אַרום זיך. ער האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפּאַקט. דאָס איז אָבער נאָך געווען וויט ניט אַלץ, וואָס ער האָט געדאַרפט ברענגען. ער האָט געמוזט גיין אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן. ווען ער האָט אַלץ געבראַכט, האָב איך דערזען, אַז ווען איינפּאַקן דאָס אַלץ אין מיין

קאָלדרע קען קיין רייד ניט זיין. מען דאַרף האָבן נאָך עפּעס. איך האָב באַמערקט אין אַ ווינקל אַ שטרויענעם קאָרב פון מיטעלער גרויס. און איך האָב געזאָגט יאַשקען, אַז איך מוז ביי אים צונעמען דעם קאָרב. ער האָט גאָרניט געהאַט דאַקעגן.

איך האָב אָנגעפּילט דעם קויש און די רעשט פּאַרפּאַקט אין מיין קאָלדרע. איצט דאַרף מען דעם קאָרב פאַרשליסן. יאַשקע האָט גענומען זוכן דעם שליסל. און דער ברודער האָט אים געהאָלפן. מען האָט איבערגעקערט די גאַנצע שטוב — ניטאָ. קויפן אַ שלעסל האָט מען ניט געקענט, די אייזן־קראָמען זיינען שוין געווען פאַרמאַכט. גראָד איז אין שטוב געווען שטריק, האָבן מיר דעם קאָרב אַרומגעבונדן און מיר זיינען געווען פאַרטיק. איין חסרון איז געווען: ווען דער קאָרב וואָלט געווען פאַרשלאָסן, וואָלט מען דאָס געקענט אָפּגעבן אין באַגאַזש, אָבער אָן אַ שלאָס האָט מען דאָס געמוזט נעמען אין וואַגאָן. אָבער פאַרפאַלן. איך האָב געפּרואווט דעם קאָרב אויפהויבן, אָבער איך האָב ניט געקענט — געווען צו שווער פאַר מיר. האָט זיך יאַשקע אַליין אָנגעבאָטן, אַז ער וועט מיט מיר פאָרן צום וואָקזאַל. ער איז געווען אַ געזונטער יונג און ער האָט דאָס געקענט טראָגן.

דער צוג גייט אָוועק 2 אַזייגער. איינס אַזייגער האָט יאַשקע געבראַכט אַן איזוואָשטשיק און מיר זיינען אָוועקגעפאָרן צום וואָקזאַל. דאָרט האָבן מיר די פּעקלעך אַריינגעטראָגן אין וואַרטע־צימער. ווען דער צוג איז אָנגעקומען, האָט יאַשקע גענומען דעם קאָרב אויף די פּלייצעס, איך מיין פּעקל אין האַנט און מיר זיינען אַרויס פון וואָקזאַל. דער צוג איז געשטאַנען ווייט פון וואָקזאַל, ביי דער דריטער אָדער פערטער פּלאַטפאָרם. יאַשקע איז אָוועק פאָראויס און איך, אַ ביסל אָפּגעטרעטן, בין נאָכגעגאַנגען. ווען יאַשקע איז שוין געווען אויף דער פּלאַטפאָרם, וואו דער צוג איז געשטאַנען, האָב איך דערזען, אַז אַ סאָלדאַט פון דער גרענעץ־וואַך האָט אים אָפּגעשטעלט. איך האָב פאַרלאַנגזאַמט מיינע טריט, געוואָלט זען וואָס וועט ווייטער זיין. איך זע יאַשקע נעמט אַרונטער דעם קאָרב פון די פּלייצעס און שטעלט דאָס אַוועק אויף דער ערד. אַליין לאָזט ער זיך אויך אַראָפּ אויף דער ערד. דער סאָלדאַט שטעלט זיך לעבן אים אויף די קני און יאַשקע נעמט פאַנאַנדערבינדן דעם שטריק פון קאָרב, אָבער ער איילט זיך ניט. איך בין שנעל צוגעגאַנגען און אַ פרעג געטאָן: — וועגן וואָס האַנדלט זיך? דער סאָלדאַט האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, אָפּגעשטעלט זיין בליק אויף מיין פּעקל און גע־פרעגט: — וואָס האָט איר דאָ אין פּעקל? — זעסט דאָך, האָב איך געענטפערט, אַ קאָלדרע, אינעווייניק אַ קישעלע און אַנדערע קליי־

ניקייטן, וואָס אַ רייזנדער דאַרף האָבן אין וועג. — עפן אויף, איך וויל אַ קוק טאָן, האָט ער באַפוילן. — ניטאָ וואָס צו קוקן, האָב איך מיט אַ בייזער שטים געזאָגט, איך האָב ביי קיינעם גאָרניט געגנבעט. דער סאָלדאַט איז ניט נתפעל געוואָרן. — זייט אַזוי גוט און עפנט דעם פּעקל! — האָט ער געזאָגט שוין אין אַ באַפעלערישן טאָן. איך האָב גענומען רעדן צו אים אין אַ מילדן טאָן, געסטאַרעט זיך צו געבן אים פאַרשטיין, אַז ער דאַרף מיך אָפּלאָזן. איך קען דאָך נאָך צוליב אים פאַרשפּעטיקן דעם צוג און איך מוז אַוועקפאָרן.

דערווייל האָב איך דערזען, אַז אין דער צייט, וואָס דער סאָלדאַט איז פאַרנומען מיט מיר, האָט זיך יאַשקע שטילערהייט אַוועקגעשאַרט און איז פאַרשוואונדן. מיר איז געוואָרן פרייליכער אויפן האַרצן. יאַשקע איז שוין אויסער געפאַר. אָבער ווי אַזוי זאָל איך אַליין פּטור ווערן פון דעם סאָלדאַט? אַ געדאַנק איז מיר דורכגעלאָפן, אַז דער בעסטער אַרגומענט וועט זיין אַריינצורוקן אים עפּעס אין יד אַריין. איך האָב געהאַט ביי זיך אַ גאָלד־שטיקל פון 5 רובל און אַ זילבערנעם האַלבן רובל. געבן אים דעם גאָלד־שטיקל, האָב איך געטראַכט, טויג ניט. ערשטנס, קען דאָס ביים סאָלדאַט פאַרשטאַרקן דעם חשד; צווייטנס, ווי קען איך זיך לאָזן מיט אין האַלבן רובל? מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. איך האָב אַרויסגענומען דעם האַלבן רובל און וויל אים געבן, אָבער ער האָט פאַרקוועטשט די האַנט אין אַ קולאַק און זאָגט:
— ניין, מען טאָר ניט! איך פאַרזיכער אים, אַז עס מאַכט ניט אויס, קיינער וועט ניט וויסן, אָבער ער האַלט זיך ביי זיינס — מען טאָר ניט. אַזוי אַמפּערנדיק זיך, האָב איך דערפילט, אַז זיין קולאַק האָט זיך געעפנט. איך האָב אים אַריינגעשפּאַרט דעם האַלבן רובל און דער־פילט אַ דערלייכטערונג. דער סאָלדאַט האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער זייט, וואו יאַשקע איז פריער געשטאַנען. דערזעענדיק, אַז ער איז ניטאָ, האָט ער אַ זאָג געטאָן: אַהאַ! אייער חבר איז שוין אַנט־לאָפן. — פאַרוואָס אַנטלאָפן, האָב איך געזאָגט, ער איז מסתמא אַוועק אין וואַגאָן פאַרנעמען אַ פּלאַץ.

איך האָב גענומען מיין פּעקל אין איין האַנט און מיט דער אַנ־דערער גענומען דעם קאָרב פאַר דעם שטריק און געשלעפּט איבער דער פּלאַטפאָרם צום וואַגאָן. דער סאָלדאַט גייט מיר נאָך. געקומען צו די טרעפּלעך פון וואַגאָן, וויל איך אויפהויבן דעם קאָרב, אָבער איך קען ניט. דער סאָלדאַט איז געוואָרן העפלעך און האָט אַריינ־געטראָגן דעם קאָרב אין וואַגאָן. באַלד ביי דער טיר איז אויף אַ באַנק געווען אַ ליידיקער פּלאַץ. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם קויש אויף דער באַנק און האָט געזאָגט: — עפן אויף! אַ מאָמענט בין איך גע־

בליבן אַזוי ווי פאַראַליזירט, אָבער איך בין גלייך געקומען צו זיך. דער געדאַנק האָט גענומען שנעל אַרבעטן. איך האָב באַרעכנט, אַז ס׳איז געבליבן אין גאַנצן אַ פּאָר מינוט צום אָפּפאָרן פון צוג. דאַרף איך די פּאָר מינוט מאַנעווורירן אַזוי, אַז דער קאָרב זאָל בלייבן ניט געעפנט, דער סאָלדאַט וועט מיך מוזן אָפּלאָזן, ווייל ווי נאָר דער צוג וועט זיך רירן, וועט ער מוזן אַרונטער. ער טאָר דאָך ניט פאַר־לאָזן זיין פּאָסטן. איך האָב גענומען אָפּבינדן דעם שטריק פון קאָרב: זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב זיך ניט געאיילט. דער סאָלדאַט האָט געמאַכט דעם זעלבן חשבון וואָס איך. ער האָט געוואוסט, אַז דער צוג דאַרף באַלד אָפּפאָרן. זעענדיק, אַז איך איל זיך ניט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אין די פּאָר מינוט וועל איך ניט באַוויזן צו עפענען דעם קאָרב. ער האָט אַ זאָג געטאָן: — איך זע, אַז איך וועל מיט אייך גאָר ניט מאַכן. איך גיי רופן דעם זשאַנדאַרם. ער איז אַרויס פון וואַגאָן. ביי די טרעפּלעך האָט ער זיך אַריבערגעבויגן צו דער פּלאַטפאָרם און גענומען רופן דעם זשאַנדאַרם. אין דעם מאָמענט בין איך אויך אַרויס פון וואַגאָן און דורך דער הינטערשטער טיר אַרויס פון צוג. איך האָב געוואוסט, אַז אַ ביסל ווייטער איז דאָ אַן אַרויסגאַנג צו דער גאַס, בין איך אַהין אַוועק. כ׳האָב זיך געלאָזט גיין צו יאַשקען אַהיים. ווען איך בין אַריין אין שטוב, האָט זיין ברודער געפרעגט:

— וואו איז יאַשקע?

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן. אַ האַלבע שעה שפּעטער איז יאַשקע געקומען. פון וואָקזאַל איז ער אַוועק ווייט הינטער דער שטאָט, צוריקגעגאַנגען מיט אַן אַנדערן וועג, אַריין אין שטאָט פון אַן אַנדערער זייט — און דאָס האָט גענומען צייט. אונזערע נערוון זיינען געווען אָנגעצויגן, צערודערט און ס׳האָט געדויערט ביז מיר האָבן זיך אַ ביסל באַרואיקט. מיר זיינען אַוועקגעפאַלן אויף די געלעגערס און פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

צומאָרגנס איז יאַשקע אַרויס אין גאַס אַ שמעק טאָן צי ס׳זיינען עפּעס פאַראַן נאָכוויייעניש פון אונזער ביינאַכטיקן דורכפאַל. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ גאַנצן באַרג גאָרניט פריילעכע נייס. פּאָליציי האָט צונויפגעטריבן אַלע איזוואָשטשיקעס צום וואָקזאַל. מען האָט זיי געוויזן אונזערע פּעקלעך און געפרעגט: — ווער האָט די דאָזיקע פּעקלעך געפירט און פון וואַנען? קיינער האָט ניט געזאָגט, אַז ער האָט דאָס געפירט. אַלע האָבן זיך געהאַלטן ביים זעלביקן ענטפער — זיי ווייסן ניט. די פּאָליציי האָט דערפאַר צוגענומען ביי אַלע די דערלויבעניש אַרומצופאָרן און זיי געהייסן גיין אַהיים. ביים וואָקזאַל איז זייער שטרענג. יעדן איינעם, ווער עס טראָגט אַפילו אַ קליין

פּעקל, שטעלט מען אָפּ און מען הייסט עפענען. ס׳איז פּאַר אונז געווען קלאָר, אַז איך קען ניט אַוועקפאָרן פון גראָדנע מיט דער באַן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איך זאָל גיין צופוס ביז דער נאָנטסטער סטאַנציע (דאָס איז געווען בערך 20 וויאָרסט) און דאָרט נעמען דעם צוג קיין ביאַליסטאָק. איצט איז נאָך געבליבן צו באַזאָרגן מיך מיט אַ נאַכטלעגער, ווייל נעכטיקן ביי יאַשקען איז שוין ניט געווען זיכער. יאַשקע איז געגאַנגען דאָס צו באַזאָרגן. ער איז באַלד צוריקגעקומען און איז מיט מיר אַוועק. אויפן וועג האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַ שליסל צו אַ וואוינונג, פון וועלכער די באַלעבאַטים זיינען אַוועק אויף דאַטשע. דאָרט וועל איך איבערנעכטיקן. ער וועט מיר וויזן, וואו איך זאָל אינדערפרי איבערלאָזן דעם שליסל. אײדער איך בין אַוועק שלאָפן האָב איך דערזען אויפן טיש אַ טאָוול, וואו עס איז אָפּגעדרוקט, ווען די באַנען קומען און גייען אַוועק. אונטן, אויף דעם זעלבן טאָוול, איז געווען אָפּגעדרוקט די צייט ווען די פּאַראַכאָדן קומען און גייען אָפּ. (אין גראָדנע פליסט דער טייך ניעמאַן). איך האָב דערזען אַ סטאַנציע סוויסלאָטש. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז דאָס שטעטל סוויסלאָטש, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון ביאַליסטאָק, וואו עס זיי־נען פאַראַן די גאַרבערייען. אַ פּאָר סוויסלאָטשער גאַרבער האָב איך געקענט. זיי פלעגן קומען אין ביאַליסטאָק נאָך אומלעגאַלער ליטע־ראַטור. האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן מיטן פּאַראַכאָד און אויף אַזאַ אופן אויסמיידן צו גיין צופוס.

נאָכן איבערנעכטיקן בין איך אינדערפרי אַוועק צום פּאַראַכאָד, גענומען אַ בילעט צו דער סטאַנציע סוויסלאָטש און אַוועקגעפאָרן. ווען איך האָב דערהערט אויסרופן סטאַנציע סוויסלאָטש, בין איך אַרויס אויפן ברעג. אַרום אַן אמתע ווילדערניש. ניטאָ קיין הייזער און מען זעט ניט קיין נפש. פון וויטן האָב איך דערזען אַ גרויסע געביידע מיט אַ הויכן קוימען. דאָס, האָב איך געטראַכט, מוז זיין אַ גרויסע לעדער־פאַבריק, וואָס שטייט הינטער דער שטאָט און די שטאָט איז מסתמא אַ ביסל ווייטער. צוקומענדיק נאָנט האָב איך דערזען, אַז די געביידע שטייט אין אַ הויף, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַן. דער טויער איז געווען אָפן, בין איך אַריין אינעווייניק. כ׳האָב דערזען אַ לאַנגן הויף, אָנגעשטעלט מיט מאַשינען פאַר ערד־אַרבעט. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז די געביידע איז ניט קיין לעדער־פאַבריק. איך בין דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן הויף און ביים סוף ווידער אַן אָפענער טויער. איך בין אַרויס אין אָפענעם פעלד.

פון וויטן האָב איך דערזען כאַטעס מיט שטרויענע דעכער. האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז די פאַרשטאָט פון סוויסלאָטש. איך

בין אוועק אהין. שוין זייענדיק נאַנט, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז בישט קיין פאַרשטאָט. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ביי איין כאַטע איז געזעסן אַן אַלטער פויער און זיך גע־וואַרעמט אויף דער זון. איך בין צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט וואו עס געפינט זיך די שטאָט סוויסלאָטש. ס'איז געווען שווער מיט אים זיך צונויפצורעדן, דאָך האָב איך פון אים אַרויסגעצויגן, אַז קיין שטאָט סוויסלאָטש איז דאָ ניטאָ. אַ ביסל ווייטער איז מיר אַנט־קעגנגעקומען אַ יונגע פויערטע. איך האָב זיך געווענדט צו איר און געפרעגט וואו עס געפינט זיך די שטאָט סוויסלאָטש. זי האָט מיר אין אַ קלאָרן שטאָטישן רוסיש געזאָגט, אַז קיין שטאָט סוויסלאָטש איז דאָ ניטאָ. זי דערקלערט מיר ווייטער, אַז די כאַטעס, וואָס מען זעט פון ווייטן, דאָס איז דער דאָרף סוויסלאָטש. אַ פאַר וויאָרסט פון דאַנען איז אַן אימעניע מיטן זעלבן נאָמען. ערשט איצט האָב איך דערזען וואָסער טויגעניכטס און שלימזל איך בין.

ס'איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז די איינציקע זאַך, וואָס איך דאַרף איצט טאָן, איז צוריקפאָרן קיין גראָדנע. איך האָב ביי איר געפרעגט:

— אפשר קענסטו מיר זאָגן ווען עס גייט אַ פּאַראָכאָד אין גראָדנע? — היינט איז שוין דער פּאַראָכאָד אַוועק, האָט זי געזאָגט, און אַזוי ווי היינט איז פרייטיק, וועט דער נאָענטסטער פּאַראָכאָד גיין ערשט זונטיק פרי, ווייל שבת גייען ניט די פּאַראָכאָדן. איך האָב ביי איר געפרעגט:

— אפשר קענסטו מיר זאָגן וועלכע שטעטלעך געפינען זיך דאָ אַרום ניט גאָר ווייט? זי האָט אָנגערופן עטלעכע שטעטלעך און ווי ווייט יעדע איז פון דאַנען. די נעמען פון די שטעטלעך זיינען מיר געווען באַקאַנט, ווייל דאָרט זיינען געווען וועבערייען. איך האָב אויסגעקליבן דאָס נאָענטסטע (דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען אמדור) און געפרעגט ווי אַזוי איך דאַרף גיין אַהין. זי האָט מיר אָנגעוויזן דעם וועג.

אַפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ יונגער־מאַן מיט אַ היפּשער שוואַרצער באָרד, אַ ייד. מיר זיינען פאַרבייגע־גאַנגען און זיך ניט אָפּגעשטעלט. אָפּגייענדיק עטלעכע טריט, האָבן אָבער ביידע אינסטינקטיוו זיך אומגעקערט און צוגעגאַנגען איינער צו דעם אַנדערן. דער יונגערמאַן האָט דער ערשטער אָנגעהויבן ריידן:

— ס'איז זעלטן צו באַגעגענען דאָ אַ יידישן יונגנמאַן. מעג איך פרעגן וואָס איר טוט דאָ אין אונזער געגנט? איך האָב אים דערציילט דעם אמת (ניט דעם גאַנצן אמת) — איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. כדי צו פאַרמיידן צופיל פראַגן, האָב איך אים דערציילט אַ געשיכטע, אַז אין סוויסלאָטש, אַ שטעטל ניט ווייט פון ביאַליסטאָק, וואוינט מיינער אַן עלטערער ברודער. ער האָט דאָרט אַ לעדער־פאַבריקל. פאַר איך צו

אים. אין גראָדנע האָב איך צופעליק דערזען, אַז אַ פֿאַראָכאָד גייט קיין סוויסלאָטש, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז דאָס שטעטל, וואָס איך דאַרף, בין איך געקומען אַהער. לאָזט זיך גאָר אויס, אַז דאָס איז אַ דאָרף.—טאָ וואו־זשע גייט איר, האָט דער יונגערמאַן געפרעגט.—איך גיי קיין אמדור.—ווען האָט איר אין אמדור,—האָט ער ווייטער געפרעגט. — איך האָב דאָרט קיינעם ניט, אָבער איך קען דאָך ניט בלייבן אין מיטן פעלד. דאָרט וועל איך דאָך קענען אַריין אין אַ יידישער שטוב. גיט דער יונגערמאַן אַ טראַכט און ווייזט אַרויס אַ גרייטקייט מיר צו העלפן: — איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? איך וואוין דאָ ניט ווייט, קומט מיט מיר. איר וועט זיין ביי מיר איבער שבת און זונטיק פרי וועט איר צוריקפאָרן אין גראָדנע.

איך האָב גערן אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג. ער האָט זיך מיט מיר פֿאַרקירעוועט אויף אַ זייטיקן וועג. מיר זיינען צוגעקומען צו אַ הויז, געבויט אויפן שטאָטישן שטייגער. — דאָ וואוין איך, האָט ער גע־זאָגט, קומט אַריין. מיר זיינען אַריין אין קיך. ביים אויוון האָט זיך געפּאָרעט זיין יונגע פרוי. זי האָט צוגעגרייט אויף שבת. איך האָב געבראַכט אַן אורח, האָט ער איר מודיע געווען, ער וועט זיין ביי אונז איבער שבת. — זייער פיין, האָט זי צוגעשטימט. ער האָט מיך אַריינ־געפירט אין צווייטן צימער, וואָס איז געווען באַלעבאַטיש איינגעאָרדנט, און געזאָגט צו מיר: — איך דאַרף נאָך ערגעץ צוגיין. איר מאַכט זיך באַקוועם און פילט זיך אַזוי ווי אין דער אייגענער היים. איר דאַרפט ניט זאָרגן, איר זענט צווישן יידן. ער איז אַריין אין קיך, אַ פּאָר מינוט גערעדט אין דער שטיל מיט זיין פרוי און איז אַוועק.

איך בין ביי דעם יונגן פּאָרפֿאָלק געווען איבער שבת. זונטיק אין דער פרי האָב איך זיי באַצאָלט, וויפל זיי האָבן פֿאַרלאַנגט, באַדאַנקט פֿאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט און אַוועק צום פֿאַראָכאָד. אַ פּאָר שעה שפּעטער בין איך געווען צוריק אין גראָדנע.

איך בין אַוועק צו מיין יאַשקען. ער איז ניט געווען אין דער היים. זיין ברודער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פֿאַרוואונדערטע אויגן און געפרעגט: — איר זייט נאָך ניט אַוועקגעפאָרן? איך האָב אים דערציילט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. — טאָ וואָס־זשע זייט איר געקומען אַהער? — האָט ער ווייטער געפרעגט. דער טאָן זיינער איז געווען זייער ניט קיין פריינטלעכער און מיך האָט דאָס פֿאַרדראָסן. איך בין געוואָרן חוצפהדיק און בייזלעך אַ זאָג געטאָן: — שטעלט מיר ניט קיין פראַגעס. גיט מיר אַ שערל. אויב איר האָט ניט, מוזט איר דאָס קריגן — האָב איך געזאָגט באַפעלעריש. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ שערל. איך האָב זיך געשטעלט ביים שפּיגל און אָפּגעשוירן מיין

באַרד ביז די וואַרצלען. איר מוזט מיר קריגן אַ שליאַפּע — האָב איך ווידער באַפוילן. (איך האָב געטראָגן אַ היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק). ווייזט אויס, אַז ער איז געווען גרייט נאָכצוגעבן אַלע מיינע פאַרלאַנגען, אַבי פּטור צו ווערן פון מיר. ער האָט מיר געזאָגט: — איך האָב אַ שליאַפּע. אויב זי וועט זיין גוט אויף אייך, קענט איר זי נעמען. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ שאַכטל אַ קאַפּעלוש און האָט מיר דערלאַנגט. איך האָב אָנגעמאָסטן. ס'איז געווען אַ ביסל צו גרויס, אָבער איך האָב זיך אַן עצה געגעבן. איך האָב אַריינגעלייגט אינעווייניק אונטערן רימען אַ פּאָר שטיקלעך פּאַפּיר, אָנגעמאָסטן, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל — אויסגעצייכנט. — נו, איצט זייט געזונט און גריסט יאַשקען.

איך בין אַוועק הינטער דער שטאָט, צוגעגאַנגען צו די באַן־רעלסן און פאַזע די רעלסן געגאַנגען צו דער נאָנטסטער סטאַנציע. איך בין געקומען אין צייט. דער צוג איז באַלד אָנגעקומען. איך בין, אָן שווע־ריקייטן, אַריין אין צוג און בשלום געקומען אין ביאַליסטאָק.

פון וואָקזאַל בין איך גלייך אַוועק צו דר. ראָזענטאַל. זיי האָבן שוין געוואוסט וועגן מיין דורכפאַל אין גראָדנע, ווייל מיט אַ טאָג שפּעטער נאָכן דורכפאַל האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין ביאַליסטאָק זיצט אַ מענטש אין אַ האָטעל און וואַרט אויף מיר, האָב איך געשיקט אַ בריוו צו ראָזענטאַלן, אַז עס איז ניטאָ אויף וואָס צו וואַרטן. איך האָב געשריבן דעם בריוו אין רוסיש און אין יידישער איבערזעצונג וואָלט ער זיך געלייענט בערך אַזוי: טייערע פריינט! מיט מיר האָט געטראָפן אַן אומגליק. אין מיטן נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שרפה, און מיין גאַנצע באַלעבאַטישקייט איז פאַרברענט געוואָרן. איך אַליין בין קוים אַרויס מיטן לעבן. איך בין זייער פאַרצווייפלט און איך טראַכט אויף אַ ווייל צופאָרן אין ביאַליסטאָק.

ווען איך בין אַריינגעקומען צו ראָזענטאַלן, זיינען דאָרט געווען: פּאַוועל, אַנאַ, איר שוועסטער העלענאַ און בייניש מיכאַלעוויטש, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען אין ביאַליסטאָק פון פּאַלטאַווע, וואוהין ער איז געווען פאַרשיקט אונטער פּאָליצײ־אויפזיכט. אָפּזייענדיק דאָרט אַ געוויסע צייט, האָט ער באַרעכנט, אַז עס איז ניט קיין תכלית אַרומצודרייען זיך אַן אַ שטאָט־אַרבעט. איז ער אַוועק קיין ביאַליסטאָק, פאַרשטייט זיך, אַן אַ דערלויבעניש.

מיט אַלע פּרטים האָב איך דערציילט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט זינט איך בין אַוועק פון ביאַליסטאָק. ווען איך האָב געענדיקט, רופט זיך בייניש אָן: — אָבער וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. ער האָט מיר באַלד אויפגעקלערט:

דער ליידיקער פּלאַץ אויף דער באַנק אין וואַגאָן, וואו דער סאָלדאַט האָט אָוועקגעשטעלט מיינע פּעקלעך, איז געווען לעבן אים. ווען דער סאָלדאַט איז צוריק אַריין אין וואַגאָן צוזאַמען מיטן זשאַנדאַרם, האָט דער לעצטער געזאָגט צו בייגישן: — נעמט אייערע זאַכן און קומט! בייניש האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן צו איבערצייגן דעם זשאַנ־דאַרם, אַז די פּעקלעך זיינען ניט זיינע. דער זשאַנדאַרם האָט אים ניט געוואָלט גלויבן. בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס אַלע פּאַסאַזשירן אין וואַ־גאָן האָבן באַשטעטיקט, אַז בייניש זאָגט דעם אמת, האָט דער זשאַנ־דאַרם אים אָפּגעלאָזט. דער זשאַנדאַרם מיטן סאָלדאַט האָבן גענומען די פּעקלעך און זיינען אַרונטער פון צוג.

ס'האָט גענומען עטלעכע טעג ביז איך האָב זיך אויסגעטשוכעט פון דעם גאַנצן קאַשמאַר און צוריק אַריין אין די האַלאַבליעס. מיר זיינען צוגעטרעטן גרינדן דעם גאַרבער־בונד. מיר האָבן באַשלאָסן צו רופן אַן עקסטרא־צוזאַמענפאָר פון גאַרבער. סוף זומער 1901 איז אַזאַ צוזאַמענפאָר אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ביאַליסטאָק, אין דער וואוינונג פון אַ יונג פּאָרפּאָלק. דער מאַן איז געווען אַ גאַרבער און געשטאַמט פון ראַזשינאַי. ניט אַלע דעלעגאַטן געדענק איך. איך קען זיך דער־מאָנען, אַז געווען זיינען: מרדכי קארף, יודל העלצער, בענדעט, יודל קרעמער, בענציע לעווין, פּאַוועל ראָזענטאַל, אריה בלום א. אַ.. אַלס גאַסט איז געווען בייניש מיכאַלעוויטש. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע דעבאַטן. דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן: 1) אַרויסגעבן אַ מאַניפעסט, וואָס זאָל דערקלערן די נויטיקייט פון אַ גאַרבער־בונד און לאָזן וויסן אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט זיך געגרינדעט און פונקציאָנירט שוין. 2) דער מאַניפעסט זאָל זיין געדרוקט אין 3 שפּראַכן: יידיש, פּויליש און רוסיש. 3) גלייך נאָך דעם ווי דער מאַניפעסט וועט פאַר־שפּרייט ווערן, זאָל מען אָנהויבן אַרויסגעבן אַ פּעריאָדישע צייט־שריפט, אויב מעגלעך, יעדן חודש. 4) דער נאָמען פון דער צייט־שריפט זאָל זיין דער קעמפער און זאָל אויך זיין געדרוקט אין 3 שפּראַכן.

דער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט איין טאָג. דער באַשלוס וועגן דער צייטשריפט איז ניט דורכגעפירט געוואָרן. דער קעמפער איז קיינמאָל ניט דערשינען. דעם מאַניפעסט האָבן מיר אַרויסגעגעבן. דעם אָריגינאַל האָט אָנגעשריבן פּאַוועל ראָזענטאַל אין רוסיש, בייניש מיכאַלעוויטש האָט אים איבערגעזעצט אין יידיש און דער ווילנער אַדוואָקאַט קאָזלאָווסקי (אַ פּ.ס.ד.) — אין פּויליש. בערך סוף יאַנואַר 1902 איז דער מאַניפעסט אַרויס פון דרוק.

אָנהויב פעברואַר האָב איך פאַרפאַקט די עקזעמפּלאַרן פון מאַ־ניפעסט אין אַ טשעמאָדאַן (אָדער אין 2) מיט טאָפּלטע ווענטלעך און האָב זיך אַוועקגעלאָזט איבער די שטעט און שטעטלעך, וואו מיר האָבן געהאַט גאַרבער־אָרגאַניזאַציעס, צו טיילן דעם מאַניפעסט. די אַרבעט האָט געדויערט אַן ערך צוויי חדשים און אָנהויב אַפּריל בין איך צו־ריקגעקומען אין ביאַליסטאָק.

11. אין אָדעסער טורמע

כאָטש איך בין פאַרבייגעגאַנגען דר. ראָזענטאַלס דירה, בין איך אַהין ניט אַריין. איך האָב געטראַכט — מאַלע וואָס עס האָט געקענט פּאַסירן פאַר דער צייט, וואָס איך בין דאָ ניט געווען. אַגב האָב איך געוואוסט, אַז אין מערץ האָט אין ביאַליסטאָק געדאַרפט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ צוזאַמענפאָר פון דער רוס. סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי. נאָך איידער איך בין אַוועקגעפאָרן, האָט מען שוין אָנגעהויבן די צוגרייטונגען. אַנאַ ראָזענטאַל און עטל גרינבערג זיינען שוין אַרומגעגאַנגען זוכן אַ פּאַסיקע דירה. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם באַשלוס ניט אַריינצוגיין צו ראָזענטאַלן. איך בין אַוועק צו מיין חבר חיים טאַטאַרסקי און ביי אים האָב איך זיך דערוואוסט די טרויעריקע נייס. ער האָט מיר דערציילט: פּאַוועל און אַנאַ זיינען מיט עטלעכע טעג צוריק אַרעסטירט געוואָרן. נח איז גאַנץ, אָבער צי ער איז נאָך אין שטאָט אָדער אים האָט זיך איינגעגעבן אַוועקצופאָרן, ווייסט ער ניט. בייניש האָט זיך גליקלעך אויסגעדרייט פון אַרעסט. דערביי איז פאָרגעקומען פאָלגנדער קוריאָז: בייניש איז אַרויס פון זיין וואוינונג און געוואָלט ערגעץ גיין. אויף די טרעפּ זיינען אים אַנטקעגנגעקומען אַ כאָפּטע זשאַנדאַרמען מיט אַן אָפיצער בראש. דער אָפיצער האָט אים געפרעגט צי וויס ער וואו עס וואוינט דאָ יאָסל איזביצקי. (ער האָט געפרעגט ביי ביינישן וואו עס וואוינט בייניש). איך וואוין ניט אין דעם הויז, האָט אים בייניש געענטפערט, איך האָב דאָ באַזוכט מיינעם אַ פריינט און דעריבער קען איך איך ניט זאָגן וואו איזביצקי וואוינט. די זשאַנדאַרמען האָבן פריי געמאַכט דעם וועג פאַר ביינישן אַרונטערצוגיין און ער איז אַוועק. ווייטער האָט מיר חיים טאַטאַרסקי געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט וואו בייניש געפינט זיך איצט, ער מיינט, אַז ביי חנה דער האָרבאַטער. עטלעכע פערזאָן האָט מען אַרעסטירט אויפן וואָקזאַל, ווען זיי האָבן געוואָלט אַוועקפאָרן פון ביאַליסטאָק. ווער זיי זיינען האָט ער ניט קיין באַגריף. וואַרשיינלעך זיינען זיי ניט קיין ביאַליסטאָקער. בכלל האָבן די אַרעסטן געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. יעדערן דוכט זיך, אַז באַלד קומט מען נאָך אים. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז דער צוזאַמענפאָר פון דער רוס. סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי איז דורכגעפאַלן.

גיין איצט זוכן ביינישן, טויג ניט — האָב איך געטראַכט. אפשר שלעפּט זיך מיר נאָך עפּעס אַ שוואַרץ יאָר, אפשר ווערט די וואוינונג פון חנה דער האָרבאַטער געהיט. איך בין אַוועק צו בערל פּינצאָוו. ער האָט געוואוינט מיט זיין שוועסטער אין אַ צימער אויף קאָרטשאַקס גאַסל. געקומען אַהין, האָט מיר די באַלעבאָסטע געזאָגט, אַז זיי זיינען ביידע ניטאָ אין דער היים. אויב איך וויל, קען איך אַריין צו זיי אין צימער און וואַרטן, אפשר וועלן זיי באַלד אָנקומען. איך האָב גערן אָנגענומען דעם אָנבאָט. פון די נייס, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט, בין איך געווען אין זייער אַ געדריקטער שטימונג. איך בין ביז אַ געוויסן גראַד געווען צעטומלט. ס'איז מיר ניט געווען קלאָר וואָס איך דאַרף אָנהויבן טאָן. איך האָב געוואַרט מיט אומגעדולד אויף פּינצאָווען. לאַנג איז מיר ניט אויסגעקומען צו וואַרטן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך דערהערט אין קאָרידאָר שווערע טריט, אַזוי ווי סאָלדאַטן וואָלטן געגאַנגען. באַלד האָב איך דערהערט אַ באַסאָווע שטים פרעגט אין רוסיש: — וואוינט דאָ פּינצאָוו? אין צימער זיינען באַלד אַריינגעקומען: אַן אָפיצער מיט אַ פּאָר זשאַנדאַרמען און עטלעכע פּאָליציאַנטן.

דער אָפיצער האָט מיר גלייך געפרעגט: — ווער זייט איר און וואָס טוט איר דאָ? איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען און אַז פּינצאָוו איז מיינער אַ חבר פאַר לאַנגע יאָרן, מיר האָבן אַמאָל געלערנט צוזאַמען. ער האָט געהייסן מיך רעווידירן. ווען איך בין אַרומגעפאָרן מיטן מאַניפעסט, האָב איך אין די שטעט און שטעטלעך געקליבן סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן די גאַרבער: די אַלגעמיינע צאָל גאַרבער אין שטאָט, די צאָל אָרגאַניזירטע, די פאַרדינסטן א. ד. ג. איך האָב דאָס פאַרשריבן אין אַ נאָטיץ־ביכל דורך אַ קאָמבינאַציע פון ציפערן און ראשי־תיבות מיט יידישע בוכשטאַבן. מען האָט געדאַרפט זיין אַ גרויסע בריה צו קענען דאָס לייענען און וויסן וואָס דאָרט איז פאַרשריבן. אָט דאָס נאָטיץ־ביכל האָט דער אָקאָלאָדאָטשניק אַרויסגענומען פון מיינער אַ קעשענע און האָט דאָס איבערגעגעבן דעם אָפיצער. אין אַ צווייטער קעשענע איז געלעגן אַ קוויטאַנציע פון מיין טשעמאָדאַן, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אויפן וואָקזאַל, אָבער דאָס האָט ער ניט געפונען. ער איז געווען טויט־שיכור.

די פּאָליציאַנטן האָבן דערווייל געזוכט אין צימער, האָבן אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָט מען מיך אַרויסגעפירט אין גאַס. ביים הויז איז געשטאַנען צוגעגרייט אַן איזוואָשטשיק און מ'האָט מיך אַריינגעזעצט אין דראָזשקע. פון איין זייט האָט אַ זשאַנדאַרם זיך אַוועקגעזעצט און מיך געהאַלטן פעסט ביי

דער האַנט. פון דער אַנדערער זייט האָט אַ פּאָליציאַנט זיך אַוועקגעזעצט אויפן טרעפּל פון דער דראָזשקע און מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן. איך האָב געזען, אַז אויפן ראָג גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן. אַז מיר זיינען צוגעקומען נעענטער צום ראָג, האָט זיך דער המון אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן און אָפּגעשטעלט דאָס פערד. עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז מען וויל מיך אָפּשלאָגן.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז אָפּנאַרן אַ זשאַנדאַרם אָדער פּאָליציאַנט האָב איך געקענט, אויף דעם בין איך געווען פּעאיק, אָבער אויף דורכשלאָגן זיך אַ וועג מיט מיינע עלנבויגנס, האָב איך ניט געטויגט. ס׳איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז דאָ קען ווערן אַ בלוט־באָד און דאָס לוינט ניט. האָב איך באַשלאָסן ניט צו מאַכן אַ פּרואוו אַרויס־צורייסן זיך, כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז מען וועט מיר קומען צו הילף. דערווייל איז געוואָרן אַ פּייפעריי. פון אַלע זייטן זיינען אָנגע־לאָפן פּאָליציאַנטן און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט בלויזע שאַשקעס אויפן עולם. דער איזוואָשטשיק האָט זיך דורכגעריסן דורכן המון. מ׳האָט מיך אָפּגעפירט אין פּאָליציי־אוטשאַסטאָק.

דאָרט האָב איך שוין געטראָפן מיין חבר פינצאָוו. עטלעכע מינוט זיינען מיר געווען אַליין און איך האָב אים אין קורצע ווערטער אי־בערגעגעבן, אַז מען האָט מיך אַרעסטירט ביי אים אין צימער און טענהן זאָלן מיר, אַז מיר זיינען חברים פון לאַנגע יאָרן. איך האָב אים אויך געזאָגט מיין נאָמען לויט דעם פּאַספּאָרט, אויף וועלכן איך האָב דעמאָלט געלעבט. ער האָט מיר דערציילט ווי אַזוי מען האָט אים אַרעס־טירט: איינער פון דער אָרגאַניזאַציע האָט אים געבעטן ער זאָל צוגיין אין פּאָסט־אָפּיס און פרעגן צי איז דאָ אַ בריוו פון יעליסאַוועטגראַד. אויב ער וועט דעם בריוו באַקומען, זאָל ער אים ברענגען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער בריוו מוז זיין קיין כשרער, אָבער רעוואָ־לוציאָנערן זאָגן זיך ניט אָפּ פון קיין שום אַרבעט, סיידן ס׳איז דאָ אַ וויכטיקע סיבה פאַר דעם. איז ער אַוועק אין פּאָסט־אָפּיס צום פענצ־טערל, וואו מען גיט אַרויס די פּאָסט־רעסטאַנט־בריוו. ער האָט געקויפט אַ מאַרקע און געזאָגט: — איך דערוואַרט אַ בריוו פון יעלי־סאַוועטגראַד, זייט אַזוי גוט, טוט אַ קוק צי אַזאַ בריוו איז דאָ. דער באַאַמטער האָט אַ קוק געטאָן אין אַ קעסטעלע און געזאָגט: — ניין, קיין בריוו פון יעליסאַוועטגראַד איז ניטאָ. געהערט דעם ענטפער איז ער אַוועק צום אַרויסגאַנג. ביי דער טיר האָט אים אַ זשאַנדאַרם פאַרהאַלטן און געזאָגט: — איר זייט אַרעסטירט. — פאַרוואָס? — איר האָט געפרעגט אויף אַ בריוו פון יעליסאַוועטגראַד. וואָלט דער באַאַמטער, אים געגעבן דעם בריוו, וואָלט ער ניט געקענט לייקענען,

אָבער אַזוי ווי קיין בריוו האָט ער ניט געהאַט, האָט ער געלייקנט שטיין און בייק. איך האָב ניט געפרעגט אויף קיין בריוו, האָט ער געזאָגט, כ׳האָב נאָר געקויפט אַ מאַרקע, אָט איז זי. אָבער ס׳האָבן ניט געהאָלפן קיין טענות. דער זשאַנדאַרם האָט אים אָוועקגעפירט אין זשאַנדאַר־מעריע־אָפּטיילונג און פון דאָרט איז מען עס געקומען צו אים אַהיים מאַכן אַ רעוויזיע. צום שלימזל בין איך דאָרט געווען. פון וועמען דער בריוו איז געווען און וואָס דאָרט איז געווען געשריבן האָבן מיר ביידע קיין באַגריף ניט געהאַט. ערשט מיט חדשים שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען באַפרייט, האָב איך זיך דערוואוסט מער וועגן דעם בריוו. קיין פּרטים געדענק איך ניט. איך קען זיך בלויז דערמאָנען, אַז דעם בריוו האָט געשיקט איינער, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ דעלעגאַט פון יעליסאַוועטגראַד צו דער ס. ד. קאָנפערענץ. נאָר אַזוי ווי שפּיאָנען זיינען אים כסדר נאָכגעגאַנגען, איז ער ניט געפאָרן. אין אַ געוויסן טאָג איז ער געגאַנגען אַריינוואַרפן דעם בריוו אין פּאָסט־קעסטל און ביים קעסטל האָט אים אַ שפּיאָן אַרעסטירט צוזאַמען מיטן בריוו.

אין דער זשאַנדאַרמסקער אָפּטיילונג האָט מען אונז באַלד צעשיידט. מיך האָט מען אַריינגעפירט אין אַ קליינעם צימער, וואו ס׳איז גע־שטאַנען נאָר אַ שמאָלע נאַקעטע באַנק. אויף דער באַנק בין איך אי־בערגעשלאָפן די נאַכט. באַלד אינדערפרי האָט מען מיך אָוועקגעפירט אין טורמע. דאָ האָט מען מיך געהאַלטן אַ טאָג מיט אַ נאַכט אין אַ ליידיקער, אומגעהויער־גרויסער קאַמער מיט נאַרעס אַרום די ווענט. דעם צווייטן טאָג האָט מען מיך אַריינגעפירט אין קאַנטאָר, וואו עס איז געזעסן דער זעלבער זשאַנדאַרמסקער אָפיצער, וואָס האָט מיך אַרעסטירט און אַ געהילף־פּראָקוראָר. דער אָפיצער האָט מיר געזאָגט, אַז מען שיקט מיך אָוועק אין אַן אַנדערער שטאָט, וואוהין קען ער מיר ניט זאָגן, נאָר די רייזע וועט דויערן צוויי טעג. ס׳זיינען אַריינגעקומען צוויי זשאַנדאַרמען, האָבן פאַר מיר אין די אויגן אָנגעלאָדן די רע־וואָלווערן און מיך אַרויסגעפירט אין גאַס. ס׳איז געשטאַנען גרייט אַן איזוואָשטשיק. איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין דראָזשקע, די צוויי זשאַנדאַרמען — ביי די זייטן און מיר זיינען אָוועק צו דער באַן. אין וואַגאָן האָבן מיר פאַרנומען אַ באַזונדערע קופּע און מיר זיינען געפאָרן צוויי טעג און צוויי נעכט.

אויפן דריטן טאָג זיינען מיר געקומען אין יעליסאַוועטגראַד און מ׳האָט מיך אָוועקגעפירט אין דער זשאַנדאַרמסקער אָפּטיילונג. אין קאַנטאָר איז געזעסן דער נאַטשאַלניק איינער אַליין. ער האָט זיך אונ־טערגעשריבן אין בוך, וואָס מיינע באַגלייטער האָבן אים דערלאַנגט

און האָט זיי אַוועקגעשיקט. מיר זיינען געבליבן אַליין און ער האָט פאַר מיר געהאַלטן אַ לעקציע, פון וועלכער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ניט נאָר אַ גרויסער רעאַקציאָנער, נאָר אויך אַ היפּשער אַנטיסעמיט. ער האָט אָנגעהויבן בערך אַזוי: אַ רעוואָלוציאָנער איז אַ פאַרברעכער ניט נאָר קעגן דער רעגירונג, נאָר קעגן דעם גאַנצן רוסישן פאָלק. נאָך מיט 300 יאָר צוריק, האָט ער ווייטער געדרשנט, האָט דאָס רוסישע פאָלק אויסגעקליבן אַ „ראָמאַנאָוו" און איבערגע־געבן אים און זיינע קינדס־קינדער צו הערשן איבער רוסלאַנד. איז דאָך קלאָר, אַז ווער עס טרעט אַרויס קעגן דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, טרעט אַרויס קעגן דעם גאַנצן פאָלק.

איך בין געווען נאַאיוו און האָב געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז ניט דאָס פאָלק האָט אויסגעקליבן ראָמאַנאָוון נאָר די באָיאַרן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט מיך איבערצייגן, אַז די באָיאַרן זיינען דאָס פאָלק. — ווען אַ ייד איז אַ רעוואָלוציאָנער איז דער פאַרברעך נאָך גרעסער, אין אַזאַ פאַל איז דאָס אַ פאַרברעכן און אַ חוצפּה. רוסלאַנד געהערט צו אונז רוסן, יידן זיינען ביי אונז שכנים. מיר דולדן זיי אַזוי לאַנג, ביז זיי פירן זיך אויף אָנשטענדיק, אָבער ווען זיי הויבן אונז אָן זאָגן דעות, ווערט עס אומדערטרעגלעך און מיר קענען עס מער ניט דולדן.

ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער פאַרקריכט צו ווייט, האָט ער געזאָגט: — צו אייך האָט עס ניט, ס'קען דאָך זיין, אַז איר זייט אינגאַנצן אומשולדיק, כ'האָב עס גערעדט אין אַלגעמיין. ער האָט אַריינ־גערופן אַ זשאַנדאַרם און מיך אַוועקגעשיקט אין טורמע. אין קאַנטאָר פון טורמע האָט מען מיך אָפּגעפּאַרטיקט שנעל און איבערגעגעבן צו אַ נאַדזיראַטעל מיך אַריינצופירן אין קאַמער. ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ טיר, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ שילד דוואָריאַנסקאַיאַ קאַמעראַ (אַ קאַמער פאַר נאָבל־לייט). ווען ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר, זיינען מיר אַריין אין אַ שמאָלן און לאַנגן קאָרידאָר, וואָס האָט געהאַט אַ קליין פענצטער און איז געווען האַלב־פינצטער. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ טראַדיציאָנעלע פּאַראַשע. ער האָט אויפגעשלאָסן נאָך אַ טיר און מיך אַריינגעלאָזט אין אַ ליכטיקן צימער. ער איז גלייך אַרויס און פאַרשלאָסן די טיר. איך בין געבליבן אַליין. דער צימער איז געווען אַ הויכער און אַ גרויסער, די פּאָדלאָגע איז געווען פון ווייסע ברעטער און האָט געבלאַנקט, נאָר צו שפּיגלען זיך אין איר. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַן אייזערן בעט פאַרשפּרייט מיט אַ דיקן צודעק. ביי אַ וואַנט איז געשטאַנען אַ טישל מיט צווי ווינער שטולן. אַ צווייטע וואַנט האָט געהאַט אַ גרויס פענצטער, פאַרשטייט זיך, מיט קראַטעס. אַרום איז געווען שטיל, ס'האָט אַזש געזשומעט אין די אויערן פון שטילקייט.

די גאַנצע צייט זינט מען האָט מיך אַרעסטירט האָב איך ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן מיין נאָטיץ־ביכל. געוויינלעך איז געווען אָנגענומען, אַז אויף די דאָפּראָסן זאָל מען ניט געבן קיין דערקלערונגען. מען דאַרף זיך אָפּזאָגן צו ענטפערן אויף די פראַגעס, וואָס די זשאַנדאַרמען שטעלן. דאָס איז אייגנטלעך ניט געווען קיין פּרינציפּ, ס׳איז נאָר געווען צוליב פּראַקטישע און טאַקטישע טעמים. אָבער וועגן מיין נאָטיץ־ביכל האָב איך געהאַלטן, אַז עס איז בעסער איך זאָל יאָ געבן געוויסע דערקלערונגען, אויב ניט, קען זיך די אויספאָרשונג פאַרציען אויף ווי לאַנג. פאַרשידענע דערקלערונגען האָבן זיך געפּלאָנטערט ביי מיר אין קאָפּ, אָבער כ׳האָב ניט געקענט באַשליסן וועלכע ס׳איז די בעסטע. איצט, זייענדיק אַליין אין צימער, האָב איך ווידער געטראַכט וועגן דעם און אַלץ צו קיין באַשלוס ניט געקענט קומען.

ווען מען האָט מיך דעם צווייטן טאָג אַרויסגערופן אויפן דאָפּראָס און דער זשאַנדאַרמסקער אָפיצער האָט געפרעגט ביי מיר וואָס עס איז פאַרשריבן אין נאָטיץ־ביכל, האָט זיך ביי מיר פון די אַלע פּלאָנטערנישן אַרויסגעוויקלט פאָלגנדיקע דערקלערונג: איך האָב זיי דערציילט (ס׳איז דערביי אויך געווען דער געהילף־פּראָקוראָר), אַז מיט אַ צייט צוריק, אפשר אַ יאָר אָדער מער, איז מיר אַרויפגעקומען אַ געדאַנק צו פאַרשרייבן מיינע פאַרדינסטן און הוצאות און אויך פירן אַ חשבון פון מיין באַלעבאַטישקייט, למשל, וויפל שקאַרפּעטן, נאָזטיכלעך און העמדער איך האָב א. אַז. וו.. אַזוי ווי איך האָב עס פאַרשריבן פאַר זיך אַליין, האָב איך דאָס געשריבן פאַרקירצט, נאָר אָנגעצייכנט איינציקע בוכשטאַבן. נאָך אַ קורצער צייט האָב איך אויפגעהערט צו פאַרשרייבן און דאָס ביכל איז סתם געלעגן ביי מיר אין קעשענע. ער האָט מיר אָנגעוויזן אַ שורה און געבעטן איך זאָל דאָס איבערלייענען. איך האָב אַריינגעקוקט עטלעכע סעקונדן און געזאָגט, אַז ביי מיין בעסטן ווילן קען איך דאָס ניט טאָן. ווייל נאָך דעם ווי ס׳איז אַוועק אַזאַ לאַנגע צייט געדענק איך ניט וואָס איך האָב דאָ פאַרשריבן. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיטן געהילף־פּראָקוראָר און מיך מער גאָרניט געפרעגט. ביי דעם איז עס געבליבן. צי זיי האָבן געגלויבט, אַז אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט איז דער ריינער אמת, ווייס איך ניט. נאָר איך האָב אַ גרונט צו גלויבן, אַז קיין ווען האָבן זיי פון דעם נאָטיץ־ביכל ניט געמאַכט. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין געווען אַרעסטירט, בערך 8 חדשים, האָט מען מיר גאָרניט דערמאָנט וועגן נאָטיץ־ביכל. ווען מ׳האָט מיך באַפרייט צוזאַמען מיט מיין חבר פינצאָוו, האָבן מיר ביידע באַקומען דעם זעלבן אורטייל — זיין אַ געוויסע צייט אונטער פּאָליצײ־אויפזיכט אין אונזערע געבורט־שטעטלעך.

אין יעליסאַוועטגראַד האָט מען מיך געהאַלטן 4 אָדער 5 טעג און נאָכדעם איבערגעשיקט קיין אָדעס. צווי זשאַנדאַרמען האָבן מיך באַגלייט. מיר זיינען אָנגעקומען אין דער פרי. די טורמע האָט זיך געפונען עטלעכע וויאָרסט הינטער דער שטאָט, פון דער אַנדערער זייט פון וואָקזאַל. כדי צו קומען צו דער טורמע, האָט מען געדאַרפט דורכפאָרן די גאַנצע שטאָט. דער וועטער איז געווען אַ מילדער. געפאָרן זיינען מיר אין אַן אָפענער דראָזשקע. ס'איז געווען אַ פאַר־געניגן צו קוקן אויף די ציכטיקע, מיט ביימער באַפלאַנצטע גאַסן און שיינע, ניט גאָר הויכע הייזער פון די זייטן. איך האָב געשעפּט די פרישע לופט און הנאה געהאַט. דערנענטערנדיק זיך צו דער טורמע, האָב איך פון ווייטן דערזען אַ הויכע געמויערטע וואַנט און פון אי־נעווייניק די שפּיצן פון אַ גרויסער געביידע. צוגעקומען צום טויער, האָט אַ נאַדזיראַטעל געעפנט אַ טירל און מיר זיינען אַריין אין הויף. אַנטקעגן איז געווען דער הויפּט־אַריינגאַנג פון טורמע. די אָדעסער טורמע איז געווען אַ קאָפּיע פון דער פּעטערבורגער טורמע קרעסטי. דאָס זיינען געווען צוויי גרויסע קאָרפּוסן, וואָס האָבן זיך געקרייצט אין מיטן און געבילדעט פיר פליגלען. מיר זיינען אַריין אין קאַנטאָר. אויפגענומען האָט מיך דער זשאַנדאַרמסקער וואַכמייסטער אוסאָוו. (די פּאָליטישע זיינען דאַן געווען אונטער דער אויפזיכט פון זשאַנדאַרמען. די נאַדזיראַטעלעס האָבן געהאַט צו טאָן נאָר מיט די קרימינעלע).

דער וואַכמייסטער איז געווען אַ מיטליאָריקער מאַן, עטוואָס ני־דעריקער פון מיטעלן וואוקס, אַ ברייט־פּלייציקער און אַ געזעצטער, מיט קלוגע, דורכדרינגענדיקע אויגן. ער האָט מיר געבעטן אויסטאָן דעם מאַנטל און אַ צווייטער זשאַנדאַרם האָט אים ביי מיר צוגענומען און אָנגעהויבן אים אַרומטאַפּן. אין דער זעלבער צייט האָט דער וואַכ־מייסטער מיך אַרומגעטאַפּט פון קאָפּ ביז די פיס. די באַנעמונג איז געווען אַ שטרענגע אָבער אַ העפלעכע. ווען זיי זיינען פאַרטיק גע־וואָרן, האָט דער וואַכמייסטער אַ זאָג געטאָן — 43, און דער זשאַנ־דאַרם איז מיט מיר אַרויס פון קאַנטאָר. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ ברייטן און לאַנגן קאָרידאָר. דער סופיט איז געווען זייער הויך, פיר עטאַזש. אין די ווענט, פון ביידע זייטן, האָבן זיך געצויגן אַ רייע פאַרמאַכטע טירן איבער דער גאַנצער לענג פון קאָרידאָר. אָנהויבנ־דיק פון צווייטן עטאַזש און העכער האָבן זיך ביי די ווענט געצויגן אייזערנע באַלקאָנען, צו וועלכע עס האָבן געפירט אייזערנע טרעפּ. באַלד ווי איך בין אַריין אין קאָרידאָר, האָב איך דערהערט אַ שטאַרקן טומל און געפילדער, פאַרטויבט צו ווערן. אָבער איך האָב זיך ניט געקענט אָריענטירן פון וואַנען דער טומל קומט, ווייל אין קאָרידאָר

גופא איז געווען שטיל. דער טומל האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געגאַנגען אין דער לענג פון קאָרידאָר.

ביי אַ טיר מיטן נומער 43 האָט זיך דער זשאַנדאַרם אָפּגעשטעלט, אויפגעשלאָסן און מיר זיינען אַריין אינעווייניק. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף עטלעכע זאַכן און דערקלערט אויף וואָס זיי דינען: ביט ווייט פון טיר איז געשטאַנען איינגעמויערט אין וואַנט אַ טאַבורעט, די אויבערשטע דעק האָט זיך געעפנט און אינעווייניק איז געשטאַנען אַן עמער מיט אַ ביסל שמוציקע וואַסער, דאָס איז געווען די אַזוי־גערופענע פּאַראַשע. אַ ביסל ווייטער איז אין אַ פּאַליצע געשטאַנען אַ גרויסע קופּערנע קרוג פאַר טרינק־וואַסער, אַ שיסעלע פאַר געקעכץ, אַ קרוזשקע פאַר טיי און אַ גרויסע שיסל אויף צו וואַשן זיך. דער זשאַנדאַרם איז באַלד אַרויס, פאַרשלאָסן די טיר און איך בין געבליבן אַליין. איך האָב נאָך אַלץ געהערט דעם טומל, אָבער איצט האָב איך באַנומען פון וואַנען דער טומל קומט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס ריידן זיך דורך די אַרעסטירטע פון פאַרשידענע קאַמערן. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט און געוואָלט אויפכאַפּן עפּעס ווערטער, אָבער איך האָב ניט געקענט. מער ווי דעם טומל האָב איך ניט געהערט. איך האָב גענומען באַטראַכטן מיין באַלעבאַטישקייט. די קאַמער ניט קיין גרויסע, אָבער פאַר איין מענטשן גענוג. ביי איין וואַנט איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל צוגעשרויפט צו דער וואַנט. אָבער דאָס בעטל איז ניט געווען פאַרשלאָסן, דאָס הייסט, אַז מען קען זיך באַנוצן מיט אים סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. דאָס בעטל איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַ דיקן צודעק, אונטערן צודעק איז געווען אַ שעניק פאַרדעקט מיט אַ גראָבן, ריינעם ליילעך. ביי אַ צווייטער וואַנט איז געשטאַנען אַ טישל און דערביי אַ טאַבורעט. אין דער הויך איז געווען אַ פענצטער ניט קיין גאָר גרויסער, אָבער ווען מען זאָל אַרויף אויפן בייסטידל קען מען זיך אָנוועקזעצן באַקוועם. איך האָב זיך געשטעלט אויפן טאַבורעט, אָבער ס'איז נאָך געווען צו נידעריק, האָב איך זיך געשטעלט אויפן טיש, אָנגעכאַפּט זיך פאַר די קראַטעס און זיך אַרויפגעצויגן צום פענצטער. אַ האַלבער פענצטער איז געווען אָפן. איך האָב צוגעלייגט דעם פנים צו די קראַטעס און דערזען דעם אַנטקעגנדיקן פליגל מיט אַ מאַסע פענצטער פון אַלע פיר שטאָק. און כמעט אין אַלע פענצטער מענטשן, קעפּ. ווי נאָר זיי האָבן מיך דערזען, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער טומל. קיין ווערטער האָב איך אַלץ ניט געקענט אויפכאַפּן.

איבערן הויף איז אַרומגעגאַנגען אַ נאַדזיראַטעל מיט אַ ביקס. ווען דער טומל האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער זיך אַ קער געטאָן מיטן פנים

צו דער זייט וואו איך בין געזעסן, האט זיך אפגעשטעלט ניט ווייט פון מיין קאמער און באפעלעריש געזאגט: — גיי אראפ פון פענצטער! זיינע רייד האב איך דייטלעך געהערט. ניט אזוי פאר אים, ווי פאר זיין ביקס האב איך באקומען דרך־ארץ און בין אראפ פון פענצטער. איך האב זיך ווידער גענומען צו מיינע באאבאכטונגען אין קאמער. איך האב אויפגעהויבן דעם טאבורעט און זיך געוואונדערט ווי שווער ער איז. ער איז געמאכט געווארן, האב איך געטראכט פון א שווערן האלץ. אינסטינקטיוו האב איך איבערגעקערט דעם טאבורעט און דערזען אן אויפשריפט אין רוסיש. אין יידישער איבערזעצונג האט זיך עס געלייענט: בייער חבר, גייט צו צום פענצטער, עפנט עס אויף און זאגט ווער איר זענט. אויב דער פענצטער עפנט זיך ניט, ברעכט אויס די שויבן. איבערלייענענדיק דעם אויפשריפט בין איך געווארן דרייסטער. כ׳האב געטראכט, אז קיין געפאר פון שיסן איז ניטא. חברים וועלן דאך ניט הייסן איך זאל ווערן א ציל־ברעט פארן נאצי־דזשיראטעלס ביקס.

איך האב ווידער ארויפגעקלעטערט צום פענצטער און צוגע־שפארט דעם קאפ צו די קראטעס. ס׳האט זיך ווידער אנגעהויבן א טומל, אבער איצט האב איך שוין דייטלעך געהערט די ווערטער: — בייער חבר! און די דאזיקע צוויי ווערטער האבן זיך געהאלטן אין איין איבערחזרן. איך האב געגעבן א צייכן מיט דער האנט און דער טומל האט זיך איינגעשטילט. איך האב זיי געזאגט מיין נאמען (לויט דעם פאספארט, אויף וועלכן איך האב דאן געלעבט), ווען און וואו מ׳האט מיך ארעסטירט און אז איצט קום איך פון יעליסאוועטגראד, וואו מ׳האט מיך געהאלטן עטלעכע טעג. אויסגעהערט מיין ראפארט, האט איינער מיר געגעבן פאלגנדיקע אינפארמאציע: אלע וואס איר זעט אין דעם פליגל, וואו איך געפין זיך און אויך אלע, וואס זיצן אין דעם פליגל, וואו איר זענט, זיינען פאליטישע. די צאל איז איצט 150. מיר לעבן דא, האט ער פארטגעזעצט, ביז א געוויסן גראד אין א קאמונע, דאס הייסט, אז דאס געלט, וואס איינער ברענגט מיט זיך, אדער וואס מען שיקט אים צו, גייט אין אן אלגעמיינער קאסע. אונזער סטאראסטע אין טורמע — זיין נאמען איז מיראבא — פארוואלטעט מיט דער קאסע. די פאליטישע באקומען בעסערע עסנס. די בעסערקייט באַ־שטייט אין דעם, וואס יעדער באקומט א שטיקל פלייש צום הויפט־מאלצייט. פאר דעם דארף ער באצאלן 3 קאפיקעס א טאג. דאס ווערט באצאלט פון דער אלגעמיינער קאסע, קיין אונטערשייד צי איינער טראגט אריין געלט אין דער קאסע אדער ניט. יעדער קען אויסשרייבן די זאכן פארן טעגלעכן געברויך, ווי טיי, צוקער, זייף, טאבאק. ער דארף

נאָר אָנשרייבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר די זאַכן וואָס ער וויל, איבערגעבן עס דעם זשאַנדאַרם און אויפן צווייטן טאָג קריגט ער די באַשטעלונג. אַלץ ווערט באַצאָלט פון דער אַלגעמיינער קאַסע. ווי איר זעט, האָט ער ווייטער גערעדט, באַנוצן מיר זיך מיט די פענצטער פריי. די אַד־מיניסטראַציע האָט שוין שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז די פענצ־טער געהערן צו אונז און מיר באַנוצן זיך מיט זיי פאַר פאַרשידענע צוועקן, אָבער דאָס וועט איר שוין אַליין זען. צום סוף האָט ער מיר געזאָגט: — ביי אונז איז איינגעפירט, אַז מיר רופן זיך ניט מיט די אייגענע נעמען, נאָר מיט צונעמען, מיט פסעוודאָנימען. אַלזאָ, איז ווי זאָל מען אייך רופן? — איך ווייס ניט, האָב איך געענטפערט. ס'האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער: — איך שלאָג פאָר מען זאָל אים רופן יופיטער, האָט איר גאָרניט קעגן דעם? — ניין! האָב איך געענט־פערט. — אַלזאָ, אייער נאָמען איז פון איצט אָן יופיטער. מיט דעם האָט זיך דער שמועס געענדיקט.

איך האָב איצט אַ טראַכט געטאָן, אַז דער נאָמען, וואָס איך האָב פריער אָנגעגעבן לויט מיין פאַלשן פּאַספּאָרט, זאָגט דאָך אייגנטלעך גאָרניט. אויב צווישן די אַרעסטירטע זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען מיך, וועלן זיי דאָך פון דעם נאָמען גאָרניט וויסן, מען דאַרף דעריבער לאָזן וויסן וועגן זיך אויף אַן אַנדער אופן. איך האָב גע־פרעגט דעם חבר, וואָס האָט מיר געגעבן די אינפאָרמאַציעס, צי ס'זיינען פאַראַן צווישן די אַרעסטירטע וויטעבסקער? ער האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט: — יאָ, אונזער סטאַראָסטע איז אַ ווי־טעבסקער, אָבער איך זע אים ניט אין פענצטער. ער איז איצט מסתמא ניטאָ אין קאַמער. וואָס זאָל איך אים זאָגן? — זאָגט אים, אַז לייבקע איז דאָ, האָב איך אים געענטפערט און בין אַראָפּ פון פענצטער.

אין אַ ווײַלע אַרום הער איך מען שרייט: — יופיטער־לייבקע! איך האָב כמעט דערקענט די שטים, דאָס איז געווען אַ לייבן־שטים. איך האָב אַרויפגעקלעטערט אויפן פענצטער און מיט אַ הויכן קול גע־פרעגט: — ווער רופט? די זעלבע לייבן־שטים האָט געענטפערט: — מיראַבאָ־אַבראַם גינזבורג. ווער נאָך איז דאָ, האָב איך ווייטער גע־פרעגט און ער האָט געענטפערט: — באָריס ציִטלין. ריידן מיט אים קען מען ניט, אָבער איך שטיי מיט אים אין שטענדיקן קאָנטאַקט. אין דער פּראָוויאַנ־טורמע, וואָס געפינט זיך אין צווייטן הויף, זיצן חנהקע ראָזענפעלד און ראַדיאַ טערמאַן. אויך מיט זיי קען מען ניט ריידן און אויך מיט זיי שטיי איך אין שטענדיקן קאָנטאַקט. איך וועל זיי איבער־געבן אַ גרוס פון אייך. באַקאַנטע, היימישע חברים און חברטעס. איך האָב זיך זייער דערפרייט.

אינגיכן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אונזער סטאַראָסטע מיראַבאַ האָט איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט דער שטאָט אויף אַ מוסטער־האַפטן אופן. מיר פלעגן באַקומען אַלערליי נייס, סיי אַלגעמיינע, סיי פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויב ס׳איז געווען וויכטיקע נייס האָט מען אַרויסגערופן אַלע צו די פענצטער און דערציילט. אין די אָוונטן פלעגן מיר דורך די פענצטער פירן דיסקוסיעס, האַלטן רע־פעראַטן, דורכפירן קאָנצערטן. צווישן די אויספירער פון די קאָנצערטן איז געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ, זיין נאָמען איז געווען פעלער, אַ שטוב־מאָלער. אַרעסטירט האָט מען אים אויף אַ דעמאָנסטראַציע מיט דער פאָן אין האַנט. ווען די זשאַנדאַרמען האָבן אים שוין פעסט געהאַלטן, האָט ער נאָך אַלץ געשריגן „דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע" (נידער מיט דער זעלבסטהערשונג). ער איז געווען פון נידעריקן וואוקס, ברייטע פלייצעס מיט אומגעהויער שטאַרקע מוסקולן. ס׳האָט גע־שפּראָצט פון אים מיט גבורה. ער איז געווען אַ האַלבער אַנאַלפאַבעט. אָט דער בחור האָט זיך אויסגעלערנט דעקלאַמירן יאַקובאָוויטשעס ליד „וואָסיעם טשאַסאָוו" (אַכט שעה). ער האָט עס דעקלאַמירט מיט אַזוי פיל טאַלאַנט און געפיל, אַז מיר דוכט זיך, אַז קיין קינסטלער וואָלט אים ניט געקענט איבערשטייגן.

די פענצטער זיינען געווען אונזער רעפּובליק אין דער אָדעסער טורמע. איך וועל פאַרצייכענען איין קליינעם עפּיזאָד, וואָס וועט אילוסטרירן ווי פעסט מיר האָבן זיך געהאַלטן און ווי זיכער מיר זיינען געווען מיט אונזער רעפּובליק. אַ געוויסן אָוונט האָבן מיר געפירט אַ דיסקוסיע, ס׳האָט שוין געמוזט זיין אַ זייגער צען, אפשר שפּעטער. דער נאַטשאַלניק מיט זיינעם אַ געהילף און אַ נאַדזיראַטעל זיינען דורכגעגאַנגען דעם הויף פאַרביי אונזערע פענצטער. דער נאַטשאַלניק האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: — מיינע הערן, זאָל זיין גענוג, ס׳איז שוין שפּעט, אין אַנשטענדיקע הייזער שלאָפט מען שוין. איינער פון אונז, אויב איך האָב ניט קיין טעות איז דאָס געווען מיראַבאַ, האָט אים גלייך געענטפערט: — אַזוי ווי אַ טורמע איז ניט קיין אַנ־שטענדיק הויז, זיינען מיר נאָך ניט מחויב צו גיין שלאָפן. אַלזאָ, חברים, האָט ער זיך געווענדט צו אונז, מיר קענען ווייטער פירן אונ־זער דיסקוסיע. דער נאַטשאַלניק האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געזאָגט, גיי טענה זיך אויס מיט זיי! און איז אַוועק.

אַזוי איז געגאַנגען אונזער טאָג־טעגלעך טורמע־לעבן, אָן אינ־צידענטן ביז דער צווייטער העלפט פון חודש יוני. אין אַ געוויסן טאָג, סוף יוני, זיינען אַלע גערופן געוואָרן צו די פענצטער און אונזער סטאַראָסטע מיראַבאַ האָט געמאָלדן, אַז אין דער פּרויען־טורמע זיי־

נען די פּאָליטישע אַרויס אין אַ הונגער־שטרייק. די סיבה איז פּאָלגנדיקע: דאָרט געפינען זיך צוויי מיידלעך, גאָלדמאַן און לעמבערגסקאַיאַ. ביידע זיינען קראַנק אויף טובערקולאָז און טאָרן ניט ווייטער פּאַרבלייבן אין טורמע. די קראַנקע האָבן דערלאַנגט ווענדונגען, אַז צוליב זייער שווערן געזונט־צושטאַנד זאָל מען זיי אַרויסלאָזן אויף דער פריי אָדער וויניקסטנס איינאָרדנען אין אַ געהעריקן שפּיטאָל. די מאַכט־האָבער האָבן די ביטעס פון די צוויי מיידלעך אָפּגעוואָרפן און ביידע זיינען אַרויס אין אַ הונגער־שטרייק. די איבעריקע פּאָליטישע זיינען גלייך, צוליב סאָלידאַריטעט, צוגעשטאַנען צום שטרייק. זיי הונגערן שוין דעם פערטן טאָג. ער, מיראַבאָ, שלאָגט פּאָר, אַז מיר די מענער זאָלן צושטיין צום שטרייק, דאָס וועט פּאַרשטאַרקן דעם דרוק אויף דער אַדמיניסטראַציע און זיי וועלן זיין געצוואונגען נאָכצוגעבן.

דער אָפּרוף איז געווען אַ גלענצנדיקער. איך קען איצט ניט אָנגעבן גענוי די צאָל, אָבער איך בין זיכער, אַז בערך צוויי דריטל פון די אַרעסטירטע זיינען צוגעשטאַנען צום שטרייק. מיר האָבן דאָס גלייך געמאָלדן דעם נאַטשאַלניק. אויפן פינפטן טאָג, פּאַרנאַכט, האָבן די חברים, וואָס זיינען געזעסן אויפן פערטן עטאַזש און האָבן געקענט זען אַלץ, וואָס עס קומט פּאָר אַרום טורמע, איבערגעגעבן, אַז צו דער טורמע זיינען צוגעפּאָרן צוויי קאַרעטקעס, פון יעדער קאַרעטקע איז אַרויס אַ זשאַנדאַרם און ביידע זיינען אַריין אין טורמע. מיר האָבן פּאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מען געקומען עמעצן נעמען און אַוועקפירן. מיר האָבן געהייסן די חברים פון פערטן עטאַזש ווייטער נאָכקוקן. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די חברים איבערגעגעבן, אַז מען האָט פון טורמע אַרויסגעפירט צוויי מיידלעך. יעדע האָט זיך אַריינגעזעצט מיט אַ זשאַנדאַרם אין אַ קאַרעטקע און אַוועקגעפּאָרן. ס'איז פּאַר אונז געווען קלאָר, אַז דאָס האָט מען אַוועקגעפירט די צוויי קראַנקע מיידלעך לעמבערגסקאַיאַ און גאָלדמאַן. איצט איז געווען די פראַגע וואוהין האָט מען זיי אַוועקגעפירט. אָבער די פראַגע איז באַלד פּאַרענטפערט געוואָרן. מען האָט גערופן אונזער סטאַראָסטע אין קאַנטאָר און דאָרט האָט אים דער נאַטשאַלניק געזאָגט, אַז די פּאָדערונגען פון די צוויי מיידלעך זיינען באַוויליקט געוואָרן, איינע ווערט איבגעאַנצן באַפּרייט און די צווייטע האָט מען אַוועקגעפירט אין שטאָטישן שפּיטאָל.

אויסדריקן מיט ווערטער, וואָס מיר האָבן געפילט, ווען דער סטאַראָסטע האָט דאָס אונז איבערגעגעבן, איז שווער. מיר דוכט, אַז זאָגן מיר האָבן געיובלט, טריאומפירט, איז ניט גענוג. דערביי האָט אונז דערוואַרט נאָך אַן איבעראַשונג. מיר האָבן דערהערט, אַז אויף די קאָרידאָרן טומלט זיך, מען לויפט אַרום, עפּעס פירט מען אַרום. און

באַלד האָט זיך ביי יעדן, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין שטרייק, געעפנט די פּאַרטקע, דורך וועלכער מען דערלאַנגט עסן. אַ קרימינעלער האָט אויף אַ וועגעלע געפירט אַ גרויסע קאַן מילך און האָט יעדערן דער־לאַנגט אַ קרוזשקע וואַרעמע מילך. אַ זשאַנדאַרם איז אים נאָכגעגאַנגען און יעדן געגעבן עטלעכע סוכאַרקעס און דערביי אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל טרינקען און עסן לאַנגזאַם, ניט צוכאַפּן זיך. צו אונזער פרייד איז קיין גרעניצע ניט געווען. טייל האָבן זיך געוויצלט און געזאָגט: ס׳האָט געלוינט צו הונגערן. אינטערעסאַנט איז, וואָס מיט דעם אויסגאַנג פון שטרייק האָבן זיך געפריידט ניט בלויז מיר, נאָר אויך די אַדמיניסטראַציע און אָנגעשטעלטע. פּאַרנאַכט זיינען איבערן הויף פאַרביי אונזערע פענצטער דורכגעגאַנגען איינער אָדער צוויי פון דעם נאַטשאַלניקס געהילפן, דער פעלדשער און עטלעכע קראַנקן־שוועסטער. די מענער האָבן געפאָכעט מיט זייערע היטלען, די פרויען מיט זייערע ווייסע נאָזטיכלעך, זיי האָבן, הייסט עס, אונז גראַטולירט מיטן זיג.

מיר זיינען צוריק אַרויף אויף די רעלסן פון געוויינלעכן טורמע־לעבן. אָבער דאָס האָט לאַנג ניט געדויערט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונז ווידער גערופן צו די פענצטער. דאָס מאָל ניט דער סטאַראָסטע, נאָר אַן אַנדערער און האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז שוין דריי טעג ווי אַ חבר פירט אַ הונגער־שטרייק צוליב דעם, וואָס די זשאַנדאַרמעריע האָט צוגענומען ביי זיין פרוי דאָס רעכט צו האָבן מיט אים סווידאַניעס, ווייל מ׳האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען ניט געזעצלעך פאַרהייראַט. ער שלאָגט דעריבער פאָר מיר זאָלן צושטיין צום שטרייק. דער אָפּרוף איז געווען זייער ניט קיין גינסטיקער. עטלעכע חברים זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן. זיי האָבן אָנגע־וויזן, אַז אַ הונגער־שטרייק איז ניט קיין שפּילכל, דאָס איז זייער אַן ערנסטע זאַך, מען טאָר ניט מיסברויכן מיט דעם און ס׳איז אומפאַר־אַנטוואָרטלעך צו באַנוצן זיך מיט אַזאַ מיטל אַלע מאָנטיק און דאָנער־שטיק צוליב יעדער קלייניקייט. דאָך האָט אַ גרופּע חברים, אַ גאַנץ קליינע, 15 העכסטנס 20, באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אין שטרייק. איך בין אויך געווען אין דער גרופּע.

דער שכל האָט מיר געזאָגט, אַז די קעגנער זיינען גערעכט, אָבער איך האָב געפילט, אַז ס׳איז עפּעס ניט רעכט איבערצולאָזן אַ חבר זיך ראַנגלען איינער אַליין. און דער געפיל האָט גובר געווען דעם שכל. כאָטש נאָר אַ קליינע גרופּע איז צוגעשטאַנען צום שטרייק, איז די ווירקונג געווען שטאַרק. אין עטלעכע שעה אַרום האָט דער נאַטשאַל־ניק געלאָזט וויסן דעם איניציאַטאָר פון שטרייק, אַז זיין פאָדערונג איז באַוויליקט געוואָרן. נאָך מער, אַ זשאַנדאַרם איז אַוועק צו זיין

פרוי אַהיים אָנזאָגן איר אויב זי וויל, קען זי גלייך קומען אין טורמע און מען וועט איר געבן אַ סווידאַניע אויסער דער אָרדענונג. דער נאַטשאַלניק האָט אים פאַרגעשלאָגן גלייך אויפהערן דעם שטרייק, ער אָבער האָט געזאָגט, אַז ביז וואַנען ער וועט ניט זען זיין פרוי, וועט ער דעם שטרייק אָנהאַלטן. דער זשאַנדאַרם האָט זיין פרוי ניט גע־טראָפן אין דער היים, נאָר ער האָט אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל באַלד אינדערפרי קומען אין טורמע וועט זי האָבן אַ סווידאַניע. מאָרגן אינדערפרי האָט מען טאַקע דעם מאַן אַרויסגערופן זיך זען מיט דער פרוי. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דעם שטרייק גלייך איבערגעריסן.

דאָס נאָרמאַלע לעבן האָט זיך געצויגן ביז דער צווייטער העלפט פון חודש יולי. סוף חודש יולי האָט דער סטאַראָסטע גערופן אַלע צו די פענצטער און האָט דערציילט אַ לאַנגע און ניט פריילעכע גע־שיכטע: אין צווייטן פליגל אויף דער אַנדער זייט זיצט אַ סטודענט קאַטשעריאַן. ער איז קראַנק. זיינע אַ שוועסטער האָט געפועלט ביי דער זשאַנדאַרמעריע אַריינצושיקן אַ פריוואַטן דאָקטאָר, וואָס זאָל אים אונטערזוכן. דער דאָקטאָר האָט אים גרינטלעך אונטערזוכט און אַרויסגעגעבן אַ דיאַגנאָז, אַז ער ליידט פון אַ כראָנישן בראָנכיט און ס׳איז דאָ אַ געפאַר, אַז פון דעם זאָל זיך אַנטוויקלען טובערקולאָז. אויב דאָס זאָל פאַסירן, וועט די קראַנקייט זיין אַ שנעל־לויפנדיקע און ער וועט לאַנג ניט לעבן. זיין זיצן אין טורמע איז פאַר אים אַ לעבנס־געפאַר. אויפן סמך פון דעם דיאַגנאָז האָט קאַטשעריאַן געפאָדערט מען זאָל אים באַפרייען. די זשאַנדאַרמעריע האָט אָנשטאָט אים צו באַפרייען אַריינגעשיקט אַ קאָמיסיע פון צוויי דאָקטוירים זיי זאָלן אים אונטערזוכן. נאָך דער אונטערזוכונג איז זייער דיאַגנאָז געווען, אַז ער ליידט טאַקע פון אַ כראָנישן בראָנכיט, אָבער ס׳איז ניטאָ קיין געפאַר, אַז פון דעם זאָל זיך אַנטוויקלען טובערקולאָז. דעריבער איז דאָס זיצן אין טורמע ניט קיין געפאַר פאַר אים. אויפן סמך פון זייער דיאַגנאָז האָט די זשאַנדאַרמעריע אָפגעוואָרפן קאַטשעריאַנס פאָדערונג אים צו באַפרייען. דאַן איז קאַטשעריאַן אַרויס אין אַ הונגער־שטרייק און עטלעכע חברים, וואָס זיצן אין דעם זעלבן פליגל, זיינען גלייך צוגעשטאַנען צום שטרייק און שוין פיר טעג ווי זיי הונגערן.

די מיינונג פון סטאַראָסטע איז געווען, אַז מען דאַרף האָבן מער צוטרוי צום פריוואַטן דאָקטאָר, ווי צו די צוויי דאָקטוירים, וואָס די זשאַנ־דאַרמען האָבן באַשטימט, דעריבער שלאָגט ער פאָר, אַז מיר זאָלן צושטיין צום שטרייק. צו דער אַלגעמיינער פאָדערונג — צו באַ־פרייען קאַטשעריאַנען — זאָל מען צוגעבן נאָך עטלעכע פאָדערונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו אַלעמען. ער האָט פאָרגעלייגט אַרויסצושטעלן

די דאָזיקע פאָדערונגען: 1) פאַרלענגערן די צייט פון פראָגולקע, אַנשטאָט 10 מינוט, זאָל זיין אַ שעה; 2) די פאַרבעסערטע שפייז, וואָס מיר קריגן, זאָל געגעבן ווערן פריי, ניט אַזוי ווי איצט, ווען יעדער דאַרף צוצאָלן 3 קאָפּיקעס אַ טאָג; 3) אָפּשאַפן די אַביסקעס אין די קאַמערן; 4) צונעמען די זשאַנדאַרמען און מיר זאָלן באַדינט ווערן פון נאַדזיראַטעלעס; 5) דערלויבן איבערגעבן זאַכן פון איין קאַמער אין דער אַנדערער. אַלע זיינען געווען ענטוזיאַסטיש פאַר דעם, אַז מיר זאָלן צוטרעטן צום שטרייק און אונטערהאַלטן די פאָדערונגען. איינער נאָכן אַנדערן האָבן אַלע געמאָלדן, אַז זיי שליסן זיך אָן.

דאָ בין איך געקומען אין אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס מיט איינעם פון די ברידער יאַנקעלעוויטש. איינער פון זיי האָט געמאָלדן, אַז ער שליסט זיך אָן אין שטרייק, נאָר ער וועט אַרויסשטעלן נאָך אַ פאָדע־רונג, אַ פערזענלעכע פאַר אים אַליין — מען זאָל אים באַפרייען. ווי איך האָב דאָס דערהערט, בין איך געוואָרן אָן אויפגעקאָכטער און בין אַרויסגעטרעטן קעגן אים מיט די שאַרפסטע ווערטער. דאָס איז סקאַנדאַליעז, פאַרברעכעריש, האָב איך גערעדט מיט כעס, ווי וואַגט גאָר אַ רעוואָלוציאָנער אַרויסצושטעלן אַ פאָדערונג מען זאָל אים באַפרייען אויף דעם איינציקן גרונט, וואָס אים געפעלט בעסער צו זיין פריי, איידער צו זיין פאַרשפאַרט אין טורמע. מיר וואָלטן אַלע וועלן זיין פריי, קיינער פון אונז איז אין דער טורמע ניט פאַרליבט. אָבער ווען איינער טרעט אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווייסט ער אויף וואָס ער גייט, ער ווייסט, אַז יעדן טאָג, יעדע שעה קען מען אים אַרעסטירן און פאַרשפאַרן אין טורמע. ער איז גרייט צו ליידן פאַר זיינע איבערצייגונגען און צאָלן דעם פרייז. שטעלט זיך פאָר, האָב איך ווייטער אַרגומענטירט, אַז איינער קומט צו אונז און זאָגט: חברים, לאָמיר אַרויס אין אַ הונגער־שטרייק און פאָדערן מען זאָל אונז אַלעמען באַפרייען און דעם איינציקן גרונט פאַר דעם וואָלט ער אָנגעגעבן, אַז ס׳איז בעסער צו זיין אויף דער פריי, ווי אין טורמע. איך בין זיכער, אַז אַלע וואָלטן איינשטימיק געזאָגט, אַז דער מענטש איז ניט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. כ׳האָב דעריבער אויפגעפאָדערט דעם חבר יאַנקעלעוויטש צוריקציען זיין פערזענלעכע פאָדערונג. אויב ער וועט דאָס ניט טאָן, האָב איך פאָרגעשלאָגן מען זאָל באַשליסן איבערצורייסן מיט אים אַלע באַציאונגען. נאָך מיין רעדע איז געווען אַ פיינלעכע שטילקייט. לסוף האָט זיך אָנגערופן מיראַבאַ: — איך מיין, אַז אין דעם אויפגערעגטן, צערודערטן צושטאַנד, אין וועלכן מיר אַלע געפינען זיך, טויג ניט אָנצונעמען וועלכן עס איז באַשלוס, דעריבער זאָל מען דאָס דערווייל איבערלאָזן אַזוי ווי ס׳איז, כדי צו

געבן צייט די געמיטער זאָלן זיך אַ ביסל באַרואיקן און אויך חבר יאַנקעלעוויטש וועט האָבן צייט צו באַטראַכטן זיך. איך גלויב אַז די וואָס האָבן שוין געמאָלדן, אַז זיי שליסן זיך אָן אין שטרייק, וועלן מאָרגן קיין שפּייז ניט צונעמען.

איך בין מיט מיראַבאָ ניט געווען איינשטימיק. איך האָב געמאָלדן, אַז ביז דער אינצידענט וועט ניט אויסגעגליכן ווערן, וועל איך צום שטרייק ניט צושטיין און איך רעקאָמענדיר אַלע חברים, וואָס זיינען מיט מיר מסכים, צו טאָן דאָס זעלבע. די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַ־באַנדערגעלאָזט.

צומאָרגנס האָב איך גענומען שפּייז ווי אַלע טאָג. ווי עס פירן זיך די אַנדערע, וואָס זיינען געווען איינשטימיק מיט מיר, האָב איך ניט געוואוסט. איך האָב אויך ניט געוואוסט וואָס עס טוט יאַנקעלעוויטש. קיינער האָט וועגן דעם אינצידענט פון דער לעצטער נאַכט ניט גערעדט. אַזוי איז אַריבער דער גאַנצער טאָג און אויך דער אָוונט. מיט אַ טאָג שפּעטער, באַלד אינדערפרי, איך הער מען רופט מיך. איך בין צו צום פענצטער און געפרעגט ווער עס רופט. — דאָס רופט יאַנקעלעוויטש. — וואָס ווילט איר זאָגן? — האָב איך געפרעגט. — איך זאָג, אַז איך האָב חרטה, איך אָנערקען, אַז איך בין ניט געווען גערעכט און איך צי צוריק מיין פּערזענלעכע פאָדערונג. איך האָב זיך נאָך אָן שטרייק ניט אָנגעשלאָסן. אָבער היינט וועל איך שוין קיין שפּייז ניט נעמען. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך טו דאָס זעלבע און בין אַראָפּ פון פענצטער. כ'האָב מודיע געווען אַלע, אַז דער קאָנ־פליקט מיט יאַנקעלעוויטשן איז דערליידיקט געוואָרן. אַלע, וועלכע זיינען ביז דעמאָלט צום הונגער־שטרייק נאָך ניט געווען צוגעשטאַנען, האָבן מיט ענטוזיאַזם און בוכשטעבלעך אין איין קול אויסגעשריגן: — מיר שליסן זיך אָן אין שטרייק! דער ענטוזיאַזם איז נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן דורך דעם, וואָס דער חבר פּעלער (דער וועמען איך האָב פריער דערמאָנט אַלס גוטן דעקלאַמאַטאָר) האָט געמאָלדן, אַז ער שליסט זיך אָן אין שטרייק. דאָס איז געווען פאַר אונז אַן אָנגענעמע איבעראַשונג. ערשטנס, דערפאַר וואָס אין די פריערדיקע הונגער־שטרייקן האָט ער זיך ניט באַטייליקט און, צווייטנס, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז דער מענטש האָט אַ וואָלפישן אַפּעטיט. ער פלעגט אויפעסן דריי פּאָרציעס ברויט אַ טאָג. און פאַר אַ מענטשן מיט אַזאַ אַפּעטיט איז הונגערן אַ גרויסער קרבן. לאַנג האָט ער אָבער ניט אויסגעהאַלטן. אויפן דריטן טאָג פון זיין הונגער־שטרייק האָט ער געמאָלדן, אַז ער האָט דעם שטרייק אויפגעגעבן. — חברים, האָט ער געזאָגט, כ'האָב מער ניט געקענט. דער הונגער האָט מיך אַזוי שטאַרק

געמאַטערט, אַז כ׳האָב געפילט איך ווער משוגע. איך וועל טאָן וואָס איר וועט מיר הייסן, איך בין גרייט פאַנאַנדערוואַרפן די טורמע ציגל נאָך ציגל, אויב איר וועט מיר הייסן, אָבער הונגערן קען איך ניט. ווייסנדיק וועגן זיין אָרנטלעכקייט, זיין איבערגעגעבנקייט צו דער באַוועגונג און זיין רעוואָלוציאָנערן מוט און הערנדיק איצט זיינע אויפגערעגטע רייד, האָבן מיר זיך באַצויגן צו דעם פאַל זייער גוטמוטיק. עטלעכע האָבן אים אַפילו געטרייסט און געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך ניט פילן געפאַלן ביי זיך. ס׳טרעפט, אַז איינער וויל דורכפירן עפּעס וואָס איז ניט לויט זיינע כוחות און ער מוז אָפּלאָזן. אויסער אים האָבן כמעט אַלע געהונגערט. איך זאָג כמעט ווייל עס זיינען געווען אייניקע (זייער אַ קליינע צאָל) וועמען מיר האָבן גלייך פון אָנהויב פאַרבאָטן צו הונגערן. דאָס זיינען געווען קראַנקע מענטשן און פאַר זיי איז הונגערן געווען אַ טויט־געפאַר. עס זיינען אויך געווען עטלעכע, וואָס האָבן זיך אַליין איזאָלירט און האָבן אין אַלגעמיינעם טורמע־לעבן קיינמאָל קיין אָנטייל ניט גענומען.

נו, אונזער הונגער־שטרייק איז איצט אָנגעגאַנגען טאָג נאָך טאָג אָן אינצידענטן. קיינער האָט אונז ניט געטשעפּעט. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַלע אָרטיקע רעגירונגס־אינסטאַנצן, אין וועמענס רשות מיר האָבן זיך געפונען, וואָלטן געזאָגט: — איר ווילט הונגערן? הונגערט! אונז אַרט עס ניט. אין דער אמתן איז עס אָבער ניט געווען אַזוי. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט דער הונגער־שטרייק געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין שטאָט. די קרובים פון די אַרעסטירטע — עלטערן, שוועסטער, ברידער, כלהס, פרויען, האָבן געשטורעמט די זשאַנדאַרמעריע־אָנפירונג. זיי האָבן געמאַכט סקאַנדאַלן. זיי זיינען אויך געגאַנגען צום פּראָקוראָר און אים אויפגעפאָדערט ער זאָל עפּעס טאָן. מעגלעך, אַז דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען דער באַזוך פון אַ קאָמיסיע אין טורמע. דאָס איז געווען דער צענטער טאָג זינט דער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן און דער פינפטער טאָג זינט דער שטרייק איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער. אין טורמע האָט זיך אַריינגעלאָזט אַ גרופּע פון פיר פּערזאָן, אויסגעפוצט מיטן פולן גלאַנץ אין זייערע בלאַנקענדיקע אוניפאָרמס ווי אויף אַ פּאַראַד. דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען געווען דריי העכערע אָפיצערן פון דער זשאַנדאַרמעריע און דער פּראָקוראָר. זיי האָבן באַזוכט אייניקע קאַמערן, אויסגעפרעגט די אַרעסטירטע צוליב וואָס מען פירט דעם הונגער־שטרייק און זייענען אַוועק. מיר האָבן ספּעקולירט, פּרובירט טרעפן וואָס מען קען דערוואַרטן פון דעם דאָזיקן וויזיט, אָבער מיר האָבן זיך צו גאָרניט געקענט דערטראַכטן.

מיט אַ טאָג שפעטער האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז מען גייט אָנווענדן איבער אונז קינסטלעכע באַשפייזונג. מען האָט איבערגעגעבן, אַז אין שפיטאָל איז פאַר דעם צוועק צוגעגרייט געוואָרן אַ געוויסע צאָל בעטן און די קראַנקן־שוועסטער האָבן באַקומען די מכשירים, וואָס זיינען נויטיק דורכצופירן די פראָצעדור. הגם מיר אַלע זיינען געווען שטאַרק אָפגעשוואַכט, זיינען מיר אַלע שוין געווען ביי די פענצטער און דיסקוטירט וואָס מיר האָבן צו טאָן, ווי אַזוי מיר זאָלן רעאַגירן, אויב דאָס וועט פאַסירן. איניקע חברים האָבן אָנגעוויזן, אַז די רעוואָלוציאָנערן פון די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן האָבן געהאַלטן, אַז קינסטלעכע באַשפייזונג, וואָס ווערט דורכגעפירט מיט גוואַלט איבער אַ רעוואָלוציאָנער, איז די העכסטע באַליידיקונג פאַר דער מענטשלעכער ווירדע און מען דאַרף אויף דעם רעאַגירן מיט די שאַרפסטע מיטלען, אַפילו באַגיין זעלבסטמאָרד. אין הסכם מיט דעם האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אויב די מאַכט וועט פרואוון דורכפירן איר פלאַן פון קינסטלעכער באַשפייזונג, זאָל מען אין די קאַמערן באַגיסן אַלץ מיט קעראָסין און אונטערצינדן. אַז איך טראַכט איצט וועגן דעם, איז מיר שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי מיר האָבן געקענט אָננעמען אַזאַ באַשלוס. דאָס מיינט דאָך, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו באַגיין אַ קאָלעקטיוון זעלבסטמאָרד. פרעגט זיך ווי קענען מענטשן, וואָס זיינען ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, אָננעמען אַזאַ באַשלוס? די איינציקע דערקלערונג קען זיין, וואָס אין אַזעלכע מאָמענטן ווערט דער מענטש באַהערשט אינגאַנצן פון געפיל. דער שכל ווערט אָפגעשטופט אין אַ זייט, און די עמאָציעס דעצידירן.

צו פאַרווירקלעכן אונזער באַשלוס איז עס ניט דערגאַנגען. מעגלעך, אַז דאָ האָט טאַקע געווירקט דער פאַקט, וואָס מיר האָבן אָנגענומען אַזאַ באַשלוס. די מאַכט האָט זיך דערשראָקן פאַר די מעגלעכע רעזולטאַטן און זיך אָפגעזאָגט פון פלאַן וועגן קינסטלעכער באַשפייזונג. מיר האָבן דעם באַשלוס ניט אָנגענומען אין געהיים, די אַדמיניסטראַציע איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דעם. מיר אָבער זיינען געווען פול מיט שפאַנונג און געוואַרט אויף אַ טראַגישער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. מיר זיינען געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז יעדע מינוט קען מען וועמען פון אונז נעמען אין שפיטאָל און דורכפירן אויף אים קינסטלעכע באַשפייזונג. די נערוון זיינען געווען אָנגעצויגן ביז גאָר. אין אַזאַ צושטאַנד האָבן מיר געלעבט אַ פאָר טעג, ביז דער ליקווידירונג פון דעם הונגער־שטרייק.

דעם 7טן אויגוסט פאַרנאַכט, האָט מען אונזער סטאַראָסטע מיראַבאַ אַרויסגערופן אין קאַנטאָר. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער אונז

איבערגעגעבן וואָס מען באַט אונז אָן, כדי מיר זאָלן דעם הונגער־שטרייק פאַרענדיקן. אין קאַנטאָר האָט מען אים געזאָגט, אַז די פאָ־דערונג צו באַפרייען דעם סטודענט קאַטשעריאַן איז געלייזט געוואָרן אויטאָמאַטיש. אַזוי ווי די אויספאָרשונג וועגן אים איז די לעצטע טעג פאַרענדיקט געוואָרן, איז ער אויטאָמאַטיש אַריבער אין רשות פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט אין פּעטערבורג און די אָדעסער אינסטאַנצן קענען וועגן אים גאָרניט טאָן. ער איז אַרויס פון זייער רשות. די צייט פון שפּאַציר וועט זיין דריי פערטל שעה און ווען עס וועט זיין אַ מעגלעכקייט, וועט די צייט פאַרלענגערט ווערן ביז אַ שעה. די אי־בעריקע פאָדערונגען ווערן אָפּגעוואָרפן. מיר האָבן גלייך באַשלאָסן, אַז מיר וואַרפן אָפּ דעם פאַרשלאָג פון דער אַדמיניסטראַציע. מיר פירן ווייטער דעם הונגער־שטרייק.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען איבערגעגעבן, אַז מען האָט אַרויסגערופן אין קאַנטאָר באַריס צייטלין. פאַרשידענע השערות זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן דעם. איין השערה איז געווען, אַז מען וועט אונז נעמען אין שפּיטאָל און דורכפירן די קינסטלעכע באַשפּייזונג. צוליב דעם האָבן מיר גלייך אינסטרואירט די חברים פון פערטן עטאַזש גוט אַכטונג געבן אויף דעם אַריינגאַנג צום שפּיטאָל. ס׳איז אַריבער אַ קורצע צייט און מען האָט איבערגעגעבן, אַז מען האָט אַרויסגערופן אין קאַנטאָר נאָך אַ חבר. ווען ס׳איז אַריבער אַ געוויסע צייט און די צוויי אַרויסגערופענע זיינען ניט צוריקגעקומען, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אויב מען וועט ווידער רופן עמעצן אין קאַנטאָר, זאָל ער ניט גיין. באַלד האָט מיראַבאָ אויסגערופן: חברים, מען רופט מיך אין קאַנטאָר! איך האָב זיך אָנטזאָגט צו גיין. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מיראַבאָ ווידער אויסגערופן: מיין קאַמער איז פול מיט זשאַנדאַרמען און פּאָליציאַנטן. וואַרשיינלעך וועלן זיי מיך וועלן נעמען מיט גוואַלט, אָבער איך וועל זיך ניט לאָזן, איך האַלט זיך פעסט ביי די קראַטעס. גלייך נאָך דעם האָט זיך דערהערט אַ פאַרצווייפלטער געשריי פון חבר מיראַבאָ: — חברים, מען רייסט מיך אָפּ פון די קראַ־טעס! מער האָבן מיר ניט געהערט. דאָס איז געווען פאַר אונז אַ סיגנאַל. מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די טירן.

מיר זיינען געווען אין איינצל־קאַמערן, אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע מיט דיקע ווענט. אָבער יעדער האָט אינסטינקטיוו געטאָן די זעלבע זאַך. יעדער האָט געכאַפּט אַ טאַבורעט און גענומען זעצן אין טיר. איך האָב אַזוי לאַנג געזעצט מיט דער טאַבורעטקע אין טיר ביז זי האָט זיך צעבראָכן אויף שטיקלעך. מיט אַ מאָל האָבן איך דערהערט שווערע לויפנדיקע טריט. די אייזערנע טרעפּ האָבן געטרעשטשעט.

מיט די פיסלעך פון דער צעבראָכענער טאַבורעטקע האָב איך גענומען זעצן אין דער פאָרטקע, דורך וועלכער מען דערלאַנגט עסן. איך האָב די פאָרטקע באַלד אַרויסגעזעצט. אין דעם מאָמענט האָט זיך אין דער עפענונג פון דער אַרויסגעזעצטער פאָרטקע אַריינגערוקט אַ האַנט מיט אַ רעוואָלווער, אָנגעצילט אויף מיר. איך האָב דערהערט אַן אויסגעשריי: — אַוועק פון טיר אָדער איך שיס! איך האָב זיך אַוועקגעשאַרט אַ ביסל אָן אַ זייט. דער רעוואָלווער האָט מיר נאָכגעפאָלגט. און ווידער אַן אויסגעשריי: — אַוועק פון טיר צו דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. איך האָב זיך גענומען שאַרן הינטערווייליכץ צו דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. באַלד האָט זיך מיין פוס אָנגעשלאָגן אָן בעטל און איך בין אַוועקגעפאַלן אין בעטל. איך בין געווען אינגאַנצן דערשעפט. כ׳האָב ניט געקענט רירן מיט קיין אבר. כ׳בין געווען אַזוי ווי פאַראַליזירט. דורך דער עפנונג פון דער אַרויסגעזעצטער פאָרטקע האָב איך געזען, אַז דער קאָרידאָר איז פול מיט סאָלדאַטן און פאָליציאַנטן. איך האָב געהערט איינציקע קלעפ ערגעץ אין אַ טיר און האָב געהערט אויסגעשרייען — מערדער! תליינים! ניט וואַגן! ביסלעכווייז איז אַלץ געוואָרן שטיל. מיר זיינען געווען פולשטענדיק באַזיגט. לסוף בין איך פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

וואָס ס׳איז ווירקלעך פאָרגעקומען אין יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט פון 7טן אויגוסט, האָבן מיר זיך דערוואוסט ערשט מיט עטלעכע טעג שפעטער. פון פעטערבורג איז געקומען אַ פאַראָרדנונג, אַז דער הונגער־שטרייק מוז געבראָכן ווערן. דער גראַדאָנאַטשאַלניק האָט געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו פאַרווירקלעכן די פאַראָרדנונג. ער האָט אַרויסגערופן אין טורמע צוויי ראָטעס סאָלדאַטן פון לובלינער פאָלק. ער האָט אויך אַרויסגערופן אַ מאַסע פאָליציאַנטן מיט אַ פריסטאַוו בראש. פאַרנאַכט האָבן זיך אין טורמע צונויפגעקליבן די גאַנצע פני פון די אָרטיקע רעגירונגס־קערפערשאַפטן — דער גראַדאָנאַטשאַלניק, דער פאָליצמייסטער, דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע, דער טורמע־נאַטשאַלניק מיט זיינע פיר געהילפן און דער טורמע־דאָקטאָר. אין אָנהויב האָבן זיי געוואָלט ליקווידירן דעם הונגער־שטרייק אויף אַ פרידלעכן אופן. עפעס פון אונזערע פאָדערונגען נאָכגעבן און מיר זאָלן פרייוויליק אויפהערן דעם הונגער־שטרייק. דאָס איז געווען דער פאָרשלאַג צו אונזער סטאַראָסטע מיראַבאָ. ווען מיר האָבן דאָס אָפּגעוואָרפן, האָבן זיי אויסגעטיילט זעקס פון די חברים, וועמען זיי האָבן געהאַלטן פאַר די הויפט־אָנפירער פון שטרייק. דאָס זיינען געווען: באָריס צייטלין, יאַנקעלעוויטש, יאָפע, טאַראַטורא, וויניצקי און מיראַבאָ (אַבראַם גינזבורג). מ׳האָט אַלעמען, אויסער דעם חבר מיראַבאָ, פאַר־

נאַרט אין קאַנטאָר, מיראַבאַ האָט זיך ניט געלאָזט אָפּנאַרן. זשאַנ־דאַרמען און נאַדזיראַטעלעס האָבן אים מיט גוואַלט אָפּגעריסן פון די קראַטעס ביים פענצטער און אַ צעבלוטיקטן געשלעפּט איבערן קאָ־רידאָר. ווען די קרימינעלע פון די אַלגעמיינע קאַמערן, וואָס זיינען געווען אָפּגעטיילט פון קאָרידאָר בלויז מיט אייזערנע קראַטעס, האָבן דערזען ווי מען שלעפּט מיראַבאַ (זיי האָבן אים גערופן מיראַוואַי) אַ צעבלוטיקטן, האָבן זיי זיך צעבונטעוועט. זיי האָבן געבראָכן די בענק, די טירן, די נאַרעס און געוואָרפן אויף די זשאַנדאַרמען שטיקער האָלץ דורך די קראַטעס. דער גראַדאָנאַטשאַלניק האָט באַפוילן אָפּפירן די דערמאָנטע זעקס חברים אין פּאָליציי־אוטשאַסטקעס, ער האָט באַזיי־טיקט דעם טורמע־נאַטשאַלניק, אויף זיין אָרט באַשטימט צייטווייליק דעם פּריסטאַוו און אים געהייסן איינשטעלן אָרדנונג.

אונטער דער קאָמאַנדע פון פּריסטאַוו האָבן זיך די סאָלדאַטן און פּאָליציאַנטן אַריינגעריסן אין די קאַמערן פון די קרימינעלע, זיי מער־דערלעך געשלאָגן מיט די פּריקלאַדן, זיי געוואָרפן אויף דער ערד און ווידער געשלאָגן ביז יענע האָבן זיך שוין פון אָרט ניט געקענט רירן. זיי זיינען נאָכדעם אַריבער אויף דער צווייטער זייט, וואו עס האָבן זיך געפונען די איינצלקאַמערן פון די פּאָליטישע. זיי האָבן פאַרנומען אַלע באַלקאָנען פון די אויבערשטע עטאַזשן, אויפגעשלאָסן פאַרשידענע קאַ־מערן און גערופן אין קאַנטאָר. אייניקע האָבן זיך אַנטזאָגט צו גיין. די סאָלדאַטן האָבן זיי ברוטאַל געשלאָגן, געוואָרפן אויף דער ערד און געשלעפּט פאַר די פיס אַזוי, אַז זייערע קעפּ האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אָן די אייזערנע טרעפּ. די צעשלאָגענע און פאַרבלוטיקטע האָט מען איינגעזעצט אין די קאַרצערס. זייער צאָל, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז געווען איבער דרייסיק.

דעם 8טן אויגוסט אין דער פרי איז דער הונגער־שטרייק געווען געענדיקט. ניט צוליב געדעדטערהייט, אָן אַן אַלגעמיינעם באַשלוס, האָט יעדער באַזונדער פאַר זיך אַליין איבערגעריסן דעם שטרייק. די פאַסירונגען פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט האָבן ביי אונז אָפּגעטויט די ווילנס־קראַפט, דעם קאַמפס־לוסט און צוגענומען די ענערגיע. מיר זיינען ניט געווען בכוח צו שטעלן אַפילו אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. מיר האָבן זיך באַוועגט און געהאַנדלט ווי אויטאָמאַטן. ווען מען האָט אי־בערן קאָרידאָר אויסגעשריען — „קיפּיאַטאָק”, זיינען מיר צוגעגאַנגען צו דער טיר און גענומען דעם „קיפּיאַטאָק” און די פאַרציע ברויט. קיין וואַרעמע מילך מיט סוכאַרעס האָט מען אונז דאָס מאָל ניט געגעבן. קיינער האָט ניט געהאַלטן פאַר נויטיק צו וואָרענען אונז מיר זאָלן זיך ניט צוכאַפּן צום עסן מיטאַמאָל. און אויף דעם געביט האָבן טאַקע עט־

לעכע חברים געזינדיקט. זיי האָבן זיך יאָ צוגעכאַפּט צום עסן און האָבן דערפֿאַר גאַנץ טייער באַצאָלט, זיי האָבן באַקומען שטאַרקע ווייטיקן אין בויך.

צו מיטאָג, וואָס איז געווען דער הויפּט־מאָלצייט, האָט אונז דערוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג. די באַזונדערע ספּעציעלע קיך פֿאַר די פּאָליטישע איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן. מיר האָבן באַקומען די זעלבע שפּייז, וואָס די קרימינעלע. אַ באַדייטנדיקע צאָל חברים זיינען פֿון די גראָבע שפּייז, נאָך אַזאַ לאַנגן הונגער, קראַנק געוואָרן, אָבער קיין ערנסטע פֿאָלגן זיינען ניט געווען. מיר זיינען אַלע געווען יונג. ס׳זיינען אַריבער עטלעכע טעג און מיר האָבן צוריק באַקומען דעם פֿאַרלוירענעם מוט און ענערגיע. ביסלעכוויז האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צו די נייע באַדינגונגען. דאָס טורמע לעבן איז אַוועק אויפֿן נאָרמאַלן וועג. כדאי צו פֿאַרצייכענען, אַז כאָטש מיר האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה, האָבן מיר דאָך איינגעהאַלטן אַ וויכטיקע פּריווילעגיע — די פּריווילעגיע צו באַנוצן זיך מיט די פֿענצטער. די אַדמיניסטראַציע האָט ניט געמאַכט קיין פּרואוו דאָס צו פֿאַרבאָטן. די פֿענצטער זיינען געבליבן אין אונזער באַזיץ. אמת, מיר האָבן איצט ניט אויסגענוצט די פֿענצטער אויף אַזוי פֿיל און אויף די זעלבע אופֿנים ווי פֿריער. קיינעם פֿון אונז איז ניט איינגעפֿאַלן דורכצופֿירן דורך די פֿענצטער אין די אונטן אַלגעמיינע דיסקוסיעס אָדער קאָנצערטן. מיר האָבן אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פֿון דער פּריווילעגיע צו באַנוצן זיך מיט די פֿענצטער און מיר האָבן זיך באַמיט ניט צו מיסברויכן מיט דעם.

דאָס לעבן אין טורמע האָט זיך צוריק נאָרמאַליזירט. אין אַ געוויסן טאָג האָט מיך אַ נאַדזיראַטעל אַרויסגעפֿירט אויף שפּאַציר. נאָכדעם ווי איך האָב אַרומגעשפּאַצירט 20 מינוט, רופֿט מיך דער נאַדזיראַטעל צוריק אין קאַמער. — וואָס הייסט צוריק אין קאַמער, זאָג איך, עס איז דאָך ערשט 20 מינוט ווי איך שפּאַציר און די צייט פֿון פּראָגולקע איז דאָך דריי פֿערטל שעה. — אַזוי האָט פֿאַראָרדנט דער נאַטשאַלניק, ענטפֿערט מיר דער נאַדזיראַטעל. — וואָס דערציילסטו מיר באָבע־מעשׂיות, האָב איך זיך אויף אים צעשריגן, פֿיר מיך צום נאַטשאַלניק! ער האָט מיך אַוועקגעפֿירט אין קאַנטאָר. איך האָב זיך געווענדט צום נאַטשאַלניק אין דער פֿאָרם פֿון אַן אָנקלאַגע אויפֿן נאַדזיראַטעל, אַז ער וויל מיך באַרויבן אויף מער ווי אַ העלפֿט פֿון דער פּראָגולקע־צייט און ער זאָגט, אַז איר האָט אַזוי געהייסן. — יאָ, האָט ער געזאָגט, איך האָב אַזוי געהייסן, ווייל אַזוי האָט פֿאַראָרדנט די זשאַנדאַרמעריע. איך בין געוואָרן אַן אויפֿגעקאָכטער: — אוממעגלעך, האָב איך אויסגעשריגן, מיר האָבן אַ צוזאָג פֿון אַלע

אינסטאַנצן, אַז די צייט פון דער פּראָגולקע איז דערוויל דריי פערטל שעה און שפּעטער וועט די צייט פאַרלענגערט ווערן ביז אַ שעה. טאָ ווי אַזוי קען די זשאַנדאַרמעריע פאַרקירצן די צייט? — אַזוי איז עס, האָט געענטפערט דער נאַטשאַלניק. — איך פאָדער דעם פּראָקוראָר, האָב איך געזאָגט. — שיק אַריין אַ שריפטלעכע מעלדונג, ענטפערט מען מיר, דו האָסט דאָך אין קאַמער שרייב־געצייג. — וואָס פאַר אַ שריפטלעכע מעלדונג, האָב איך שוין ווייטער גערעדט מיט כעס, איך וועל קיין שריפטלעכע מעלדונג ניט אַריינשיקן, איך מאַך דאָ פאַר עדות אַן אָפיציעלע מעלדונג, אַז איך פאָדער דעם פּראָקוראָר. אַ מאָמענט האָט דער נאַטשאַלניק געשוויגן און נאָכדעם געזאָגט: — גוט!

דער נאַדזיראַטעל האָט מיך אָוועקגעפירט צוריק אין קאַמער. אײדער איך האָב נאָך צייט געהאַט אַראָפּצונעמען דעם מאַנטל, האָט מיך שוין מיין שכן פון דער נאָנטסטער קאַמער גערופן צום פענצטער און געפרעגט, וואָס עס האָט פּאַסירט. ס'איז דאָך ערשט אַ האַלבע שעה ווי איך בין אַרויס אויף פּראָגולקע? איך האָב אים דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט. באַלד זיינען שוין אַלע געווען ביי די פענצטער. נאָך אַ קורצער דיסקוסיע איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז קיינער זאָל מער אויף פּראָגולקע ניט גיין און אַלע זאָלן פאָדערן דעם פּראָקוראָר. דער שטרייק האָט געדויערט אַ פּאָר שעה. מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט אַ נאַדזיראַטעל גערופן אַ חבר אויף פּראָגולקע און גלייך צוגעגעבן, אַז די צייט וועט זיין דריי פערטל שעה.

אַ קורצע צייט נאָכדעם האָב איך בעת דער פּראָגולקע שפּאַצירט איבערן הויף הין און צוריק. פּלוצלונג האָב איך דערזען, אַז פון הויף, וואו די פרויען־טורמע געפינט זיך, קומען מיר אַנטקעגן דריי פרויען. צוויי גאָר יונגע און איינע אַ ביסל אַן עלטערע, אַלע אין ציווילע קליידער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס פירט אַ נאַדזיראַטעלניצע צוויי פּאָליטישע אין קאַנטאָר. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן, כדי זיי צו זען פון דער נאָנט. ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָנט, האָב איך דערקענט, אַז איינע פון די יונגע איז חנהקע ראַזענפעלד. איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן לויפן צו איר. זי האָט מיך אויך דערקענט און איז געלאָפן מיר אַנטקעגן. לעבן דעם הויפּט־אַריינגאַנג פון טורמע זיינען מיר אַריינגעפאַלן איינע די אַנדערע אין די אָרעמס. מיר האָבן זיך איינגעקלאַמערט, אונזערע ליפּן האָבן זיך איינגעזויגן איינע אין די אַנדערע. מיר זיינען געשטאַנען אַזוי ווי צונויפגעוואַקסן, פאַרגליווערט. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי ווי פון אַ פאַרוואונדעטער חיה: — וואָס קומט דאָ פאָר! דער געשריי האָט אונז אָפּגעריסן

איינע פון די אַנדערע און מיר האָבן דערזען לעבן זיך דעם נאַטשאַל־ניק. ער האָט זיך געווענדט צום נאַדזיראַטעל מיט אַ געשריי: — פאַרוואָס דערלויבסטו דאָס? דער נאַדזיראַטעל האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע און געגומען שטאַמלען: — איך, איך, איך... און מער קיין ווערטער ניט געקענט אַרויסקריגן. דער נאַטשאַלניק האָט אים געלאָזט מיטן „איך“ אין האַלז און האָט זיך געווענדט צו דער נאַדזי־ראַטעלניצע מיט אַ ביסל אַ מילדערן טאָן: — און איר פאַרוואָס האָט עס דערלויבט? זי האָט אויך אָנגעהויבן שטאַמלען און מער ווי צוויי ווערטער — „מיין גאָט“ — ניט געקענט אַרויסברענגען. דער נאַ־טשאַלניק האָט זיך געווענדט צום נאַדזיראַטעל, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויסגעצויגן, און מיט אַ שטרענגן טאָן אים באַפוילן: — פיר אים אָפּ צוריק אין קאַמער! און איר אין קאַנטאָר, האָט ער געזאָגט צו דער נאַדזיראַטעלניצע. איך און חנהקע האָבן זיך געזעגנט מיט די אויגן. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר האָבן זיך געזען. מער האָבן מיר זיך קיינמאָל ניט באַגעגנט.

דאָס לעבן אין טורמע איז געגאַנגען נאָרמאַל אָן אינצידענטן. אין אַ געוויסן טאָג — דאָס איז שוין געווען אַ פּאָר חדשים נאָכן „בונט“ — איז צו מיר אין קאַמער אַריין אַ מאַן אין ציווילע קליידער, אַ ביסל העכער פון מיטעלן וואוקס מיט אַ בלאָנדער באָרד און זיך פאָרגעשטעלט: — איך בין דער נייער נאַטשאַלניק. איך קען אייך זאָגן, אַז פון איצט אָן וועט איר באַקומען בעסער עסן. ס׳איז צוריק איינגעשטעלט געוואָרן אַ באַזונדערע קיך פאַר די פּאָליטישע און דאָס וועט זיין פריי. איר וועט פאַר דעם ניט דאַרפן צאָלן. נאָך וויל איך אייך זאָגן, אַז איך וויל זיין אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט די פּאָ־ליטישע. אויב איר האָט עפּעס אַ פאַרלאַנג אָדער אַ פאָדערונג, זאָלט איר זיך ווענדן צו מיר און דאָס וואָס עס וועט זיין אין מיין מאַכט, וועל איך באַוויליקן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קען ניט ריידן פאַר אַלעמען, נאָר איך שטעל מיר פאָר, אַז אַלע וועלן זיין צופרידן צו זיין אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט דער אַדמיניסטראַציע. מיט דעם האָט זיך דער געשפרעך געענדיקט און ער איז אַוועק.

פאַקטיש האָבן מיר איצט באַקומען אַלץ, וואָס מיר האָבן געפאָ־דערט, ווען מיר זיינען אַרויס אין הונגער־שטרייק. לאַנג האָב איך ניט געקענט געניסן פון די פאַרבעסערטע באַדינגונגען אין טורמע. אין אַ טאָג פון חודש נאָוועמבער האָט מען מיך גערופן אין קאַנטאָר. דאָרט האָב איך געטראָפן מיין חבר בערל פינצאָוו, אין וועמעס דירה מען האָט מיך מיט 8 חדשים פריער אַרעסטירט אין ביאַליסטאָק. דער נאַטשאַלניק האָט אונז געמאָלדן, אַז אונזער „סלעדסטוויע“ (אויס־

פאַרשונג) האָט זיך פאַרענדיקט און דעריבער ווערן מיר באַפרייט ביז דעם אורטייל. מיר דאַרפן איצט פאָרן אין אונזערע געבורט־שטעט, דאָרט זיין אונטער פּאָליציי־אויפזיכט און וואַרטן ביז דער אורטייל וועט אָנקומען. ער שיקט אונז איצט אָפּ אין פּאָליציי. דאָרט וועט מען אונז געבן אַ צייטווייליקן דאָקומענט אויף צו פאָרן אין אונזערע געבורט־שטעט. מיר האָבן ניט געהאַט קיין געלט צו פאָרן, האָבן מיר אים געבעטן ער זאָל אונז לאָזן צופאָרן אין שטאָט וועלן מיר קריגן געלט. — איך קען אייך ניט לאָזן פאָרן אין שטאָט, האָט דער נאַטשאַל־ניק געזאָגט, איך דאַרף אייך צושטעלן אין דער פּאָליציי און וועגן געלט וועט איר ריידן מיטן פּאָליציי־פּריסטאַוו. ער האָט געהייסן אַ באַדזיראַטעל אָפּפירן אונז אין פּאָליציי־פּאַרוואַלטונג. דאָרט האָט אונז אויפגענומען אַ פּריסטאַוו, ער האָט איבערגעקוקט די פּאַפּירן און גע־זאָגט, אַז ער וועט באַלד פאַרטיק מאַכן די דאָקומענטן און אַן אַקאָלאָ־דאַטשניק וועט אונז צופירן צום וואָקזאַל. מיר דאַרפן אים געבן געלט, וועט ער קויפן פאַר אונז בילעטן און אונז אַריינזעצן אין וואַגאָן. איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער זעלבער פּזמון וואָס פריער מיט דעם נאַטשאַל־ניק פון טורמע. איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר האָבן ניט קיין געלט און געבעטן ער זאָל מיך לאָזן גיין אין שטאָט צו קריגן געלט. ער האָט ביי מיר געפרעגט וועמען איך האָב אין שטאָט און ביי וועמען איך מיין צו קריגן געלט. איך האָב געוואוסט איין איינציקן אַדרעס אין אָדעס. דאָס איז געווען דער אַדרעס פון דעם חבר פעלערס שוועסטער (דעם חבר פעלער האָב איך שוין דערמאָנט פריער, ער איז געווען דער פאַבען־טרעגער אויף דער פעברואַר־דעמאָנסטראַציע אין אָדעס). ער האָט ניט געקענט שרייבן און איך פלעג שרייבן פאַר אים בריוו צו זיינע שוועסטער און כ׳האָב שוין געוואוסט זייער אַדרעס אויף אויסנ־ווייניק. איך האָב אָנגערופן דעם דאָזיקן אַדרעס. — גוט, האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט, אַן אַקאָלאָדאַטשניק וועט מיט אייך פאָרן אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס. אָבער זעט צו קריגן גענוג געלט, עס זאָל זיין פאַר אייער חבר אויך. — זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָב איך געזאָגט. און מיר זיינען באַלד אַוועקגעפאָרן.

דער אַדרעס איז געווען ערגעץ אויף מאָלדאַוואַנקע. אין הויז האָב איך געטראָפן איינע פון די שוועסטער, די עלטערע. דערזעענדיק אַריינ־קומען אַ בחור אין ציווילע קליידער מיט אַ פּאָליציאַנט, האָט זי זיך היפּש דערשראָקן. איך האָב דאָס באַמערקט און גלייך זי באַרואיקט. — איך האָב צו אייך אַ גרוס פון אייער ברודער, האָב איך געזאָגט. די בריוו צו אייך האָב איך פאַר אים געשריבן. איך האָב איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע וועגן דער באַפרייאונג פון מיר און פון מיין חבר

און דערקלערט די סיבה פון מיין וויזיט צו איר. — איך מוז האָבן 20 רובל, האָב איך געזאָגט. אויב איך קריג ניט דאָס געלט, וועט אונז אויסקומען צו גיין מיטן עטאַפּ. בעט איך איר, זי זאָל מיר אויסבאָרגן 20 רובל און איך וועל איר דאָס געלט אָפּשיקן גלייך, ווי איך וועל קומען אַהיים. אויסהערנדיק מיין פאָרשלאָג, האָט זי געזאָגט, אַז זי וואָלט מיר גערן געגעבן די סומע, וואָס איך פאַרלאַנג, נאָר זי האָט עס פּשוט ניט. אָבער זי זאָגט מיר צו, אַז מאָרגן וועט זי עס קריגן און ברענגען מיר אין פּאָליציי.

דער געשפּרעך האָט זיך געפירט אין רוסיש, ווייל אַזוי האָט גע־פאָדערט דער אָקאָלאָדאָטשניק. במילא האָט ער געהערט דעם צוזאָג, וואָס פריילין פעלער האָט געגעבן און ער האָט צו מיר געזאָגט: — נו, איצט קענען מיר שוין גיין. איך האָב זיך געזעגנט מיט פריילין פעלער און מיר זיינען אַוועק. דער אָקאָלאָדאָטשניק האָט איבערגעגעבן דעם פּריסטאַוו, אַז פריילין פעלער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען דאָס געלט מאָרגן. — איצט, האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט, האָב איך אַ פּראָ־בלעם ווי אַזוי איינצואָרדענען אייך היינטיקע נאַכט. איר זענט ניט קיין אַרעסטאַנטן, אָבער איר זענט אויך ניט קיין פרייע מענטשן און איך מוז אייך האַלטן אונטער אַ וואַך. פאַרשפּאַרן אייך אין אַ קאַמער צוזאַמען מיט אמתע אַרעסטאַנטן־פאַרברעכער, וויל איך ניט, אָבער איך האָב אַ קאַמער, וואו עס זיצן עטלעכע יידן, אַנשטענדיקע מענטשן. זיי זיינען שטראָפירט מיט עטלעכע טעג אָדער אַ וואָך אַרעסט פאַר אויסגיסן אַ ביסל שמוציקע וואַסער אויפן טראָטואַר אָדער ענלעכע חטאים. אין יענער קאַמער איז דאָ פּלאַץ פאַר נאָך עטלעכע מענטשן, אַלזאָ לייג איך אייך פאַר דאָרט איבערצונעכטיקן. — מיר זיינען צופרידן, האָב איך אים געזאָגט, און אַ פּאָליציאַנט האָט אונז אַוועקגע־פירט אין יענער קאַמער. דער פּריסטאַוו האָט געזאָגט דעם אמת. מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין דער קאַמער. אין דער פרי איז געקומען פריילין פעלער. זי האָט געבראַכט פאַר אונז עפּעס עסנוואַרג, אָבער ניט קיין געלט. זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי וועט דאָס געלט קריגן, עס דאַרף נעמען נאָך אַ טאָג. מיר זיינען אַוועק צום פּריסטאַוו און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט דאָס געלט פאַר מיר זיכער ברענגען, אָבער זי וועט עס האָבן ערשט שפּעט אין אָוונט. בעט זי דעריבער, אַז ער זאָל אונז, מיך און מיין חבר, איבערלאָזן דאָ נאָך אַ נאַכט. דער פּריסטאַוו האָט עס באַוויליקט. מיט אַ טאָג שפּעטער איז זי ווידער געקומען אָן געלט. מיר זיינען געגאַנגען צום פּריסטאַוו בעטן ער זאָל אָפּלייגן אונזער אַרויסשיקן אויף נאָך אַ טאָג. דאָס מאָל האָט ער זיך שטאַרק געקווענקלט, אָבער לסוף האָט ער אונזער בקשה באַוויליקט.

ער האָט אָבער אָנגעזאָגט גאַנץ שטרענג, אַז דאָס איז צום לעצטן מאָל, וואָס ער גיט נאָך אונזער פאַרלאַנג. סוף־כל־סוף האָט פריילין פעלער געבראַכט די עטלעכע רובל. מ׳האָט אונז באַלד געגעבן די צייטווייליקע דאָקומענטן און אַן אָקאָלאָדאָטשניק האָט אונז אַוועקגעפירט צום וואָקזאַל. ער האָט פאַר אונז געקויפט בילעטן, אַריינגעזעצט אין וואַ־גאָן און איז אַוועק. אַ געוויסע צייט זיינען מיר געפאָרן צוזאַמען. אין מיטן וועג האָבן מיר זיך געמוזט צעשיידן. בערל פינצאָוו איז אַוועק אין דער ריכטונג צו ווילנע און פון דאָרט אין זיין געבורט־שטעטל דיסנע, וואו זיינע עלטערן האָבן געוואוינט, און איך בין אַוועק אין ביאַליסטאָק.

12. וואַרשע — דער 5טער צוזאַמענפאָר פון „בונד"

פון ביאַליסטאָקער וואָקזאַל בין איך אַוועק צו חנא לייב דעם וועבער. ער האָט געוואוינט מיט זיין פרוי און אַ פאָר קינדערלעך ערגעץ אויף כאַנאַיקעס. דאַכט זיך, אַז ער האָט געהאַט אַן אייגענע הייזקע. אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט זיין פרוי אין דער זעלבער הייזקע געהאַט אַ שפייז־קרעמל. קומענדיק אַהין, האָב איך טאַקע געטראָפן חנא לייבס פרוי מיט די קינדערלעך. פון איר האָב איך זיך באַלד דערוואוסט, אַז חנא לייב איז שוין אין אַמעריקע און זי גרייט זיך צו פאָרן. דערביי האָט זי מיר דערציילט, אַז פאַר דער צייט האָבן עמיגרירט פון ביאַליסטאָק אַ היפשע צאָל חברים און צווישן זיי איז אויך געווען וועלוול דער שוסטער, וואָס האָט לויט דעם פאַספאָרט, וואָס איך האָב געהאַט, געדאַרפט זיין מיינער אַ שוואָגער. ווען ער, וועלוול, וואָלט איצט געווען אין ביאַליסטאָק, וואָלט ער געקענט צופאָרן אין דעם שטעטל, פון וואַנען איך האָב מיין פאַספאָרט, און דאָרט פאַר עטלעכע רובל אָפמאַכן מיטן סטאַראָסטע ער זאָל באַשטעטיקן מיין פערזאָן. איצט אָבער, ווען וועלוול איז שוין ניטאָ, איז דאָס אַ שווערע זאַך. ווען אַ פרעמדע פערזאָן זאָל עס וועלן דורכפירן, וועט שוין דער סטאַראָסטע פאַרלאַנגען אַ באַדייטנדיקע סומע געלט. דעריבער האָט גאָר קיין זין ניט געהאַט צו פאָרן זיך מעלדן און איך האָב באַשלאָסן, אַז איך פאָר ניט.

אויסהערנדיק די נייס פון חנא לייבס פרוי, האָב איך איר געזאָגט, אַז איך וויים נאָך אַליין ניט וואו איך וועל זיך באַזעצן. איך דאַרף נאָך קריגן פאַרבינדונגען מיט דער אָרגאַניזאַציע און אַן אָנווייזונג וואו צו באַזעצן זיך. איך געדענק ניט צי איך האָב איר געבעטן, צי זי האָט מיר אַליין אָנגעבאָטן דערווייל זיך אויפהאַלטן ביי איר אין הויז. איך בין געווען צופרידן וואָס איך בין געוואָרן באַזאָרגט מיט אַ דאַך איבערן קאָפ. אַ פאָר טעג בין איך געווען דער איינציקער קוואַרטיראַנט אין הויז. נאָכדעם איז אָנגעקומען אַ גאַנצע גרופע. די, וואָס איך געדענק, זיינען געווען: אַלבערט לוריע, בייניש מיכאַלעוויטש, בענדעט דער קרינקער, מרדכי רוזשנאָיער און נאָך אַ פאָר. אין הויז איז געוואָרן

לעבעדיק. מ׳האָט דיסקוטירט, אַ ביסל געשטיפּט, ס׳איז געווען פריילעך. איך געדענק ניט, צי זיי האָבן מיר באַלד געזאָגט, אַז זיי קומען פון גאַרבער־צוזאַמענפאָר, וואָס איז נאָר־וואָס אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין גראָדנע, אָדער איך האָב זיך עס דערוואוסט שפּעטער. אַלנפאַלס איז פון די דיסקוסיעס געווען קלאָר, אַז די גאַנצע גרופּע האָט צו טאָן מיט דעם גאַרבער־בונד. וואַרשיינלעך איז דאָס געווען דאָס צענטראַל־ביוראָ, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דעם נאָר־וואָס אָפּגעהאַלטענעם צוזאַמענפאָר.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך עפּעס אויפקלערן:

אבע לעוו שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז אויף דעם גאַרבער־צוזאַמענפאָר אין גראָדנע אין אָקטאָבער 1902 בין איך אויך געווען. דאָס איז אַ טעות. אויף יענעם צוזאַמענפאָר האָב איך ניט געקענט זיין, ווייל אין אָקטאָבער בין איך נאָך געזעסן אין אָדעסער טורמע און אין ביאַליסטאָק בין איך געקומען אין חודש נאָוועמבער. עס איז קלאָר, אַז אויף יענעם צוזאַמענפאָר בין איך ניט געווען. ווי אַזוי ער האָט געמאַכט אַזאַ טעות, קען מען, הפּנים, דערקלערן מיט דעם, וואָס ער, אַ דעלעגאַט אויף יעדן צוזאַמענפאָר, האָט געוואוסט, אַז אַ גאַרבער־צוזאַמענפאָר און אַבראַם דער טאַטע זיינען ניט צעטיילבאַר. אַזוי ווי ער האָט געשריבן די זכרונות מיט יאָרן שפּעטער, האָט ער אַריינגעשריבן, אַז איך בין אויף דעם גראָדנער צוזאַמענפאָר אויך געווען. אַגב, אַן ענלעכן טעות וועגן מיר אַלס אַ דעלעגאַט אויף אַ צוזאַמענפאָר פון בונד האָט געמאַכט אַנמאַן (דר. פּ. ראָזענטאַל). ער שרייבט, אַז אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון בונד אין קאָוונע בין איך געווען אַ דעלעגאַט פון ביאַליסטאָק. אָבער איך געדענק, ווי דאָס וואָלט פאָרגעקומען נעכטן, אַז פון ביאַליסטאָק האָבן מיר געשיקט צוויי דעלעגאַטן: טאַקע אים, אַנמאַנען, און בענציע לעווין, אַ וועבער. איך געדענק נאָך אַפילו אַ קאָמישע סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען מיט מיר, ווען איך האָב פאַר דער אַגיטאַטאָרסקער פאַרזאַמלונג אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון דעם 3טן צוזאַמענפאָר. צוליב קאָנספּיראַציע האָבן די ווירקלעכע דעלעגאַטן ניט אָפּגעגעבן דעם באַריכט, ווייל אָפיציעל האָבן די מיטגלידער פון דער אַגיטאַטאָרסקע ניט געוואוסט ווער עס איז אין קאָמיטעט און וועמען און וויפל דעלעגאַטן דער קאָמיטעט האָט געשיקט צום צוזאַמענפאָר. זיי האָבן געוואוסט נאָר פון איין פּערזאָן, וועמען זיי אַליין האָבן אויסגעקליבן און אַריינגעשיקט אין קאָמיטעט אַלס זייער פאָרשטייער אָדער פאַרמיטלער. און אַזוי ווי איך בין געווען דער פאַרמיטלער, האָב איך עס געדאַרפט אָפּגעבן דעם באַריכט. איך אַליין האָב אויסגעהערט דעם פולן באַריכט פון די דע־

לעגאַטן אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט. אָפּגעבנדיק דעם באַריכט אויף דער אַגיטאַטאָרסקע, האָב איך אייניקע פונקטן פאַרגעסן און בענציע לעווין האָט מיך אַריינגערופן אין אַ צווייטן צימער און מיר אויפמערק־זאַם געמאַכט אויף דעם. איך בין אַריין צוריק און צוגעגעבן נאָך עפּעס צום באַריכט. אָבער ס'האָט נאָך אַלץ עפּעס געפעלט און בענציע האָט מיך ווידער אַרויסגערופן אויף אַ סוד. דער עולם האָט עס באַ־מערקט און מיין לאַגע איז געווען זייער אַ קאָמישע.

און איצט לאָמיר זיך צוריק אומקערן צו מיין דירה ביי חנא לייבס פרוי. איינמאָל, ווען איך בין איבדערפרי ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און בין מיטאָג־צייט צוריקגעקומען, האָט די גאַנצע כאַליאַסטרע, ווי איך האָב זיי גערופן, געפירט אַ הייסע דיסקוסיע. באַלד ווי איך בין אַריין, האָט זיך איינער אָנגערופן: — שאַ, לאָמיר הערן, וואָס איז אַבראַמס מיינונג וועגן דעם. — וועגן וואָס האַנדלט זיך עס? האָב איך געפרעגט. — עס האַנדלט זיך וועגן דעם ווער עס קען פאַרעכנט ווערן פאַר אַ מיטגליד פון דער פאַרטיי, מיט אַנדערע ווערטער, פון וועמען דאַרף באַשטיין די פאַרטיי. איך האָב געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג קען פאַר־רעכנט ווערן פאַר אַ מיטגליד פון דער פאַרטיי יעדערער, וואָס נעמט אָן דאָס פראָגראַם פון דער פאַרטיי, וואַרפט זיך אונטער די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר און אויך די באַשלוסן פון צענטראַל־קאָמיטעט אין דער צייט פון איין צוזאַמענפאָר ביזן צווייטן. — ניין, האָבן אייניקע אויסגעשריגן, דאָס איז פאַלש! — נו, קיין אַנדערע דעפיניציע האָב איך ניט, אויב איר האָט אַן אַנדערע, וואָלט איך עס וועלן הערן, האָב איך געזאָגט. — אַ מיטגליד פון דער פאַרטיי, האָט זיך איינער אָנגערופן, קען זיין נאָר אַ פראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. דאָס הייסט, אַז די פאַרטיי דאַרף באַשטיין פון פראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן.

פון אָנהויב האָב איך פשוט ניט געקאָנט באַגרייפן וואָס דאָ טוט זיך. די דאָזיקע דעפיניציע האָט אינגאַנצן ניט געשטימט מיט דעם באַגריף פאַרטיי, וואָס איך האָב געהאַט די גאַנצע צייט פון מיין באַטייליקונג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָכטראַכטנדיק אַ ביסל, האָב איך געזאָגט, איך קען מיט דעם דאָזיקן באַגריף ניט מסכים זיין. דאָס מיינט דאָך, אַז אַלע אַרבעטער און אינטעליגענטן, וואָס קומען אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען, מאַכן אויף אונזער רוף דעמאָנסטראַציעס, פירן אַ שטענדיקן קאַמף מיט דער איצטיקער אָרדע־נונג, — אַז זיי אַלע זיינען גאָרניט און די פאַרטיי באַשטייט נאָר פון אַ הייפעלע פראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן. דאָס איז אַן אַבסורד! — איך זע, אַז איר האָט ניט געלייענט לענינס בראָשור טשטאָ דיעלאַט, האָט זיך איינער אָפּגערופן. איך וואָלט אייך ראַטן איבערלייענען די

בראַשור און איך מיין, אַז איר וועט דעמאָלט ענדערן אייער מיינונג.
— געוויס האָב איך די בראַשור ניט געזען, די אַדמיניסטראַציע פון אַדעסער טורמע האָט אונז ניט באַזאָרגט מיט די לעצטע אויסגאַבן פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, האָב איך געזאָגט, כ׳וואָלט טאַקע וועלן איבערלייענען די בראַשור.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען מיר געבראַכט די בראַשור. לעניך, ווי באַוואוסט, האָט געהאַט אַ זייער שווערן סטיל אין זיין שרייבן. ווען איך פלעג לייענען זיינע אַן אַרטיקל, פלעג איך זאָגן, אַז ביז איך בייס איין לעניגען, צעברעך איך זיך די ציינער. דאָס זעלבע איז געווען מיט דער בראַשור טשטאָ דיעלאַט. ווען איך האָב עס צעקייט און כ׳האָב דערזען די גאַנצע געביידע פון דער פּאַרטיי אין דער פאָרם פון אַ פּיראַמידע, וואו די אונטערשטע שטאָקן, די פּאַרטיי־קערפּערשאַפטן, דאַרפן זיין אונטערטעניק און געהאָרכזאַם צום אויבערשטן שטאָק, צום צ. ק., וואָס אָרדנט מיט דער גאַנצער געביידע, בין איך געבליבן ביי מיין מיינונג, אַז דאָס איז אַן אַבסורד.

ס׳איז מיר איצט קלאָר געוואָרן, אַז איניקע פון דער גרופּע זיינען שטאַרקע אַנהענגער פון לעניגען און זיין תורה. איך האָב פאַרשטאַנען, אַדער אָפיציעל שוין געוואוסט, אַז דאָס איז דאָס צענטראַל־ביוראָ פון גאַרבער־בונד. דעריבער איז אַנטשטאַנען פאַר מיר די פראַגע צי ס׳איז ראַטזאַם איך זאָל איצט ווידער אָנהייבן אַרבעטן אין גאַרבער־בונד. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז די שאַרפע מיינונגס־פאַרשידנהייטן אין צענטראַל־ביוראָ וועלן אַרויסרופן שטענדיקע קאָנפליקטן און די אַרבעט וועט זיך ניט רירן פון אָרט. איך האָב ניט געקענט באַשליסן ווי צו האַנדלען. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז געקומען אין ביאַליסטאָק לנו־גאַזשאַנסקי. ווען מיר האָבן זיך געטראָפן, האָט ער געפרעגט, וואָס איך טראַכט איצט צו טאָן — אַרבעטן אין גאַרבער־בונד אָדער איך האָב אַנדערע פּלענער. ניט טראַכטנדיק קיין מאָמענט, האָב איך געענטפערט: — איצט ציט מיך ניט צו אַרבעטן אין גאַרבער־בונד, איך וואָלט בעסער וועלן באַזעצן זיך ערגעץ אין אַ שטאָט און אַרבעטן אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. — אין וועלכער שטאָט וואָלט איר זיך וועלן באַזעצן? האָט ער ווייטער געפרעגט. — דאָס לאָז איך איבער צום צענטראַל־קאָמיטעט, האָב איך געזאָגט. איך וועל זיך באַזעצן דאָרט, וואו דער צ.ק. מיינט, אַז איך קען זיין נוצלעך. — גוט, איך פּאָר איצט אין וואַרשע, האָט ער געזאָגט, איך וועל דאָרט בלייבן עטלעכע טעג און אויפן וועג צוריק קיין ווילנע וועל איך זיך אָפּשטעלן אין ביאַליסטאָק און וועל אייך זאָגן וואוהין איר זאָלט פאָרן.

לנו איז אַוועק קיין וואַרשע און מיר האָבן זיך פאַרנומען מיטן צוגרייטן דעם ערשטן נומער פון דעם צענטראַל־אָרגאַן פון גאַרבער־בונד — דער קעמפּער. מיר האָבן צוגעגרייט און געבראַכט אין אָרדנונג דעם סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, באַשטימט די טעמעס פון די אַרטיקלען וואָס דאַרפן אַריין און פאַנאַנדערגעטיילט זיי צווישן זיך. ווען לנו איז צוריקגעקומען פון וואַרשע, האָבן מיר געהאַט פאַרטיק דריי אַרטיקלען. איינעם האָט אָנגעשריבן, דאַכט זיך, אַלבערט לוריע, איינעם איך און איינעם בייניש מיכאַלעוויטש. ער האָט נאָך געדאַרפט אָנשרייבן אַ צווייטן אַרטיקל. לנו האָט איבערגעגעבן, אַז בייניש זאָל פאָרן אין מינסק און איך אין וואַרשע. מיר האָבן באַשטימט, אַז בייניש זאָל זיין דער רעדאַקטאָר פון קעמפּער און אים איבערגעגעבן דעם פאַרטיקן מאַטעריאַל. ער האָט געדאַרפט פאַרטיק מאַכן דאָס איבעריקע, וואָס עס פעלט נאָך, און אַריינגעבן אין דרוק.

דער קעמפּער האָט קיינמאָל ניט דערזען די ליכטיקע וועלט, ווייל באַלד ווי בייניש איז געקומען אין מינסק, איז ער גאָר גיך אַרעס־טירט געוואָרן.

עס איז מיר אָנגעקומען גאַנץ גרינג איינצואָרדנען זיך אין וואַר־שע. איך האָב אַפילו ניט געדאַרפט זוכן קיין צימער וואו צו וואוינען. איך האָב איבערגענומען אַבראַם קאַסטעלאַנסקיס צימער. איך האָב באַקומען אַ פּאַספּאָרט (אַ פאַלשיוועקע) אויף איינצומעלדן זיך אין דער פּאָליציי און איך בין געוואָרן אַ כשרער וואַרשעווער בירגער מיטן נאָמען ריוולין. איך בין באַלד אַריין אין דער אַרבעט. מ׳האָט מיך צוקאָאָפּטירט אין דער אַגיטאַטאָרסקע און אויך אין קאָמיטעט. שוין מיט מיר צוזאַמען זיינען אין קאָמיטעט געווען דריי: 1) יודל (אליהו־אהרן מאַטאָלסקי־מילער). ער איז געווען אַן אינטעליגענטער בחור, אַ פּראַקטישער מענטש און געטראַכט לאָגיש. ער איז געווען דער אָפּי־ציעלער פאַרשטייער פון קאָמיטעט, דער פאַרמיטלער. אַלס אַזעלכער האָט ער געהאַט אַלע פאַרבינדונגען סיי מיט די אַרבעטער, סיי מיט דער אינטעליגענץ. 2) פרידע (ראָזע לעוויט). אַ העכסט־אינטעליגענט מיידל, וואָס האָט אויך געקענט האַלטן אַ פען אין האַנט. זי האָט געקענט אָנשרייבן אַ פּראָקלאַמאַציע און אַ גרויסער טייל פון אונזער פּעריאָ־דישער אויסגאַבע דער וואַרשעווער אַרבעטער איז געווען אויסגעפילט דורך איר. פרידע האָט זיך אָבער מיט די דאָזיקע אַרבעטן אַליין ניט באַגנוגנט. וואו נאָר אַ פאַרזאַמלונג, אַ גרעסערע אָדער קלענערע, איז פרידע דאָרט געווען. זי פלעגט זיך אויך כאַפּן טאָן טעכנישע אַרבעט. בכלל האָבן מיר געהאַט אַ סך צרות מיט איר. זי איז געווען זייער קורצזיכטיק און שטענדיק צעטראָגן, צעשטרייט. ווען זי פלעגט

עפּעס באַהאַלטן — נאָטיצן, אַ צעטל מיט נעמען — פּלעגט זי ניט געדענקען וואו. אַז זי איז געגאַנגען אין גאַס, האָט זי זיך שטענדיק געאײַלט און ס׳האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי זי לויפט. צוליב איר קורצזיכטיקייט פּלעגט זי זיך צוזאַמענשטויסן מיט מענטשן, אָדער אָנשטויסן זיך אָן אַ לאַמטערן־סלופּ. זי פּלעגט קיינמאָל ניט באַמערקן, אַז אַ שפּיאָן גייט איר נאָך. ס׳פּלעגט טרעפן, אַז אַנדערע האָבן עס באַמערקט און פּלעגן דאַרפן אָנווענדן פאַרשידענע קונצן אַרויסצוראַטעווען זי פון דער סיטואַציע. ניט געקוקט אויף דעם, האָט זי דאָך בײַ אַלע אַרויסגערופן רעספּעקט צו זיך. דער דריטער אין קאָמיטעט בין איך געווען.

אַ צווייטע צענטראַלע קערפּערשאַפט, וועלכע האָט פּאַקטיש אָנגעפירט מיט דער גאַנצער פּראַקטישער אַרבעט, איז געווען די אַגיטאַטאָרסקע. די דאָזיקע קערפּערשאַפט איז באַשטאַנען פון בערך 15־20 באַוואוסטזיניקע, אינטעליגענטע און ענערגישע אַרבעטער. די וואָס איך געדענק, זײַנען געווען: עליע שלאָסער, שלומקע גאַזאָווניק, אָשר גאָלדשמיד, ישראל גאָלדשמיד, טל־ומטר (אהרן איזאַקסאָן), אברהמל פּשישוּע־בייגער (ראָטשפּאַן), מרדכי בלעטל־מאַכער אָדער בלומען־מאַכער, ישראל קיטל־מאַכער, אברהם הענטשקע־מאַכער און לייבעטשקע סטאָליאַר (בערמאַן). איניקע זײַנען געווען אויסגעצייכנטע רעדנער און בכלל איז די אַגיטאַטאָרסקע געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. מיר פּלעגן זיך פאַרזאַמלען רעגולמעסיק אײן מאָל אַ וואָך און באַהאַנדלען פאַרשידענע פראַגן, אַלגעמיינע און לאָקאַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער באַוועגונג און אָנגענומען געהעריקע באַשלוסן.

וואַרשע האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע יידישע אַרבעטער־באַפעלקערונג און די צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער איז אויך געווען פאַרהעלטנישמעסיק גאַנץ גרויס. אָנפירן מיט דער אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און אויך מיט שטרייקן, וואָס זײַנען אויסגעבראָכן דאָ אין איין פאַך, דאָ אין אַ צווייטן און אַפילו אין איינצלנע וואַרשטאַטן, האָט געפאָדערט אַ מאַסע צייט און ענערגיע. מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַ סך טוער, אָבער מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאַט גענוג. דאָך פּלעגן מיר אויסמאַרקירן אַזוי, אַז די נויטיקע אַרבעט פּלעגט ווערן דורכגעפירט.

בכלל איז די אַרבעט אין וואַרשע געווען אַן אָנגעשטרענגטע און אַ שווערע, בעיקר צוליב די שווערע פּאָליצייאישע באַדינגונגען. איך פּלעג אָפט פאַרגלייכן די פּאָליצייאישע באַדינגונגען פון וואַרשע און פון ביאַליסטאָק און עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס וואָלטן געווען ניט צוויי באַזונדערע שטעט, נאָר צוויי באַזונדערע לענדער מיט באַזונדערע פּאָליטישע רעזשימען. אַן אַרבעט וואָס האָט אין ביאַליסטאָק געקענט

דורכגעפירט ווערן אַן שווער־קייטן און אַן גרויסער ריזיקע, איז אין וואַרשע געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן און מיט אַ גרויסער ריזיקע.

אַלס אילוסטראַציע וועל איך נעמען די אַרבעט פון פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס. געוויינלעך האָט אויך אין ביאַליסטאָק געקענט פּאַסירן, אַז דורך אַ צופאַל, וואָס מען קען קיינמאָל ניט פאַראויסזען, זאָל ווער פון די פּראָקלאַמאַציע־פאַרשפּרייטער אַרעסטירט ווערן. אָבער דאָס פאַרשפּרייטן גופא איז דורכגעפירט געוואָרן אָן שוועריקייטן. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס אין ביאַליסטאָק זיינען די אַרבעטער־קוואַרטאַלן — כאַנאַיקעס, פּיאַסקעס און אַנדערע באַשטאַנען מערסטנטייל פון קליינע הילצערנע הייזקעס. ניט אַלע האָבן געהאַט אַרום זיך אַרומגעצאַמטע הויפן. און דאָרט, וואו ס׳זיינען יאָ געווען הויפן, איז ביים טויער קיינער ניט געשטאַנען און נאָכגעקוקט יעדן, וואָס גייט אַריין און אַרויס. גאַנץ אַנדערש איז געווען אין וואַרשע. דאָ איז יעדער הויף געווען אַ פעסטונג. ווי נאָר עס איז צוגעפאַלן דער אָונט, האָט זיך דער סטרוזש אוועקגעזעצט ביים טויער און איז אָפּגעזעסן ביז 11 אזייגער ביינאַכט — ביזן פאַרשליסן דעם טויער. יעדער, וואָס איז אַריין אין הויף אָדער אַרויס, איז דורכגעשפּיזט געוואָרן פון זיינע בליקן. בכלל זיינען די סטרוזשעס ביז אַ געוויסן גראַד געווען שפּיאָנען, ווייל זיי האָבן געהאַט אַן אָנזאָג פון דער פּאָליציי אַכטונג צו געבן. די הויפן זיינען געווען גרויסע און ס׳זיינען געווען פיל דירות. ביים פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס האָבן עטלעכע פּערזאָן געדאַרפט אַריין אין הויף, אַרויפקלעטערן צום אויבערשטן שטאָק און נאָכדעם ביי יעדער טיר אויף אַלע שטאָקן אוועקלייגן די פּראָקלאַמאַציעס. מען האָט געדאַרפט אויסמאַרקירן, אַז אַלע זאָלן אַרויס פון הויף איידער די איינוואוינער האָבן דערזען, אַז מ׳האָט זיי באַזאָרגט מיט פּראָקלאַמאַציעס. כ׳פלעג די פאַרשפּרייטער באַוואונדערן. כ׳האָב זיי געהאַלטן פאַר אמתע קינסטלער.

אין מיין פּערזענלעכן לעבן האָט מיך וואַרשע ניט צופרידנגעשטעלט. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין דאָרט געווען, האָב איך זיך ניט דערוואָרבן קיין פּערזענלעכע אינטימע פריינט. ס׳איז אייגנטלעך ניט געווען קיין מעגלעכקייט פאַר דעם. דער קרייז אַרבעטער, מיט וועמען כ׳האָב זיך געטראָפן, איז געווען אַ באַגרענעצטער. און געטראָפן האָבן מיר זיך ניט אַלס פּערזענלעכע פריינט, נאָר אַלס אַקטיווע טוער אין דער באַוועגונג. אַלע געשפּרעכן און דיסקוסיעס האָבן זיך געפירט אַרום פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג. ווי אַזוי די אַלע פּערזאָנען לעבן זיך אויס אין זייערע היימען, וואָס זיינען זייערע

פערזענלעכע שטרעבונגען און אַמביציעס, האָב איך זייער ווייניק אָדער כמעט גאָרניט געוואוסט. צוליב דעם אַלעם האָב איך ניט געפילט, אַז װאַרשע איז מיין היים. אין מיין פרייער צייט האָב איך זיך געפילט איינזאַם און עלנט. די איינציקע גוטע זאַך איז געווען וואָס קיין צו־פיל פרייע צייט האָב איך ניט געהאַט.

בערך אין חודש מאַי (1903) האָט אונז דער צ. ק. געלאָזט וויסן, אַז דעם זומער וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ צוזאַמענפאָר (דער 5טער) און מיר זאָלן זיך צוגרייטן. דאָס האָט געמיינט — פּאַרטיק מאַכן אַ באַריכט וועגן דעם צושטאַנד פון דער אָרגאַניזאַציע, אויסקלייבן אין דער געהעריקער צייט די דעלעגאַטן און באַזאָרגן זיי מיט הוצאות. ער האָט אונז אויך אינפאָרמירט וואָס עס וועלן זיין די הויפּט־פּראָגעס, וואָס וועלן אויפן צוזאַמענפאָר באַהאַנדלט ווערן. מיר זיינען צוגעטרעטן צו דער צוגרייטונגס־אַרבעט. כדי צוצוגרייטן אַ באַריכט וועגן דעם צושטאַנד פון דער אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר געדאַרפט צונויפקלייבן מאַטעריאַל וועגן דער צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין פאַרשידענע פאַכן און אויך די אַלגעמיינע צאָל אין די באַטרעפנדע פאַכן; וועגן די באַציאונגען פון אונזער אָרגאַניזאַציע מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע פאַרטייען ; וועגן דער צאָל שטרייקן פאַר אַ געוויסן פעריאָד און וועגן דער צאָל שטרייקבדיקע ; וועגן דער אַרבעט צווישן דער אינטעליגענץ א. אַז. וו.. אין יוני האָט דער צ. ק. אונז אינפאָרמירט, אַז דער צו־זאַמענפאָר וועט פאָרקומען אין אויסלאַנד און יעדער דעלעגאַט דאַרף האָבן הונדערט רובל אויף הוצאות. די שטאָט וואַרשע האָט געשיקט צוויי דעלעגאַטן. פרידע (ראָזע לעוויט) איז געווען איינע, ווער עס איז געווען דער צווייטער, געדענק איך ניט. איך בין געווען אַ דעלעגאַט פון וואַרשעווער ראַיאָן.

די גרענעץ האָבן מיר געשמוגלט דורך ביאַליסטאָק. פון וואַרשע זיינען מיר אַרויסגעפאָרן פיר חברים : שמאַי דער וועבער (פון לאָדזש), איסר ראַבקין (פון דער געהיימער דרוקעריי), איך. וואָס שייך דעם פערטן, געדענק איך ניט ווער ער איז געווען. איך האָב אין ביאַליסטאָק געהאַט מיינעם אַ נאָענטן פריינט אַ שמוגלער (אברהם הערש דער וועבער). ווען איך בין אין 1898 געקומען אין ביאַליסטאָק, האָט ער געאַרבעט אין אַ פאַבריק און איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין וועבער־פאַך. צווישן די וועבער איז ער געווען זייער פּאָפּולער און האָט געהאַט אויף זיי אַ גוטן איינפלוס. אַ ביסל שפּעטער, צוליב פאַ־מיליע־אומגלעגנהייטן, האָט ער די אַרבעט אויפגעגעבן און איז גע־וואָרן אַ שמוגלער. איך האָב אים גאַנץ אָפט צוגעשטעלט פּאַסאַזשירן. איצט, קומענדיק אין ביאַליסטאָק, האָב איך מיינע חברים אַריינגע־

פירט צו העניע רחל דער פּאַפּיראָסן־מאַכערין און אַליין בין איך אַוועק צו אברהם הערשן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך און מיינע דריי חברים דאַרפן פאָרן אין אויסלאַנד און מיר גיבן זיך איבער אין זיינע הענט. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז פון זיין זייט וועט ער טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, אַז מיר זאָלן אַריבער די גרענעץ בשלום. מיר האָבן פאַר־בראַכט אין ביאַליסטאָק אַ פּאָר טעג. אויפן דריטן טאָג אין אָוונט האָט אברהם הערש אונדז אַוועקגעפירט צום וואָקזאַל. ער האָט געקויפט פאַר אונדז בילעטן צו אַ שטעטל, וואָס איז אַמנאַנטסטן צו דער דייטשער גרענעץ. פאַר זיך האָט ער געקויפט אַ בילעט בלויז צו דער ערשטער סטאַנציע. אין וואַגאָן איז געווען זיינער אַ קאָלעגע אַ שמוגלער, טאַקע פון דעם שטעטל, וואוהין מיר זיינען געפאָרן. אַנווייזנדיק אויף אונדז, האָט ער צו אים געזאָגט: — די פיר יונגעלייט פאָרן ביט קיין אַמעריקע. דו דאַרפסט זיי אָפּהיטן ווי דיין אויג אין קאָפּ און זען, אַז זיי זאָלן בשלום אָנקומען אין קעניגסבערג.

אין דעם גרענעץ־שטעטל זיינען מיר געקומען שפּעט ביינאַכט. דער שמוגלער האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ הויז, וואו מיר זיינען גע־ווען ביז אויף מאָרגן פאַרנאַכט. אַ הויכער, יונגער קריסט האָט אונדז דורך זייטיקע געסלעך צוגעפירט צום עק שטעטל און דאָרט אַריינ־געפירט אין אַ סאַראַי (שייער). דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַ גרופּע פון אַ 20 מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט מען זאָל זיי אַריבערפירן די גרענעץ. צו אונדזער איבעראַשונג האָבן מיר דאָ געטראָפן אַ גוטן באַ־קאַנטן — טל־ומטרן. מיר האָבן זיך שוין געהאַלטן צוזאַמען. ווען ס'איז געוואָרן גוט פינצטער, איז דער קריסט געקומען און געזאָגט מיר זאָלן אים נאָכגיין. אָפּגייענדיק אַ היפּשע שטרעקע, האָט זיך אונדזער פירער אָפּגעשטעלט און געהייסן וואַרטן. ער גייט באַקוקן דעם וועג און וועט באַלד זיין צוריק. מיר האָבן זיך געזעצט אויפן גראָז וואַרטן. באַלד איז ער צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז מיר דאַרפן דאָ אַ שטיקל וועג גיך דורכלויפן. — איך וועל לויפן פאַראויס און איר לויפט מיר נאָך, אָבער זעט איר זאָלט מיך ניט פאַרלירן, ווייל איך וועל זיך ניט אומקוקן. מיר זיינען געלאָפן אַ היפּשע שטרעקע און זיינען געווען גוט אויסגעמאַטערט, ווען דער שמוגלער האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פּראַצעדור פון אָפּשטעלן זיך און גיין באַקוקן דעם וועג האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו אַ גרובן. דאָס איז געווען די גרענעץ. אויף יענער זייט גרובן איז שוין געווען דייטשלאַנד. — דאָ וועלן מיר וואַרטן אַ פּאָר מינוט, האָט ער געזאָגט, און איז פאַרשוואונדן. טאַקע אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט צוויי

סאָלדאַטן פון דער גרענעץ־וואַך מיט ביקסן אויף די פּלייצעס. די סאָל־דאַטן האָבן אונז איבערגעציילט און נאָכדעם אַריבערגעוואָרפן אַ ברעט איבערן גרובן און אונז געהייסן גיין איבערן ברעט צו דער צווייטער זייט. ס'איז געווען גוט פינצטער און מען האָט געדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק מען זאָל ניט אַריינפאַלן. און מיט טל־ומטרן האָט עס טאַקע פּאַסירט. ווען ער איז געווען אין מיטן וועג, האָט ער פאַר־לוירן דעם גלייכגעוויכט און איז אַריינגעפאַלן אין גרובן. דער גרונט איז געווען טרוקן, אָן וואַסער, נאָר ס'איז געווען גאַנץ טיף און טל־ומטר, אַ קליינגעוויקסיקער, האָט נעבעך זיך ניט געקענט אַרויסבאַ־קומען אויף דער פלאַך. אַ סאָלדאַט איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט און מיט גרויס שוועריקייט אים אַרויסגעשלעפּט פון גרובן.

ניט ווייט פון גרובן איז געשטאַנען אַ גרויסער וואָגן געשפּאַנט מיט צוויי פערד. מיר האָבן זיך אַלע אַריינגעזעצט און זיינען אַוועק־געפאָרן. בערך אין אַ האַלבער שעה אַרום זיינען מיר צוגעפאָרן צו אַ קרעטשמע. אינעווייניק איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. מען איז געלעגן אויף בענק, אויף טישן און אויף דער פּאָדלאָגע. די לופט איז געווען געדיכט, מיר האָבן זיך אַריינגעקוועטשט און ווי ניט־איז איבערגעקומען די נאַכט. גאַנץ פרי האָט דער שמוגלער געוועקט דעם עולם צו פאָרן צו דער באַן־סטאַנציע. אין דרויסן זיינען געשטאַנען גרייט עטלעכע גרויסע וועגענער. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט און אַוועקגעפאָרן. ביי דער באַן־סטאַנציע איז געווען אַ גרויסער עולם. דער שמוגלער האָט אונז פינף אָפּגעטיילט פון די אַנדערע און אַריינ־געפירט אין וואָקזאַל פון ערשטער קלאַס און געזאָגט: — וואַרט דאָ צו, ביז אַ פרוי וועט נאָך אייך קומען. זי וועט אָנקלאַפּן אין פענצטער. ער איז אַוועק און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און באַ־שטעלט עפּעס צו טרינקען. באַלד האָבן מיר דערהערט אַ קלאַפּ אין פענצטער. מיר זיינען אַרויס און די פרוי האָט אונז אַוועקגעפירט צו איר אַהיים. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגערוט, אויסגעשלאָפן און אין אָוונט האָט אונז אַ מאַן אין אַ קאַרעטקע אַוועקגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע.

אויפן וואָקזאַל אין קעניגסבערג האָט אונז באַגעגנט רחמיאל ווייַנשטיין. מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף אַ צוג, וואָס גייט קיין בערלין, עטלעכע שעה. ווייַנשטיין האָט אונז געגעבן אַן אַדרעס אין בערלין צו פּאַוועל בערמאַן. אָן שוועריקייטן האָבן מיר, נאָכן אָנקומען אין בערלין, געפונען די וואוינונג פון פּאַוועל בערמאַן. דאָרט האָבן מיר געטראָפן נחן, וויטאלין (איסיי אייזענשטאַט). נח איז נאָך דעם זעלבן טאָג אַוועקגעפאָרן קיין ציריך. מיר זיינען פאַרבליבן אין בער־לין אַ צוויי־דריי טעג.

בײַ מיר איז עס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין אַרויסגעפאָרן אין אויסלאַנד. בערלין האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלטיקן אײַנדרוק. וואַרשע איז דאָך געווען אַ גרויסע שטאָט און אַ שיינע, אַ זויבערע, אָבער בערלין האָט שטאַרק איבערגעשטיגן וואַרשע אין אַלע הינזיכטן. צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך באַזוכט אַ קונסט־גאַלעריע, צום ערשטן מאָל בין איך איצט געווען אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן און געקענט זען און באַטראַכטן פון דער נאָענט די אַלע ווילדע, בלוטדורשטיקע חיות און אויך די מילדע, זעלטענע מינים. לאַנג אַרומוואַנדערן איבער בערלין האָב איך ניט געקענט. מ׳האָט געדאַרפט פאָרן קיין ציריך. אונזער גרופע איז אַרויסגעפאָרן אין דער ריכטונג פון דער שווייץ.

ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער שווייצאַרישער גרענעץ, בין איך ווידער געוואָרן פאַרגאַפט: איצט שוין ניט פון דער קונסט פון מענטשלעכע הענט, נאָר פון דער ווילדער, אָבער אין דער זעלבער צײַט וואונדערבאַר־שיינער נאַטור. פון באַשרײַבונגען האָב איך געוואוסט, אַז אין פאַרשידענע לענדער זײַנען דאָ זייער הויכע בערג און גאַנצע בערג־קייטן, אָבער ווי אַזוי דאָס זעט אויס אין דער ווירקלעכקייט, האָב איך געהאַט אַ שוואַכע פאָרשטעלונג. איצט, אַז איך האָב דערזען באַרג־קייטן, וואָס ציען זיך מײַלן לאַנג און אײַנצלנע אומגעהויער־הויכע בערג מיט שניי און אײַז־באַדעקטע שפּיצן, בין איך געוואָרן פאַרגאַפט. איך האָב זיך אויך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון דעם מענטשלעכן זשעני, ווען איך האָב דורך דעם וואַגאָן־פענצטער געזען, ווי דער צוג לויפט מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט בײַם סאַמע ברעג פון אַ זייער טיפן אָפּגרונט, וואו אַלע הײַזער, טראַמווייען, מענטשן, זעען אויס אַזוי קליין, ווי שפּילצײַג פאַר קינדער. און כ׳האָב געטראַכט וועגן דער פעאיקייט פון מענטש אַלץ אַזוי אויסצורעכנען און אײַנאָרדנען, אַז די גאַנצע באַן מיט די מענטשן זאָל זיך ניט איבערקוליען, אַראָפּפאַלן צום גרונט און צעשמעטערט ווערן.

אין ציריך אויפן וואָקזאַל האָט אונז אַ חבר באַגעגנט און אַוועקגעפירט אין אַ האָטעל. דאָס איז ניט געווען קיין לוקסוס־האָטעל, אָבער מוסטערהאַפט זויבער. איך האָב געוואוינט אין איין צימער מיט ישראל מיכל קאַפּלינסקי. איך בין געווען צופרידן צו האָבן אים פאַר אַ שכן. ער איז געווען אַ באַנטער חבר, אַ קלוגער מענטש און אַן אַקטיווער טוער אין דער באַוועגונג. וואָס קען זײַן בעסער? (וועגן זײַן טרויעריקער ראָל האָט דעמאָלט קיינער פון אונז נאָך קיין אַנונג ניט געהאַט).

מיט אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער האָט זיך דער צוזאַמענפאָר געעפנט. די זיצונגען האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אין פאַרשידענע קליינע

לאָקאַלן. וויפל דעלעגאַטן עס זיינען געווען אויפן צוזאַמענפאַר, געדענק איך ניט. איך וועל דאָ פאַרצייכענען די, וואָס איך געדענק, אַז זיי זיינען געווען: נח, מאַרק ליבער, איסיי אייזענשטאַט, רחמיאל וויינשטיין, יונה קאַיגען, פראַנץ קורסקי, באָריס פרומקין, אַבראַם באַנעוואור, מאַקס ראַבינאָוויטש (האַמעל), מיצקון, ישראל מיכל קאַפּלינסקי, די חברטעס מאַריע זשאַלודסקי, צביה הורוויטש, סאַשאַ ציפּקין און ראָזע לעוויט, טאַראַס (דוד כץ), שנייערסאָן (וויטעבסק), מאַקס ווינאָקור (בערדיטשעוו), אשפיז (מאַהילעוו), שמאי וויסענבלום (לאָדזש), איסר ראַבקין, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, טימאָפיי (צמח קאַפּעלזאָן), אַלעקסאַנדער קרעמער, זלמן דער בערשטער (זינגער), דזשאָן מילל, אהרן איזאַקסאָן, שלום לעווין. מעדעמען האָט דער צוזאַמענפאַר איינגעלאַדן אַלס דעלעגאַט מיט באַראַטונגס־רעכט.

דער צוזאַמענפאַר האָט געהאַט צו באַהאַנדלען זייער ערנסטע ענינים. צוויי הויפּט־פּראָגעס האָבן געהאַלטן דעם צוזאַמענפאַר געשפּאַנט די גאַנצע צייט, זיי זיינען געווען: וועגן דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם פון דער פאַרטיי.

טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיך געפירט לייד נשאַפטלעכע דעבאַטן אַרום דער פראַגע פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אַ טייל דעלעגאַטן האָבן געהאַלטן, אַז מען קען זיך פולקאָם באַגנוגענען מיט דער פאָדערונג פון פולער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס דער פערטער צוזאַמענפאַר האָט אָנגענומען. ווייל, האָבן זיי אַרגומענטירט, ביי פולער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג וועט ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. דעריבער איז ניט נויטיק אַרייננצושטעלן אין פּראָגראַם פון בונד די פאָדערונג פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אַ צווייטער טייל האָט געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז ניט ריכטיק, ווייל אַפילו ביי פולער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג זיינען אויך דאָ מעגלעכקייטן פאַר נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. דעריבער מוז דער בונד אָננעמען די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. יעדער צד האָט געבראַכט פאַרשידענע אַרגומענטן צו באַרעכטיקן און באַקרעפטיקן זיין שטאַנדפּונקט. ווען אַלע אַרגומענטן ביי בײדע צדדים זיינען שוין געווען אויסגעשעפּט, איז מען צוגעטרעטן צו דער אָפּשטימונג. ס׳האָט זיך באַקומען אַ מאָדנע סיטואַציע, קיין איין צד האָט ניט באַקומען קיין מערהייט. די שטימען האָבן זיך צעטיילט גלייך אויף גלייך. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער צוזאַמענפאַר נעמט ניט אָן אין דער פראַגע קיין באַשלוס און די דעבאַטן זאָלן אויסגעשטראָכן ווערן פון פּראָטאָקאָל

אזוי ווי די פראַגע וואָלט גאָרניט געווען אויף דער טאָג־אָרדנונג. דערביי האָט מען זיך פאַרשטענדיקט, אַז די פראַגע ווערט אָפּגעלייגט ביזן נאָענטסטן צוזאַמענפאָר.

גאַנץ אַנדערש זיינען געווען די דעבאַטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע־פאָרם פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי. אַלע זיינען געווען איינשטימיק מיט דער פאָרמולירונג, וואָס דער צ. ק. פון בונד האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די פּאַרטיי דאַרף זיין אָרגאַניזירט אויף פעדע־ראַטיווע יסודות און אַז דער בונד דאַרף פון דער פּאַרטיי אָנערקענט ווערן אַלס דער איינציקער פאַרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיט דעם זיינען אַלע געווען איינשטימיק. די דעבאַטן האָבן זיך געפירט נאָר וועגן די הנחות, וואָס די דעלעגאַציע פון בונד צום צווייטן פּאַר־טיי־צוזאַמענפאָר זאָל מאַכן, אויב דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר וועט זיין איינגעשפּאַרט און וועט ניט וועלן אָננעמען דעם פּראָיעקט אזוי ווי ער שטייט און גייט. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָגראַם־מינימום, וואָס ווייטער פון דעם קען די דעלעגאַציע ניט גיין. יעדער פּונקט פון פּראָיעקט איז דעבאַטירט און אָפּגעשטימט געוואָרן און ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון וולאַדימיר קאָסאָווסקי, נח, איסיי אייזענשטאַט, מאַרק ליבער און וולאַ־דימיר מעדעם. אַ זעקסטער איז געווען אַלעקסאַנדער קרעמער, ווע־מען מ'האָט איינגעלאַדן צום צוזאַמענפאָר אַלס מיטגליד פון ערשטן צ. ק. פון דער ר.ס.ד.א.פּ.. ווי באַוואוסט, האָט דער פּאַרטיי־צוזאַמענ־פאָר אָפּגעוואָרפן אפילו דעם מינימום־פּראָיעקט. דער בונד האָט צוליב דעם פאַרלאָזט די פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך גופא געשפּאָלטן אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס.

דער 5טער צוזאַמענפאָר פון בונד האָט אָנגענומען אַ ריי רע־זאָלוציעס וועגן די אַנדערע פראַגעס פון טאָג־אָרדנונג. נאָך אַן אָנ־געשטרענגטער אַרבעט פון צען טעג האָט זיך דער צוזאַמענפאָר גע־שלאָסן.

צוריק אין רוסלאַנד בין איך געפאָרן מיט אַן אַנדערן וועג, צוזאַמען מיט טל־ומטרן. איינער פון אויסלענדישן קאָמיטעט האָט אונז גע־געבן אַן אַדרעס און אַ פּאַראָל צו אַ שמוגלער אין אַ גרענעץ־שטעטל פון דייטשלאַנד. ביי דעם שמוגלער האָבן מיר געוואָרט צוויי אָדער דריי טעג. אין מיטן טאָג האָט ער מיט אונז צוגעשפּאַצירט גאַנץ נאָענט צו דער גרענעץ און איבערגעגעבן צו אַ סאָלדאַט פון דער גרענעץ־וואַך. דער סאָלדאַט האָט אונז צוגעפירט צו אַ שמאָלן און פלאַכן וואַ־סער־שטראָם. דאָס איז געווען די גרענעץ. ער האָט אויסגעקליבן אַן אָרט, וואו דער שטראָם איז געווען אַמשמאָלסטן, האָט אַריבערגעלייגט

אַ ברעט און מיר זיינען אַריבער אויף דער רוסישער זייט. אין דער־בייאיקן וועלדל האָט אויף אונז געוואַרט אַ ייד מיט פערד און וואָגן. ער האָט אונז אַוועקגעפירט אין שטעטל צו אַ מלמד אין הויז, וואו מיר האָבן איבערגענעכטיקט. פון דאָרט בין איך דורך סוואַלק געפאָרן אין וואַרשע.

די רעזאָלוציעס פון צוזאַמענפאָר, געשריבן אויף זייער דינעם פאַפיר, האָב איך געהאַט איינגענייט אין מיין רעקל. קומענדיק איצט קיין וואַרשע, האָב איך געדאַרפט האָבן אַ פּלאַץ, וואו איך זאָל קענען אָפּהעקטאָגראַפירן די רעזאָלוציעס און פאַנאַנדערשיקן איבערן ראַיאָן. איך האָב אויך געדאַרפט האָבן אַ צימער פאַר זיך צו וואוינען. איך האָב געטראָפן מיינעם אַ באַקאַנטן, אַ בחור פון דער באַוועגונג און ביי אים געפרעגט אפשר ווייס ער וואו איך קען קריגן אַ פּאַסיקן צימער צו דינגען. — ווען אַ צימער ווייס איך ניט, האָט ער געזאָגט, אָבער ביז איר וועט קריגן אַ צימער קאָנט איר נעכטיקן ביי מיר. און דערביי האָט ער צוגעגעבן: — איך זאָג נעכטיקן, ווייל בייטאָג וועט איר דאָרט ניט קענען זיין. דאָס איז אַ וואוינונג פון באַלעבאַטים, וואָס זיינען אויף דאַטשע. דער באַלעבאָס קומט אַלע טאָג אין זיין געשעפט און ער קומט אויך אַריין אין דער וואוינונג צו זען צי אַלץ איז אין אָרדנונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער טאָר ניט געפינען דאָרט קיין פרעמדן מענטשן. איך האָב ביי אים געפרעגט, צי איך וועל קענען דאָרט עפעס אָפּהעקטאָגראַפירן. — ביינאַכט וועט איר קענען טאָן וואָס איר ווילט, איז געווען זיין ענטפער. כ׳האָב זיין פאָרשלאָג גערן אָנגענומען.

כ׳האָב איינגעקויפט די נויטיקע מאַטעריאַלן פאַרן העקטאָגראַף און מיר זיינען אַוועק אַהיים. דאָרט האָב איך אַרויסגענומען די רע־זאָלוציעס פון דער באַהעלטעניש און האָב זיי מיט העקטאָגראַפישער טינט איבערגעשריבן אויף אַ גרויסן בויגן פאַפיר. איך האָב צוגעגרייט דעם העקטאָגראַף און אַרויפגעפרעסט דעם אָריגינאַל. אָבער ווען איך האָב אין עטלעכע מינוט אַרום אַרונטערגענומען דעם אָריגינאַל, האָב איך געהאַט אַ ביטערע אַנטוישונג. די טינט איז געווען צעגאָסן אי־בערן העקטאָגראַף און ס׳איז גאָרניט אַרויס. די גאַנצע אַרבעט איז געווען אַרויסגעוואָרפן. איך בין יענע נאַכט געשלאָפן ניט מער ווי צוויי שעה. די צווייטע נאַכט האָב איך ווידער געאַרבעט אויפן העקטאָגראַף און דער רעזולטאַט איז געווען דער זעלבער, וואָס פאַריקע נאַכט. איך בין געווען פאַרצווייפלט. אין דער נאַכט בין איך אויך קוים־קוים געשלאָפן. אין דער דריטער נאַכט האָב איך שוין געהאַט מזל, אַלץ איז אַרויס אויסגעצייכנט. איך האָב אַרונטערגעצויגן די נויטיקע

ביינוש מיכאַלעוויטש



נח (לינקס) און ב. וולאַדעק

איסאי אייזענשטאַט

מאַרק ליבער

סענדער, זעלדאָוו־ניעמאַנסקי

סינאַי יאַקאָבי

סאָלאָמאָן מאַרגאָלין

אייזיק אַלטער



מאָטקע געווער



הירשקע פאַרבער

צאָל עקזעמפּליאַרן און פאַנאַנדערגעשיקט איבערן ראַיאָן. פון ניט שלאָפן די דריי נעכט בין איך געווען אינגאַנצן אויסגעשעפּט. איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. ערגעץ אין אַ פּאַרק, זיצנדיק אויף אַ באַנק, האָב איך געכאַפּט אַ לייכטן דרעמל. אָבער דאָס האָט מיר ווייניק געהאָלפן. בייטאָג בין איך אַוועק אין רעסטאָראַן פון מאַ־טאַלסקיס עלטערן אויף דזשיקע גאַס און האָב דאָרט פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה. ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, איז אַרייַנ־געקומען ליפּשיץ. ער איז דוכט זיך געווען אַ פּריוואַטער לערער, אַן אינטעליגענטער בחור און האָט זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג. איך בין ווייטער געבליבן זיצן. ריידנדיק מיט אים, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין אַ טויטער מענטש און אים דערציילט, אַז די לעצטע דריי נעכט בין איך כמעט ניט געשלאָפן. — קומט צו מיר, האָט ער געזאָגט, איר וועט זיך ביי מיר קענען אויסשלאָפן. ער האָט איך געהאַט אַ דירה פון באַלעבאַטים, וואָס זיינען געווען אויף דאַ־טשע. מיר זיינען באַלד אַוועק צו אים אַהיים. ווי נאָר דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן און בין טאַקע פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף.

אין מיטן דער נאַכט האָט מען מיך פון שלאָף אויפגעריסן. איך האָב דערזען לעבן זיך זשאַנדאַרמען און פּאָליציי. אַ פּאַספּאָרט האָב איך געהאַט ביי זיך אויפן נאָמען פון ריוולין. דאָס איז אָבער געווען אַ פאַלשיווקע. האָב איך באַשלאָסן אָנצורופן זיך מיטן נאָמען אברהם פּרומאָווסקי. דער פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון פּרומאָווסקי איז געווען, ווי מיר פלעגן דאָס רופן, אַן אייזערנער און אויף דעם פּאַספּאָרט בין איך געווען אַרעסטירט אין 1902 אין ביאַליסטאָק. אַן אָקאָלאָדאָטשניק האָט מיך אַרויסגעפירט פון הויז. ביים טויער איז געשטאַנען אַ דראָזש־קע. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט און אַוועקגעפאָרן. איך האָב באַלד געזען אַז מען פירט מיך ניט אין פּאַוויאַק. מיר זיינען געפאָרן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. אַפּאָרנדיק אַ היפּשע שטרעקע, האָט זיך די דראָזשקע פאַרקערעוועט אויף אַ זייטיקן וועג און מיר זיינען אַריינגעפאָרן אַזוי ווי אין אַ גרויסן פּאַלוואַרק. דער גאַנצער שטח איז געווען העל באַלויכטן. אויף אַ געוויסן פּלאַץ האָב איך דערזען אויס־געלייגט אַ סך קאַנאָנען־קוילן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר זיינען אין ציטאַדעל.

אין קאַנצעלאַריע האָט מיך אויפגענומען דער נאַטשאַלניק. ער איז מיט מיר שענל פאַרטיק געוואָרן און געהייסן אַ זשאַנדאַרם מיך אַוועקפירן. דער זשאַנדאַרם איז אַוועק פאָראויס, איך נאָך אים און הינטער מיר איז געגאַנגען אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס. מ'האָט מיך גע־

פירט טרעפּ אַרונטער, טרעפּ אַרויף, ביז מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ קאָרידאָר, צוגעפירט צו אַ טיר מיט אַ נומער 14, אַריינגעלאָזט אינעווייניק און צוריק פאַרשלאָסן. דער צימער איז געווען שוואַך באַלויכטן. ביי אַ וואַנט איז געשטאַנען אַ בעט, פאַרשפּרייט מיט אַ דעקע. איך בין נאָך אַלץ געווען שלעפעריק און איך בין באַלד אַריין אין בעט און איינגעשלאָפן. ס'איז שוין געווען אַ שטיק אויף טאָג, ווען די טיר האָט זיך געעפנט און אַ סאָלדאַט האָט אַריינגעטראָגן מיין פרישטיק. איך בין באַלד אַראָפּ פון בעט, זיך אַרומגעוואַשן און זיך דערפילט דערפרישט און אויסגערוט. אָפּגעגעסן פרישטיק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קרוזשקע טיי, דריי שטיקלעך צוקער און צוויי ווייסע באַטעמטע זעמל, האָב איך גענומען באַטראַכטן מיין ביי̆ע וואוינונג. די קאַמער איז געווען אַ גאַנץ גרויסע, דער סופיט זייער הויך, אַ גרויס פענצטער, פאַרשטייט זיך, מיט אייזערנע קראַטעס. די שויבן זיינען געווען פון גערונצלטן גלאָז און מ'האָט גאַרניט געקענט זען וואָס דרויסן טוט זיך. אַחוץ דעם בעט איז אין קאַמער געשטאַנען אַ טיש און אַ טאַבורעט. עס האָט געפעלט די טראַדיציאָנעלע פּאַראַשע, וואָס איך האָב געזען אין אַלע טורמעס, וואו מיר איז אויסגעקומען צו זיצן. דאָ איז אין קאָרידאָר געווען אַ קלאָזעט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אַ ווילע האָב איך אַרומגעשפּאַצירט איבער דער קאַמער, אָפּגעשטעלט זיך ביי דער וואַנט פון דער שכנותדיקער קאַמער, אַנגעשטרענגט צוגעהערט זיך צי דאָרט געפינט זיך עמיצער, אָבער קיין שאָרך. איך האָב אָנגעקלאַפּט, קיין שום ענטפער. דאָס זעלבע ביי דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. הייסט עס, אַז איך בין פולשטענדיק איזאָלירט. אין קאָפּ האָב איך געפילט אַ פוסטקייט, וועגן קיין זאַך האָב איך ניט געקענט טראַכטן. ביי טאָג האָט ווידער אַ סאָלדאַט אַריינגעטראָגן עסן. דאָס איז געווען דער הויפּט־מאָלצייט און איז באַשטאַנען פון אַ באָרשטש, פאַרוויסט מיט אַ סך סמעטענע און אַ היפּש שטיק פלייש, אויסער דעם אַ קאָטלעט מיט קאַשע. דאָס עסן איז געווען געשמאַק און רייך. די מכשירים צום עסן זיינען אויך געווען פון אַ בעסערן סאָרט: אַ גרויסער זילבערנער לעפל און אַ גאָפּל. אין אָוונט זיינען אין קאַמער אַריינגעקומען דער נאַטשאַלניק מיטן וואַכמיסטער. דער נאַטשאַלניק האָט געפרעגט צי איך דאַרף עפּעס. — איך וואָלט געוואָלט קריגן אַ בוך צום לייענען, האָב איך געענטפערט. לייענט איר פּויליש? האָט ער געפרעגט. — ניין, רוסיש, האָב איך געענטפערט. דער וואַכמיסטער האָט עס פאַרשריבן און זיי זיינען אַוועק.

אין משך פון עטלעכע טעג איז אָנגעגאַנגען די זעלבע רוטין, נאָר איך האָב זיך שוין ניט געלאַנגווייליקט ווי דעם ערשטן טאָג. איך

האָב געהאַט וואָס צו לייענען. אין אַ געווויסן טאָג איז געקומען אַ זשאַנדאַרם און מיך גערופן גיין מיט אים. ער האָט מיך געפירט דורך אַ גאַנצן לאַבירינט קאָרידאָרן און אין דעם לעצטן קאָרידאָר האָט ער געעפנט אַ טיר און אַריינגעלאָזט מיך אין אַ צימער. דאָרט איז געשטאַנען אַ הויכער מאַן מיט אַן אימפּאָזאַנטער פיגור, אויסגעפּוצט אין אַ פראַק. אויפן טיש איז געלעגן זיין צילינדער און אַ פּאָר ווייסע הענטשקעס. — זיצט, האָט ער געזאָגט, ווייזנדיק אויף אַ שטול. איך בין דער נאַטשאַלניק פון וואַרשעווער אָכראַנע, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט. נאָכדעם האָט ער געהאַלטן פאַר מיר אַ לעקציע מיט בערך פאָלגנדיקן אינהאַלט: דערווייל שטעלן מיר ניט אַרויס קעגן אייך קיינע באַשולדיקונגען. מיר האַלטן, אַז ווען איינער גייט אַראָפּ פון גלייכן וועג און ווערט שעדלעך פאַר דער פּאָליטישער אָרדענונג אין לאַנד, איז אונזער אויפגאַבע ניט צו כאַפּן און באַשטראָפן, נאָר צו מאַכן אים אומשעדלעך. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וועלכע מען קען מאַכן אומשעדלעך דורך פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע, יענע גיבן מיר איבער צו די געהעריקע אינסטאַנצן. אָבער ווער עס האָט שכל, קען ווערן אומשעדלעך און אַפילו נוצלעך, אויב ער איז וויליק צו קאָאָפּערירן מיט אונז. איך מיין מיטאַרבעטן מיט אונז. דאָ האָט ער זיך אַ ווײלע אָפּגעשטעלט און נאָכדעם אַ פרעג געטאָן: — איז וואָס זאָגט איר? — איך זאָג גאָרניט, גאָרניט, האָב איך געענטפערט. ער האָט אַריינגערופן דעם זשאַנדאַרם און געהייסן אָפּפירן מיך צוריק אין קאַמער.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך געהערט ווי די טיר פון דער צווייטער קאַמער האָט זיך געעפנט. מען האָט עמעצן אַריינגעלאָזט און פאַרשלאָסן. אַ ווײלע שפּעטער — אַ קלאַפּ אין וואַנט. איך האָב געענטפערט. נאָר צוויי ווערטער: מיין נאָמען, האָט די פּערזאָן פון יענער זייט וואַנט אויסגעקלאַפּט. די טיר האָט זיך געעפנט און איך האָב געהערט ווי דער זשאַנדאַרם זאָגט, אַז מען טאָר ניט קלאַפּן אין וואַנט און צוריק פאַרשלאָסן. אין אַ צייט אַרום האָט די פּערזאָן פון יענער זייט וואַנט ווידער אויסגעקלאַפּט צוויי ווערטער: אַנאַ ריין. איך האָב שוין געוואוסט ווער מיין שכן איז, כ׳האָב זי געקענט פון מינסק. כ׳האָב שוין געוואָלט לאָזן איר וויסן ווער איך בין, אָבער מ׳האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערטראָגן דעם אונטער-מאַלצייט איבער די קאַמערן. נאָכדעם איז דער נאַטשאַלניק מיטן וואַכמיסטער דורכגעגאַנגען די קאַמערן. ווען זיי זיינען אַוועק, איז צו מיר אין קאַמער אַריינגעקומען אַ זשאַנדאַרם מיט אַ סאָלדאַט און זיי האָבן מיין בעט אַוועקגעשטעלט ביי דער וואַנט פון דער ליידיקער קאַמער. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן אין דער קאַמער פון אַנאַ ריין. אַלזאָ מיר האָבן גע־

מוזט לאָזן דאָס איבערקלאַפּן זיך אויף מאָרגן. אינדערפרי ווען איך בין אַרויס פון וואַש־צימער און געוואָלט גיין אין מיין קאַמער, האָט מיר דער סאָלדאַט פאַרשטעלט דעם וועג און אָנגעוויזן צו גיין אין דער פאַרקערטער ריכטונג. ער האָט מיך צוגעפירט צום סאַמע סוף פון קאָרידאָר און אַריינגעלאָזט אין דער לעצטער קאַמער. מיינע זאַכן זיינען שוין געווען אַריבערגעבראַכט אַהער. אין מיין נייער קאַמער בין איך ווידער געווען פולשטענדיק איזאָלירט, ווייל פון איין זייט איז די נאָענטסטע קאַמער פון מיינער געווען אַ ליידיקע און פון דער אַנדערער זייט איז די וואַנט אַרויסגעקומען צום דרויסן.

נאָך איידער איך בין אַרעסטירט געוואָרן זיינען מיינע שיך געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זיי האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי פאַרבייטן מיט נייע און איך האָב זיך טאַקע געקליבן צו קויפן אַ פּאָר נייע שיך. אָבער איידער איך האָב זיך אויסגעקליבן האָט מען מיך אַרעסטירט. דאָ אין טורמע, כל־זמן עס איז געווען וואַרעם און טרוקן (מען האָט מיך אַרעסטירט אין מיטן אויגוסט), האָט מיר ניט געאַרט דער צושטאַנד פון מיינע שיך און איך האָב וועגן דעם אינגאַנצן פאַרגעסן. אָבער סוף אָקטאָבער אָדער אָנהויב נאָוועמבער האָט אָנגעהויבן רעגענען. איינמאָל, ווען איך בין געקומען פון פּראָגולקע, זיינען מיינע שיך געווען פול מיט וואַסער. גראָד האָט געדרעגנט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און ווען מען איז געקומען מיך רופן אויף פּראָגולקע, האָב איך זיך אַנטזאָגט צו גיין. דערוויסנדיק זיך, אַז איך גיי ניט אויף פּראָגולקע האָט דער וואַכמיסטער געמיינט, אַז דאָס טו איך אַלס פּראָטעסט קעגן עפּעס אַן עוולה, וואָס מען באַגייט קעגן מיר. איז ער געקומען פרעגן וואָס איך פאַרלאַנג. איך האָב אים דערציילט דעם אמת. ער האָט מיר אָנגעבאָטן אַ פּאָר קאַזיאָנע שיך, כאָדאַקעס, האָט מען עס גערופן אויפן טורמע־לשון. איך האָב זיך פון דעם אָנטזאָגט. כ׳האָב געטראַכט: ס׳גייט צו ווינטער. ס׳וועט אָנהויבן שנייען און איך וועל אַ לאַנגע צייט ניט קענען אַרויסגיין פון קאַמער. כ׳האָב כסדר געטראַכט ווי אַזוי צו באַקומען אַ פּאָר שיך. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין ביאַליסטאָק וואוינט מיינע אַ גוטע באַקאַנטע, שרהקע פּינצאָוו, די שוועסטער פון מיין חבר בערל פּינצאָוו. איך האָב אַוועקגעשיקט צו איר אַ בריוו און געבעטן זי זאָל מיר שיקן אַ פּאָר שיך. מיר איז ניט אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך באַקומען צוגעשיקט אַ פּאָר שיך, צוויי רוסישע ביכער (איינס איז געווען קאַרל קאַוטסקיס די אַגראַר־פראַגע) און אַ געוויסע סומע געלט. אויב דאָס וואָרט גליקלעך קען אָנגעווענדט ווערן צו אַ מענטשן, וואָס זיצט פאַרשפּאַרט אין טורמע, בין איך פון דער מתנה געווען

זייער גליקלעך. אַ קלייניקייט, איך האָב דאָך אַרײַנבאַקומען אַ גאַנצן אוצר און אַחוץ דעם איז עס דאָך אַ שטיקל קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. אייגנטלעך זײַנען איצט מײַנע פּערזענלעכע פּראָבלעמען געווען געלייזט און איך האָב געקענט רואיק זיצן און וואַרטן.

נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעזעסן אַן ערך 6 חדשים, אפשר עטוואָס מער, איז געקומען דער געהילף־פּראָקוראָר און געמאָלדן, אַז מײַן אויספאָרשונג איז פאַרענדיקט. אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען דער נאַטשאַלניק און געפרעגט צי איך וואָלט וועלן וואוינען מיט נאָך עמיצן אין אַ קאַמער. דערביי האָט ער מיר דערציילט פאָלגנדעס: ער האָט אַ קאַמער, וואָס איז אײַנגעאָרדנט פאַר צוויי מענטשן. ביז מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן דאָרט געוואוינט אַן אָפיצער און אַ ציווילער, אָבער זיי האָבן זיך כסדר אַרומגעקריגט און פלעגן מאַכן סקאַנדאַלן, האָט ער דעריבער דעם אָפיצער טראַנספּערירט אין אַן אַנדער קאַמער. אויב איך וויל, קען איך פאַרנעמען דעם אָפיצערס פלאַץ. איך האָב דעם פאָרשלאָג גערן אָנגענומען און נאָך דעם זעלבן טאָג האָט מען מיך אַריבערגעפירט. מײַן שכן איז געווען אַ יונגער בחור, אַ פּאָליאַק. ער האָט פאַרמאָגט אַן אינטעליגענטן סימפּאַטישן פּנים און געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק. מיר האָבן זיך באַלד גוט אײַנגעלעבט און די גאַנצע צײַט, וואָס מיר זײַנען געווען צוזאַמען, האָט געהערשט צווישן אונדז פרידן און האַרמאָניע. זײַן נאָמען געדענק איך ניט, איך געדענק אויך ניט צו וועלכער פּאַרטיי ער האָט געהערט. לאַנג איז ער מיט מיר ניט געווען, ניט מער ווי אַ חודש, מ'האָט אים אַוועקגעשיקט אין אַן אַנדערער שטאָט. איך בין געבליבן אין דער קאַמער אַליין. אין עטלעכע טעג אַרום בין איך קראַנק געוואָרן. איך האָב באַקומען דייעריע (שילשול) אין אַ שאַרפער פאָרם. דער דאָקטאָר איז געקומען, ער האָט מיר געגעבן אַ מעדיצין, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. איך האָב ניט געקענט פאַרדייען דאָס עסן און איך בין געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט. איך האָב דאָס געזאָגט דעם דאָקטאָר, ווען ער איז נאָך אַמאָל געקומען צו מיר, כ'האָב אים געבעטן ער זאָל מיר פאַרשרײַבן אַ דיעטע און מען זאָל מיר צושטעלן דאָס עסן פון שפּיטאָל. דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט דער נאַטשאַלניק. ער האָט געזאָגט: — ס'איז ניט אַזוי לײַכט, ווי איר שטעלט זיך פאָר. צו באַקומען עסן פון שפּיטאָל דאַרף מען האָבן אַ דערלויבעניש פון קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג. אָבער אויב אַפילו איר וועט האָבן מזל און דער קאָמענדאַנט וועט די דערלויבעניש געבן, וועט עס דויערן ניט ווייניקער ווי אַ חודש, וואָס־זשע וועט איר טאָן אין משך פון דעם חודש? — אויב אַזוי, האָב איך געזאָגט, בין איך געצוואונגען זיך אינגאַנצן אָפּצוזאָגן פון

עסן, איך הויב אָן אַ הונגער־שטרייק. — אויב איר וועט אַרויס אין אַ הונגער־שטרייק, האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט, וועל איך אייך אײַ־בערשיקן אין פּאַוויאַק. דאָרט וועט איר ערשט זען וואָס עס הייסט שלעכט עסן. איך האָב אים געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז איך האָב ניט געזאָגט, אַז דאָס עסן איז שלעכט, פֿאַרקערט, כּל־זמן איך בין געווען געזונט, בין איך געווען פֿולקאָם צופֿרידן מיטן עסן. ס׳איז נאַרהאַפֿט און געשמאַק, אָבער איך בין אַ קראַנקער מענטש און פֿאַר מיר איז דער סאָרט עסן שעדלעך. ער האָט מיר גאָרניט געזאָגט און גענומען גיין צום טיר. איך האָב אים אויף אַ מאָמענט אָפּגעשטעלט און גע־זאָגט: — הער נאַטשאַלניק, איך מאַך אייך אָן אָפֿיציעלע מעלדונג, אַז איך הויב אָן אַ הונגער־שטרייק. ער איז אַוועק.

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער איז אַריינגעקומען דער וואַכמיסטער און געזאָגט, אַז פֿון מאָרגן אָן וועט מען פֿאַר מיר צוגרייטן עסן אין דעם נאַטשאַלניקס קיך. הייגט, אויב איך וויל, וועט ער מיר צושיקן וואַרעמע מילך מיט זעמל. איך בין געווען צופֿרידן און פֿון צווייטן טאָג אָן האָט מען מיר אָנגעהויבן ברענגען פֿאַרשידענע מילכיקע פּאַטראַוועס און איך האָב זיך געפֿילט אַ סך בעסער. איין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען דער דאָקטאָר פֿרעגן ווי איך פֿיל זיך און ווי דער נייער סאָרט עסן ווירקט אויף מיר. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך פֿיל זיך בעסער. דעם מין עסן איז מיר לייכטער צו פֿאַרטראָגן, אָבער אין אַלגעמיין פֿיל איך זיך קראַנק, איך בין זייער אָפּגעשוואַכט. — איך ווענד מיך דעריבער צו אייך, האָב איך געזאָגט, אפֿשר איז מעגלעך, אַז אויסער דער דיעטע זאָלט איר אַלס דאָקטאָר קורירן מיין קראַנקייט מיט מעדיצינען און מאַכן מיך פֿאַר אַ געזונטן מענטשן? גראָד איז אין דעם מאָמענט דער נאַטשאַלניק אַרויס אין קאָרידאָר און דער דאָקטאָר האָט צו מיר געזאָגט: — הער פּרומאָווסקי, איך וועל זיין מיט אייך גאַנץ אָפֿנהאַרציק. איר זענט אַ קראַנקער מענטש, איר האָט אַ כראָנישן מאָגן־קאַטאַר. מיט אָן ערנסטער קוראַציע קען מען אייך אויסהיילן און איר קענט ווערן פֿולקאָם געזונט, אָבער דאָס קען געטאָן ווערן נאָר אויף דער פֿריי, דאָ קען איך אייך קיין ערנסטע קוראַציע ניט געבן, דאָ קען איך אייך בלויז פֿון צייט צו צייט געבן עפּעס צו פֿאַרלייכטערן אייך די ליידן. מיט דעם האָט זיך דער שמועס געענדיקט.

דער דאָקטאָר איז געווען אַ יונגער אָפֿיצער, וואָס האָט געדינט אין גאַרניזאָן פֿון דער פֿעסטונג. ווען איך דערמאָן זיך דאָס אַלץ און פֿאַרגלייך ווי אַזוי מען האָט באַהאַנדלט פּאָליטישע קעגנער אין צאַ־רישן רוסלאַנד און ווי אַזוי די הערשער פֿון היינטיקן רוסלאַנד באַ־האַנדלען זייערע קעגנער, ווער איך אויפֿגעשוידערט. דער ווייטיק

ווערט נאָך גרעסער צוליב דעם, וואָס די הערשער ריידן און האַנדלען כלומרשט אין נאָמען פון יושר און גערעכטיקייט, כלומרשט אין נאָמען פון סאָציאַליזם.

דער דראַנג צו ווערן געזונט איז ביי מיר געווען זייער שטאַרק. האָבנדיק דעם דיאַגנאָז פון דאָקטאָר, אַז געזונט קען איך ווערן נאָר זייענדיק אויף דער פריי, האָב איך כסדר געטראַכט וואָס קען איך טאָן, כדי באַפרייט צו ווערן. פאָדערן ביי דער זשאַנדאַרמעריע מען זאָל מיך באַפרייען צוליב קראַנקייט, האָב איך פאַרשטאַנען, האָט קיין זין ניט, ווייל איך האָב ניט מיט וואָס צו באַקרעפטיקן מיין פאָדערונג. אַזוי טראַכטנדיק, איז מיר אַרויפגעקומען אַ געדאַנק צו פרובירן אַן אַנדער וועג אַרויסצוקומען אויף דער פריי. איך האָב אַוועקגעשיקט אַ ביטע צום פּראָקוראָר, אין וועלכער איך האָב אָנגעוויזן, אַז אַזוי ווי איך בין קראַנק און אין טורמע קען איך ניט געזונט ווערן, און אַזוי ווי מיין אויספאָרשונג איז שוין פאַרענדיקט, בעט איך מען זאָל מיך אַרויסשיקן קיין סיביר און ניט וואַרטן אויף דעם אורטייל.

בערך אין אַ וואָך אַרום האָב איך באַקומען אַן ענטפער פון פּראָ־קוראָר, אַז מיין בקשה האָט ער איבערגעשיקט צום יוסטיץ־מיניסטער. אַ וואָך שפּעטער האָט מען מיר געלאָזט וויסן פון יוסטיץ־מיניסטעריום, אַז מיינע פּאַפּירן זיינען איבערגעשיקט געוואָרן צום אינערן־מיניסטער און פון דאָרט האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז מיינע פּאַפּירן זיינען איבערגעשיקט געוואָרן צום פּאָליציי־דעפּאַרטמענט. דאָ איז עס גע־בליבן שטעקן.

אין יענער צייט איז דער שכן פון מיין קאַמער געווען אַ יידישער בחור, אַ בונדיסט. מיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט און איך האָב ניט שטאַרק געזאָרגט וואָס מיינע פּאַפּירן האָבן זיך פאַרהאַלטן אין פּאָליציי־דעפּאַרטמענט. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל שוין דאָ בלייבן זיצן אין ציטאַדעל ביזן אורטייל. אָבער אין אַ צוויי אָדער דריי וואָכן שפּעטער איז געקומען אַ זשאַנדאַרם און געזאָגט איך זאָל צונויפנעמען די זאַכן און גיין מיט אים אין קאַנצעלאַריע. דאָרט האָט מען מיר געזאָגט, אַז לויט אַ פאַראָרדענונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט וועל איך באַפרייט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט ביזן אורטייל. אַ זשאַנ־דאַרם האָט מיך צוגעפירט צו דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג, וואו איך האָב געדאַרפט באַקומען אַ דאָקומענט צו קענען וואוינען אין וואַרשע. דער פּריסטאַוו האָט מיר געזאָגט, אַז נאָכן דאָקומענט זאָל איך קומען אין עטלעכע טעג אַרום. דערווייל האָט ער געהייסן אַ פּאָליציאַנט ער זאָל מיך צופירן צו אַ הויז פון מעבלירטע צימערן און זאָגן דעם באַ־לעבאָס, אַז ער קען מיך איינמעלדן.

נאָכן איבערנעכטיקן בין איך אַרויס פֿון הויז דעם ערשטן מאָל נאָך עלף חדשים אָן אַ שומר. איך בין אַוועק אויף דזשיקע גאַס צום רעסטאָראַן פֿון מאַטאַלסקיס עלטערן (אַהין פֿלעגן אַרייַנקומען בונדישע טוער). דאָרט איז שוין אָבער קיין שפּור ניט געווען פֿון אַ רעסטאָראַן. קיינער, ביי וועמען איך האָב געפֿרעגט, האָט קיין אַנונג ניט געהאַט וואוהין דער רעסטאָראַן האָט זיך אַריבערגעקליבן. איך האָב אַרומ־געבראָדזשעט איבער די גאַסן און טיף אייַנגעאָטעמט די פֿרישע לופֿט. מיטאַמאָל איז אין גאַס געוואָרן אַ מוראדיקער טומל. יינגלעך און דער־וואַקסענע זייַנען אַרומגעלאָפֿן און געשריגן: — עקסטראַ! עקסטראַ! און מענטשן האָבן דאָס געכאַפּט ווי מצה־וואַסער. איך האָב אויך גע־קויפֿט אַן עקסטראַ. אויף אַ קליינעם בויגן פּאַפּיר איז געווען אָפּגע־דרוקט מיט גרויסע בוכשטאַבן: דער אינערן־מיניסטער פּאַן פּלעווע איז דערהרגעט געוואָרן פֿון אַ באָמבע, וואָס מען האָט אויף אים גע־וואָרפֿן. ביט קיין שלעכטע נייס, האָב איך געטראַכט, און ווייטער זיך אַרומגעדרייט איבער די וואַרשעווער גאַסן. ווען איך בין שוין געוואָרן גוט פֿאַרמאַטערט, בין איך אַוועק אַהיים. אַ טאָג שפּעטער האָב איך ווידער אַרומשפּאַצירט איבער די וואַרשעווער גאַסן און פֿאַרנאַכט בין איך אַוועק אויף דזשיקע גאַס צו דער בונדישער בירזשע. געמיינט, אַז איך וועל דאָ טרעפֿן באַקאַנטע, אָבער איך האָב קיין באַ־קאַנטע פּנימער ניט באַמערקט. אַזוי האָב איך זיך אַרומגעדרייט אי־בער וואַרשע עטלעכע טעג.

איך בין אַוועק אין פּאָליציי־פֿאַרוואַלטונג קריגן מיין דאָקומענט. אַן אַקאַלאַדאַטשניק האָט מיך אויפֿגענומען און איך האָב אים געזאָגט וואָס איך דאַרף. ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ שופֿלאַד אַ געדרוקטן בויגן פּאַפּיר, האָט אין אים אַרייַנגעקוקט און גענומען פֿרעגן מיין נאָ־מען, פֿאַמיליע, דעם פֿאָטערס נאָמען. איך האָב געענטפֿערט לויט דעם ווי עס איז געווען פֿאַרשריבן אין פּאַספּאָרט, אויף וועלכן איך האָב דעמאָלט געלעבט. דער מוטערס נאָמען, האָט ער ווייטער געפֿרעגט. דאָ בין איך געבליבן שטיין אין אַ גרויסער פֿאַרלעגנהייט. איך האָב פֿאַרגעסן דער מוטערס נאָמען. איך מוז דאָך אָבער ענטפֿערן, האָב איך אָנגערופֿן אַ נאָמען גלאַט אין דער וועלט אַריין. דאָס פּאַפּיר, אין וועלכן ער האָט אַרייַנגעקוקט איז געווען אַ קאָפּיע, וואָס די יעליסאַ־וועטגראַדער זשאַנדאַרמעריע האָט צוגעשיקט וועגן מיין פֿריערדיקן אַרעסט אין ביאַליסטאָק. דאָרט איז געווען פֿאַרשריבן דער מוטערס נאָמען און ער האָט געזען, אַז דער נאָמען, וואָס איך האָב אָנגערופֿן, שטימט ניט מיט דעם, וואָס איז פֿאַרשריבן. ער האָט געזען, אַז דאָ איז עפּעס ניט אין אָרדענונג. ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס,

ניט געוואוסט ווי צו האַנדלען. אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט ער באַלד געפּאַסט אַ באַשלוס, ער האָט דעם פּאַפּיר צוריק אַריינגעלייגט אין שופ־לאַד און געזאָגט: — איך וועל שוין דעם דאָקומענט פאַר אייך צו־גרייטן, קומט אַריין אין אַ וואָך אַרום.

איך האָב שוין געזען, אַז איך האָב געמאַכט אַ פלאָנטער, פון וועלכן איך וועל זיך ניט קענען אַרויספּלאָנטערן. איך האָב באַשלאָסן, אַז פאַר מיר וועט זיין גלייכער צו לעבן אונטער דער אויפזיכט פון בונד איידער אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. איך האָב איצט געהאַט נאָר איין פּראָבלעם: קריגן אַ פאַרבינדונג מיטן צ. ק. פון בונד. איך געדענק ניט ווי אַזוי איך האָב אויפגעזוכט מלכיאלן (אַבראַמאָוויטשן). ער איז דעמאָלט געווען טעטיק אין וואַרשע און ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס אין מינסק צו נחן.

13. דער צ. ק. באַזעצט מיך אין מינסק

ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט נחן, האָט ער געזאָגט: — איר זענט געקומען אין דער ריכטיקער צייט, איר וועט דאַרפן פאַרבלייבן דאָ אין מינסק. מיר האָבן דאָ אַ בחור (זיין נאָמען איז געווען חאַציע), אַ וויכטיקן טוער אין דער באַוועגונג, רייסט ער זיך אַוועקצופאָרן, און ער איילט זיך זייער. פאַרוואָס ער איילט זיך אַוועקצופאָרן, האָב איך ניט געפרעגט און נח האָט עס מיר ניט געזאָגט. אַחוץ אים, האָט נח ווייטער געזאָגט, וועט אין קורצן אָפּפאָרן פון דאַנען נאָך איינער (דאַכט זיך, אַז דאָס האָט ער געמיינט מאַזאָווערן), וועט איר כאָטש טיילווייז אויספילן דעם בלויז וואָס שאַפט זיך. ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וועלן מיר אַראָפּברענגען נאָך עמעצן. און אַזוי בין איך געבליבן אין מינסק.

מען האָט מיך גלייך צוקאָאָפּטירט אין דער אַגיטאַטאָרסקע. גלייך פון אָנפאַנג האָט מען מיך מכבד געווען מיט אַן עליה, פון וועלכער איך האָב זיך אין אָנהויב קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. נאָך פריער, איידער איך בין געקומען, האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער (עטלעכע הונדערט אין צאָל). אַזוי ווי איך בין געווען אַ נייער מענטש, האָט מען געוואָלט, אַז איך זאָל זיין דער רעדנער אויף דער פאַרזאַמלונג. מען האָט געדאַרפט ריידן וועגן בונד, זיין אַנטשטייאונג, זיינע אויפגאַבן, זיין ראָל אין דער ר.ס.ד.אַ.פּ. און פאַרוואָס דער בונד איז אַרויסגעטרעטן פון דער פאַרטיי. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. איך וואָלט געקאָנט ריידן, האָב איך געטענהט, וועגן דעם געשיכטלעכן טייל פון בונד ביז דעם לעצטן יאָר, אָבער פון די פּאַסירונגען פון לעצטן יאָר ווייס איך דאָך גאָרניט. איך בין דאָך דעם לעצטן יאָר געווען אָפּגעריסן פון אַלץ און פון אַלעמען. די מניעה קען מען באַזייטיקן, האָט מען מיר געזאָגט, מיר וועלן אייך ברענגען די גאַנצע ליטעראַטור, וואָס איז אַרויס פאַרן לעצטן יאָר, סיי פון בונד און סיי פון דער פאַרטיי. איר וועט עס שטודירן און אויפן גרונט פון די מאַטעריאַלן וועט איר שוין קענען האַלטן די גאַנצע רעדע. איך האָב זיך נאָך געהאַלטן ביי מיינס. האָבן זיי מיר געגעבן דעם לעצטן אַרגומענט, אויף וועלכן איך האָב ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

— וואָס טויגן די אַלע רייד, האָבן זיי געזאָגט, ס'איז איצט ניטאָ קיין אַנדערער און איר מוזט עס אָננעמען — און איך האָב אָנגענומען.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין קאַמאַ־רויקער וואַלד צו דער פאַרזאַמלונג. דער טאָג איז געווען אַ שיינער און ס'האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, בערך אַ 500 ח"ח. איך האָב גערעדט אַ האַלבע שעה און בין פאַרטיק געוואָרן מיט דעם געשיכטלעכן טייל פון דער רעדע. מיר האָבן געמאַכט אַ הפסקה. ס'איז געווען צוגעגרייט עפּעס עסן און טרינקען און דער עולם האָט זיך געלאָזט וואוילגיין. מיטאַמאָל איז אָנגעקומען אַ סטראַזשניק רייטנדיק אויף אַ פערד. ער האָט זיך אויף אַ מאָמענט אָפּגעשטעלט, וואַרשיינלעך איבעראַשט פון דעם, וואָס ער האָט געזען. אַ גרופּע בחורים איז צוגעלאָפן צום סטראַזשניק. צוויי האָבן אָנגעכאַפּט דאָס פערד פאַר דער צוים און פעסט געהאַלטן. די איבעריקע האָבן דאָס פערד אַרומגערינגלט און געהייסן דעם סטראַזשניק אַראָפּגיין און זיך אַוועקזעצן. דער רייטער מיטן פערד זייַנען געוואָרן אַרעסטירט. דערווייל האָט אָבער דער עולם אָנגעהויבן זיך צעלויפן. און ווי דער שטייגער איז אין אַזאַ פאַל, שרייען אַלע — לויפט ניט, און אַלע לויפן. איך האָב אויך געהאַלפן שרייען — לויפט ניט, אָבער דער שטראָם לויפנדיקע האָט מיך געשטופּט אַלץ ווייטער פון דעם פאַרזאַמלונג־פּלאַץ. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בוים און געפּרואווט אַפּעלירן מען זאָל בלייבן שטיין, אָבער קיינער האָט מיך ניט געהערט. דערזעענדיק אַז דער עולם ווערט שיטערער און אַז די פאַרזאַמלונג איז שוין פולשטענדיק צעשטערט, האָט די גרופּע חברים אָפּגעלאָזט דעם סטראַזשניק און ער האָט זיך אין גאַלאָפּ אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג, פון וואַנען ער איז געקומען. ווען אַ גרופּע פון די לעצטע רעשטלעך איז צוגעקומען נאָענט צו דעם פּלאַץ, וואו איך בין געשטאַנען, האָט אַלטער דער בלעכער (אַלטער שאַפּיראָ, איצט אַ טוער פון אַרבעטער־רינג אין פילאַדעלפיע) אַ געשריי געטאָן צו מיר: — וואָס שטייט איר? אויף וואָס וואַרט איר? איר זעט דאָך, אַז ס'איז שוין כמעט קיינער ניט געבליבן. ער האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן און געזאָגט: — קומט! און מיר זייַנען אַוועק.

אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מיר זייַנען נאָך ניט באַוואָרנט פון אַן אַרעסט, ווייל ביז וואַנען מיר וועלן קומען צו דער שטאָט, קען שוין די פּאָליציי זיין אינפאָרמירט וועגן דער פאַרזאַמלונג און באַפאַלן אונז ביים אַריינגאַנג אין שטאָט. מיר האָבן דערפאַר נאָכגעשריגן די אַנטלויפנדיקע, אַז זיי זאָלן ניט אַריינשטראָמען אין שטאָט אַלע מיט אַ מאָל דורך איין גאַס, נאָר זען זיך צו צעשפּרייטן און אַריינקומען אין קליינע

גרופן דורך פֿאַרשידענע גאַסן. ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אין שטאָט, איז אומעטום געווען שטיל און רואיק. דאָס האָט באַדײַט, אַז די פּאָליציי האָט וועגן אונזער פֿאַרזאַמלונג גאָרניט געוווּסט. ערשט איצט האָב איך זיך פֿון דער גאַנצער פּאַסירונג מיט דער פֿאַרזאַמלונג דערפֿילט נידערגעשלאָגן. אין מוח האָט געעקבערט די פֿראַגע, ווי אַזוי האָט געקענט געשען, אַז אַ מאַסע פֿון עטלעכע הונדערט מאַן, וואָס האַלטן זיך פֿאַר קעמפֿער, פֿאַר רעוואָלוציאָנערן, זאָלן זיך אַזוי פֿאַרלירן און ווי צעשראָקענע האָזן נעמען לויפֿן, דערזעענדיק איין איינציקן סטראַזשניק? כ׳האָב עס ניט געקענט איבערקאַכן. איך בין געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. אין משך פֿון עטלעכע טעג, ווען נאָר איך פֿלעג זיך טרעפֿן מיט די בעגטערע חברים, האָב איך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן זיך אויף דער האַלטונג פֿון דער מאַסע בעת דער פֿאַרזאַמלונג. איך האָב געטאַדלט די האַלטונג פֿון דער מאַסע, כ׳האָב זי פֿאַראורטיילט. זיי האָבן מיט מיר ניט מסכים געווען. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז מיט אַ קורצער צײַט פֿריער איז אַ פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד באַפֿאַלן געוואָרן פֿון פּאָליציי און סאָלדאַטן. מ׳האָט אַלעמען אַרעסטירט און געפֿירט אין שטאָט. אויפֿן וועג האָבן די סאָלדאַטן זייער ברוטאַל באַהאַנדלט די אַרעסטירטע, מ׳האָט געשלאָגן מכּות רצח און אַ טייל צעבלוטיקט. אויף דער איצטיקער פֿאַרזאַמלונג זײַנען דאָך געווען די זעלבע מענטשן, איז קיין חידוש ניט, וואָס דערזעענדיק דעם סטראַזשניק, האָט פֿאַר זיי אויפֿגעלעבט דאָס בילד פֿון דער פֿריערדיקער פֿאַרזאַמלונג און זיי האָבן ניט געוואָלט ווידער אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון צעיושעטער פּאָליציי און סאָלדאַטן. אַזוי ווי דער וועג איז געווען פֿריי, איז גאַנץ באַטירלעך, וואָס ביי אַ טייל פֿון זיי איז דער ערשטער אימפּולס געווען — לויפֿן! אָבער קוים איז געמאַכט געוואָרן דער אָנהויב, זײַנען שוין די איבעריקע מיטגעריסן געוואָרן. ס׳איז ניטאָ פֿון וואָס צו זײַן אויפֿגערעגט און די חברים פֿאַרדינען ניט מ׳זאָל זיי טאַדלען און אָנרופֿן מיט באַליידיקנדע נעמען, ווי צעשראָקענע האָזן א. אַז. וו.. כ׳האָב סוף־כּל־סוף אײַנגעזען, אַז גערעכט זײַנען זיי, ניט איך. ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און כ׳האָב זיך אויסגעהיילט פֿון מײַן פּעסימיזם. די געוויינלעכע, טאָג־טעגלעכע רוטינע אַרבעט האָט מיך ביסלעכווייז פֿאַרשלונגען.

אין יענער צײַט איז געקומען קיין מינסק סאַשאַ ציפּקין, אַ העכסט אינטעליגענט מיידל מיט אַ לאַנגיאָריקער דערפֿאַרונג אין דער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער אַרבעט. מיר האָבן איר אַ נאָמען געגעבן יהודית. באַלד דערנאָך איז געקומען אַ יונגערמאַן, וועמעס נאָמען איך האָב פֿאַרגעסן און איך קען זיך אויך ניט דערמאָנען זײַנע קוואַליפֿיקאַ־

ציעס. איך ווייס בלויז, אַז ער איז נאָר־וואָס געקומען פון אויסלאַנד, וואו ער האָט שטודירט. מיר דריי האָבן געבילדעט דעם קאָמיטעט. אונזער אַגיטאַטאָרסקע איז געווען אַ גאַנץ רייכע אין צאָל און אין פעאיקע טוער. איך וועל דאָ פאַרצייכענען יענע נעמען, וואָס איך געדענק. אויסער אונז דריי פון קאָמיטעט (מיר זיינען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויך געווען מיטגלידער פון דער אַגיטאַטאָרסקע) זיינען געווען: אַלטער דער בלעכער און אברהם גילזאָוושטשיק,ביידע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אַלע מאָל אויסגעצייכנט מיט זייער קאַמפּס־לוסט און רעוואָלוציאָנערן מוט; זלמן דער איינבינדער; דוד דער זעמשער; זעליג וועטליצקי (אַ פריקאַזטשיק), אַן אינטעליגענטער בחור, אַ גוטער רעדנער. ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער באַוועגונג, צווישן די פריקאַזטשיקעס איז ער געווען זייער פּאָפּולער און געהאַט אויף זיי אַ גרויסע השפעה. צו אַט דער קערפּערשאַפט האָבן אויך געהערט סעמיאָן מאַרגאָלין (וועגן אים וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן שפּעטער) און קאַטיע מהנוועז. זי איז געווען אַ דאָקטאָר־מעדיצין, זי האָט אָבער דעמאָלט נאָך ניט געהאַט קיין רעכט צו פּראַקטיצירן. זי האָט שטודירט מעדיצין אין אויסלאַנד און כדי צו קענען פּראַקטיצירן אין רוסלאַנד, האָט זי נאָך געדאַרפט האַלטן אַ ספּעציעלן עקזאַמען. זי האָט געוואוינט מיט איר פאָטער. ער איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער ייִד, אָבער ניט קיין פאַנאַטיקער. ער איז בכלל געווען אַן אינטעליגענטער מענטש און זיין באַציאונג צום בונד איז געווען ווי צו אַ הייליקטום.

פון די אַנדערע מיטגלידער אין דער אַגיטאַטאָרסקע געדענק איך וויטל שניידערקע. איך קען זיך איצט ניט דערמאָנען געניי וואָס ער זיינען געווען אירע קוואַליפיקאַציעס, אָבער אַ געוויסער עפּיזאָד באַרעכטיקט מיך צו קוואַליפיצירן זי אַלס וויכטיקע טוערין אין דער באַוועגונג. אין אַ געוויסן טאָג האָב איך באַקומען פון נחן אַ בריוו, אַז איך זאָל געפינען אַ מיידל, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר דער ראָל פון אַ באַלעבאָסטע אין איינער פון אונזערע דרוקערייען. ער האָט מיר געשריבן: זעט, אַז זי זאָל זיך אָנטאָן בגדי מלכות און וואַרטן ביז מיר וועלן איר געבן צו וויסן וואוהין זי האָט צו פאָרן. איך האָב אין געדאַנק איבערגעקליבן עטלעכע מיידלעך, געוואויגן און געמאָסטן זייערע מעלות און חסרונות, און מיין אויסוואַל איז געווען — וויטל. אין אונזערע דרוקערייען האָבן מיר ניט אַריינגענומען אַבי וועמען.

אין דער אַגיטאַטאָרסקע איז אויך געווען: לאַזאַר עפּשטיין. מיט אים איז ביי מיר פאָרגעקומען אַ מאָדנער קוריאָז. איך געדענק, אַז איינמאָל ביי אַ פאַרזאַמלונג פון דער אַגיטאַטאָרסקע האָב איך באַמערקט

אַ יונגן בחורל, אַ קליינינקן מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע. כ׳האָב געקוקט אויף אים און ניט געקענט ביי זיך באַשטימען: איז ער דאָ צום ערשטן מאָל אָדער ער איז שוין דאָ פֿון פֿריער און איך האָב אים ניט באַמערקט? נאַכטראַכטנדיק, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז עס קען ניט זיין ער זאָל דאָ זיין צום ערשטן מאָל. כדי צו ווערן אַ מיטגליד אין דער אַגיטאַטאָרסקע, האָט מען געדאַרפֿט דעם קאַנדידאַט פֿאַר־שלאָגן. אויב קיינער איז ניט געווען קעגן אים, האָט מען אים גלייך אַריינגענומען, אָבער אויב עמעצער איז געווען קעגן, איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אַן אָפּשטימונג. אַזוי ווי זינט איך בין געקומען האָב איך ניט געהערט מען זאָל וועמען עס איז פֿאַרשלאָגן, הייסט עס, אַז דער קליינינקער לאַזאַר איז שוין דאָ געווען פֿון פֿריער נאָר איך האָב אים ניט באַמערקט. אַ ביסל שפּעטער האָט עפּעס פּאַסירט און איך האָב אים שוין פֿון אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דער אַגיטאַטאָרסקע האָבן מיר דיסקוטירט די אַגראַר־פֿראַגע—ווי דאַרף אין רוסלאַנד געלייזט ווערן אָט די פֿראַגע. די עסערן און די ס. ד. האָבן געהאַט חלוקי־דעות בנוגע דעם פּויערטום אין דער לייזונג פֿון דער אַגראַר־פֿראַגע אין רוסלאַנד. בעת די דעבאַטן איז כסדר דערמאָנט געוואָרן דאָס וואָרט אָטרעזקעס, האָט איינער געוואָלט מ׳זאָל אויפֿקלערן, וואָס דאָס איז אָזוינס. דעמאָלט האָט לאַזאַר עפּשטיין גענומען אַ וואָרט און אין אַ פּשוטער, קלאָרער און פּאָפּולערער שפּראַך דערקלערט וואָס דאָס איז אַזוינס אָטרעזקעס און וואָס ס׳איז דער אונטערשייד צווישן די עסערן (ס. ר.) און ס. ד.. איך בין פֿון דער דערקלערונג געווען אַנט־ציקט. איך געדענק ניט צי דאָס איז געווען אויף דער זעלבער פֿאַר־זאַמלונג, וועגן וועלכער איך רייד איצט, אָדער ביי אַן אַנדערער גע־לעגנהייט. ווען איך האָב גערעדט מיט אַ חבר און ס׳איז דערמאָנט געוואָרן דער נאָמען לאַזאַר, האָט יענער געזאָגט: — אַ געשמאַקער רעדנער! אויף וויפֿל די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז געווען אַן אויסגע־צייכנטע, האָב איך באַגריפֿן ערשט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען לאַזאַר איז שוין געווען ביי אונז אַן אָנערקענטער רעדנער. אין זיינע רעדעס האָט לאַזאַר ניט אַפּעלירט צו די געפֿילן, נאָר צום פֿאַרשטאַנד, צו דער לאָגיק, צום שכל־הישר.

שפּעטער איז צו דער אַגיטאַטאָרסקע צוגעקומען ברוך טשאַרני, וואָס איז מיט דער צייט געקרוינט געוואָרן מיט די נעמען דער יונ־גער לאַסאַל און וולאַדעק. אַ וויכטיק אָרט האָט פֿאַרנומען משה טערמאַן. ער איז געווען אַ העכסט־אינטעליגענטער מענטש מיט אַ גרויסן באַ־גאַזש וויסן, אַן אויסגעצייכנטער פּראָפּאַגאַנדיסט. אויף זיינעם אַ קרייזל האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט געהערט אַ פּראָפֿעסאָר,

וואס האלט א לעקציע פאר א גרופע סטודענטן. ער איז אויך געווען א טאלענטירטער שרייבער, א מיטארבעטער פון פארשידענע בונדישע אויסגאבעס. די ארטיקע ארגאניזאציע האט אבער פון זיין פעדער ניט געקענט געניסן. זיין ארט שרייבן האבן מיר גערופן „שווערע ארטילעריע”. אנשרייבן א פראקלאמאציע אדער א פלוג־בלעטל האט ער ניט געקענט, ס׳האט ניט געהערט צו זיין פאך.

אין דער אגיטאטארסקע זיינען געווען נאך איניקע, כ׳קען זיך אבער ניט דערמאנען זייערע נעמען. די צייט, וועגן וועלכער איך שרייב, איז געווען זייער א שטורמישע. די רעוואלוציאנערע כוואליעס האבן זיך געהויבן אלץ העכער און האבן דערגרייכט אלץ ברייטערע שיכטן. אין מינסק האבן מיר אנגעפירט אן אינטענסיווע, גרויסע ארבעט. צוליב דעם וואס ווינטער קען מען זיך ניט באנוצן מיט די וועלדער, האבן מיר ניט געהאט קיין מעגלעכקייט דורכצופירן גרעסערע פארזאמלונגען מיט דער באטייליקונג פון הונדערטער ארבעטער. אן אויסנאם זיינען געווען די פארזאמלונגען פון די פריקאזטשיקעס אין דער צייט פון זייער אלגעמיינעם שטרייק. קלענערע פארזאמלונגען, מיט דער באטייליקונג פון עטלעכע צענטליק ארבעטער, האבן מיר דורכגעפירט זייער א סך. כדאי צו באמערקן, אז מיר האבן פארמאגט א צאל אויסגעצייכנטע רעדנער. אחוץ די דאזיקע פארזאמלונגען האבן מיר נאך אין משך פון ווינטער דורכגעפירט עטלעכע פארזאמלונגען מיט צוגעפארענע רעדנער, מיט רעדנער ספעציעל צוגעשיקטע פון צענטראל־קאמיטעט. אויף צוויי אזעלכע פארזאמלונגען איז דער רעדנער געווען מארק ליבער. איין פארזאמלונג איז געווען אין דער פארם פון א רעפעראט, וואס ליבער האט געהאלטן. ווי געוויינלעך אויף א רעפעראט, שטעלט מען דערנאך דעם רעדנער פראגן. דא איז אויך אזוי געווען. איינער פון די פראגע־שטעלער איז געווען בערעלע באטוויניק (שפעטער א באקאנטער שרייבער אין אמעריקע). ער האט געפרעגט פארוואס זאל דער בונד ניט זיין ארגאניזירט אין א וועלט־מאסשטאב? — עס זאל זיין א פארבאנד פון יידישע ארבעטער־סאציאליסטן איבער גאר דער וועלט. נח, וואס איז גראד געווען אויף יענער פארזאמלונג און איז געשטאנען הארט לעבן באטוויניקן, האט ביי אים א פרעג געטאן: — ווי איז אייער מיינונג, איז אזא פארבאנד מעגלעך און ווינטשנסווערט? בערעלע האט קיין אנונג ניט געהאט ווער ס׳איז דער הויכער יונגערמאן, וואס שטייט לעבן אים, האט ער אים אפגעענטפערט טראציק: — איך האב געשטעלט א פראגע דעם רעפערענט און איך וויל פון אים אן ענטפער, און איר דארפט זיך ניט אריינמישן. נחן איז, ווייזט אויס, געפעלן געווארן בערעלעס טראציקייט, ווייל אויף

זיין פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ גוטמוטיקער שמייכל. ליבערס ענטפער איז געווען: אַזוי ווי דער בונד איז ניט סתם אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער־סאָציאַליסטן, נאָר איז אין דער זעלבער צייט אַ פּאָליטישע פּאַרטיי און אַזוי ווי פּאָליטישע רעזשימען און באַדינגונגען זיינען פאַרשידן אין די באַזונדערע לענדער, קען ניט זיין קיין אַלוועלט־לעכער בונד.

די צווייטע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ליבער איז געווען דער רעדנער, איז געווען אַ דעבאַטע צווישן אים און דעם באַוואוסטן בונד־פּריעסער ברוך סטאָלפּנער. די דעבאַטע האָט זיך געפירט לויט אַלע אָנגענומענע כללים. פריער האָט ליבער אַרויסגעבראַכט דעם שטאַנד־פּונקט פון בונד. ער האָט גערעדט וועגן דעם פאַרוואָס די יידישע אַרבעטער דאַרפן זיין אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערער, אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע און ווי אַזוי די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין פאַר־בונדן מיט דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַר־טיי. נאָכדעם האָט סטאָלפּנער אַנטוויקלט דעם שטאַנדפּונקט פון דער פּאַרטיי. און דאָ האָט סטאָלפּנער זיך אַרויסגעוויזן אַזוי ווי צו זיין שטאַרקער פון ליבערן. זיינע אַרגומענטן האָבן אויסגעזען צו זיין וואָ־גיקער; די פּונקטן, וואָס ער האָט באַרירט, זיינען לאָגיש אַרויסגע־קומען איינער פון אַנדערן. אונזער שטימונג איז געווען ניט קיין גע־הויבענע. אָבער ווי נאָר ליבער האָט אָנגעהויבן זיין ענטפער, האָט זיך שויך די שטימונג געביטן. אַלע סטאָלפּנערס אַרגומענטן האָט ער איי־נעם נאָכן אַנדערן צונישט געמאַכט מיט זיין פאַרניכטנדיקער קריטיק; ער האָט צעשמעטערט די גאַנצע געביידע, וואָס סטאָלפּנער האָט אין זיין רעפעראַט אויפגעבויט. ליבער האָט ממש עלעקטריזירט די פאַר־זאַמלונג מיט זיין גלענצנדיקער רעדע. אין זיין לעצט וואָרט צו ענט־פערן ליבערן איז סטאָלפּנער געווען אַזוי נעבעכדיק, אַז ס'איז פּשוט געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים. אין זיין שטים האָט זיך ניט געפילט קיין זיכערקייט, ער האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט און געזוכט ווערטער, ער האָט זיך פאַרהאַקט און געשטאַמלט.

נאָך עטלעכע פאַרזאַמלונגען האָבן מיר דורכגעפירט מיט צוגע־שיקטע רעדנער. איינער איז געווען סערגיי (אברהם) בראַון און דער צווייטער באַגראָוו (דוד זאַסלאַווסקי). מיר האָבן דורכגעפירט אַ גרוי־סע צאָל פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך, אין אונזער רשות האָבן מיר געהאַט געניטע אינטעליגענטע קרעפטן אָנצופירן מיט זיי. די אָרגאַניזאַציע האָט אויך אָנגעפירט אַ שריפטלעכע אַגיטאַציע דורך פאַרשפּרייטן פּראָ־קלאַמאַציעס, וואָס דער צ. ק. און דער אָרטיקער קאָמיטעט האָבן אַרויסגעגעבן. די צייט, וואָס איך בין געווען אין מינסק, איז געווען

רייך מיט פאַרשידענע פּאַסירונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ באַדייטונג ניט בלויז פאַר דער שטאָט, נאָר פאַר דער באַוועגונג בכלל.

באַלד ווי איך בין געקומען אין מינסק, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ יונג בחורל. ער האָט געמוזט אַלט זיין אַ יאָר 17 אָדער 18. מיט זיין אויסערלעכן אויסזען האָט ער געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, שלאַנק און האָט געהאַט אַן אויסער־געוויינלעך סימפּאַטיש פּנים. זיין נאָמען איז געווען יודל. ער האָט שטו־דירט צו ווערן אַ פּאַרמאַצעווט. פאַר דער אָרגאַניזאַציע האָט ער אויס־געפירט אייניקע טעכנישע אַרבעטן. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז דער בחור פאַרמאָגט אייגנשאַפטן, וואָס די באַוועגונג קען אויסנוצן. ער האָט צום ביישפּיל געהאַט אַ שיינע און קלאָרע האַנטשריפט. האָב איך אים געגעבן אויסצופילן די (פאַלשע) פּאַספּאָרטן, וואָס אונז פלעגט אויסקומען אַרויסצוגעבן. זיין אייגנשאַפט צו געווינען צוטרוי ביי פאַר־שידענע מענטשן האָב איך אויסגענוצט צו פאַרגרינגערן פאַר אונז דאָס באַקומען פון אויסלאַנד די פּעריאָדישע צייטשריפטן, ווי פּאָס־לעדניאַ איזוועסטיאַ, איסקראַ און אַנד.. מיר פלעגן די דאָזיקע צייט־שריפטן באַקומען אין זעקלעך מעל, וואָס פאַרשידענע פירמעס האָבן צוגעשיקט פון אויסלאַנד אַלס מוסטערן. ס'האָט געקענט זיין פאַרדעכטיק וואָס זעקלעך מעל קומען אָן אויף אַן אַדרעס, לאָמיר זאָגן, פון אַ גאַלאַנטעריי־געשעפט. איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט יודלען און אים געפרעגט צי ער וואָלט ניט געקענט קריגן אַן אַדרעס פון אַ מעל־הענדלער, אָדער אַ תבואה־סוחר. ער האָט עס דערליידיקט און מיר האָבן מער ניט געדאַרפט זיך זאָרגן. די דערמאָנטע צייטשריפטן האָבן מיר אויך באַקומען אויף אַן אַנדער אופן. פאַרשידענע פירמעס פון כירורגישע אינסטרומענטן און אויך אינסטרומענטן פאַר דענטיסטן האָבן צוגעשיקט קאַטאַלאָגן. אין די טאָוולען פון די קאַטאַלאָגן זיינען געווען אַריינגעקלעפּט די אומלעגאַלע אויסגאַבעס. און דאָ איז אויך געווען דאָס זעלבע — זיי פלעגן אָנקומען אויף ניט קיין פּאַסיקע אַדרעסן. האָב איך געזאָגט יודלען, אַז מען דאַרף קריגן אַ פאַר דענטיסטן און דאָקטוירים און צו זיי זאָלן אָנקומען די קאַטאַלאָגן. נאַטירלעך האָבן דאָס געדאַרפט זיין מענטשן, וואָס סימפּאַטיזירן מיט דער באַוועגונג. יודל האָט דאָס אויך באַזאָרגט. די קאַטאַלאָגן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען צו אַדרעסאַטן, וואָס דאַרפן דעם מין סחורה. זיי האָבן, אַגב, געוואוסט וואָס אין די טאָוולען געפינט זיך און זיי זיינען טאַקע געווען די ערשטע לייענער פון דעם, וואָס זיי האָבן אין די טאָוולען געפונען.

יודל פלעגט קומען צו מיר זייער אָפט און כמעט יעדעס מאָל פלעגט ער עפּעס ברענגען, וואָס איז געווען נוצלעך פאַר דער באַוועגונג.

איינמאָל איז ער אַריינגעקומען און געזאָגט: — איך האָב זיך באַקענט מיט זייער אַ וויכטיקער פּערזענלעכקייט! — ווער איז עס, דעם גו־בערנאַטאָרס ווייב? — האָב איך געשפּאַסט. — נאָך וויכטיקער ווי דעם גובערנאַטאָרס ווייב, האָט ער געענטפערט, דאָס איז אַ באַאַמטער פון דער אָכראַנע. איך האָב געמיינט, אַז ער וויצלט זיך און ער ענט־פערט מיר אין דעם זעלבן טאָן, ווי איך האָב געפרעגט וועגן גובער־נאַטאָרס ווייב. ער האָט מיר אָבער פאַרזיכערט, אַז ער מיינט עס ערנסט. — ווי אַזוי־זשע קומט איר צו שליסן באַקאַנטשאַפט מיט אַן אָכראַניק? — האָב איך אים שוין געפרעגט גאַנץ ערנסט. און ער האָט מיר דערציילט, אַז שוין אַ לענגערע צייט, ווי ער קען זיך מיט אַן אַקציזניק, וועלכער איז אַ סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער, יודל, גיט אים לייענען אומלעגאַלע ליטעראַטור. און אַט דער אַקציזניק האָט עס אים באַקאַנט מיט דעם אָכראַניק. —

— ווייס דער אָכראַניק, אַז איר האָט אַ שייכות צו דער באַוועגונג? — האָב איך געפרעגט ביי יודלען. איר דאַרפט זיין זייער פאַרזיכטיק, האָב איך צוגעגעבן. — געוויס ווייס ער, אַז איך האָב אַ שייכות צו דער באַ־וועגונג, האָט מיר יודל געענטפערט, און דערפאַר איז ער געווען אַזוי בייגעריק זיך צו באַקענען מיט מיר. און וואָס שייך פאַרזיכטיקייט, גלויב איך, אַז ס'איז ניטאָ וואָס זיך צו זאָרגן. און יודל האָט מיר אי־בערגעגעבן וואָס דער אָכראַניק האָט אים דערציילט וועגן זיך: שוין אַ היפּשע צאָל יאָרן ווי ער דינט אין אָכראַנע. פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער געזוכט צו קריגן אַ פאַרבינדונג מיט דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג, כדי איר מיט עפּעס אַרויסצוהעלפן. אָבער פאַר אַן אָכראַניק איז ניט לייכט צו קריגן אַ פאַרבינדונג מיט דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג און געווינען איר צוטרוי. אין יאָר 1898, ווען מ'האָט אַרעסטירט אין באָברויסק די דרוקעריי פון בונד, האָט ער גע־וואוסט מיט עטלעכע טעג פריער, אַז מען גייט מאַכן דעם איבער־פאַל. ער האָט געוואָלט וואָרענען די מענטשן, כדי זיי געבן אַ מעג־לעכקייט צו ראַטעווען זיך און די דרוקעריי. אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין וועג ווי אַזוי די וואָרנונג איבערצוגעבן. ער האָט לסוף אויסגע־דריקט זיין גרייטקייט דורך יודלס פאַרמיטלונג צו העלפן דער באַ־וועגונג.

— איז אַט, ווי איר זעט, האָט יודל געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן דעם אָכראַניקס רייד, איז ניטאָ קיין געפאַר. איך בין זיכער, אַז עפּעס וועל איך פון אים קריגן! און יודל האָט טאַקע פון אים באַקומען. אויב דער אָכראַניק האָט זיך דערוואוסט, אַז מען קלייבט זיך ערגעץ מאַכן אַן אָביסק, האָט ער דורך יודלען געוואָרנט, אַז די

דירה זאָל זיין ריין. אַ פּאָר מאָל האָט דער אַכראַניק אין אָונט אַריינ־גענומען יודלען צו זיך אין קאַנצעלאַריע, געעפנט פאַר אים די שופ־לאַדן און געזאָגט: — זעט, אפשר קענט איר דאָ געפינען עפּעס, וואָס איז וויכטיק פאַר דער באַוועגונג. און יודל האָט געפונען אַ געהיימען צירקולאַר פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט אָדער עפּעס אַנדערש. ער האָט עס גליך אויפן אָרט קאָפּירט און די קאָפּיע געבראַנגט צו מיר. ווי לאַנג דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן, געדענק איך ניט. אין דער אַכראַנע איז געפאַלן אַ חשד אויף דעם אַכראַניק און ער האָט זיינע באַציאונגען מיט יודלען איבערגעריסן. כ׳גלויב, אַז ס׳וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז יודל איז געווען פאַר דער באַוועגונג אַן אמתער אוצר. איך בין זיכער, אַז בכלל גענומען איז יודל אין דער באַוועגונג געווען ניט דער איינציקער פון דעם מין. ס׳זיינען געוויס געווען נאָך אַזעלכע יודלס, אָבער זייערע נעמען ווערן אין די געשיכטע־ביכער ניט פאַר־שריבן, זיי פאַרבלייבן די אומבאַקאַנטע זעלנער אין די רעוואָלוציאָ־נערע אַרמייען.

ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען נאָך אַן עפּיזאָד, אין וועלכן יודל האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. ער האָט אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען, אַז סאַשאַ טשעמעריסקי זאָל צוריק אַריינגענומען ווערן אין בונד. אָנגעהויבן האָט זיך עס אויף פאָלגנדיקן אופן: אין אַ געוויסן טאָג איז ער געזעסן ביי מיר אין צימער און מיר האָבן געפירט אַ לייכטן שמועס. צווישן אַנדערן האָט ער אַ זאָג געטאָן: — איך וואוין אין אַ צימער בשותפות מיט נאָך איינעם. און ווייסט איר ווער מיין שותף איז? — האָט ער געפרעגט. — אַז איר וועט מיר זאָגן וועל איך וויסן, האָב איך געענטפערט. — דאָס איז סאַשאַ טשעמע־ריסקי, האָט ער געזאָגט. איך בין געבליבן זיצן פריטשמעליעט, ווי ער וואָלט מיר דערלאַנגט מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. איך האָב סאַשאַ טשעמעריסקין קיינמאָל ניט געקענט, כ׳האָב אים קיינמאָל ניט געזען. אָבער געהערט פון אים האָב איך גאָר אַ סך אין דער צייט, ווען ער איז געווען אַן אַקטיווער זובאַטאָוויעץ. דריי זיינען זיי געווען, וואָס האָבן איבערגענומען זובאַטאָווס תורה: וואַלין, סאַשאַ טשעמעריסקי און מאַניע ווילבושעוויטש. זיי האָבן געשטרעבט און געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט, צו באַקערן די ידישע אַרבעטער צום נייעם זו־באַטאָוו־גלויבן. וואַלין איז באַלד אַוועקגעפאָרן אין דרום־רוסלאַנד און דאָרט פאַרשפּרייט זובאַטאָווס לערע. אין ראַיאָן פון בונד אין ליטע און פוילן זיינען פאַרבליבן סאַשאַ טשעמעריסקי און מאַניע ווילבו־שעוויטש. די לעצטע האָב איך אין געדאַנק מבטל געמאַכט, מאַלע פון וואָס אַ היסטעריש מיידל קען באַגייסטערט ווערן. אָבער אויף סאַשאַ

טשעמעריסקי בין איך געווען פלאַם־פייער. כ׳האָב ניט געקענט גלייכ־גילטיק הערן זיין נאָמען, ער איז ביי מיר געווען טריף ווי ביי אַ פרומען ייִדן חזיר. און דאָ זאָגט מיר יודל, אַז ער וואוינט מיט טשעמעריסקין אין איין צימער. איך בין געווען אַזוי אויפגעקאָכט, אַז איך האָב ניט געקענט געפינען די פּאַסיקע ווערטער אויסצודריקן מיין צאָרן. איך האָב נאָר אויסגעשריגן: — האָט איר ניט געקענט געפינען אַן אַנ־שטענדיקערן מענטשן, מיט וועמען צו וואוינען אין איין צימער! יודל האָט מיר גאַנץ רואיק געענטפערט: — איר האָט אַ טעות, סאַשאַ טשע־מעריסקי איז אַן אַנשטענדיקער מענטש. אמת, ער האָט געזינדיקט, אָבער ער האָט חרטה אויף דעם, ער פילט זיך אומגליקלעך. ווען מען וואָלט אים צוריק אַריינגענומען אין בונד, וואָלט ער געווען אַ גליק־לעכער מענטש. ער איז אַן אמתער בעל־תשובה. יודלס ווערטער האָבן מיך געשניטן ווי אַ מעסער. כ׳האָב ניט געקענט פאַרטראָגן, ווי אַ מענטש וואָגט גאָר אַזוי צו ריידן און איך האָב עס אים געזאָגט. און דערביי האָב איך צוגעגעבן, אַז אַזוי צו ריידן איז ניט בלויז אַ חוצפה, נאָר אויך פאַרברעכעריש און איך וויל עס מער ניט הערן. דערביי איז עס געבליבן. יודל איז אַוועק.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז יודל צו מיר אַריינגעקומען. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ צונויפגעלייגטן בויגן פּאַפּיר, האָט עס מיר דערלאַנגט און געזאָגט: — לייענט עס איבער. איך האָב פאַנאַנ־דערגענומען דאָס פּאַפּיר און געזען פאַר זיך אַ רוסישע פּראָקלאַמאַציע. דאָס קעפּל איז געווען: צו די פּויערים! איך האָב געלייענט דעם טעקסט און אַנגעקוואָלן. ווען איך האָב געענדיקט, בין איך געווען אַנטציקט. די שפּראַך איז געווען אַן איינפאַכע, אַ פּאָפּולערע. יעדער, וואָס האָט נאָר געקענט לייענען, האָט עס געקענט פאַרשטיין. דערביי זיינען געווען באַרירט פראַגן, וואָס האָבן אַלע מאָל געדריקט דעם רוסישן פּויער. — דאָס האָט איר אָנגעשריבן? — האָב איך געפרעגט ביי יודלען. אַנשטאָט צו ענטפערן אויף דער פראַגע, האָט ער ביי מיר גע־פרעגט: — עס געפעלט אייך? — עס געפעלט מיר זייער, האָב איך געזאָגט, אָבער ווער האָט עס אָנגעשריבן? — עס פרייט מיך זייער, וואָס אייך געפעלט דאָס, אָבער ניט איך האָב עס אָנגעשריבן, נאָר סאַשאַ טשעמעריסקי.

— סאַשאַ טשעמעריסקי! האָב איך אויסגעשריגן און אַ וואָרף גע־טאָן דעם בויגן פּאַפּיר אויף דער ערד. יודל האָט עס אויפגעהויבן אַריינגעלייגט אין קעשענע און איז אַוועקגעגאַנגען.

מיט נאָך אַ וואָך שפּעטער האָט יודל ווידער זיך באַוויזן מיט אַ צונויפגעלייגטן בויגן פּאַפּיר און געבעטן איך זאָל עס איבערלייענען.

— ווידער טשעמעריסקיס אַ שאַפּונג, האָב איך געזאָגט. וואָס אייגנט־לעך טוט איר, איר קלייבט אַ קאָלעקציע פון טשעמעריסקיס שאַפּונגען?
— האָב איך אַזוי מיט חוזק געפרעגט. — ניין, איך קלייב עס ניט. טשעמעריסקי העקטאָגראַפירט עס אָפּ, גייט אַוועק אין אַ גאַנצן דאָרף און פאַרשפּרייט עס צווישן די פויערים.

דאָס וואָס יודל האָט מיר איצט דערציילט האָט געמאַכט אויף מיר אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. ווי דורך אַ כישוף איז פאַרשוואונדן דער האַס, וואָס האָט זיך ביי מיר אַנגעקליבן צו טשעמעריסקין. איך האָב גע־וואוסט, אַז טשעמעריסקי לעבט זייער אָרים און ס׳האָט זיך מיר פאַר־געשטעלט אַ בילד, ווי ער שפּאַנט איבערן פאַרשנייטן וועג (ס׳איז געווען סוף האַרבסט אָדער אָנפאַנג ווינטער), דעם קאָפּ אַריינגעבויגן אין קאָלנער פון זיין אויסגעטראָגענעם מאַנטל און אַזוי דערגייט ער צום דאָרף און ער פאַרשפּרייט דאָרט די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס ער האָט אַליין געשריבן און אַליין געדרוקט. איך האָב איבערגעלייענט די פּראָקלאַמאַציע, וואָס יודל האָט מיר געגעבן. ס׳איז ווידער געווען גוט אָנגעשריבן. דאָס מאָל האָב איך עס ניט געוואָרפן אויף דער ערד, נאָר איבערגעגעבן יודלען אין האַנט אַריין און געזאָגט: — זייער גוט.

אין יענער צייט האָט פּאַסירט אַזאַ געשיכטע: ס׳איז געשטאָרבן אַ יונגער אַרבעטער, דוכט זיך, אַז ער איז געווען קראַנק אויף טובער־קולאָז. ער האָט געהערט צו דער באַוועגונג. אַ גרופּע אַרבעטער, זיינע נאָנטע חברים, האָבן אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די לוויה אין אַ פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע. ס׳האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער און מען האָט באַדעקט דעם אָרון מיט רויטן שטאָף. ווען מען איז אַרויס אין גאַס, האָט מען פאַנאַנדערגעוויקלט אַ רויטע פאָן און אָנגעהויבן זינגען רעוואָלוציאָ־נערע לידער. פּאָליציי איז באַפאַלן און ס׳איז אַנטשטאַנען אַ געשלעג צווישן דער פּאָליציי און די אַרבעטער. דער גרעסטער טייל דעמאָנ־סטראַנטן האָט זיך דורכגעריסן און איז אַוועק מיטן אָרון צום בית־עולם. דאָרט האָט מען געהאַלטן רעדעס און, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז איינער פון די רעדנער געווען לאַזאַר עפּשטיין. אין דער זעלבער צייט האָט אַ גרופּע דעמאָנסטראַנטן, וואָס איז געבליבן פון הינטן, נאָך אַלץ אָנגעפירט אַ קאַמף מיט דער פּאָליציי, ביז דער פּאָליציי האָט זיך איינגעגעבן אייניקע צו אַרעסטירן. צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען סאַשאַ טשעמעריסקי, ביי אים האָט מען געפונען אַ רעוואָלווער. מ׳האָט די אַרעסטירטע אַוועקגעפירט אין דער זשאַנדאַרמעריע און דאָרט האָט זיי אויפגענומען דער פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו, זובאַטאָוס אַ

געטרייער תלמיד. ער האָט טשעמעריסקין גוט געקענט פון די צייטן, ווען דער לעצטער איז געווען אַן אַקטיווער זובאַטאָוועץ. ווען ער האָט אים דערזען אַן אַרעסטירטן, איז צווישן אים און טשעמעריסקין פאָרגעקומען אַזאַ דיאַלאָג: וואַסיליעוו האָט געפרעגט: — הער טשעמעריסקי, וואָס טוט איר דאָ? — אָט ווי איר זעט, הער פּאָלקאָווניק, האָט טשעמעריסקי געענטפערט, מען האָט מיך אַרעסטירט אויף אַ דעמאָנסטראַציע. וואַסיליעוו: — מסתמא צופעליק פאַרבייגעגאַנגען און די אידיאָטן (מיינענדיק די פּאָליציי) האָבן אײַך אַרעסטירט. — ניין, הער פּאָלקאָווניק, ניט צופעליק, האָט טשעמעריסקי געענטפערט, איך בין געקומען אויף דער דעמאָנסטראַציע בכיוון. איר דאַרפט מיך אָפּשיקן אין טורמע און פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן מיר. אויף דעם האָט אים וואַסיליעוו געענטפערט: — הער טשעמעריסקי, דערלויבט מיר אַליין צו באַשטימען וואָס איך האָב צו טאָן. איך וועל אײַך ניט שיקן אין טורמע און ניט פאַרפירן קעגן אײַך קיין פּראָצעס, גייט אַהיים. בעת טשעמעריסקי האָט זיך נאָך געפּרואווט אַמפּערן מיט אים, האָט אים וואַסיליעוו פּשוט אַרויסגעטריבן. אויך צו די איבעריקע אַרעסטירטע האָט ער געזאָגט: — איר זײַט פרײַ, איר קענט גיין.

ניט לאַנג צוריק האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט לאַזאַר עפּשטיין. מיר האָבן אָפּגעפרישט אין זכרון פאַרשידענע פּאַסירונגען פון אַמאָליקע צייטן. ער האָט מיר דערציילט, אַז נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָט מען אויף דער בירזשע גערעדט, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר דער בונד זאָל מוחל זיין טשעמעריסקין זיינע אַלטע זינד און אים אַרייננעמען צוריק אין דער אָרגאַניזאַציע. ער איז דאָך אַן אמתער בעל־תשובה, האָבן איניקע חברים אַרגומענטירט. איך האָב וועגן דעם דעמאָלט ניט געוואוסט. איינמאָל איז געקומען יודל און געזאָגט, אַז טשעמעריסקי וויל זיך מיט מיר טרעפן, ער וויל זיך באַראַטן מיט מיר וועגן אַ וויכטיקן ענין. אין אָנהויב האָב איך זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, אָבער יודל איז צו מיר צוגעשטאַנען און איך האָב אים נאָכגעגעבן.

מיט אַ טאָג שפּעטער איז געקומען צו מיר יודל צוזאַמען מיט טשעמעריסקין. יודל האָט געזאָגט די סקאַרבאָווע פּאָר ווערטער — זייט באַקאַנט און איז אַוועקגעגאַנגען. אַ פּאָר מינוט זיינען מיר ביידע געזעסן און געשוויגן. יעדער פון אונז האָט געוואַרט, אַז דער אַנדערער זאָל אָנהויבן. לסוף האָט טשעמעריסקי איבערגעריסן דאָס שווייגן און האָט געזאָגט: — איך וויל זיך מיט אײַך באַראַטן וועגן עפּעס וואָס איך וויל אונטערנעמען. — וועגן וואָס האַנדלט זיך? — האָב איך געפרעגט און ער האָט מיר דערציילט: — פאַר דער צייט, וואָס איך גיי אַרום

איבער די דערפער, האָט ער אָנגעהויבן, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ גרופּע יונגע פּויערים. זיי זײַנען גראַמאָטנע און טאָלקאָווע, זיי האָבן געענדיקט די דאָרפישע פאָלקס־שול. חוץ דעם פאַרמאָגן זיי אַן אײַנ־געבוירענעם שכל. מײַן איך, אַז עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך, ווען איך זאָל בילדן פון זיי אַ שטענדיקע אָרגאַניזאַציע. איך וועל קומען צו זיי יעדע וואָך און וועל זיך פאַרנעמען מיט זייער אויסבילדונג. דאָס וועט זײַן, לאָמיר זאָגן, אַ פּראָפּאַגאַנדע־קרײַזל און מיט דער צײַט קענען זיי ווערן גוטע אַגיטאַטאָרן. איז אָט וואָלט איך געוואָלט וויסן ווי איז אײַער מיינונג וועגן דעם? איך האָב אַ ביסל נאָכגעטראַכט און גע־זאָגט, אַז אין אַלגעמיין איז עס ניט קיין קרומע זאַך, די פראַגע איז נאָר צי קען מען זיך אויף זיי פאַרלאָזן אין הינזיכט פון קאָנספּיראַציע, צי וועלן זיי ניט אויספּלאַפּלען פאַרן גאַנצן דאָרף וועגן אַלץ, וואָס וועט געטאָן ווערן. מיט איין וואָרט, מען דאַרף זײַן פאָרזיכטיק. — מיר ווײַזט אויס, האָט ער געזאָגט, אַז מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן. און בכלל איז דאָך אין יעדער זאַך, וואָס מיר טוען, פאַראַן אַ געוויסע רי־זיקע. נו, וועל איך נעמען אויף זיך די ריזיקע. און איצט איז נאָך אַ זאַך, וואָס איך וואָלט וועלן פון אײַך. איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך קען זיי ניט שפּײַזן נאָר מיט דעם, וואָס איך וועל זיי געבן אַמאָל אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס איך שרײַב אָן. מען דאַרף דאָך זיי געבן עפּעס צו לייענען, איז אָט וואָלט איך געוואָלט קריגן פון אײַך די פּאַסיקע ליטעראַטור. — מיט דעם, האָב איך געזאָגט, וועל איך אײַך, אויף ווי ווײַט מעגלעך, קענען באַזאָרגן. ער איז געווען איבערגליקלעך און איז אַוועק.

אָבער באַלד ווי ער איז אַוועק האָב איך זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ: סטייטש, וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן? — האָב איך בײַ זיך אַליין געפרעגט. קיינעם גאָרניט דערציילט, בײַ קיינעם ניט געפרעגט און אַרײַן אין אַן אָפּמאַך מיט סאַשאַ טשעמעריסקי, דאָס איז דאָך סקאַנ־דאַליעז, אומפאַראַנטוואָרטלעך, האָב איך זיך אין געדאַנק געטאַדלט. אָבער וואָס דאַרף איך איצט טאָן? — האָב איך זיך געפרעגט. אין מינסק האָט דעמאָלט געוואוינט וויטאַלי (איסאַי אײַזענשטאַט), האָב איך באַשלאָסן צו דערציילן אַלץ וויטאַלין. כ׳בין טאַקע אַוועק צו אים און אים איבערגעגעבן אַלץ מיט אַלע פּרטים. ווי עס ווײַזט אויס, האָט ער פון מײַן פּנים אַראָפּגעלייענט מײַן פאַרצווייפלונג און ער האָט גע־זאָגט: — מאַכט ניט די זאַך טראַגישער, ווי דאָס איז. זאָגט מיר בעסער וואָס פאַר אַן אײַנדרוק האָט ער געמאַכט אויף אײַך דער סאַשאַ טשעמעריסקי? — אין וועלכער הינזיכט? — האָב איך געפרעגט. — אין הינזיכט פון ערנסטלעכקייט, פון שטאַנדהאַפטיקייט, צי קען מען

אים געטרויען. צי געהערט ער ניט צו דעם טיפּ, וואָס היינט דינט ער איין גאָט, מאָרגן אַ צווייטן און איבערמאָרגן דעם טיוול? — וואָס שייך אָרנטלעכקייט, האָב איך געענטפערט, בין איך מיט אים זיכער און דעם טייוול האָט ער דאָך שוין געדינט. אָבער ער באַדויערט עס זייער שטאַרק, ער האָט באמת חרטה אויף דעם. בכלל האַלט איך, אַז ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש. — אויב אַזוי, האָט וויטאַלי געזאָגט, האַלט אַן דעם קאָנטאַקט מיט אים און שפּעטער וועלן מיר זען. עס איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון הארצן. וויטאַלי האָט ממש אַריינגעזעצט אין מיר אַ נייע נשמה. איך האָב זיך אין יענעם מאָמענט געפילט גליקלעך.

ווייטער איז אַלץ געגאַנגען נאָרמאַל. טשעמעריסקי האָט זיך פאַר־נומען מיט זיינע פּויערים און פון צייט צו צייט פלעג איך דורך יודלען קריגן אַ באַריכט פון אים. ביז איינמאָל אין אַ געוויסן טאָג איז טשע־מעריסקי אַריינגעקומען צו מיר און געזאָגט: — חיים, איך בין דורכ־געפאַלן. — ווי אַזוי, וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט. און ער האָט דערציילט: — נעכטן בין איך ווי געוויינלעך אַוועק אין דאָרף. ווען איך בין אַריין אין דער כאַטע, וואו מיין קרייז פלעגט זיך צונויפ־קומען, איז דאָרט קיינער ניט געווען אויסער דעם באַלעבאָס. ער האָט מיך גלייך אַרויסגעפירט אין דרויסן און אַוועקגעפירט דורך גערטנער צום אַרויסגאַנג פון דאָרף. אויפן וועג האָט ער מיר דערציילט, אַז דער סוד פון זייער אָרגאַניזאַציע איז אויסגערונען. די פּויערים פון דאָרף האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם. עס איז דערגאַנגען צום או־ריאַדניק און ער איז אויף דער וואַך. אַלזאָ, ער, טשעמעריסקי, טאָר זיך מער אין דאָרף ניט באַווייזן, ווייל אויב דער אוריאַדניק וועט אים באַ־מערקן, וועט ער אים זיכער אַרעסטירן. — איז וואָס־זשע זאָל איך איצט טאָן? — האָט טשעמעריסקי געפרעגט, אפשר מאַכן פאַרבינדונגען מיט פּויערים פון אַן אַנדער דאָרף, אַ ביסל אַ ווייטערן? — לויט מיין מיינונג, האָב איך געזאָגט, דאַרפט איר איצט ניט פּרובירן צו מאַכן נייע פאַרבינדונגען מיט פּויערים. קלאָנגען וועגן דער דורכגעפאַלענער פּויערים־אָרגאַניזאַציע אין דעם דאָרף קענען לייכט און שנעל דערגיין צו אַ צווייטן און צו אַ דריטן דאָרף און איר קענט דאָרט דורכפאַלן שנעלער און ערגער ווי דאָ. מיין עצה איז, אַז איר זאָלט אַ געוויסע צייט זיצן אין דער היים און מיר וועלן זען עפּעס צוטראַכטן.

ער איז אַוועק אַהיים און איך בין אַוועק צו וויטאַלין אים דערציילן די גאַנצע געשיכטע. כ'האָב געפרעגט די זעלבע פראַגע, וואָס טשעמע־ריסקי האָט ביי מיר געפרעגט, נאָר אַ ביסל אַנדערש. איך האָב גע־פרעגט וואָס זאָל מען איצט טאָן מיט טשעמעריסקין? און וויטאַלי האָט מיר געענטפערט מיט אַ פראַגע: — וואָס מיינט איר זאָל מען טאָן

מיט אים? — קאָנקרעט קען איך גאָרניט פאָרשלאָגן, האָב איך געזאָגט, אָבער איינס איז זיכער — מיר קענען זיך ניט אָפּטרייסלען פון אים און איבערלאָזן אים הפקר. דעמאָלט האָט וויטאַלי ווייטער געפרעגט: — מיינט איר, אַז מען קען אים עפּעס געבן אַן אַרבעט אין שטאָט? — איך מיין, אַז יאָ. אָבער ניט אין מינסק, דאָ קען מען אים צופיל און בפרט קענען אים אַלע זשאַנדאַרן און שפּיאָנען. די אָרגאַניזאַציע קען טייער באַצאָלן, אויב ער זאָל זיך נעמען אַרומדרייען אין אונזערע קרייזן. ס׳איז ביי אונז געבליבן, אַז מען דאַרף אים שיקן ערגעץ אין אַ שטאָט ווייט פון מינסק, וואו מען קען אים ניט. מיר האָבן באַשטימט צו שיקן אים אין בערדיטשעוו. — גיט אים אַ פּאַספּאָרט, האָט וויטאַלי געזאָגט, אַן אַדרעס און אַ פּאָר ווערטער אַלס אַ רעקאָמענדאַציע. און אַזוי איז סאַשאַ טשעמעריסקי פּאַקטיש צוריק אַריינגענומען געוואָרן אין בונד און איז פאַרשוואונדן פון מינסק. לאַזאַר עפּשטיין האָט מיר דערציילט, אַז נאָכדעם ווי סאַשאַ טשעמעריסקי איז פאַרשוואונדן פון שטאָט, האָט מען אויף דער בירזשע גערעדט, אַז ער איז געכשרט. ווי אַזוי עס איז דערגאַנגען צו דער בירזשע, אַז ער איז געכשרט, ווייס איך ניט. אויף וויפל מיר איז באַוואוסט, האָט דער צ. ק. אָפיציעל קיין באַשלוס ניט אָנגענומען, אַז טשעמעריסקי ווערט צוריק אַריינגענומען אין בונד.

איידער איך גיי ווייטער באַשרייבן די פּאַסירונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מינסק אין דער צייט וואָס איך בין דאָרט געווען, וויל איך באַמערקן, אַז די פּאַסירונגען זיינען ניט פאָרגעקומען איינע נאָך דער אַנדערער אין דער ריי, ווי איך שטעל זיי דאָ אויס. פּאַקטיש זיינען זיי פאָרגעקומען כמעט אין דער זעלבער צייט, זיי האָבן זיך געקייטלט איינע אין די אַנדערע.

די מינסקער אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען אַ נייעם וויכטיקן רעדנער. איינמאָל האָט אויף דער אַגיטאַטאָרסקע קאַטיע מונוועז דערציילט, אַז אין מינסק געפינט זיך אַ בחור מיטן נאָמען ברוך טשאַרני. ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק איז ער געווען אַ ציוניסט און כאָטש ער איז נאָך גאָר יונג, האָט ער אין יענער באַוועגונג פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט. ער איז זייער אַ פעאיקער בחור און איז אויך אַ גוטער רעדנער. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט מען אים אַרעסטירט און לעצטנס איז ער באַפרייט געוואָרן. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער ציוניזם לייזט ניט און קען ניט לייזן די פּראָבלעמען פון די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד און איז געוואָרן אַן איבערצייגטער בונדיסט. ער איז מסכים מיט דעם פּראָגראַם פון בונד און וויל מען זאָל אים אַריינעמען אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע. אייניקע חברים האָבן געזאָגט, אַז עס קען גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן אַריינגעמען אים גלייך אין דער אָרגאַניזאַציע בלויז אויפן סמך, וואָס ער זאָגט. מען דאַרף זיך פריער דערוויסן צי האָט ער טאַקע אינגאַנצן איבערגעריסן מיטן ציוניזם און ווי פעסט ער איז אין זיין איבערצייגונג וועגן בונדיזם. ס'איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאָג, אַז די אַגיטאַטאָרסקע אָדער דער קאָמיטעט זאָל באַשטימען אַ חבר, וואָס זאָל זיך מיט אים טרעפן און האָבן מיט אים אַן ערנסטן געשפּרעך. אויב דער חבר וועט קומען צום אויספיר, אַז ברוך טשאַרני איז ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין בונד, זאָל ער אים צוזאַמענפירן מיט מיר און איך זאָל דאָס אים אָפיציעל מעלדן. גלייכצייטיק איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאָג, אַז ער זאָל קאָאָפּטירט ווערן אין דער אַגיטאַטאָרסקע און אויך דאָס האָב איך אים געדאַרפט מעלדן. פאַרוואָס האָב איך עס געדאַרפט טאָן? ווייל דער קאָמיטעט איז געווען אַ געהיימע קערפּערשאַפט, קיינער האָט אָפיציעל ניט געוואוסט ווער ס'איז אין קאָמיטעט. די פאַרבינדונגען צווישן דער אָרגאַניזאַציע מיטן קאָמיטעט האָבן זיך געפירט דורך אַ פאַרמיטלער. דאָס הייסט, אַז איינער איז געווען אָפן פאַר אַלעמען ווי אַ מיטגליד פון קאָמיטעט און ער האָט געקענטריידן אין זיין נאָמען. איך בין עס דעמאָלט געווען דער פאַרמיטלער.

משה טערמאַן איז באַשטימט געוואָרן זיך צו טרעפן מיט ברוך טשאַרני און פירן מיט אים די געשפּרעכן וועגן ציוניזם־בונדיזם. דער אויסוואַל איז געווען זייער אַ גוטער. משה טערמאַן האָט בכלל פאַרמאָגט אַ סך וויסן און אין דער פראַגע פון ציוניזם איז ער געווען אַ מומחה. און אַז ער איז געווען אַ גוטער איבערצייגטער בונדיסט, איז ניט נויטיק מיין באַשטעטיקונג. ער האָט זיך באַלד געטראָפן מיט ברוך טשאַרני, געפירט מיט אים שמועסן און דער קאַנדידאַט האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. טערמאַן האָט זיך איבערצייגט, אַז ברוך טשאַרני איז ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין בונד און ער האָט אים צוזאַמענגעפירט מיט מיר.

מיין ראָל איז איצט געווען אַ גאַנץ באַשיידענע. איך האָב אים נאָר געזאָגט צוויי ווערטער: — אחינו אתה! און אינפאָרמירט אים ווען און וואו ער זאָל קומען צו דער פאַרזאַמלונג פון אונזער אַגיטאַטאָרסקע. אויך דאָ האָבן פאַרשידענע חברים אים געשטעלט פראַגן וועגן ציוניזם. ער האָט אויף אַלץ געענטפערט, אַזוי אַז ער האָט אויך דאָ אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. און אויף אַזאַ אופן איז ער געוואָרן אַ פולבאַרעכטיקטער מיטגליד פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד

אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד. גאָר גיך האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט אַרויסצואווייזן זיינע פעאיקייטן און בפרט זיין רעדנער־טאַלאַנט.

אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער אַגיטאַטאָרסקע איז שוין פון פריער געשטאַנען די פראַגע וועגן אַרויסרופן אַן אַלגעמיינעם שטרייק פון פריקאַזטשיקעס (האַנדלס־אַנגעשטעלטע). די באַדינגונגען, ביי וועלכע זיי האָבן געאַרבעט, זיינען געווען זייער שווערע און זיי זיינען גרייט געווען צו שטרייקן. אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט די סכאָדקע פון פריקאַזטשיקעס אויסגעאַרבעט אַ ריי פאָדערונגען, וואָס מען דאַרף אַרויסשטעלן צו די באַלעבאַטים. זיי האָבן געוואָלט, אַז די אַגיטאַטאָרסקע זאָל די פאָדערונגען באַשטעטיקן. קיין לאַנגע דיסקו־סיעס האָט די פראַגע ניט אַרויסגערופן. אַלע האָבן מסכים געווען, אַז מען דאַרף דעם שטרייק אַרויסרופן און אַלע האָבן אויך מסכים געווען אויף די פאָדערונגען.

היציקע דעבאַטן האָט בלויז אַרויסגערופן די פראַגע ווי מען זאָל האַנדלען, אויב איינער אָדער עטלעכע באַלעבאַטים וועלן באַלד נאָכ־געבן די פאָדערונגען. אַ טייל חברים האָבן געהאַלטן, אַז ווי נאָר אַ באַ־לעבאָס גיט נאָך די פאָדערונגען, דאַרפן זיינע אַנגעשטעלטע באַלד צוריקגיין צו דער אַרבעט און זיי דאַרפן ניט וואַרטן ביז אַלע אַנדערע באַלעבאַטים וועלן נאָכגעבן. זיי האָבן עס מאָטיווירט מיט דעם, אַז מען דאַרף ניט באַשטראָפן די מער סימפּאַטישע באַלעבאַטים פאַר די זינד פון די, וואָס זיינען פאַרעקשנט און ווילן ניט נאָכגעבן. דאָס איז ניט יושרדיק. אַחוץ דעם, האָבן זיי אַרגומענטירט, וועט געבראָכן ווערן די אחדות פון די באַלעבאַטים. זעענדיק אַז ביי אַנדערע זיינען די געשעפטן אָפן און עס גייט דאָרט אַן דער מסחר, וועלן די איינגע־שפּאַרטע באַלעבאַטים פשוט זיין געצוואונגען נאָכצוגעבן. אַ צווייטע גרופּע חברים פון דער אַגיטאַטאָרסקע האָבן געהאַט פונקט אַ פאַרקער־טע מיינונג. וואָס שייך יושר, האָבן זיי געזאָגט, זיינען מיר ניט מחויב צו זאָרגן וועגן יושר לגבי די באַלעבאַטים. כדי דעם שטרייק צו גע־ווינען, איז די בעסטע זאַך, אַז ער זאָל זיך פאַרענדיקן ביי אַלע באַ־לעבאַטים גלייכצייטיק. אויב מען זאָל ענדיקן דעם שטרייק ביסלעכ־ווייז, איז דאָ אַ געפאַר, אַז די שטרייקנדע פון די איינגעשפּאַרטע באַ־לעבאַטים, זעענדיק אַז אַ טייל פון זייערע קאָלעגן אַרבעטן און ביי זיי נעמט ניט קיין סוף, זאָלן פאַרלירן די געדולד און אַוועק אַרבעטן אויף די אַלטע באַדינגונגען. אויב מען וועט פאַרענדיקן דעם שטרייק ביסלעכווייז וועט אויך פאַרלירן גיין דער כאַראַקטער פון אַן אַלגע־מיינעם שטרייק. ווען ביידע צדדים האָבן שוין געהאַט אַרויסגעבראַכט אַלע זייערע אַרגומענטן, האָט מען די פראַגע געשטעלט צו דער אָפּ־

שטימונג. מיט אַ גרויסער מערהייט איז אָנגענומען געוואָרן, אַז דער שטרייק דאַרף זיך ענדיקן ביי אַלע באַלעבאַטים גלייכצייטיק. דער שטרייק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן און אַלע פריקאַזטשיקעס פון שטאָט, ביז 18 הונדערט, זיינען אַראָפּ פון דער אַרבעט.

דער מינסקער גובערנאַטאָר איז דעמאָלט געווען מוסין־פּושקין. ער איז געווען מער אָדער ווייניקער אַ ליבעראַלער מענטש און זיין העכסטער אידעאַל איז געווען מען זאָל אים לאָזן צורו, כּדי ער זאָל קענען הנאה האָבן פון לעבן. און רואיק האָט ער געקענט זיין נאָר ווען אין שטאָט איז געווען רואיק. דער גובערנאַטאָר האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט דעם שטרייק ניט שטערן, די פּאָליציי וועט זיך ניט מישן. די שטרייקנדע וועלן קענען אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען אויף אַרומצוריידן זייערע אינטערעסן, וויפל זיי וועלן געפינען פאַר נויטיק. ער, דער גובערנאַטאָר, וועט בלויז אַוועקשטעלן אַ פּאָר קאָזאַקן פון דרויסן פון דעם פּלאַץ, וואו די פאַרזאַמלונגען וועלן פאָרקומען. אינעווייניק וועלן די קאָזאַקן ניט אַריינקומען. דערפאַר דאַרפן די שטרייקנדיקע פון זייער זייט זיך האַלטן רואיק, ניט מאַכן קיין דעמאָנסטראַציעס, ניט אָנווענדן קיין טעראָר־אַקטן, קיין סאַבאָטאַזש. די שטרייקנדיקע האָבן יעדן טאָג אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען אין דער גרויסער שול, וואו עס זיינען אַרויסגעטראָטן פאַרשידענע רעדנער. דער הויפּט־רעדנער איז געווען ברוך טשאַרני. מיט זיינע רעדעס האָט ער געמאַכט אַ רושם. אין אַ געוויסן טאָג האָט אָנגעהויבן צירקולירן אין שטאָט אַ פראַזע — „קאַ־מאַשי, קאַלאָשי, דיעשאָווי טאָוואַר". דאָס איז געווען די טעמע פון אַ גלענצנדער רעדע, וואָס ברוך טשאַרני האָט געהאַלטן אויף אַ פאַר־זאַמלונג פון די שטרייקנדיקע פריקאַזטשיקעס. שוין לאַנג נאָכדעם ווי דער שטרייק איז געווען פאַרענדיקט, האָט מען נאָך אַלץ איבערגע־חזרט די דאָזיקע פראַזע. זי האָט אַפילו אַריבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון מינסק.

און נאָך אַן עפּיזאָד צו אילוסטרירן ברוך טשאַרניס רעדנער־קראַפט. אין דער זעלבער צייט, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער שטרייק, האָט אין מינסקער קרייז־געריכט געדאַרפט פאָרקומען אַ פּראָצעס פון אונ־זערן אַ בונדיסט — אַ פּינסקער, אויף וועלכן ס'האָט געוואַרט אַ שווערער אורטייל. אין אַ געוויסן טאָג איז צו מיר געקומען רחמיאל וויינשטיין און געזאָגט: — סאָקאָלאָוו איז שוין געקומען (ער האָט גע־דאַרפט זיין איינער פון די פאַרטיידיקער אויפן פּראָצעס). איך האָב אים געטראָפן אין האָטעל, האָט וויינשטיין ווייטער גערעדט, ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם צושטאַנד פון דער באַוועגונג אין שטאָט. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם אַלגעמיינעם שטרייק פון די פריי־

קאַזטשיקעס, וועגן די פאַרזאַמלונגען, וואָס די שטרייקנדיקע האַלטן אָפּ יעדן טאָג אין דער גרויסער שוהל. ער האָט געבעטן איך זאָל אים צופירן אַהין, ער איז זייער נייגעריק צו זען אַזאַ פאַרזאַמלונג. איך האָב אים אָוועקגעפירט צו מאַריע יאַקאָוולעוונאַ (אסתר פרומקין). גייט־צו צו מאַריע יאַקאָוולעוונאַ, נעמט זיי ביידע און פירט זיי אַוועק אויף דער פאַרזאַמלונג. איך האָב אַזוי געטאָן. די שוהל איז געווען איבערגעפאַקט. מיר האָבן זיך צוגעשטופּט אַ ביסל נענטער צו דער בימה, וואו ברוך טשאַרני איז געשטאַנען און גערעדט. סאָקאָלאָוו האָט אויסגעצויגן דעם קאָפּ פאָראויס און אריינגעשטאָכן זיינע בליקן אין דעם רעדנער. אין דער פּאַוזע איז ער געשטאַנען עטלעכע מינוט. דערנאָך האָט ער מיר אַריינגעשושקעט אין אויער, אַז ער מוז איצט אַוועקגיין, ער דאַרף זיין אויפן פּראָצעס. סאָקאָלאָוו און מאַריע יאַקאָוולעוונאַ זיינען אַוועק אין קרייז־געריכט. אויף מאָרגן האָב איך זיך געטראָפן מיט מאַריע יאַקאָוולעוונאַ און זי האָט מיר דערציילט, אַז די פאַרזאַמלונג האָט געמאַכט אויף סאָקאָלאָוון אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט זיך גאַרניט געקענט אָפּוואונדערן און אָפּלויבן. איבערהויפּט איז ער געווען אַנטציקט פון רעדנער. ער האָט געזאָגט: — כ'האָב דאָך ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, אָבער כ'האָב געפילט, אַז פּערל שיטן זיך פון זיין מויל.

דער שטרייק איז געוואונען געוואָרן און האָט זיך פאַרענדיקט גלייכ־צייטיק ביי אַלע באַלעבאַטים. אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי דער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט, האָט ברוך טשאַרני פאַרלאָזט מינסק. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָב איך אים געטראָפן אין ווילנע. אָבער דאָ איז ער שוין געווען באַוואוסט ניט ווי ברוך טשאַרני, נאָר אַלס דער יונגער לאַסאַל.

אין מינסק איז דעמאָלט געווען טעטיק נאָך אַ ייִנגער טוער — אַ גרויסער רעדנער. און דאָס, וואָס איך גיי איצט דערציילן, וועט אפשר קלינגען אויסטערליש, אָבער אַזוי איז עס געווען. די אָרגאַניזאַציע פון בונד אין מינסק האָט גורם געווען אָדער איז שולדיק, וואָס די רע־גירונג האָט געשלאָסן אויף שטענדיק דעם מינסקער גלחים־סעמינאַר. וואָסער שייכות האָט דער בונד צו פּראַוואָסלאַוונע פּאָפּן? טאָ הערט: דער צ. ק. האָט צוגעשיקט אַרבעטן אין מינסק דעם סטודענט סאָלאָמאָן מאַרגאָלין (סעמיאָן). סעמיאָן האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט עטלע־כע אינטעליגענטע סעמינאַריסטן און געשאַפן אין סעמינאַר אַ קרייזל. איינער פון זיי איז געווען זייער אַ פעאיקער בחור. ער איז געווען דער בעסטער שילער אין סעמינאַר. אונטער דעם איינפלוס פון סעמיאָנען איז דער סעמינאַריסט געוואָרן אַן איבערצייגטער בונדיסט. ער האָט

אנגענומען די פילאָזאָפיע פון בונד מיט אַלע פּרטים, דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם בתוכם. וועגן אים האָט מיר סעמיאָן דערציילט: מיטן דערמאָנטן סעמינאַריסט איז ער געזעסן ביי אַנאַ רײַן אין צימער און געפירט אַ לייכטן שמועס וועגן פאַרשידענע זאַכן. אַזוי שמועסנדיק, האָט ער געזאָגט צום סעמינאַריסט: — זע וואָסערע קוריאָזן עס קענען טרעפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַט פאַרענדיקסטו באַלד דעם סעמינאַר און ווערסט ווערן אַ גלח. מילא, אַ גלח אַ סאָציאַ־ליסט קען נאָך טרעפן. אין דער לערע פון קריסטנטום זײַנען דאָ געוויסע שטעלן און אַנדייטונגען, וואָס אַ גלח, אויב ער איז אַ דענ־קענדיקער מענטש, קען זיי אויסטייטשן אין סאָציאַליסטישן זין. אָבער אַ גלח אַ בונדיסט — דאָס איז שוין גאָרנישט קיין געוויינלעכע זאַך, דאָס איז שוין, קען מען זאָגן, אַ קוריאָז. אין דעם זעלבן לייכטן טאָן האָט דער סעמינאַריסט געזאָגט: — איך קען דעם דאָזיקן קוריאָז פירן אַ סך ווייטער. — דהיינו? האָט סעמיאָן געפרעגט. — ס׳איז דאָ אַ מנהג, האָט דער סעמינאַריסט געענטפערט, אַז אויב איינער פאַרענדיקט דעם סעמינאַר און נאָכדעם די דוכאָוונע אַקאַדעמיע מיט די העכסטע אויסצייכנונגען, באַקומט ער אויטאָמאַטיש דעם ראַנג פון אַרכיערײ. נו, דעם סעמינאַר בין איך זיכער, אַז איך וועל ענדיקן מיט די העכסטע אָטמעטקעס און מעגלעך אַז די דוכאָוונע אַקאַדעמיע אויך, און דעמאָלט וועט דער בונד האָבן אין זײַנע רייען ניט אַ פּשוטן גלח, נאָר טאַקע אַן אַרכיערײ. — מיר האָבן דאָן האַרציק געלאַכט, האָט סעמיאָן פאַר־ענדיקט זײַן דערציילונג.

אַ קורצע צײַט שפּעטער, נאָכדעם ווי סעמיאָן האָט עס מיר דער־ציילט, האָט פּאַסירט דאָס פאָלגנדיקע: אין אַ געוויסן טאָג אינדערפרי בין איך אַרויס אויף אַ שפּאַציר. איך האָב געוואוינט אין אַ זײַטיק געסל ניט ווײַט פון סעמינאַר. איך בין אַרויף אויף דער הויפּט־גאַס און שפּאַצירט. דער וועטער איז געווען אַ מילדער. די זון האָט גע־שײַנט, דער שניי און דאָס אײַז האָבן זיך געשמאָלצן אונטער די שטראַלן פון דער זון און ס׳האָבן זיך געשאַפן קלײנע בלאָטעס. איך בין געגאַנגען לאַנגזאַם און געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט, כדי ניט אַרײַנצוקריכן אין אַ בלאָטע. מיטאַמאָל איז מיר אַנטקעגן געלאָפן אַ יונגערמאַן און פאַרביילויפנדיק מיטן גאַנצן אימפּעט מיך אַזאַ שטויס געטאָן, אַז איך האָב זיך קוים געקענט אײַנהאַלטן ניט אומצופאַלן. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ, נאָכגעקוקט דעם אַנטלויפנדיקן און געטראַכט וואָס פאַר אַ ווילדע באַשעפעניש דאָס איז. אין דעם זעלבן מאָמענט האָב איך דערהערט אַ געשריי: — כוואַטאַיטיע, כוואַטאַיטיע! (כאַפּט, כאַפּט!). איך האָב דערזען לויפן אַ מיטליאָריקער מאַן, אַ דיקלעכן פון מיטעלן

וואוקס מיט אַ שוואַרצער באָרד און אַ נאַקעטן קאָפּ. אויפן האַרצן ביי אים האָט זיך געבאָמבלט אַ גרויסער גאָלדענער צלם, וואָס איז געווען אָנגעהאַנגען אויף אַ קייט, פאַרוואָרפן איבער זיין האַלז. ער איז געלאָפן און ניט אויפגעהערט צו שרייען: כוואַטאַיטיע! אָבער ווען ער איז אָפּגעלאָפן אַ היפּשע שטרעקע, האָט ער דערזען, אַז דער נאָכגעיאָגטער יונגערמאַן איז פאַרשוואונדן און עס איז שוין פון אים קיין שפור ניטאָ. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און איז מיט לאַנגזאַמע טריט אָוועק צוריק אין סעמינאַר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז צווישן דעם גלח און דעם יונגנמאַן, וואָס האָט מיך אַ שטויס געטאָן, איז דאָ אַ שייכות. אָבער, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָב איך, נאַטירלעך, ניט געוואוסט. איך בין צוריק אַוועק אַהיים.

אַ ביסל שפּעטער איז צו מיר אין צימער אַריינגעפאַלן מאַרגאָלין. און ער האָט מיר דערציילט: זיין קרייזל האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ פאַרזאַמלונג פון אַ גרעסערער צאָל סעמינאַריסטן און סעמיאָן זאָל דאָרט ריידן. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל פאָרקומען אין אוידיטאָריום פון סעמינאַר. דאָרט זיינען דאָ אויסגעשטעלטע בענק און אַ פלאַטפאָרם, אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר אַ גרויסער פאַרזאַמלונג. סעמיאָן איז געקומען צו דער באַשטימטער צייט, די סעמינאַריסטן זיינען שוין געווען אויסגעזעצט, ער איז גלייך אַרויף אויף דער פלאַטפאָרם און געוואָלט אָנהויבן ריידן. פּלוצלונג האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען דער רעקטאָר. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט פאָראויס און געבליבן שטיין פאַרוואונדערט, ניט באַגרייפנדיק וואָס דאָ קומט פאָר. דערזעענדיק דעם רעקטאָר, האָבן די סעמינאַריסטן זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פון זאַל. פון אָנהויב פּאַמעלעך, אָבער באַלד איז געוואָרן אַ מהומה, מען איז געשפּרונגען איבער די בענק, איינער איבערן אַנדערן און אין אַ ווילדער בהלה איז מען געלאָפן צום אַרויסגאַנג. דערזעענדיק וואָס דאָ טוט זיך, האָט סעמיאָן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט אויף וואָס צו וואַרטן. ער איז אַראָפּ פון דער פלאַטפאָרם און מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. ווען ער איז צוגעקומען נאָנט צום רעקטאָר, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרחידושטער, האָט ער אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל און געפרעגט: — וואָס קומט דאָ פאָר? סעמיאָן האָט אים אָפּגעשטופּט און איז אַרויסגעלאָפן פון זאַל. ערשט איצט האָט דער רעקטאָר באַגריפן, אַז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס, וואָס איז ניט כשר, און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך סעמיאָנען מיטן געשריי: — כוואַטאַיטיע! סעמיאָן איז געלאָפן מיטן גאַנצן אימפּעט. אים האָט אָפּגעגליקט, וואָס אין גאַס זיינען געווען זייער ווייניק מענטשן. ער איז אַראָפּ פון דער הויפּט־גאַס און איז

אַריינגעלאָפן אין אַ זייטיק געסל. ער איז אַריין אין אַ הויף, אַריבערגע־שפּרונגען אַ פּאַרקאַן און איז אַרויס אויף אַן אַנדער געסל.

מיט אַ טאָג שפּעטער איז געווען געמאָלדן, אַז דער סעמינאַר ווערט צייטווייליק געשלאָסן ביז עס וועט קומען אַ פּאַראָרדנונג פון פּעטער־בורג. אין עטלעכע טעג אַרום איז געווען געמאָלדן, אַז לויט אַ פּאַר־אָרדנונג פון פּעטערבורג ווערט דער סעמינאַר געשלאָסן אויף שטענדיק. די סעמינאַריסטן זיינען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן און דאָס קרייזל איז זיך במילא צעפאַלן. ניט באַשערט געווען דעם בונד צו האָבן אַן אַרכיעריי אין זיינע רייען. פאַר מאַרגאָלינען איז ניט געווען זיכער צו בלייבן אין מינסק. ער איז דעריבער באַלד אַוועק פון שטאָט. דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1905. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז בעת אַ בונדישער דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע, וואָס איז באַפאַלן געוואָרן פון פּאָליציי און מיליטער, האָבן די סאָלדאַטן געשאָסן אויף די דעמאָנסטראַנטן. ס׳זיינען געווען קרבנות. אונזער סעמיאָן איז טויטלעך פאַרוואונדעט געוואָרן און ער איז פון די וואונדן געשטאָרבן אין שפּיטאָל. אַזוי איז פאַרשניטן גע־וואָרן אַ לעבן פון אַ מוטיקן קעמפער, אַ גוטן סאָציאַליסט און אַ גע־טרייען בונדיסט. און ער איז דאָך נאָך געווען אַזוי יונג.

אויסער די פאַרביסענע רעאַקציאָנערן זיינען כמעט אַלע אין רוס־לאַנד דעמאָלט געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט. די אומצופרידנהייט מיטן צאַרישן רעזשים האָט אַרומגעכאַפּט אַלע שיכטן פון דער באַ־פעלקערונג. ס׳איז דאַן פאָרגעקומען די מלחמה מיט יאַפּאַן. די רו־סישע אַרמייען האָבן געליטן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער. די באַ־פעלקערונג האָט אַלץ צוגעשריבן צו דער אומפעאיקייט פון די קאָ־מאַנדירן און פון דער רעגירונג בכלל. דער אינטעליגענטער שיכט פון דער באַפעלקערונג האָט די אומצופרידנהייט אָפן אויסגעדריקט. אין די הויפּט־שטעט זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענפאָרן פון פאַרטרעטער פון פאַרשידענע ליבעראַלע פּראָפעסיעס. די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן פלעגן אָננעמען רעזאָלוציעס קעגן צאַרישן רעזשים. זיי פלעגן פאָדערן אָפּצושאַפן פאַרשידענע רעאַקציאָנערע געזעצן, איינפירן פרייהייטן פאַר דער באַפעלקערונג א. אַז. וו.. אין די פּראָווינץ־שטעט זיינען פאָר־געקומען פּאָליטישע באַנקעטן, וואָס האָבן אָנגענומען ענלעכע רעזאָ־לוציעס. מיט איין וואָרט, אין גאַנצן לאַנד האָט מען געפילט די רעוואָ־לוציאָנערע שטימונגען. אין דער צייט האָט איינמאָל ביי אַ פאַרזאַמלונג פון דער אַגיטאַטאָרסקע קאַסע מונווע איבערגעגעבן, אַז די ליבעראַלע און ראַדיקאַלע געזעלשאַפט פון אונזער שטאָט גרייט זיך צו מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע אין דער שטאָטישער דומע. לויט איר אינפאָרמאַציע

דער אָרגאַן פון גאַרבער־בונד



No 1

די

גאַרבער-שטימע



פאָלקס-צייטונג 427 №

פון פּראָפעסיאָנעלען לעבען.

אינהאַלט:

פערטהיידיגט אייערע רעכטען.

פראָפעסיאָנעלע ביילאַגע צו דער
בונדישער פאָלקס־צייטונג



טוער פון בערשטער־בונד און פון גאַרבער־בונד

פון רעכטס צו לינקס (אויבן): אברהם האָמלער, זלמן זינגער, אורטשיק גערץ. מיטלסטע ריי: גרשון פעלדמאַן, אַבראַם דער טאַטע, יעקב מינדעל. אונטערשטע ריי: אברהם ריידי, אַבע לעוו, אַריה בלום.

װעלן מיר, דאָס הייסט די אַרבעטערשאַפט, קאָנען זיין פּאַרטרעטן און מיר װעלן האָבן אַ מעגלעכקייט פּאַרצולייענען אויך אונזערע אַ רעזאָלוציע. זי ליגט דעריבער פאַר, אַז מיר זאָלן זיך אין דער דעמאָנסטראַציע באַטייליקן. דער פאַרשלאַג האָט ניט אַרויסגערופן קיין שום דעבאַטן. מיר זיינען אַלע געװען איינשטימיק, אַז מיר זאָלן זיך אין דער דעמאָנסטראַציע באַטייליקן. מיר האָבן איבערגעגעבן דעם קאָמיטעט אויסצואַרבעטן אַ פּאַסיקע רעזאָלוציע און באַשטימען װער עס זאָל די רעזאָלוציע פאַרלייענען.

אין דעם באַשטימטן אָװנט איז דער זאַל פון דער שטאָט־דומע געװען איבערגעפּאַקט פון אונטן ביז אַרויף, ביז צו די העכסטע בענק פון דער גאַלעריע. איך האָב אַליין געהערט, װי איין באַדינער זאָגט צום צװייטן: — איך בין דאָך דאָ שוין אַ סך יאָרן, ס׳איז נאָך קיין מאָל ניט געקומען אַזאַ עולם צו אַ זיצונג פון די גלאַסנע (ראַטמענער). די אַרבעטערשאַפט איז דאָ געװען גאַנץ היפּש פאַרטרעטן. דער פאָרזיצער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג און מיט דער געשעפטלעכער זייט איז מען שנעל פאַרטיק געװאָרן. נאָכדעם האָט זיך אויפגעהויבן איינער פון די גלאַסנע, אַן אָנגעזעענער אַדװאָקאַט, און געהאַלטן אַ קורצע רעדע. ער האָט געזאָגט: — הייַנט האָט געזאָלט פאָרקומען אַ באַנקעט, װאו מיר די גלאַסנע און פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן פון דער געזעלשאַפט האָבן געפּלאַנט אַרומצורעדן די לאַגע אין לאַנד, אָבער דער גובערנאַטאָר האָט פאַרבאָטן אָפּצוהאַלטן דעם באַנקעט. איך שלאָג פאָר מיר זאָלן דאָ איצט אָננעמען אַ רעזאָלוציע װעגן דער לאַגע אין לאַנד, װאָס איך װעל דאָ איצט פאַרלייענען. זיין שטימע איז געװען אַ שטאַרקע און אַ קלאָרע און ער האָט מיט זיין לייענען געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. אין דער רעזאָלוציע איז געװען אויסגעדריקט אומצופרידנקייט צו דער רעגירונג און ס׳איז אויך געװען די פאָדערונג צוזאַמענצורופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אויפן גרונט פון אַלגעמיינע, גלייכע און געהיימע װאַלן. אויב קיינער איז ניט קעגן, האָט ער געזאָגט, װעל איך דערקלערן די רעזאָלוציע פאַר איינשטימיק אָנגענומען. קיינער איז ניט געװען קעגן. — איצט, האָט ער געזאָגט, זאָלן זיך די גלאַסנע אונטערשרייבן אונטער דער רעזאָלוציע. אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ שטים: — דאָ איז פאַרטראַטן די מינסקער אַרבעטערשאַפט און מיר װעלן אויסהערן אויך זייערע אַ רעזאָלוציע!

אונזער רעזאָלוציע האָט געלייענט פּסח מעזשעװעצקי (דאָס איז געװען לויט אַ באַשלוס פון קאָמיטעט; פּסח איז נאָר־װאָס געקומען פון סיביר, װאו ער איז געװען פאַרשיקט). אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע איז צו די פאָדערונגען פון דער פריערדיקער רעזאָלוציע, װאָס

די גלאַסנע האָבן אָנגענומען, געווען צוגעגעבן נאָך צוויי פּונקטן: 1) פֿרייהייט פֿון שטרייקן, 2) איינפֿירן אין לאַנד אַן אַכט־שעהדיקן אַר־בעטס־טאָג. באַלד ווי פּסח האָט געענדיקט לייענען, האָט זיך דער־הערט אַן אויסרוף: נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! אַ מעכטי־קער, איינשטימיקער אוראַ! האָט פֿאַרהילכט דעם זאַל. ס׳זיינען אויס־גערופֿן געוואָרן נאָך אַ פּאָר לאָזונגען, וועלכע זיינען באַגלייט געוואָרן מיט דעם זעלביקן מעכטיקן אוראַ! פּסח איז אַראָפּ פֿון דער גאַלעריע און איז דורך אַ הינטער־טיר אַרויס פֿון דער דומע־געביידע. אין דער זעלבער צייט האָט דער גאָלאָוואַ (דער מעיאָר) טעלעפֿאָנירט צום גובערנאַטאָר און דערציילט וואָס דאָ קומט פֿאָר. יענער האָט געענט־פֿערט, אַז ער וועט באַלד קומען אין דומע. דערווייל זאָל מען קיינעם ניט אַרויסלאָזן. דער גאָלאָוואַ האָט געהייסן פֿאַרשליסן די טירן און מיר זיינען געבליבן וואַרטן. מיר האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז צוזאַמען מיטן גובערנאַטאָר וועט קומען אַן אָפּטיילונג מיליטער און מען וועט אַלעמען אָפּפֿירן אין טורמע. געשען איז אַנדערש. געקומען איז ניט דער גובערנאַטאָר, נאָר דער פּאָליצמייסטער מיט אַ גאַנצער כאָפּטע פּאָליציאַנטן. קיין סאָלדאַטן זיינען ניט געווען. דער פּאָליצמייסטער האָט זיך באַזעצט אויבנאָן און געמאַכט פֿאָלגנדיקע מעלדונגען: אַלע גלאַסנע וועלן באַפֿרייט ווערן, זיי דאַרפֿן נאָר אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל. אַלע ניט גלאַסנע, וואָס וועלן אויף אַ וועלכן ס׳איז אופֿן באַשטעטיקן, אַז זיי זיינען מינסקער איינוואוינער, וועלן אויך באַפֿרייט ווערן. אַלע, וואָס זיינען ניט קיין מינסקער, וועלן באַפֿרייט ווערן, אָבער זיי דאַרפֿן איבערלאָזן זייערע פּאַספּאָרטן ביי דער פּאָליציי. די, וואָס האָבן ניט קיין פּאַספּאָרטן, וועלן באַפֿרייט ווערן אייניציקווייז, אויב אַ גלאַסנער אָדער אַ מינסקער איינוואוינער וועט ערב־זיין פֿאַר דער פּערזאָן. די פּראָצעדור פֿון דער באַפֿרייאונג האָט גענומען אַ פּאָר שעה, אָבער לסוף זיינען אַלע באַפֿרייט געוואָרן. די דעמאָנסטראַציע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין שטאָט.

און איצט אַ טראַגי־קאָמישע פּאַסירונג: מ׳האָט ביי אונז אַרויס־געגנבעט די 1טע מאַי־פּראָקלאַמאַציעס. אַ וואָך פֿאַר דעם 1טן מאַי האָבן מיר באַקומען די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס דער צ. ק. האָט אַרויס־געגעבן. איך האָב אַראָפּגענומען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל און דאָס איבערגעגעבן אַ פּאָר בחורים אָוועקצופֿירן אין פֿאַרשידענע שטעטלעך פֿון מינסקער ראַיאָן. די איבעריקע, פֿאַרפּאַקט אין אַ קאָרב, האָב איך אָוועקגעשטעלט אין דער וואוינונג פֿון אַ יונג פּאָר־פֿאָלק, ביי איסאַק קאַלעצקי און זיין פֿרוי סאַשאַ. זיי האָבן זיך מיט צוויי אָדער מיט דריי חדשים פֿריער באַזעצט אין מינסק, איך האָב זיך געקענט

מיט זיי נאָך פון ביאַליסטאָק. זייער וואוינונג איז באַשטאַנען פון איין צימער, אָבער פון קאָנספּיראַטיוון שטאַנדפּונקט איז די דירה געווען זייער באַקוועם. דאָס צימער האָט געהאַט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג און איז געווען אָפּגעצוימט פון די איבעריקע צימערן מיט סאָלידע ווענט. פון צייט צו צייט האָב איך זיך מיט דער וואוינונג באַנוצט אויף אָפּצולייגן דאָרט אויף אַ קורצער צייט אומלעגאַלע ליטעראַטור.

דריי טעג פאַרן 1טע מאַי איז צו מיר גאַנץ פרי אַריינגעקומען אי־סאַק קאַלעצקי. פון זיין פאַרזאָרגטן פּנים און פון דעם, וואָס ער איז געקומען אין אַזאַ פריער שעה, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדנונג. — וואָס איז געשען? האָב איך אים געפרעגט. — ס׳איז געשען אַן אומגליק, אַ קאַטאַסטראָפע, האָט ער געענטפערט. ער האָט דערציילט די פאָלגנדיקע געשיכטע: נעכטן אין אָוונט איז ער מיט זיין פרוי אַוועק אין טעאַטער. ווען זיי זיינען שפּעט ביינאַכט געקומען אַהיים, האָבן זיי געפונען די טיר אויפגעבראָכן און דער קאָרב מיט די פּראָקלאַמאַציעס איז ניט געווען. זיי האָבן שוין די נאַכט ניט געשלאָפן, זיי זיינען געווען זיכער, אַז דאָס האָט די פּאָליציי צוגענומען די פּראָ־קלאַמאַציעס און מען וועט באַלד קומען זיי אַרעסטירן. אָבער דער־ווייל איז קיינער ניט געקומען, ווייס ער ניט וואָס איצט צו טאָן: צי זאָל ער גלייך אַרויסציען זיך פון דער דירה און איבערקלייבן זיך ערגעץ אַנדערשוואו אָדער בלייבן. אויסהערנדיק די געשיכטע, האָב איך אים געזאָגט, אַז ער איז אויף אַ פאַלשן וועג. ווי נאַריש די פּאָ־ליציי זאָל ניט זיין, קען איך זיך דאָך ניט פאָרשטעלן, אַז זי זאָל אָפּטאָן אַזאַ אידיאָטסטווע. די פּאָליציי, האָב איך אים געזאָגט, וואָלט געוואַרט ביז איר וועט קומען אַהיים, וואָלט אייך אַרעסטירט צוזאַמען מיט די פּראָקלאַמאַציעס און וואָלט פאַרשפּאַרט אויפצוברעכן די טיר. ניין, ס׳איז ניט קיין אַרבעט פון דער פּאָליציי, גייט אַהיים און זייט רואיק. איך ווייס ניט צי ער האָט זיך באַרואיקט. אָבער איך בין גע־וואָרן זייער אומרואיק. וואָס טוט מען מיט פּראָקלאַמאַציעס, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אָן פּראָקלאַמאַציעס? — האָט מיך געעגבערט די פראַגע און איך האָב אין פאַרצווייפלונג אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער. אַזוי אַרומשפּאַנענדיק, האָט ביי מיר אין קאָפּ אויפגעבליצט אַ געדאַנק: איך האָב דאָך ערשט אַוועקגעשיקט אַ היפּשע צאָל פּראָקלאַמאַציעס אין די אַרומיקע שטעטלעך, דאַרף מען פּשוט די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס ברענגען צוריק. און מען דאַרף עס טאָקע טאָן גלייך, שוין היינט.

אין משך פון טאָג האָב איך זיך געטראָפן מיט עטלעכע בחורים און אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן גלייך נאָך דער אַרבעט קומען צו מיר אַהיים. ס׳איז זייער וויכטיק, האָב איך זיי פאַרזיכערט. ווען זיי זיינען נאָך דער

אַרבעט געקומען, האָב איך זיי דערציילט וועגן דעם אומגליק, וואָס אונז האָט געטראָפן און מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. ער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן תיכף געדאַרפט זיך אַוועקלאָזן איבער די שטעטלעך. פון די פעקלעך פּראָקלאַמאַציעס זאָלן זיי איבערלאָזן אין יעדן שטעטל אַ געוויסע צאָל, וואָס זאָל פאַר די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס זיין גענוג אָנצוקלעפּן אויף די טעלעגראַף־סלופּעס, אויף די ווענט. אַלע איבעריקע זאָל מען ברענגען אין מינסק און מיר וועלן דאָ אויך טאָן דאָס זעלבע. דאָס הייסט, מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט אָנקלעפּן די פּראָקלאַמאַציעס אויף די טעלעגראַף־סלופּעס, אויף לאַמטערן־סלופּעס א. אַז. וו.. ווער עס זיינען געווען די בחורים, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבער די שטעטלעך צוזאַמענצוקלייבן די פּראָקלאַמאַציעס, געדענק איך ניט, אַחוץ איינעם. דער איינער איז געווען נחום דער קירזשנער — נחום כאַנין, דער איצטיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג. אונזער פּלאַן האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט. אַלע אין שטאָט, אויסער די עטלעכע, וואָס האָבן געוואוסט דעם סוד, זיינען געווען זיכער, אַז דאָס יאָר האָט מען אין שטאָט פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס צום 1טן מאַי אַזוי ווי אַלע יאָר.

דער אַרויסגעגנבעטער קאָרב מיט די פּראָקלאַמאַציעס האָט זיך אין טאָג פון 1טן מאַי אָפּגעזוכט אויף אַזאַ אופן: גאַנץ פרי, ווען די פיש־הענדלער זיינען געקומען אויפן פיש־מאַרק, האָבן זיי דערזען שטיין אויפן מאַרק אַ שיינעם קאָרב, כמעט אַ נייעם. האָבן זיי דעם קאָרב געעפנט, געוואָלט אַ קוק טאָן, וואָס עס געפינט זיך אינעווייניק. די פיש־הענדלער האָבן גענומען לייענען די פּראָקלאַמאַציעס, שפּעטער האָבן עס געטאָן אויך די, וואָס זיינען געקומען קויפן פיש. עמעצער האָט עס דערטראָגן צו דער פּאָליציי, און זי האָט צוגענומען דעם קאָרב מיט די פּראָקלאַמאַציעס.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער עפּיזאָד מיט די אַרויסגעגנבעטע 1טע מאַי־אויפרופן. באַלד נאָכדעם, אָנהויב מאַי 1905, האָב איך פאַרלאָזט מינסק און בין אַוועקגעפאָרן אין ווילנע.

14. כ׳קום קיין ווילנע און ווער באַלד
אַ תושב אין טורמע

נאָך מיין קומען אין ווילנע האָט מען מיך אָוועקגעפירט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער אַגיטאַטאָרסקע. איך האָב דאָרט געטראָפן ברוך טשאַרני, מיט וועמען איך האָב מיט אַ קורצער צייט פריער געאַרבעט צוזאַמען אין מינסק. פאַר דער קורצער צייט האָט ער זיך דאָ דערוואָרבן דעם נאָמען יונגער לאַסאַל און אונטער דעם נאָמען האָט ער פיגורירט אַ לאַנגע צייט סיי אין ווילנע, סיי אין אַנדערע שטעט און ער איז שוין בכלל געווען פון די אָנגעזעענע טוער אין בונד. שפּעטער געווען באַוואוסט אונטערן נאָמען ב. וולאַדעק.

איך האָב זיך דאָ געטראָפן מיט נאָך אַ ריי טוער און איך וועל זיי אויסרעכענען:

אסתר ריסקינד. מיט איר האָב איך געאַרבעט צוזאַמען אין ביאַליסטאָק אין 1899. זינט יענער צייט האָט זי אַ סך דורכגעמאַכט און גייסטיק איז זי שטאַרק אויסגעוואַקסן. תשעה־באב 1903 איז זי אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע, זי איז געזעסן אין פּאַוויאַק און אין ציטאַדעל און איז נאָכדעם פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר. דאָרט איז זי ניט לאַנג פאַרבליבן. זי איז אַנטלאָפן און איז גלייך געקומען אין דער שווייץ. זי האָט זיך תיכף געשטעלט אין רשות פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד און די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געווען אין אויסלאַנד, האָט זי געטאָן פאַר אים פאַרשידענע אַרבעטן. נאָך דעם בלוטיקן זונטאָג, דעם 9טן יאַנואַר 1905, האָט אסתר ריסקינד געזאָגט: — מען דאַרף פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד, מען קען נאָך פאַרשפּעטיקן די רעוואָלוציע. און זי איז טאַקע אָוועקגעפאָרן. זי איז געקומען קיין ווילנע און ווי איר שטיגער איז געווען, האָט זי זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג מיטן גאַנצן ברען.

גרשון רב־רבי (קוראַקי) — ער איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער בחור מיט אַ סך יידיש וויסן, אָבער אַן אָפּגעלאָזענער, נאַכלעסיק אין זיין קליידונג. אַן אָרגאַניזאַטאָר איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער.

ש. גאָזשאַנסקי־לבנו (פרידריך)—ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך וויסן און האָט געהאַט אַ רייכע פאַרגאַנגענהייט. דעם

ערשטן מאָל האָט מען אים אַרעסטירט אין מיטן די נײַנציקער יאָרן. אַ לאַנגע צײַט האָט מען אים געהאַלטן אין טורמע און נאָכדעם פאַרשיקט אין יאַקוטסקער געגנט (מזרח־סיביר). ווען איך האָב אים געטראָפן אין 1902, איז ער געווען ניט לאַנג געקומען פון פאַרשיקונג.

יוסף לענסקי—זײַן נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט, אָבער געזען האָב איך אים איצט צום ערשטן מאָל. לויט זײַן פּראָפעסיע איז ער געווען אַ לערער. ער איז שוין אויך אָפּגעווען אַ געוויסן טערמין אין סיביר. אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָט ער איצט אין דער אָרגאַניזאַציע געהאַט דעם אַמט פון פאַרמיטלער, ד״ה ער איז געווען דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון קאָמיטעט.

נח לוריע — אויסערלעך האָט ער געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַן ערנסטן בחור. אַ ביסל שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז אויך אַן אינטעליגענטער בחור.

אין דער אַגיטאַטאָרסקע זײַנען געווען נאָך פיר בחורים, וועמענס נעמען איך האָב פאַרגעסן. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז איינער פון די פיר איז אַן אַנטלאָפענער סאָלדאַט און ער לעבט אומ־לעגאַל אויף אַ פאַלשן פּאַספּאָרט. די איבעריקע דרײַ זײַנען געווען ווילנער אַרבעטער, אַנגעזעענע טוער אין דער באַוועגונג.

איך בין פאַרבליבן אין ווילנע און באַלד זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט. די אַרבעט איז געווען זייער אינטערעסאַנט און אָנ־געגנעם. דאָס איז דאָך געווען דאָס יאָר 1905, וואָס איז געווען אַזוי רײַך מיט געשעענישן. די באַוועגונג האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן, ווי אַ ברויזנדיקער ים.

ניט לאַנג איז אונז באַשערט געווען די דאָזיקע אינטערעסאַנטע אַרבעט אָנצוהאַלטן. בערך מיט אַ חודש שפּעטער האָט מען כמעט די גאַנצע אַגיטאַטאָרסקע אַרעסטירט. אַ געוויסן שבת, אָנהייב יוני, האָבן מיר געזאָלט אָפּהאַלטן אַ זיצונג פון דער אַגיטאַטאָרסקע. מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ דירה. צו דער באַשטימטער צײַט זײַנען אַלע געווען אויפן אָרט, אויסער אסתר ריסקינד. קיינער האָט זיך ניט געקימערט וועגן דעם וואָס זי פעלט, מאַלע וואָס אַ מענטש פאַרשפּע־טיקט זיך אָדער קען ניט קומען צו אַ זיצונג. מיר האָבן דעריבער באַ־שלאָסן אָנצוהייבן. נח (יקותיאל פּאָרטנוי) איז אויך געקומען צו דער זיצונג אַלס פאָרשטייער פון צ. ק.. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ לאַנגע טאָג־אָרדנונג. צו די פראַגן פון דער אָרטיקער באַוועגונג, האָט נח צוגעשטעלט נאָך צוויי פראַגן פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער: וועגן אַר־בעטן צווישן די פּויערים און אין דער אַרמיי. אויף וויפל איך געדענק, האָבן מיר אין ווילנע קיין שום פאַרבינדונגען מיט פּויערים ניט גע־

האָט און די פראַגע איז געווען ווי אַזוי אַזעלכע פאַרבינדונגען אָנצוקניפן; אין דער אַרמיי האָבן מיר יאָ געהאַט אַ פאַרבינדונג און ס׳האָט זיך געקענט האַנדלען וועגן פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן די אַרבעט.

ווען מיר זײַנען שוין געווען גרייט אָנצוהייבן באַטראַכטן די פראַגן, האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר. ווען מ׳האָט געעפנט די טיר, איז אַרײַנגעקומען דער באַוואוסטער פריסטאַוו סניטקאָ מיט אַ גאַנצער מחנה פאָליציי און סאָלדאַטן. איין פאָליציאַנט האָט ער אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, דורך וועלכער זיי זײַנען אַרײַן, און אַ צווייטן ביי דער הינטערטיר. די איבעריקע האָט ער געהייסן מאַכן אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין צימער. די סאָלדאַטן זײַנען געשטאַנען אָן אַ זייט און זיך נאָר צוגעקוקט. גלייך ווי דער פריסטאַוו האָט זיך באַוויזן אין טיר, האָט זיך איינעם פון אונדז אײַנגעגעבן (דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען קוראָקי) אַראָפצושאַרן פון טיש אומבאַמערקט דאָס שטיקל פאַפיר, וואו ס׳איז געווען פאַרשריבן די טאָג־אָרדנונג. איצט ווען די פאָליציאַנטן האָבן רעווידירט דעם צימער, האָט איינער פון זיי אויפגעהויבן דאָס שטיקל פאַפיר און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש לעבן פריסטאַוו. קיין אַנדערע קאָמפּראָמיטירנדיקע זאַכן האָבן די פאָליציאַנטן ניט געפונען. אין אַ מאָמענט ווען דער פריסטאַוו האָט אָפגעקערט זיין קאָפ אָן אַ זייט, האָט זיך איינער פון אונדז דערמיט באַנוצט און האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום שטיקל פאַפיר, געוואָלט עס צונעמען. אַ סאָלדאַט האָט עס באַמערקט און האָט אַ געשריי געטאָן: — טשעפעט ניט! דער פריסטאַוו האָט צוריק אומגעדרייט זיין קאָפ און געפרעגט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דער סאָלדאַט האָט אים דערציילט. דער פריסטאַוו האָט דורכגעשטאָכן דעם חבר מיט זיינע פאָליצייסקע אויגן און געזאָגט: — איר ווילט איך זאָל הייסן די סאָלדאַטן אַרויפוואַרפן זיך אויף אייך מיט די באַגנעטן און מאַכן פון אייך קרעפל־פלייש? אויב איר זוכט עס, וועט איר עס קריגן. דער טאָן זיינער איז געווען אַ חוצפהדיקער, אַ באַליידיקנדיקער, ס׳האָט אונדז אויפגעקאָכט. אָבער וואָס האָבן מיר געקענט טאָן? מיר האָבן עס אַראָפגעשלונגען און געבליבן זיצן אויף די ערטער.

נאָך דעם דאָזיקן אינצידענט האָט זיך דער פריסטאַוו געווענדעט צו גאָזשאַנסקין, וואָס איז גראָד געזעסן דער ערשטער לעבן אים, און געפרעגט: — ווי איז אייער נאָמען? דאָ האָט זיך צווישן גאָזשאַנסקין און דעם פריסטאַוו אַנטוויקלט פאָלגנדיקער איבעררייד: — איך אַנטזאַג זיך אָנצוגעבן מיין נאָמען אַ פאָליציאַנט, האָט גאָזשאַנסקי געזאָגט. — פאַרוואָס? האָט דער פריסטאַוו געפרעגט. — ווייל אַ פאָליציאַנט

ווייס נאָר איין זאַך, כאַפּן פּאַרן קאָלנער און שלעפּן אין אוטשאַסטאָק און מיט אַזאַ מענטשן וויל איך ניט האָבן קיין מגע־ומשא. — אומזיסט שלעפּט מען ניט אין אוטשאַסטאָק; אויב מען שלעפּט וועמען, איז דאָ אַ סיבה פֿאַר דעם, האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט. — אייער איצטיקער איבערפֿאַל אויף אונז ווייזט דאָס פּאַרקערטע. עטלעכע מענטשן זיצן אין אַ הויז און פֿאַרברענגען געמיטלעך, מיר האָבן קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, קיינעם ניט באַשווינדלט, קיינעם ניט באַראַבעוועט און איר באַפֿאַלט אונז מיט פּאָליציי און סאָלדאַטן און זייט שוין גרייט צו שלעפּן אונז אין אוטשאַסטאָק, אויף וואָס פֿאַר אַ גרונט? — עס פֿאַלט מיר גאָר ניט איין צו באַשולדיקן אייך אין רויבעריי אָדער שווינדל, האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט, אין וואָס איך באַשולדיק אייך יאָ, איז אַז איר זענט רעוואָלוציאָנערן און ווילט אומוואַרפֿן די פּאָליטישע אָרדנונג אין רוסלאַנד. נו, איך ווייס, אַז עס קומט פֿאַר אַ קאַמף צווישן די רעוואָלוציאָנערן און דער רעגירונג. ווער עס וועט אַרויס דער זיגער, נעם איך זיך ניט אָן פֿאָראויסצוזאָגן. אָבער דערווייל האָבן מיר די מאַכט און איך האָף, אַז מיר וועלן אייערע פּלענער צעשטערן. נו, ווילט איר אָנגעבן אייער נאָמען? האָט דער פּריסטאַוו ווידער געפֿרעגט. — און אַז איך וועל אָנגעבן מיין נאָמען, וועט איר מיך פֿריילאָזן און איך וועל קענען גיין אַהיים? — ניין, דאָס ניט! האָט דער פּריסטאַוו געענטפֿערט. — הייסט עס, אַז מיין באַהויפּטונג, אַז פּאָליציי ווייס נאָר צו שלעפּן אין אוטשאַסטאָק, איז אַ ריכטיקע און דערפֿאַר וועל איך מיין נאָמען אָנגעבן נאָר צו אַ פֿאָרשטייער פֿון דער יוסטיץ, דעם פּראָקוראָר. — נו, איז ווי־זשע זאָל איך אייך פֿאַרשרייבן? — מיך אַרט ניט, אַז איר וועט ניט פֿאַרשרייבן, האָט גאָזשאַנסקי געזאָגט. — ווײַבאַלד אַזוי, וועל איך אייך פֿאַרשרייבן אַלס נומער איינס, און ער האָט פֿאַרשריבן: נומער איינס האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוגעבן זיין נאָמען. מיט דעם האָט זיך פֿאַרענדיקט דער איבעררייד צווישן דעם פּריסטאַוו און גאָזשאַנסקין.

ווייטער איז שוין געגאַנגען ווי געשמירט. דער פּריסטאַוו האָט לויט דער ריי פֿאַרשריבן אַלעמען מיט נומערן: 2, 3, 4 א. אַז. וו. און ביי יעדן נומער צוגעשריבן — האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוגעבן זיין נאָמען.

ווען די פּראָצעדור איז געווען פֿאַרענדיקט, האָט מען יעדן באַזוכט, ביי אייניקע האָט מען עפּעס געפֿונען, ניט קיין קאָמפּראָמיטירנדיקע זאַכן, ביי אַנדערע — גאָרנישט. ביי מיר האָט מען געפֿונען דעם פּאַספּאָרט, אויף וועלכן איך האָב געלעבט, דער פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען גער. נאָכדעם האָט דער פּריסטאַוו געהייסן די פּאָליציאַנטן זיי זאָלן

אונז אײנציקװײז אָפּפירן אין פּאָליצײ־פּאַרװאַלטונג. אויף רב־רבין (קוראָקי) האָט ער אָנגעװיזן, אַז אים זאָל מען פאַרשפּאַרן אין אַ באַ־זונדער אײנצל־קאַמער, אַפילו אין נומער 5, אויב קיין אַנדערע איז ניט לײדיק. נומער 5 איז געװען די ערגסטע קאַמער, װאו מ׳האָט גע־קענט קוים אָטעמען. מסתמא איז דאָס געװען דערפאַר, װאָס ער האָט פריער געפּרואװט אַראָפּשלעפּן פון טיש דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט דער טאָג־אָרדנונג.

אין דער פּאָליצײ האָט מען אונז געהאַלטן צװײ אָדער דרײ טעג, נאָכדעם האָט מען אונז איבערגעפירט אין לוקישקער טורמע. דאָ איז פאָרגעקומען די זעלבע פּראָצעדור װי בײם אַרעסט. װען מ׳האָט מיך אַרײנגעפירט אין קאַנטאָר פון טורמע, האָט דער נאַטשאַלניק גע־פרעגט: — װי איז אײער נאָמען? איך האָב אים געזאָגט, אַז שוין בעתן אַרעסט האָבן מיר געמאָלדן, אַז מיר װעלן אָנגעבן אונזערע נעמען נאָר דעם פּראָקוראָר. ער האָט זיך באַמיט מיך צו איבערצייגן, אַז אים דאַרף איך יאָ אָנגעבן מײן נאָמען. אויב בײם אַרעסט האָט די פּאָליצײ אײך שלעכט באַהאַנדלט און אַלס פּראָטעסט האָט איר זיך אָפּגעזאָגט אָנצוגעבן אײערע נעמען, בין איך דאָך גאָט די נשמה שול־דיק, איך האָב דאָך קײנעם פון אײך קײן שלעכטס ניט געטאָן, האָט ער אַרגומענטירט. װען ער האָט געזען, אַז דער אַרגומענט העלפט ניט, האָט ער געפּרואװט מיך אונטערקויפן: — אויב איר װעט אָנגעבן אײער נאָמען, האָט ער געזאָגט, װעט איר זיך קענען זען מיט אַלע פּאָליטישע, װאָס געפינען זיך דאָ אין טורמע. אויב אָבער איר װעט אײער נאָמען ניט אָנגעבן, װעט איר קענען זען נאָר די, װאָס זײנען מיט אײך צוזאַ־מען געװען אַרעסטירט. װען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט ער געטאָן דאָס זעלבע, װאָס עס האָט געטאָן דער פּריסטאַװ בעתן אַרעסט: ער האָט מיך פאַרשריבן אונטער אַ נומער. דאָס זעלבע איז פאָרגע־קומען מיט יעדן פון אונז. מיר זײנען דערװײל אויך אין טורמע געבליבן נאָמענלאָז. מען האָט אונז פאַנאַנדערגעפירט אין פאַרשידענע אײנצל־קאַמערן.

דער רעזשים איז דאָ געװען זײער אַ פרײער, אין משך פון גאַנצן טאָג האָבן מיר געקענט באַזוכן אײנע די אַנדערע װיפל מאָל מיר האָבן נאָר געװאָלט. מיר האָבן אויך זיך געקענט צונויפקלײבן אַלע אין אײן קאַמער, אויב מיר האָבן דאָס פאַרלאַנגט. נאָכדעם װי מיר זײנען געװאָרן שטענדיקע אײנװאױנער אין לוקישקער טורמע, איז צו מיר אין קאַמער געקומען נח און געפרעגט: — קענט איר מיר זאָגן, אַבראַם, װי גרויס זײנען אײערע עבירות קעגן ניקאָלאַי דעם צװײטן? איך האָב אים אויסגערעכנט מײנע עבירות זינט 1898. — פאַר דער צײט

זײַנען שוין געװען דרײַ אַמנעסטיעס, האָט נח געזאָגט, אײַערע עבֿירות זײַנען שוין כּמעט אָפּגעמעקט. אױב ס'איז נאָך פֿאַרבליבן עפּעס פֿאַר־װאָס מען קען אײַך נאָך באַשטראָפֿן, װעט עס זײַן אַ גאַנץ אומבאַ־דײַטנדיקע שטראָף. — קענט איר מיר דערקלערן אַנטקעגן װאָס איר זאָגט עס אַלץ ? בין איך געװען ניגעריק צו װיסן. און ער האָט מיר דערקלערט: — איר װײסט דאָך, האָט ער געזאָגט, אַז מיר האָבן מיט זיך אַ חבֿר, װאָס איז אַן אַנטלאָפֿענער סאָלדאַט. ער לעבט אױף אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט. ס'װעט דאָך ניט לאַנג נעמען און די זשאַנדאַרמעריע װעט אױסגעפֿינען אַז דער פּאַספּאָרט איז אַ פֿאַלשער, װעט ער מוזן אָנגעבן זײַן אמתן נאָמען און װי אַן אַנטלאָפֿענער סאָלדאַט װעט ער קריגן זײַער אַ האַרבע שטראָף — דיסציפּלינאַרני באַטאַליאָן. טראַכט איך די גאַנצע צײַט, זינט מ'האָט אונדז אַרעסטירט, װי אַזױ מען קען אים העלפֿן אַרױסקריכן פֿון דער שװערער לאַגע. און ס'איז מיר אײַנגעפֿאַלן צו פֿרעגן בײַ אײַך אפֿשר איז אַ פּלאַן איר זאָלט אָנגעבן אײַער אמתן נאָמען און דעם פּאַספּאָרט, אױף װעלכן איר לעבט איצט, איבערגעבן דעם חבֿר. זײַט זיך מיישבֿ און באַשליסט צי קענט איר און צי װילט איר עס טאָן. איר דאַרפֿט עס אַלײן באַשליסן, קײנער קען ניט און קײנער װעט אײַך ניט זאָגן װי צו האַנדלען.

גלײַך װי ער האָט געענדיקט רײדן, האָב איך געזאָגט: — איך האָב זיך שוין מיישבֿ געװען און שוין באַשלאָסן, אַז... נח האָט מיר איבערגעשלאָגן די רײד און געזאָגט: — איך האָב ניט געמײנט, אַז איר דאַרפֿט אָננעמען אַ באַשלוס שוין איצט אין דער מינוט, איר האָט נאָך צײַט, באַטראַכט זיך פֿריער גוט. — מײַן באַשלוס איז אַ פֿעסטער, האָב איך אים געענטפֿערט, איך װעל אָנגעבן מײַן אמתן נאָמען און מײַן פּאַספּאָרט װעל איך איבערגעבן דעם חבֿר. — אױב אַזױ, האָט נח געזאָגט, גײט אַרײַן צו אים און זאָגט עס אים.

מיר זײַנען אַרױס אין קאָרידאָר, נח איז אַװעק צו זיך אין קאַמער און איך בין אַװעק צום חבֿר. איך האָב אים איבערגעגעבן דעם פּלאַן, װאָס מיר האָבן אױסגעאַרבעט, איבערגעגעבן אים דעם נאָמען, לױט װי עס איז פֿאַרשריבן אין פּאַספּאָרט און אַנדערע אינפֿאָרמאַציעס — דעם טאַטנס נאָמען, די עלטער א. אַז. װ..

אין אַ געװיסן טאָג האָט מען ברוך טשאַרני גערופֿן אין קאַנטאָר אױף אַ דאָפּראָס. דאָרט איז געזעסן אַ זשאַנדאַרמסקער אָפֿיצער און אַ געהילף־פּראָקוראָר. נאָכדעם װי ער האָט אָנגעגעבן זײַן נאָמען, האָט דער אָפֿיצער צו אים געזאָגט: — איר װערט באַשולדיקט אין געהערן צום װילנער קאָמיטעט פֿון בונד, אָנערקענט איר זיך שולדיק ? — אױף װאָס פֿאַר אַ גרונט שטעלט איר אַרױס קעגן מיר די דאָזיקע באַשולדי־

קונג? האָט ברוך טשאַרני געפרעגט. דער אָפּיצער האָט אַרויסגענו־
מען פון זיין פאַרטפעל אַ ציישונג און געזאָגט: — דאָס איז די פאַריזער
סאָציאַליסטישע צייטונג הומאַניטע. דאָ איז אָפּגעדרוקט אַ קאָרעספּאָנ־
דענץ, אַז אין דעם און דעם טאָג איז אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע
דער קאָמיטעט פון דער סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציע בונד. די אַרעס־
טירטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַנצוגעבן זייערע נעמען. נו, ס'איז דאָך
קלאָר, אַז די קאָרעספּאָנדענץ מיינט איך. אַ סאָציאַליסטישע צייטונג
וועט דאָך ניט דרוקן אַ זאַך, וואָס זי האָט פריער ניט קאָנטראָלירט.
אַלזאָ, אַנערקענט איר זיך שולדיק? האָט דער אָפּיצער ווידער גע־
פרעגט. — אויף דער דאָזיקער פראַגע אַנטזאָג איך זיך צו ענטפערן,
האָט ברוך טשאַרני געזאָגט. בכלל וועל איך ניט ענטפערן אויף קיין
שום פראַגן, וועל ניט געבן קיין שום דערקלערונגען. און וואָס שייך
דער קאָרעספּאָנדענץ, מאַכט איר זיך אַליין לעכערלעך. אַ קינד אין
וויג קען פאַרשטיין, אַז די קאָרעספּאָנדענץ האָט אַריינגעשיקט די וויל־
נער אָכראַנע. ווייזט אויס, אַז אויף אַזאַ פּאַטש אין פּנים האָבן דער
אָפּיצער און דער געהילף־פּראָקוראָר זיך ניט געריכט, און דער אָפּי־
צער האָט געזאָגט: — נו, איר קענט גיין.

דעם צווייטן האָט מען גערופן גאָזשאַנסקין (לנו). ווען ער איז
אַריינגעקומען אין קאַנטאָר און געזאָגט זיין נאָמען, האָט דער אָפּיצער
עס געוואָלט פאַרשרייבן אויף אַ בלאַנק־פאָרם, וואָס איז געלעגן לעבן
אים. גאָזשאַנסקי האָט אים אָפּגעשטעלט און געזאָגט: — איך בין אַ
גראַמאָטנער. גיט מיר דעם בלאַנק, איך וועל אים אַליין אויספילן.
דער אָפּיצער האָט אים דערלאַנגט דעם בלאַנק. גאָזשאַנסקי האָט גע־
זאָגט: — איינגנטלעך איז די גאַנצע פּראָצעדור פון רופן אונז יעדן
באַזונדער אין קאַנטאָר און שטעלן פראַגעס אָן איבעריקע און נוצלאָזע.
מיר זיינען אַלע גראַמאָטנע. קיינער פון אונז וועט אויף קיין שום פראַ־
געס ניט ענטפערן און ניט געבן קיין דערקלערונגען. דערפאַר וואָלט
געווען די בעסטע זאַך איר זאָלט אונז געבן די בלאַנקען, מיר וועלן
זיי אויספילן אין די קאַמערן און צושיקן זיי צו אייך מיט אַ נאַדזיראַטעל.
מיר וועלן זיין פאַרטיק דערמיט אין אַ האַלבער שעה און איר וועט
פאַרשפּאָרן צו זיצן דאָ שעהן לאַנג. סיי דער אָפּיצער, סיי דער פּראָ־
קוראָר האָבן זיך איבערצייגט, אַז קיין כבוד פון אונזער חברה, וואָס
פאַרמאָגט אַזוי פיל חוצפה, קענען זיי ניט דערוואַרטן און זיי האָבן
מסכים געווען. דער אָפּיצער האָט דערלאַנגט גאָזשאַנסקין די נויטיקע
צאָל בלאַנקען און ער האָט דאָס אונז געבראַכט. מיר האָבן אויסגעפילט
די בלאַנקען. יעדער האָט אָנגעשריבן זיין נאָמען אויפן בלאַנק און
צוגעגעבן, אַז אויף די איבעריקע פראַגעס זאָגט ער זיך אָפּ צו ענטפערן.

מיר האָבן עס געגעבן אַ נאַדזיראַטעל אַוועקצוטראָגן אין קאַנטאָר. מער קיין דאָפּראָסן האָבן מיר ניט געהאַט.

צוויי וואָכן נאָך אונזער אַרעסט האָבן מיר באַקומען אַ בריוול פון אסתר ריסקינד. באַטירלעך ניט דורך דער רעגולערער, נאָר דורך דער אונטערערדישער פּאָסט. מיר האָבן זיך פון בריוו דערוואוסט פאַרוואָס זי איז ניט געקומען צו דער זיצונג פון דער אַגיטאַטאָרסקע, וואו מיר זיינען אַרעסטירט געוואָרן. זי האָט געשריבן, אַז יענעם שבת איז זי אין דער באַשטימטער צייט געגאַנגען צו דער זיצונג. צוקומענדיק ניט וויט פון דעם הויז, וואו די זיצונג האָט געדאַרפט פאַרקומען, האָט זי באַמערקט, אַז אַ שפּיאָן גייט איר נאָך. זי איז אַריין אין אַ קליין פּאַרקל, וואָס איז געווען אין שכנות, און זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. דער שפּיאָן איז אויך אַריין אַהין. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער דער אַלייע און ניט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן. זי האָט באַשלאָסן צו דער זיצונג ניט גיין נאָר ווי עס איז פּטור ווערן פון איר פאַרפאָלגער. זי איז אַרויס פון פּאַרקל, דער שפּיאָן איז אַרויס נאָך איר. זי האָט אַרומגעוואַנדערט איבער פאַרשידענע גאַסן, געסלעך און דורכגאַנג־הויפן, ביז זי האָט זיך פון אים אָפּגעטשעפּעט — דער שפּיאָן האָט זי פאַרלוירן. מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט זי זיך דערוואוסט וועגן אונזער אַרעסט. זי האָט באַשלאָסן, אַז זי טאָר ניט בלייבן אין ווילנע, אויב זי וויל ניט אַרעסטירט ווערן. איר האָט זיך איינגעגעבן אַרויס־צושמוגלען זיך פון ווילנע און זי איז אַוועקגעפאָרן אין ביאַליסטאָק. די גאַנצע צייט, האָט זי געשריבן ווייטער, פּלאָגט איר דאָס געוויסן. זי טראַכט אפשר האָט זי געדאַרפט אַרויפקומען צו דער זיצונג און וואָרנען אונז, דעמאָלט וואָלט אפשר דער אַרעסט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן. הכלל, זי לאָזט איבער פאַר אונז צו משפּטן צי זי האָט געהאַנדלט גוט אָדער ניט. איך געדענק ניט אַקוראַט וואָס מיר האָבן איר געענטפערט, אַלנפאַלס וויס איך אויף זיכער, אַז מיר האָבן איר ניט פאַראורטיילט.

אין טורמע האָבן מיר זיך גאַנץ גוט איינגעאָרדנט. גאַזשאַנסקי האָט אָרגאַניזירט אַ פּאָר קרייזלעך, האָט דאָרט געלערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אַנדערע האָבן פאַרבראַכט די צייט אין לייענען, דיסקו־טירן א. ד. גל.. ווען מיר האָבן באַקומען אַן אומלעגאַלע צייטשריפט, האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אין איין קאַמער און איינער האָט פאָר־געלייענט. דאָס זעלבע פלעגן מיר טאָן, ווען מיר האָבן באַקומען אַ וויכטיקע נייעס. בכלל זיינען מיר געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אויפן רעזשים אין טורמע האָבן מיר זיך ניט געקענט

באַקלאָגן און איינמאָל האָט מיר נח געזאָגט: — איר ווייסט, ס׳איז גאָר נישקשה פון אַ האָטעל.

בערך צוויי חדשים נאָך אונזער אַרעסט האָבן מיר באַקומען אַ מעלדונג פון גובערנאַטאָר, אַז בעתן אַרעסט האָבן מיר באַליידיקט די פּאָליציי, דעריבער באַשטראָפט ער אונז מיט דריי חדשים טורמע. דאָס האָט באַדייט, אַז נאָכדעם, ווי מיר וועלן אָפּקומען די שטראָף, וואָס די זשאַנדאַרמעריע וועט אונז געבן, וועלן מיר דאַרפן בלייבן אין טורמע נאָך דריי חדשים אָפּצוקומען די שטראָף, וואָס ער, דער גובערנאַטאָר, לייגט אויף אונז אַרויף. אין געדאַנק האָבן מיר אים געשיקט אַ קללה און באַלד פאַרגעסן וועגן דעם. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אָנגעגעבן אַ קאָלעקטיווע בקשה צום פּראָקוראָר פון דער סודעבנער פּאַלאַטע, אַז מען זאָל אונז באַפרייען אויף ערבות ביז דעם אורטייל. מיר האָבן אָנגעגעבן פאָלגנדיקע מאָטיווירונג פאַר אונזער פאַרלאַנג: אַזוי ווי פון יורידישן שטאַנדפּונקט האָט ניט די באַשולדיקונג וואָס מען שטעלט אַרויס קעגן אונז קיין ווערט, ווייל עס זיינען ניטאָ קיין באַווייזן און אַן עפנטלעכער געריכט וואָלט אונז זיכער באַפרייט, איז דערפאַר ניטאָ קיין גרונט צו האַלטן אונז פאַרשפּאַרט אין טורמע. איך געדענק ניט ווי לאַנג עס האָט געדויערט, אָבער מיר האָבן באַקומען אַ גינסטיקן ענטפער. די זשאַנדאַרמעריע האָט באַשטימט צו 300 רובל זאַלאָג פאַר יעדן איינציקן פון אונז.

די אָרגאַניזאַציע האָט געשאַפן דאָס געלט און אַריינגעטראָגן אין דער זשאַנדאַרמעריע. דאָרט האָבן זיי אָבער אָנגענומען זאַלאָג נאָר פאַר 9 פון אונז. פאַר מיר און פאַר דעם חבר, דעם אַנטלאָפענעם סאָלדאַט, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם זאַלאָג. ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצורופן דעם פּראָקוראָר און פרעגן די סיבה דערפון. די 9, פאַר וועמען מען האָט דעם זאַלאָג אָנגענומען, האָט דער נאַטשאַלניק אַרויסגענומען פון די איינצל־קאַמערן און אַריינגעזעצט אין אַ געמיינזאַמער קאַמער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ צווייטער געביידע אויף דעם זעלבן הויף. דאָרט האָבן זיי געדאַרפט אָפּזיצן די דריי חדשים, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דער פּראָקוראָר געקומען צו מיר אין קאַמער און איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער זאָגט זיך אָפּ צו נעמען זאַלאָג פאַר מיר. ער האָט מיר געענטפערט: — ווייל מיר ווייסן ניט ווער איר זענט. — וואָס הייסט איר ווייסט ניט, איך האָב דאָך אָנגעגעבן אַ נאָמען? — יאָ, האָט ער געזאָגט, איר האָט אָנגעגעבן אַ נאָמען, אָבער אייערע קרובים, אַ פאָטער און אַ מומע, אָנערקענען אייך ניט. זיי זאָגן, אַז זיי האָבן טאַקע

אַ פּלימעניק מיט דעם נאָמען, אָבער דאָס איז ניט דער, וואָס אויף דער פאָטאָגראַפיע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער פעטער מיט דער מו־מען האָבן מיר געוואָלט מיט דעם טאָן אַ טובה (זיי האָבן דאָך געוואוסט, אַז אַמאָל האָט מען מיך שטאַרק געזוכט). אָבער אַרויסגעקומען איז אַ בערישע טובה. — וואָס־זשע טראַכט איר צו טאָן מיט מיר? האָב איך געפרעגט. — מיר וועלן אייך האַלטן ביז מיר וועלן אויסגעפינען וועד איר זענט, האָט ער מיר געענטפערט. — נו, איך וועל שוין זען צו געפינען אַ מיטל ווי צו איבערצייגן אייך, אַז איך בין איך, האָב איך געזאָגט. דערמיט האָט זיך דער געשפּרעך געענדיקט. אַן ענלעכן געשפּרעך האָט דער פּראָקוראָר געפירט מיטן חבר, דעם אַנטלאָפענעם סאָלדאַט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך טאַקע געפונען אַ מיטל ווי צו איבערצייגן די זשאַנדאַרמעריע, אַז איך בין די ריכטיקע פּערזאָן פון דעם נאָמען, וואָס איך האָב אָנגעגעבן. אַ מיידל פון דער אָרגאַניזאַציע האָט איינגערעדט איר מאַמען, אַז זי זאָל אין דער זשאַנדאַרמעריע באַשטעטיקן, אַז איך בין אירער אַ פּלימעניק, אַ זון פון אירער אַ פאַר־שטאָרבענער שוועסטער. די טאָכטער מיט דער מאַמען זיינען אַוועק אין דער זשאַנדאַרמעריע און די מאַמע האָט דאָרט דערציילט דעם אָפיצער אַ געשיכטע פון נעכטיקע טעג: זי האָט זיך דערוואוסט, אַז אירער אַ פּלימעניק מיט אַזאַ און אַזאַ נאָמען געפינט זיך אין טורמע און זי בעט אַ דערלויבעניש צו זען זיך מיט אים. די מאַמע מיט דער טאָכטער — מיין כלומרשטע מומע און קוזינע זיינען געקומען צו מיר אויף אַ סווידאַניע. עפּעס ענלעכעס האָט מען איינגעאָרדנט פאַרן צווייטן חבר. הכלל, אונזער קרובהשאַפט איז פעסטגעשטעלט גע־וואָרן און מיר זיינען געוואָרן לעגאַלע מענטשן — אויס בראָדיאַגעס. אָבער קיין ערבות־געלט האָט מען פאַר אונז ניט אַריינגעטראָגן. וואָס דער אָפּהאַלט איז געווען, ווייס איך ניט. און מיר זיינען פאַרבליבן זיצן אין די איינצל־קאַמערן. די אַנדערע 9, ווי שוין דערמאָנט, זיינען געזעסן אין אַן אַלגעמיינער קאַמער אין אַ צווייטער געביידע. דער קאָנטאַקט צווישן אונז איז געווען אַ שטענדיקער. איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז זייענדיק אין טורמע, זיינען מיר געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג סיי אין שטאָט און סיי אין לאַנד. אין חודש אויגוסט האָבן מיר באַ־קומען די זייער טרויעריקע ידיעה, אַז אסתר ריסקינד איז אומגעקומען אין ביאַליסטאָק אויף דער אַרבעטער־בירזשע בעת אַנאַרכיסטן האָבן געוואָרפן אַ באָמבע און אַ מיליטערישער פּאַטרול האָט געשאָסן. אין איר קורצן שיינעם לעבן האָט די טרייע בונדיסטקע דורכגעמאַכט אַ

שטורמישן רעוואָלוציאָנערן וועג. זי איז איינגאַנצן אַלט געווען 25 יאָר.

די אינפֿאָרמאַציע, וואָס מיר פֿלעגן באַקומען פֿון דער פֿריי, האָט אונדז דערמוטיקט. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געגאַנגען באַרג־אַרויף און דאָס האָט אונדז פֿאַרזיסט דאָס טורמע־לעבן. אונדז האָט בלויז פֿאַרדראָסן וואָס מיר קענען זיך אין דעם ניט באַטייליקן. מיר האָבן געפֿילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער הויכפּונקט. אין איינער אַ נאַכט אין חודש אָקטאָבער האָבן מיר דערהערט אַן אויסערגעוויינלעכן טומל אין די קאָרידאָרן. מען איז געלאָפֿן אויף די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ. אויף אַלע שטאָקן זיינען טירן געוואָרן אויפֿגעשלאָסן און צוריק פֿאַרשלאָסן. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז אָנגעקומען אַ גרויסע פּאַרטיע אַרעסטירטע. צומאָרגנס אינדערפֿרי, ווען איך בין אַרויס אין קאָרידאָר, האָט מיר דער נאַדזיראַטעל דערציילט, אַז אין מיטן דער נאַכט האָט מען געבראַכט אַ גרויסע צאָל פּאָליטישע. זעט אויס, אַלץ רייכע מענטשן, האָט ער געזאָגט, און די טורמע איז איצט אי־בערגעפּאַקט. אויף מיין פֿראַגע פֿאַרוואָס מען האָט זיי אַרעסטירט און וואָס עס קומט פֿאָר אין שטאָט, האָט ער געזאָגט, אַז ער ווייס ניט.

איך בין דעמאָלט געווען דער סטאַראָסטע פֿון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. דעם אַמט האָב איך באַקומען אויף אַזאַ אופֿן: ווען מען האָט מיך מיט די איבעריקע צען געבראַכט אין טורמע, בין איך צוליב מאַנגל אין איינצל־קאַמערן אַ קורצע צייט געזעסן צוזאַמען מיט איסאַק מאַסלאָוו. ער איז געווען פֿון די אָנגעזעענע טוער אין בונד. אַ געווויסע צייט האָט ער געאַרבעט אין איינער פֿון אונדזערע דרוקערייען. ווען איך בין געקומען, איז ער שוין אין טורמע געווען אַ תּושב און איז גע־ווען אַ סטאַראָסטע. פֿון פֿאַך איז ער געווען אַן איינבינדער. ווען דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָט ער אים פֿאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל נעמען אויף זיך אויפֿצופּאַסן אויף דער ביב־ליאָטעק (די טורמע האָט פֿאַרמאָגט אַ גאַנץ היפּשע ביבליאָטעק). ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרריכטן דעם איינבאַנד פֿון די ביכער און אין דער זעלבער צייט זיין דער ביבליאָטעקאַר. ער האָט עס אָנגענומען און גע־האַט אַ צווייענדיקן אַמט: אי אַ סטאַראָסטע, אי אַ ביבליאָטעקאַר. אין דריי אָדער פֿיר וואָכן אַרום נאָך מיין קומען האָט מען מאַסלאָוון באַפֿרייט. איידער ער האָט פֿאַרלאָזט די טורמע האָט דער נאַטשאַלניק ביי אים געפֿרעגט וועמען ער וואָלט רעקאָמענדירט צו פֿאַרנעמען זיין אָרט. ער האָט רעקאָמענדירט מיך און איך האָב באַקומען ביידע אַמטן.

איצט, ווען דער נאַדזיראַטעל האָט מיר דערציילט, אַז מ׳האָט געבראַכט אין טורמע אַ גרויסע צאָל פּאָליטישע, האָב איך געעפֿנט די פּאָרטקע אין אַ טיר פֿון אַן איינצל־קאַמער, וואו עס איז געזעסן איינער

פון די פריש־געבראַכטע. איך האָב זיך מיט אים באַגריסט, אים געזאָגט, אַז איך בין דאָ דער סטאַראָסטע. און אַזוי ווי איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די פאַבריקע נאַכט האָט מען געבראַכט אַ גרויסע צאָל אַרעסטירטע, איז אפשר קען ער מיר זאָגן וואָס עס באַדייטן די מאַסן־אַרעסטן און וואָס קומט בכלל פאָר אין שטאָט. און אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט: אין גאַנץ רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק. ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע ווארשטאַטן, פאַבריקן און זאַוואָדן; אַלע געשעפטן, אויסער שפּייז־קראָמען און בעקרייען, זיינען געשלאָסן. עס שטרייקן אַלע באַן־אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, די באַנען שטייען; אַזוי אויך מיט די קאָמוניקאַציע־מיטלען אין די שטעט גופא, ווי טראַמווייען, איזוואָשטשיקעס אד"גל.. ס'שטרייקן אויך אַלע פּאָסט־ און טעלעגראַף־אָנגעשטעלטע. מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע לעבן אין לאַנד איז פּאַראַליזירט. די רעגירונג ראַנגלט זיך נאָך דערוויל, פּירט דורך מאַסן־אַרעסטן... פון וויי־טערדיקן שמועס בין איך אויך געוואויר געוואָרן, אַז אַרעסטירט האָט מען די פּני פון שטאָט, די סמעטענע פון דער געזעלשאַפט. איך האָב אים אינפאָרמירט, אַז דאָס עסן פאַר די פּאָליטישע ווערט צוגעגרייט אין אַ באַזונדערער קיך און איז בעסער פאַר דעם עסן, וואָס די קרימי־נעלע באַקומען. ער האָט מיר געענטפערט, אַז מסתמא וועט קיינער פון די נייע אַרעסטירטע זיך ניט באַנוצן מיטן טורמע־עסן, ווייל ביים אויפנעמען זיי האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט, אַז עסן וועלן זיי קענען באַשטעלן אין אַ רעסטאָראַן אָדער באַקומען פון דער היים. איך האָב זיך מיט אים אָפּגעזעגנט און בין אַוועק אין ביבליאָטעק.

אין איין זייט קאָרידאָר האָט זיך געפונען אַ גרויס צימער, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט ניט מיט קיין סאָלידער וואַנט, נאָר מיט קראַטעס. איך האָב דאָרט דערזען אַ מאַסע פרויען מיט פעקלעך אין די הענט און נאַדזיראַטעלעס זיינען אַרומגעלאָפן הין און צוריק. ס'איז דאָרט געווען אַן אמתער יאַריד. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען געבראַכט עסן און אַנדערע נויטיקע זאַכן פאַר די נייע אַרעסטירטע. איך בין אַריין אין ביבליאָטעק, מיין אַרויסהעלפער איז ניט געקומען. מיין קאָפּ איז געווען אָנגעלאָדן מיט רעיונות, אָבער טראַכטן האָב איך ניט געקענט. איך האָב אַרויסגענומען אַ בוך און גענומען לייענען. אין אַ פאָר מינוט אַרום האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך ווייס ניט וואָס איך לייען. איך האָב גענומען אַרומשפּאַנען אין צימער און אַרומגעשפּאַנט אַזוי לאַנג ביז איך בין פאַרמאַטערט געוואָרן. איך האָב זיך ווידער צוגעזעצט, אָבער כ'האָב ניט געקענט איינזיצן, כ'האָב זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. אַזוי זיינען אַריבער צוויי אָדער דריי שעה.

כ׳האָב זיך געכאַפּט, אַז אייגנטלעך האָב איך דאָך גאָרניט געדאַרפט גיין אין ביבליאָטעק. איך האָב דאָך באַלד נאָך מיין שמועס מיט דעם נייעם אַרעסטירטן געדאַרפט איבערגעבן די חברים דאָס, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט, איך בין צוריק אַוועק צו זיך אין קאַמער. אַריינקומענדיק, האָב איך דערהערט, אַז פון דרויסן שרייט מען אַרויף צו אונז. איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָב דערזען, אַז אויף דער צווייטער זייט גאַס שטייען עטלעכע מיידלעך און בחורים און דערציילן וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט און אין לאַנד.

די שפּאַנונג ביי אונז איז געווען אומגעהויער גרויס. די נערוון — אָנגעצויגן, דער צושטאַנד אונזערער איז געווען אַזאַ, אַז מיר האָבן אַפילו ניט געקענט דיסקוטירן צווישן זיך, ניט געקענט קאָנצענטרירן אונזערע געדאַנקען. אַזוי איז אַריבער דער טאָג. צומאָרגנס איז געווען כמעט דאָס זעלבע. איבעראיינציק אין טורמע האָט געדרוישט און געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. אָבער פון דער פריי איז קיין וויכטיקע נייעס ניט געקומען. אונזער שפּאַנונג האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. מיר זיינען שוין געווען אימשטאַנד צו ריידן צווישן זיך און אויסהערן אַ מיינונג. אַזוי איז עס געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג. די נייע אַרעסטירטע האָט מען לאַנג ניט געהאַלטן — בלויז אַ פּאָר טעג — און מען האָט זיי באַפרייט. דער טומל און געפילדער, וואָס האָט געהערשט די לעצטע פּאָר טעג, האָט זיך איינגעשטילט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ האָט זיך צוריק איינגעשטעלט ווי געווען, ווי עס וואָלט קיין זאַך ניט פּאַסירט. דאָס איז אָבער געווען ניט איינגאַנצן ריכטיק, די שפּאַנונג און נערוועזיטעט ביי אונז האָט ווייטער אָנגעהאַלטן. מיר האָבן געוואַרט אויפן לעצטן אַקט און געטראַכט, אַז אָט־אָט קומט ער. אין עטלעכע טעג אַרום איז טאַקע דער לעצטער אַקט געקומען. דאָס איז געווען דער מאַניפעסט, וואָס די רעגירונג האָט דעם 17טן אָקטאָבער פאַרעפנטלעכט. די רעגירונג האָט אין דעם מאַניפעסט צוגעזאָגט דער באַפעלקערונג פאַרשידענע פרייהייטן און אויך צוזאַמענצורופן אַ געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפט, וואָס וועט שאַפן געזעצן פאַרן לאַנד. די באַפעלקערונג איז גערופן געוואָרן זיך צו באַרואיקן און צוריקקערן זיך צום נאָרמאַלן לעבן.

אין טורמע האָבן מיר באַלד זיך דערוואוסט וועגן מאַניפעסט. מען האָט אונז איבערגעגעבן, אַז דער מאַניפעסט האָט אַרויסגערופן אומבאַשרייבלעכן ענטוזיאַזם ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג. גרויס און קליין, יונג און אַלט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן. ווילדפרעמדע מענטשן האָבן זיך געוואָרפן קושן און האַלזן איינע די אַנדערע און מען האָט געטאַנצט אין די גאַסן. איך געדענק ניט צי דעם

זעלבן טאָג אָדער מיט אַ טאָג שפּעטער, האָבן די 9 חברים, פאַר וועלכע מען האָט אַריינגעטראָגן זאַלאַג, אונז געלאָזט וויסן, אַז זיי ווערן באַפרייט, ווייל דער גובערנאַטאָר האָט פון זיי אַראָפּגענומען די שטראָף פאַר באַליידיקן די פּאָליציי בעתן אַרעסט. מסתמא וועט איר, ד. ה. איך און דער צווייטער חבר, אויך באַלד זיין פריי, וועלן מיר זיך זען אין שטאָט, האָבן זיי געזאָגט. איך מיטן צווייטן חבר זיינען טאַקע געווען זיכער, אַז באַלד וועט מען אונז קומען אָנזאָגן, אַז מיר זיינען פריי און מ׳וועט פאַר אונז עפענען די טויערן פון טורמע. אָבער אָט איז אַריבער אַ שעה, צוויי און דריי, עס איז שוין צוגעפאַלן דער אָוונט — און קיינער קומט ניט אונז באַפרייען. אַ ברענענדיקער צאָרן האָט אונז אַרומגעכאַפּט. מיר האָבן פּראָטעסטירט צום נאַטשאַלניק און געפאָדערט ער זאָל גלייך אָנפרעגן דעם גובערנאַטאָר פאַרוואָס מען האַלט אונז פאַרשפּאַרט. דער נאַטשאַלניק האָט אונז אויסגעהערט און געזאָגט: — איך בין פולשטענדיק מסכים מיט אייך, אַז מען האָט אייך געדאַרפט באַפרייען צוגלייך מיט די אַנדערע 9. איר זייט דאָך צוזאַ־מען אַרעסטירט געוואָרן, מען האָט קעגן אייך אַלעמען אַרויסגעשטעלט די זעלבע באַשולדיקונג, האָט מען אייך געדאַרפט צוזאַמען באַפרייען. איך בין זיכער, אַז דאָ איז געשען עפּעס אַ פאַרזען. מאָרגן פרי וועל איך צופאָרן צום גובערנאַטאָר, איך וועל אַלץ אויסגעפינען און איך בין זיכער, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן אויפן בעסטן אופן. וואָס שייך אייער פאָדערונג, אַז איך זאָל גלייך איצט אָנפרעגן ביים גובערנאַטאָר, קען איך עס ניט טאָן ביי מיין בעסטן ווילן.

ער האָט אָנגעגעבן אייניקע מאָטיוון פאַרוואָס ער קען דאָס ניט טאָן. זיינע מאָטיוון זיינען געווען לאָגישע און אונזער צאָרן און אויפ־רעגונג זיינען אַ ביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן. מיר האָבן איינגעזען, אַז מיר מוזן וואַרטן און זען וואָס דער מאָרגן וועט אונז ברענגען. דער נאַטשאַלניק האָט געהאַלטן וואָרט. צו מאָרגנס באַלד אינדערפרי איז ער אַוועקגעפאָרן צום גובערנאַטאָר. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער אונז אַלץ דערקלערט. דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט, אַז דער גו־בערנאַטאָר האָט אונז ניט געקענט באַפרייען נעכטן און קען עס אויך ניט טאָן היינט. ער האָט טאַקע אַראָפּגענומען די שטראָף, וואָס ער האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט, האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט, אָבער איר געפינט זיך אין רשות פון דער זשאַנדאַרמעריע, ווייל פאַר אייך האָט מען ניט אַריינגעטראָגן קיין זאַלאַג. הכלל איר קענט באַפרייט ווערן נאָר ווען מען וועט אַריינטראָגן פאַר אייך דעם זאַלאַג, האָט דער נאַטשאַלניק פאַרענדיקט. פאַרוואָס האָבן מיר נעכטן אַליין ניט פאַר־שטאַנען דאָס, וואָס דער נאַטשאַלניק האָט אונז איצט דערקלערט?

מיר האָבן דאָך אַלץ געוואוסט און דאָס איז דאָך געווען אַזוי קלאָר ! דער דראַנג צו זיין פריי איז ביי אונז אין יענעם מאָמענט געווען אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָבן אויף אַ וויילע פאַרלוירן די פעאיקייט צו טראַכטן לאָגיש. ווענדן זיך צו דער אָרגאַניזאַציע, אין סאַמע קאָך פון די געשעענישן, אַז מען זאָל אַריינטראָגן פאַר אונז דעם זאַלאַג, האָבן מיר געהאַלטן פאַר ניט פאַסיק. מיר האָבן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז דערווייל פאַרבלייבן מיר אין טורמע. מיר האָבן געהאָפט, כמעט געווען זיכער, אַז עפּעס וועט זיך פון די געשעענישן אויסדרייען און מיר וועלן באַפרייט ווערן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן מיר באַקומען פון שטאָט אַ ידיעה, וואָס האָט אונז דערשיטערט. חברים זיינען געקומען צו דער טורמע און האָבן דערציילט, אַז עפּעס שרעקלעכעס האָט פּאַסירט. ס'איז פאַרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע. אַ פּאַטרול איז אָנגעקומען און געשאָסן אין די דעמאָנסטראַנטן. אַ פּאָר זיינען געפאַלן טויט אויפן אָרט און איניקע זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. די דאָזיקע ידיעה האָט אונז אַזוי דערדריקט און דערשיטערט, אַז מיר זיינען געבליבן פאַרשטומט. ס'האָט זיך ביי קיינעם פון אונז דאָס מויל ניט געעפנט צו פרעגן מער איינצלהייטן, כדי צו דערוויסן זיך גענויער ווי ס'איז אין אַלגעמיין די שטימונג אין שטאָט נאָך דער געשעעניש.

באַלד פון אָנהויב, ווען מיר האָבן אַריינבאַקומען אין טורמע דעם מאַניפעסט און מיר האָבן איבערגעלייענט דעם טעקסט, האָט אַ פּעסימיסט געזאָגט, אַז דער מאַניפעסט האָט אַ קנאַפּן ווערט. ער האָט אָנגעגעבן פאָלגנדיקע אַרגומענטן : אין מאַניפעסט איז דאָך ניטאָ קיין שום אָנדייטונג וועגן אַ גאַראַנטיע, אַז די צוגעזאָגטע פרייהייטן וועלן טאַקע איינגעפירט ווערן אין לעבן און וועלן אָפּגעהיט ווערן ; אַלע רעגירונגס-אינסטיטוציעס, ווי דער פּאָליציי-דעפּאַרטמענט, די אָכראַנע און דער זשאַנדאַרמען-קאָרפּוס, וואָס זייער אויפגאַבע איז אָפּצוהיטן די זעלבסטהערשונג, בלייבן דאָך עקזיסטירן. און וויבאַלד זיי בלייבן עקזיסטירן, וועלן זיי ווייטער טאָן זייער אַרבעט און פון די צוגעזאָגטע פרייהייטן וועט בלייבן נאָר דאָס שטיקל פּאַפּיר אויף וועלכן זיי זיינען געשריבן געוואָרן.

כאָטש זיינע אַרגומענטן זיינען געווען גאַנץ לאָגיש און וואָגיק, האָט ער אונז מיט זיין פּעסימיזם ניט אָנגעשטעקט. מיט פאַרשידענע ראַיות און פּשטלעך האָבן מיר זיך באַמיט צו מינימיזירן זיינע אַרגומענטן. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז בכלל פאַלט גאָר קיינעם פון אונז ניט איין צו זאָגן, אַז מיר קענען זיך שוין אָוועקזעצן מיט פאַרלייגטע הענט, גאָרנישט טאָן און געניסן פון די צוגעזאָגטע פרייהייטן. מיר

וועלן דאַרפֿן זיין אויף דער וואַך און טאָן אַלץ, אַז די צוגעזאָגטע פֿריי־הייטן זאָלן אָפּגעהיט ווערן. נאָך די לעצטע געשעענישן אין ווילנע האָט זיך אונזער אָפּטימיזם אַ ביסל געטרייסלט. מיר האָבן אייַנ־געזען, אַז דער פּעסימיסט איז ניט געווען אינגאַנצן אומגערעכט. אַ באַ־רעכטיקונג פֿאַר פּעסימיזם איז דאָ, אָבער דאָך זייַנען מיר אין קיין יאוש ניט אַרייַנגעפֿאַלן.

אונזער אָפּטימיזם האָט באַקומען נייַע קלעפּ. איך דערמאָן זיך אַזאַ פֿאַל: דאָס איז געווען אַ טאָג אָדער צוויי נאָכן באַקומען די טרויע־ריקע נייַעס וועגן דער ווילנער דעמאָנסטראַציע. עטלעכע חברים זייַ־נען געזעסן ביי די פֿענצטער און געשמועסט. מיר האָבן געזען, אַז פֿון גאַס איז אַרייַנגעקומען אין הויף דער נאַטשאַלניק. מיטאַמאָל האָט דער נאַטשאַלניק אַרויפֿגעקוקט צו אונז און אַ געשריי געטאָן: — אַראָפּ פֿון די פֿענצטער! זיין טאָן איז געווען בייז און חוצפּהדיק. דאָס איז געווען פֿאַר אונז אַן איבעראַשונג. פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מיר זייַנען געווען אין טורמע, זייַנען די באַציאונגען צווישן נאַטשאַלניק און די פּאָליטישע געווען פֿרייַנטלעכע. פֿאַר די לעצטע פֿאַר וואָכן זייַ־נען די באַציאונגען אַפֿילו געוואָרן אויסערגעוויינלעך גוט. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער זיך באַמיט אַרויסווייזן זיין ליבעראַליזם. ער האָט אַפֿילו אויסגעדריקט זייַנע סימפּאַטיעס צו אונז און צו דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג בכלל. און מיטאַמאָל אַזאַ איבערקערעניש! מיר האָבן עס ניט געקענט פֿאַרשטיין און ניט געקענט פֿאַרדייַען. איך האָב צו אים אַראָפּגעשריגן: — וואָס איז, דער ווינט האָט גענומען בלאָזן אין אַן אַנדער ריכטונג? ער האָט גאָרניט געזאָגט און איז אַריין אינעווייניק. מיר זייַנען געבליבן זיצן ביי די פֿענצטער, אָבער די דיסקוסיע איז איבערגעריסן געוואָרן.

אַ ביסל שפּעטער האָט דער נאַטשאַלניק באַזוכט עטלעכע חברים אין די קאַמערן. ווען ער איז אַרייַנגעקומען צו מיר, האָט ער גע־פֿרעגט: — דאָס האָט איר אַראָפּגעשריגן — און געוואָלט וויסן צי דער ווינט האָט גענומען בלאָזן אין אַן אַנדער ריכטונג? — יאָ, האָב איך געענטפֿערט. לויט אייער האַנדלונג פֿאַרשטיי איך, אַז עפּעס האָט פּאַסירט, וואָס האָט אינגאַנצן געענדערט אייער האַלטונג. — יאָ, פֿאַר־שידענע פּאַסירונגען קומען איצט פֿאָר, האָט ער געזאָגט, און ער האָט אָנגערופֿן אַ נאָמען פֿון אַ שטאָט און צוגעגעבן: — דאָרט איז איצט פֿאָרגעקומען אַ פּאָגראָם. פֿון זיין דערקלערונג איז געווען קלאָר, אַז אין אַ געוויסן גראַד באַרעכטיקט ער דעם פּאָגראָם. ער האָט זיין דערקלע־רונג אָנגעהויבן בערך אַזוי: די פּאַטריאָטישע עלעמענטן פֿון יענער שטאָט זייַנען די גאַנצע צייט געווען אויפֿגעבראַכט און דערצאָרנט

אויף די רעוואָלוציאָנערן, זעענדיק ווי זיי ברעכן און שענדן די פון דורות איינגעשטעלטע טראַדיציעס און אינסטיטוציעס. ווען זיי האָבן געזען וואָס פאַר אַ גרויסן אָנטייל די יידן נעמען די לעצטע צייט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן זיי דעם גאַנצן אָנגעקליבענעם צאָרן זייערן אויסגעלאָזט צו די יידן. איך בין ניט קיין אָנהענגער און קיין פאַרטיידיקער פון פאָגראָמען, האָט ער געזאָגט, אָבער מען דאַרף פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכער אויסברוך פון צאָרן. אַ מינוט איז ער געבליבן שטיל, אפשר האָט ער געוואַרט איך זאָל עפּעס זאָגן. זעענדיק אַז איך שוויג, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן וועגן אַנדערע געשעענישן. אין אַ צווייטער שטאָט, האָט ער געזאָגט, זיינען די רעוואָלוציאָנערן אַרויס אין אַ דעמאָנסטראַציע. ס'איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פייערלעשער און אַ לאָז געטאָן אַ שטאַרקן שטראָם וואַסער אויף די דעמאָנסטראַנטן. די דעמאָנסטראַציע איז צעשטערט געוואָרן גלייך ביים אָנהויב, די דעמאָנסטראַנטן זיינען זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען. ס'האָט זיך געפילט, אַז ער האָט שטאַרק הנאה פון דעם, וואָס ער דערציילט. וואָס איך האָב געפילט, הערנדיק דאָס אַלץ, איז איבעריק צו זאָגן. אים עפּעס זאָגן, אַריינגיין מיט אים אין אַ דיסקוסיע האָב איך ניט געהאַט קיין פאַרלאַנג. ער איז אַוועק.

אַ שרעקלעכער געדאַנק האָט אָנגעהויבן עגבערן אין מיין מוח. איז דאָס מעגלעך, האָב איך געטראַכט, אַז די צוגעזאָגטע פרייהייטן פון צאַרישן מאַניפעסט וועלן דערטרונקען ווערן אין יידיש בלוט. אין מיין דמיון האָבן אויפגעלעבט די געשעענישן פון די 80־קער יאָרן, ווען מיט יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. איז מעגלעך, אַז איצט חזרט זיך איבער די זעלבע זאַך? ס'האָט זיך מיר ניט געוואָלט גלויבן. איך האָב אַרגומענטירט מיט זיך אַליין: מען קען דאָך ניט פאַרגלייכן דאָס, וואָס ס'קומט פאָר איצט, מיט דעם קאַמף, וואָס די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ האָט געפירט. דעמאָלט איז דאָך נאָר געווען אַ הייפעלע רעוואָלוציאָנערן, קיין סימפּאַטיעס אין פאָלק האָבן זיי ניט געהאַט, פאַרקערט דאָס פאָלק איז געווען פיינטלעך געשטימט צו זיי. אַפילו די פּויערים, וואָס פאַר זייער פולשטענדיקער באַפרייאונג האָט די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ בעיקר געפירט דעם קאַמף, זיינען אויך געווען פיינטלעך צו די רעוואָלוציאָנערן. גאַנץ אַנדערש איז דאָך די איצטיקע באַוועגונג. גרויסע מאַסן באַטייליקן זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַקטיוו און גרויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג סימפּאַטיזירן מיט איר. אָפן קעגן דער באַוועגונג טרעטן אַרויס דאָ און דאָרט נאָר די פאַרביסענע רעאַקציאָנערן. און זיי, האָב איך געטראַכט, שטעלן ניט פאָר מיט זיך

אַזאַ כוח, וואָס זאָל זיין אַן אמתע סכנה פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די זעלבע געדאַנקען האָבן אַרויסגעזאָגט אַלע חברים, ווען מיר האָבן דיסקוטירט די פראַגע צווישן זיך. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן ווייט ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם כוח פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן. דערורייל האָבן מיר זיך ניט געלאָזט באַהערשן פון פעסימיזם. אַגב האָבן די ידיעות, וואָס מיר פלעגן באַקומען פון חברים אויף דער פריי, אונטערגעהאַלטן און געשטאַרקט אונזער אָפּטימיזם. לויט די דאָזיקע ידיעות, איז פאַר אונז געווען קלאָר, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס אין איניקע שטעט האָבן די רעאַקציאָנערן די אויבערהאַנט און די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס זייבען געצוואונגען אָפּצוהאַלטן זיך פון וועלכע ניט איז אַרויסטרעטונגען, איז די לאַגע אין אַנדערע שטעט פונקט אַ פאַרקערטע. די באַפעלקערונג איז אין פולער סימפּאַטיע מיט דער באַוועגונג, ס׳קומען דאָרט פאַר גרויסע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, וועלכע שטעלן אַרויס צו די אָרטיקע רעגירונגס־פאַרשטייער פאַרשידענע פאָדערונגען, בפרט די פאָדערונג צו באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע. און אין רוב פאַלן ווערן טאַקע די פאָדערונגען באַפרידיקט און די פּאָליטישע, וועלכע זיינען אונטער זייער יוריסדיקציע, ווערן באַפרייט. אין איניקע שטעט זיינען די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס די פולשטענדיקע באַלעבאַטים פון שטאָט, ווייל די באַפעלקערונג הערט זיך צו זיי צו און פאָלגט אויס זייערע פאַראָרדענונגען און איגנאָרירט די פון פריער עקזיסטירנדיקע שטאָט־פאַרוואַלטונג. דאָס אַלץ האָט אונז דערמוטיקט. ס׳האָט זיך אונז זייער שטאַרק געוואָלט גלויבן, אַז אַלץ וועט זיך איינשטעלן לויט אונזער פאַרלאַנג און מיר וועלן דערגרייכן אונזערע שטרעבונגען.

חברים פון דער פריי האָבן שפּעטער איבערגעגעבן פון זיכערע קוועלן, אַז אין פעטערבורג ווערט צוגעגרייט אַן אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס האָט אונז געגעבן נייעם שטאָף פאַר דיסקוסיעס און ספּעקולאַציעס. אין דעם פּרט זיינען מיר ניט געווען קיין גרויסע אָפּטימיסטן. מיר זיינען געווען איינשטימיק, אַז מען קען ניט דערוואַרטן די אַמנעסטיע זאָל זיין אַ פולשטענדיקע — אַז מען וועט אין אַ געוויסן טאָג עפענען די טירן פון אַלע טורמעס און פריילאָזן אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע. מיר האָבן זיך גערעכנט אויף אַ טייל־ווייזער אַמנעסטיע.

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע טעג. אין אַ געוויסן אָוונט האָט מען אַ טייל פון אונז, צוועלף אָדער דרייצן מענטשן (דאָס איז געווען בערך

אַ דריטל פון דער צאָל פּאָליטישע, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין טורמע) געררופן אין קאַנטאָר. דאָרט זיינען געזעסן דער פּראָקוראָר, זיין געהילף און אַ זשאַנדאַרמסקער אָפיצער. דער פּראָקוראָר האָט פאַר אונז געהאַלטן אַ קורצע רעדע. איך קען נית איבערגעבן די רעדע ווערטלעך, אָבער איך געדענק דעם תמצית. ווי איר ווייסט, האָט ער געזאָגט, זיינען לעצטנס אין רוסלאַנד פאָרגעקומען זייער דערפרייענדיקע דערשייגונגען. פריער דער מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער און איצט די אַמנעסטיע. איך באַדויער זייער, וואָס איך קען נית באַפרייען אַלע פּאָליטישע, ווייל נית אויף אַלעמען איז די אַמנעסטיע חל. די וואָס ווערן באַשולדיקט אין טעראָריסטישע אַקטן, זיינען פון דער אַמנעסטיע אויסגעשלאָסן. אָבער אייך בין איך צופרידן צו זאָגן: — איר זענט פריי!

די לעצטע ווערטער פון פּראָקוראָר האָבן ביי אונז נית אַרויסגערופן קיין שום ענטוזיאַזם. דער באַוואוסטזיין, אַז די גרויסע מערהייט בלייבט נאָך אַלץ הינטער די קראַטעס, האָט איגגאַנצן צעשטערט די פרייד פון אונזער באַפרייאונג. מיר זיינען געווען אין אַ געדריקטער שטימונג.

ווען מיר זיינען אַרויס אין גאַס, האָט זיך אונזער געדריקטע שטימונג נאָך מער פאַרשטאַרקט. מיר האָבן געוואוסט, אַז די ערשטע גרופּע וואָס איז באַפרייט געוואָרן גלייך נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם מאַניפעסט, איז באַגעגנט געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל חברים, וועלכע האָבן געוואַרט ביי דער טורמע. מען האָט די באַפרייטע תיכף אַוועקגעפירט ערגעץ אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואו מ'האָט זיי מיט טריאומף אויפגענומען. גאַנץ אַנדערש איז געווען איצט. קיינער האָט אונז נית אָפּגעוואַרט. אין גאַס איז געווען פינצטער־חושך, מען האָט די פינצטערניש ממש געקענט אָנטאַפּן מיט די הענט. אַחוץ דעם האָט אויך די נאַטור אונז אויפגענומען נית גאָר פרייגטלעך. ס'איז געווען אַ קאַלטער האַרבסט־אָוונט, מיט אַ רעגן און אַ בלאָטע. דאָס אַלץ האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אונזער געדריקטע שטימונג.

אַלע באַפרייטע, אַחוץ מיר, זיינען געווען ווילנער. מ'האָט זיך קאַלט געזעגנט איינע מיט די אַנדערע און זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען — יעדערער צו זיך אַהיים. איך בין געבליבן שטיין אין גאַס אייגער אַליין און נית געוואוסט וואוהין צו גיין. אָבער באַלד האָב איך זיך דערמאָנט מיינע נייע קרובים, וואָס איך האָב זיך דערוואָרבן זיצנדיק אין טורמע. דאַכט זיך, אַז זיי האָבן געוואוינט אויף רודניצקע גאַס, וואו זיי האָבן געהאַט אַ בעקעריי. איך בין אַוועק אַהין. דאָרט האָט מען מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען. אין הויז איז

געוועז וואַרעם און ליכטיק. דאָס האָט זייער גוט געווירקט אויף מיין געמיט און די געדריקטע שטימונג האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָפּ־טרעטן. לאַנג איז מיר ניט אויסגעקומען דאָרט צו פאַרבלייבן. מיינע נייע „קוזינס" האָבן מיך באַלד אַוועקגעפירט אויף אַ פאַרזאַמלונג. איך געדענק ניט צי דאָס איז געווען אין אַ זאַל, צי אין אַ פּריוואַטער דירה, איך געדענק אויך ניט וואָס מען האָט דאָרט גערעדט און ווער. איך געדענק בלויז, אַז פון די חברים, וואָס זיינען געווען אַרעסטירט צו־זאַמען מיט מיר, איז דאָרט קיינער ניט געווען. איך געדענק אויך, אַז ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ יונגערמאַן און געפרעגט: — איר האָט שוין אַ דירה? איך האָב אים אין שפּאַס געענטפערט, אַז מיין לעצטע דירה האָב איך אויפגעגעבן ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק. — איר וועט גיין מיט מיר, האָט ער געזאָגט. אין דער זעלבער צייט זיינען צוגעקומען מיינע נייע „קוזינס" און געפרעגט: — נו, מיר גייען אַהיים? איידער כ'האָב נאָך צייט געהאַט צו עפענען דאָס מויל, האָט שוין דער יונגערמאַן געענטפערט פאַר מיר: — ער גייט מיט מיר, האָט ער געזאָגט, און איך בין מיט אים אַוועק.

כ'האָב איבערגענעכטיקט און אין דער פרי בין איך געגאַנגען אויפזוכן מיינע חברים, געכאַפּט אַ שמועס מיט דעם, מיט יענעם און גאָר אַ לאַנגן שמועס האָב איך געהאַט מיט נחן. אייגנטלעך איז עס ניט געווען קיין שמועס, ווייל איך בין ניט געווען קיין מיטשמועסער. איך האָב זיך נאָר צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט גערעדט, און בלויז פון צייט צו צייט געשטעלט אַ פראַגע.

פאַר דער קורצער צייט, וואָס נח איז געווען אויף דער פריי, האָט ער זיך שוין אָריענטירט אין דער פּאָליטישער סיטואַציע. ער האָט שוין געהאַט זיין אָפּשאַצונג. דערווייל, האָט ער געזאָגט, הענגט אַלץ אין דער לופטן. קיין זאַך איז ניט סטאַביל, די גאַנצע פּאָליטיק אין לאַנד איז אַ כאַאָטישע. אין איניקע שטעט איז פאַראַן אַ היפשע מאָס פּאָליטישע פרייהייט, ס'קומען פאָר עפנטלעכע גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען און די פּאָליציי שטערט ניט. דאָ און דאָרט קומען פאָר אייבצלנע שטרייקן און די פּאָליציי מישט זיך ניט אַריין. אין איין שטאָט האָט דער פּאָליצמייסטער זיך אַפילו געבעטן ביי דער אָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע איינצושטעלן פאָרמעלע און נאָרמאַלע באַ־ציאונגען צווישן דער פּאָליציי און דער אָרגאַניזאַציע, ווייל אָן דעם, האָט ער אַרגומענטירט, הערשט אין שטאָט אַנאַרכיע. די אָרגאַניזאַציע האָט, פאַרשטייט זיך, דעם אָנבאָט אָפּגעוואָרפן. אין דער זעלבער צייט איז די פּאָליטישע לאַגע אין אַנדערע שטעט פונקט אַ פאַרקערטע. ווען

עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען קען מען דאָרט אַפּילו ניט טראַכטן. די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע האַלטן פעסט אין זייערע לאַפּעס דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן. דאָס זעלבע איז מיט דער פּרעסע. אין איינציקע שטעט עקזיסטירט אַ פרייע פּרעסע און אין אַנדערע דאַרף מען זיך היטן מיט אַ וואָרט. און אַט צוליב דעם, וואָס די פּאָליטישע לאַגע איז אַזאַ כאַאָטישע, האָט נאָך ווייטער געערעדט, בלייבט אונזער פּאַרטיי עקזיסטירן און פונקציאָנירן ווי ביז איצט. דאָס מיינט, אַז דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַפּאַראַט און אַלע פּאַרטיי־קערפּער־שאַפטן וועלן פונקציאָנירן אויף דעם זעלבן אופן, ווי ביז אַהער.

— נו, האָט ער זיך געווענדט צו מיר, נאָכדעם ווי ער האָט מיר אַלץ אויפגעקלערט, וואָס איז מיט אייך, איר בלייבט אין ווילנע?

— איך ווייס נאָך אַליין ניט וואו איך וועל בלייבן, האָב איך אים געענטפערט. איצט וויל איך צופאָרן אין מיין געבורט־שטעטל, אין טשאַשניק. איך וועל אַרויסנעמען אַ פּאַס אויף מיין אייגענעם נאָמען. אויב די באַציאונגען פון מיינע קרובים צו מיר וועלן זיין פריינטלעכע, וועל איך דאָרט פאַרברענגען אַ קורצע צייט, אַ וואָך אָדער צוויי. נאָכדעם וועל איך צוריקקומען קיין ווילנע און דעמאָלט וועלן מיר זען. מיר האָבן זיך געזעגנט און איך בין טאַקע באַלד אַוועקגעפאָרן.

דאָס מאָל זיינען די טירן פון מיינע קרובים ניט געווען פאַרשפּאַרט פאַר מיר. פאַרקערט, יעדער האָט געוואָלט זיין מיין גאַסט־געבער. איך האָב אויסגעקליבן מיין פעטער, וואָס איז אַמאָל געזעסן אַ נאַכט אין קאָזע צוליב מיר. איך בין אַוועק אין אופּראַווע און אַרויסגענומען אַ כשרן פּאַספּאָרט אויף מיין אייגענעם נאָמען. כ׳האָב זיך דערפילט ווי אַ ניי־געבוירענער. איך האָב פאַרבראַכט אין שטעטל אַ צוויי וואָכן און בין צוריקגעפאָרן קיין ווילנע.

15. שטורמישע וואָכן אין דווינסק

ווען איך בין געקומען אין ווילנע, איז שוין נח דאָרט ניט געווען. איך געדענק ניט ווער עס האָט מיר איבערגעגעבן וואוהין איך דאַרף פאָרן זיך באַזעצן. אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז עס געווען גאַ־זשאַנסקי (לבנו). ער האָט געזאָגט, ס'איז באַשטימט געוואָרן איך זאָל פאָרן קיין דווינסק. דאָרט, האָט ער געזאָגט, געפינט זיך מאַריאַ זשאַ־לודסקי. זי אַרבעט שוין דאָרט אַ לענגערע צייט. איצט וויל זי אויף אַ געוויסע צייט אַוועקגיין פון דער אַרבעט און זי איז זייער אומגע־דולדיק. זי וויל וואָס גיכער אָראָפּנעמען פון זיך אירע פליכטן. אויב איך האָב ניט קעגן דעם, זאָל איך גלייך פאָרן קיין דווינסק. איך בין טאַקע באַלד אַוועקגעפאָרן.

ווען איך בין אָנגעקומען אין דווינסק, איז מיר אויסגעקומען צו זען עפּעס, וואָס איז געווען ווי אַן אילוסטראַציע צו נחס שילדערונג פון אַ חודש צוריק. איך בין געווען אויפן וואָקזאַל. אַ באַן איז נאָר־וואָס געקומען. די פּאַסאַזשירן זיינען אַרויס פון די וואַגאָנעס. איך האָב שפּאַצירט איבער דער פּלאַטפאָרם. ווען איך בין צוגעקומען צום וואַגאָן פון באַגאַזש, האָב איך געזען ווי אַ באַן־אָנגעשטעלטער נעמט אַראָפּ פון וואַגאָן פאַרשידענע געפּעק. ס'איז צוגעקומען אַ זשאַנדאַרם, האָט גענומען אַ פּעקל און אָנגעהויבן אַוועקגיין. — וואוהין נעמסטו עס? האָט אים דער באַן־אָנגעשטעלטער נאָכגעשריגן. — דאָס איז קאָנפיס־קירט! האָט ער אים געענטפערט. אין דעם פּעקל זיינען געווען צייט־טונגען, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פּעטערבורג. דער באַן־אַרבעטער האָט געמאַכט די באַמערקונג: — דער טייוול אַליין וועט זיך ניט קע־נען פאַנאַנדערקלייבן, וואָס דאָ קומט פאָר. דאָרט דרוקט מען און דאָ קאָנפיסקירט מען.

מיינע זאַכן האָב איך איבערגעלאָזט אויפן וואָקזאַל און בין גלייך אַוועק צו מאַריע זשאַלודסקי. ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין געקומען דאָ צו פאַרבלייבן, איז זי געווען זייער צופרידן און זי האָט אַ זאָג געטאָן: — איך נעם זיך שוין פּאַקן אין וועג אַריין. — וואָס איז די איילעניש, האָב איך געפרעגט, וואָס ברענט דאָ? איך בין געווען זיכער, האָב איך ווייטער געזאָגט, אַז איר וועט מיר באַקענען מיט דעם

צושטאַנד פון דער באַוועגונג אין שטאָט און איר וועט בכלל דאָ זיין מיט מיר אַ שטיקל צייט. איר וועט מיר איבערגעבן די פאַרבינדונגען מיט דער ליבעראַלער געזעלשאַפט, מיט די סימפּאַטיקער פון דער באַוועגונג, איך בין זיכער, אַז אַזעלכע זיינען אין שטאָט פאַראַן. דאָס וועט זיין באַקוועמער פאַר מיר און אויך נוצלעך פאַר דער באַוועגונג.

מאַריע האָט מיר געענטפערט: — איר זענט אַ קינד, וואָס מען דאַרף אייך פירן פאַר אַ האַנט? ס'וועט אייך ניט זיין שווער אַליין אַלץ אויסצוגעפינען. דערווייל איז אומגעריכט אַריינגעקומען וויטאַלי (איסאַי אייזענשטאַט). — איך פאָר דאָ פאַרביי, האָט ער געזאָגט, מיר קומט אויס דאָ צו בייטן די באַן און צו וואַרטן עטלעכע שעה, בין איך צוגעפאָרן זען וואָס מאַכט מאַריע. — זייער פיין, צופרידן מיטן גאַסט, האָט מאַריע געזאָגט.

איך האָב דערציילט וויטאַלין וועגן וואָס מיר אַמפּערן זיך. נאָך דעם ווי ער האָט מיך אויסגעהערט, האָט ער צו איר געזאָגט: — ער איז דאָך גערעכט. און דאָ איז פאַרגעקומען עפּעס, וואָס איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַזוינס קען פּאַסירן. מאַריע האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. איך האָב זיך מיט מאַריען פריער געטראָפן עטלעכע מאָל. יעדעס מאָל אויף אַ קורצער צייט, בלויז פאַרבייגייענדיק. אַרבעטן מיט איר צוזאַמען אין דער באַוועגונג איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען. חברים, וואָס האָבן זי גוט געקענט, האָבן דערציילט, אַז זי איז אַ האַרטער מענטש, וואָס ווייס ניט פון קיין סענטימענטן. אין דער אַרבעט איז זי זייער שטרענג, פאָדערט אַ סך סיי פון זיך אַליין, סיי פון אַנדערע. ביי אַ געלעגנהייט קען זי אַריינזאָגן אײנעם אַזוי, אַז יענעם זאָל פאַרגיין אין דער זיבעטער ריפּ. און דאָ צעוויינט זי זיך גאָר, ווי אַן אמתע יידענע. איך האָב איבערגעלעבט אַ פּאָר פּיינלעכע מינוטן. וויטאַלי האָט זיך געפילט נאָך ערגער פון מיר, ער איז דאָך געווען דער הויפּט־שולדיקער. ער האָט זיך געווענדט צו איר אין אַ מילדן טאָן און געזאָגט: — איר מאַכט אַ טראַגעדיע פון גאָרנישט. כ'האָב קיין זאַך ניט געמיינט, קיינער קען ניט און וועט ניט אַרויפצווינגען אויף אייך ווי אַזוי צו האַנדלען. זיינע ווערטער האָבן געווירקט. מאַריע האָט אויסגעווישט די אויגן און אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ געוויסע צופרידנקייט.

וויטאַלי איז באַלד אַוועק. איך בין נאָך געבליבן זיצן. ס'האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען בחורים, חברים פון דער באַוועגונג, איינע נאָך די אַנדערע. אין משך פון אַ היפּשער צייט האָט זיך די טיר ניט צוגעמאַכט. מיר איז עס זייער ניט געפעלן געוואָרן. ווייזט אויס, אַז איך האָב נאָך אַלץ געקוקט מיט אויגן פון פאַר דער רעוואָלוציע און פון

שטאַנדפּונקט פון קאָנספּיראַציע. האָב איך עס אין גדאַנק פאַראור־טיילט. כ'האָב, פאַרשטייט זיך, גאָרניט געזאָגט.

ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, איז אַריינגעקומען טאַראַס (דוד כץ). ער איז ערשט געקומען צופאָרן פון ערגעץ. איך בין שוין ווייטער געבליבן זיצן. חברים האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין קומען און אַוועקגיין. כ'האָב געזען, אַז טאַראַס איז מסכים מיט מיר. כ'האָב עס אָראָפּגעלייענט פון זיין פּנים. אים איז אויך ניט געפעלן געווען, וואָס די טיר פאַרמאַכט זיך ניט. פּלוצלונג האָט ער אַ זאָג געטאָן: — נו, איך וועל גיין אין אַ האָטעל. דערהערט פון טאַראַסן, אַז ער וויל גיין אין אַ האָטעל, האָט זיך מאַריע אויפגעשטעלט מיט איר גאַנצן אימפּעט און געזאָגט: — וואָס הייסט אין אַ האָטעל, וואָס דאַרפסטו אַ האָטעל? איך האָב מורא געהאַט ס'זאָל זיך ניט איבער־חזרן די פריערדיקע סצענע, האָב איך זיך אויפגעהויבן און בין אַוועק.

קיין גרויסע שוועריקייטן צו אָריענטירן זיך אין דעם צושטאַנד פון דער באַוועגונג אין שטאָט האָב איך ניט געהאַט. איך בין באַלד קאָאָפּ־טירט געוואָרן אין דער צענטראַלע (אַגיטאַטאָרסקע) און אויך אין קאָמיטעט. דער קאָמיטעט האָט מיך באַשטימט אַלס דעם פאַרמיטלער — זיין אָפיציעלן פאַרשטייער. איך האָב אויך באַלד באַקומען די נויטיקע פאַרבינדונגען סיי מיט דער אינטעליגענץ און סיי מיט די סימפּאַטיקער פון דער באַוועגונג.

אין דווינסק איז די פאָרם פון דער אָרגאַניזאַציע אין איין פּונקט געווען אַנדערש ווי אין אַנדערע שטעט. אויף וויפל איך געדענק, זיינען אין אַלע שטעט די אַרבעטער געווען אָרגאַניזירט לויט די פאַכן. און מיט יעדן פאַך האָט אָנגעפירט אַ סכאָדקע. אין דווינסק האָט מען די סכאָדקעס אָפּגעשאַפט. אָנשטאָט דעם האָט מען אָרגאַניזירט איי־ניקע גרופּעס אונטער פאַרשידענע נעמען, ווי למשל, פרייהייט א. אַ. יעדע גרופּע האָט אָנגעפירט מיט עטלעכע פאַכן צוזאַמען. דער דאָ־זיקער סיסטעם איז בעסער געווען פון סכאָדקעס מיט דעם, וואָס די אַרבעטער פון איין פאַך האָבן זיך שטענדיק געקענט באַנוצן מיט די דערפאַרונגען אין אַנדערע פאַכן. ווי דער אָפיציעלער פאַרשטייער פון קאָמיטעט, האָב איך געהאַט דאָס רעכט צו קומען צו די זיצונגען פון יעדער גרופּע און אָנטייל נעמען אין די פאַרהאַנדלונגען און דיסקוסיעס. כדי זיך באַקענען מיט דער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע און זען ווי אַזוי די פאַרשידענע קערפּערשאַפטן פונקציאָנירן, איז דער סיסטעם פון גרופּעס פאַר מיר געווען זייער באַקוועם. אָנשטאָט צו גיין אויף 15 אָדער 20 סכאָדקעס, וואָס וואָלטן געקענט זיין, איז מיר איצט אויס־

געקומען צו באַזוכן 4 אָדער 5 גרופּעס. כ׳בין אַריין אין דער אַרבעט פון דער באַוועגונג מיט אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט.

איך בין געקומען אין דווינסק נאָוועמבער 1905. דאָס איז געווען נאָך דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד און נאָך דעם ווי עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער, אין וועלכן דער צאַר האָט צוגעזאָגט פאַרשידענע פרייהייטן דער רוסלענדער באַפעלקערונג. מיר האָבן נאָך דעמאָלט ביז אַ געוויסן גראַד געקאָנט געניסן פון איניקע צוגעזאָגטע פרייהייטן און מיר האָבן עס אויסגענוצט. מיר האָבן דורכגעפירט עפנט־לעכע גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. אמת, מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען זיכער, אַז די פאַרזאַמלונג וועט ניט באַפאַלן ווערן פון פּאָליציי און מיליטער און די פאַרזאַמלטע וועט מען ניט בלויז צעטרייבן, נאָר אויך צעשלאָגן און צעממיתן. דאָך האָבן מיר די פאַרזאַמלונגען גערופן און די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע, די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע, האָט ניט געשטערט.

די גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען האָבן מיר איינגעאָרדנט אין צירק, וואָס האָט אַריינגענומען אַ פּאָר טויזנט מענטשן. דער הויפּט־רעדנער אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען איז אַלעמאָל געווען מאַקס גאָלדפאַרב. מיר פלעגן אים רופן מאַקס די נאָז. ער איז געווען אַ גלענצנדער מאַסן־רעדנער און מיר האָבן ניט געדאַרפט שטאַרק אַרבעטן און צורייצן די מענטשן זיי זאָלן גיין אויף דער פאַרזאַמלונג. דער עולם איז גערן געגאַנגען, ווען זיי האָבן געוואוסט, אַז מאַקס די נאָז וועט רעדן. אַחוץ די גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען האָבן מיר אויך דורכגעפירט קלענערע פאַרזאַמלונגען. איין פאַרזאַמלונג, געדענק איך, איז געווען אַ געוויסן שבת בייטאָג אין אַ גרויסער שוהל. דאָרט איז דער רעדנער געווען א. ליטוואַק. זיינע רעדעס זיינען געווען אי שיין אין פאָרם, אי אינ־האַלטסרייך און באַלערנדיק. פון זיינער אַ רעדע האָבן די צוהערער תמיד עפּעס געלערנט. אַ פּאָר פאַרזאַמלונגען האָבן מיר דורכגעפירט ערגעץ אין אַ זאַל, וואָס האָט אַריינגענומען עטלעכע הונדערט מענטשן, וואו דער הויפּט־רעדנער איז געווען ר. אַבראַמאָוויטש. ער איז געווען אַ גוטער רעפערענט, קיין מאַסן־רעדנער איז ער אָבער ניט געווען. ער האָט פאַרמאָגט די אייגנשאַפט צו פּאָפּולאַריזירן אַפילו די שווערסטע טעמע און דער עולם האָט זיך גערן צוגעהערט צו אים.

מיר האָבן טיילוויז אויסגענוצט נאָך איינע פון די צוגעזאָגטע פרייהייטן פון אָקטאָבער־מאַניפעסט. מיר האָבן באַשלאָסן צו גרינדן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס זאָלן פונקציאָנירן אָפן און לעגאַל. די ערשטע צו אָרגאַניזירן זיך אין אַזאַ פאַראיין זיינען געווען די האַנדלס־

אָנגעשטעלטע. מיר האָבן געדופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען עטלעכע הונדערט פּריקאַזטשיקעס. מיר האָבן פאַר זיי פאָרגעלייענט די פאַראיינס־סטאַטוטן, וואָס מיר האָבן אויסגעאַרבעט. זיי זיינען דורך דער פאַרזאַמלונג אָנגענומען געוואָרן. נאָכדעם האָבן די פאַרזאַמלטע אויסגעוויילט אַ פאַרוואַלטונג און דער פאַראיין האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן לעגאַל. צו יענער צייט איז נאָך די פראַגע צי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען דאַרפן זיין פּאַרטייאישע אָדער נייטראַלע ניט געשטאַנען. דער ניי־געגרינדעטער פאַראיין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע איז געווען אויף הונדערט פּראָצענט אַ בונדישער.

אין דער זעלבער צייט, וואָס מיר האָבן געפירט די פאַרשידענע אויסגערעכנטע אַרבעטן עפנטלעך, איז אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַפּאַראַט — אַלע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן פון דער באַוועגונג געבליבן געהיים, אין אונטערערד. מיר האָבן געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק מיט די אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן, ווייל אַפילו נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם אָקטאָבער־מאַניפעסט איז שטענדיק געווען די סכנה, אַז די פּאָליציי זאָל אַזאַ קערפּערשאַפט אַרעסטירן און די אָנטיילנעמער פאַרמשפּטן אויף טורמע אָדער פאַרשיקונג. דאָס האָט פּאַסירט אין אייניקע שטעט.

אין חודש דעצעמבער (1905) האָבן די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק אין גאַנץ רוסלאַנד. דער צ. ק. פון בונד האָט גערופן אַלע זיינע אָרגאַניזאַציעס צו באַטייליקן זיך אין שטרייק. אַזוי שנעל ווי מיר האָבן באַקומען דעם רוף פון צ. ק., האָבן מיר באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן דעם שטרייק. וואָס שייך די יידישע אַרבעטער, זיינען מיר געווען זיכער, אַז דער אָפּרוף וועט זיין אַ הונדערט־פּראָצענטיקער. מיט די קריסטלעכע אַרבעטער, בפרט מיט די אַרבעטער פון די אייזנבאַן־וואַרשטאַטן, האָבן מיר ניט געהאַט קיין שום פאַרבינדונגען. די אָרגאַניזאַציע פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי און די עסערן (סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן) האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן פאַרבינדונגען מיט די דאָזיקע אַרבעטער (שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייערע פאַרבינדונגען זיינען געווען נישטיקע). מיר האָבן געהאַלטן, אַז דער רוף צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק וועט זיין מער וואָגיק און האָבן מער פּרעסטיזש, אויב ער וועט קומען פון אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. מיר האָבן זיך געווענדט צו דער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי און צו די עסערן, אַז מיר זאָלן צוזאַמען אין נאָמען פון די דריי אָרגאַניזאַציעס רופן דעם שטרייק. זיי האָבן דאָס זייער גערן אָנגענומען און מיר האָבן געגרינדעט אַ פאַראייניקטן שטרייק־

קאָמיטעט, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער גאַנצער אַרבעט. פון דער ס. ד. זיינען אַריין אין קאָמיטעט צוויי אָדער דריי, אָבער איך געדענק בלויז איינעם. זיין פּאַרטיי־נאָמען איז געווען מאַקסים. דאָס איז געווען אַ יונגער בחור, עטוואָס העכער פון מיטעלן וואוקס, שלאַנק, בלאָנד און געהאַט זייער אַ סימפּאַטיש פּנים. ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז זיין אויסערלעכער אויסזען נאַרט ניט אָפּ. ער איז טאַקע געווען אַן אינטעליגענטער, סימפּאַטישער מענטש און אַ גוטער רעוואָלוציאָנער. ביים באַטראַכטן פאַרשידענע פראַגן האָט ער כמעט שטענדיק גענומען אַ וואָרט און האָט גערעדט לאָגיש און איבערצייגנדיק. די עסערן האָבן געשיקט נאָר איין פּאַרטרעטער. זיין פּאַרטיי־נאָמען איז געווען וואַלענ־טין. אויסערלעך איז ער געווען דער היפּוך פון מאַקסימען. ער איז געווען אַ מענטש פון מיטעלן וואוקס, אַ דיקלעכער מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן. אין די דיסקוסיעס האָט ער זעלטן גענומען אַ וואָרט און איך געדענק ניט ער זאָל ווען האָבן אַרויסגעזאָגט אַן אָרי־גינעלע מיינונג.

אין נאָמען פון דעם פּאַראייניקטן קאָמיטעט האָבן מיר גערופן אַלע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס אַרויסצוגיין אין שטרייק. די הויפּט־פאָדערונג איז געווען: צונויפרופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע פאַרן לאַנד און אָנגעמען געזעצן פאַר פאַרשידענע פרייהייטן. דער אָפּרוף פון די יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע איז געווען אַ גלענצנדיקער. בוכשטעבלעך אַלע זיינען אַרויס אין שטרייק. נאָר אין זעלטענע פאַלן זיינען די אַרבעטער פון אַ פאַבריק אָדער וואַר־שטאַט געקומען צו דער אַרבעט. אָבער דער צוועק איז געווען ניט צו אַרבעטן, נאָר צו וואַרטן מען זאָל זיי קומען אַראָפּנעמען. מסתמא, ניט קומען צו דער אַרבעט אין מיטן מיטוואָך האָבן די דאָזיקע אַרבעטער געהאַלטן פאַר ניט פּאַסיק. זיינען זיי געקומען און געוואַרט. און ווען אַ פּאָר בחורים זיינען געקומען און אויפגעפאָדערט זיי אין נאָמען פון שטרייק־קאָמיטעט צו פאַרלאָזן די אַרבעטס־פּלעצער, האָבן זיי מיט פאַרגעניגן געפאָלגט. דאַקעגן קען מען עס ניט זאָגן וועגן די ניט־יידישע אַרבעטער. אין די אייזנבאַן־וואַרשטאַטן האָבן די אַרבעטער אײַנגאַנצן זיך ניט אָפּגערופן, זיי האָבן געאַרבעט די גאַנצע צייט. וואָס שייך די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אויף די באַנען גופא, האָט אַ טייל געשטרייקט און אַ טייל האָט געאַרבעט. דער פאַרקער איז טאַקע געווען געשטערט אָבער ניט פאַראַליזירט. פון צייט צו צייט איז אַ צוג אָנגעקומען און אָוועקגעגאַנגען. ווען אַ צוג איז פון ערגעץ אָנגעקומען, האָט מען אים ניט פאַרהאַלטן, נאָר מען האָט אים געלאָזט גיין ווייטער.

און דאָס מיינט, אַז די אַרבעטער וואָס האָבן אויפגעפּאַסט אויף דער ליניע, האָבן געאַרבעט. דער שטרייק אויף די אייזנבאַנען איז ניט געווען קיין פולשטענדיקער. די אַרבעטער פון פּאָסט און טעלעגראַף האָבן געשטרייקט, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ קליינע צאָל שטרייק־ברעכער.

אין שייכות מיט דעם דערמאָן איך זיך אַזאַ פאַל: אין אַ געוויסן טאָג בין איך געגאַנגען אויף זיעלאָנע גאַס. ס'איז געווען פאַרנאַכט אָבער נאָך גענוג ליכטיק און מען האָט געקענט זען פון וויטן. איך האָב דערזען, אַז עס גייט מיר אַנטקעגן אַ מאַן אָנגעטאָן אין אַ ציווילן מאַנטל און אין אַ היטל פון אַ פּאָסט־אָנגעשטעלטן. אין האַנט האָט ער געהאַלטן עטלעכע פּעקלעך און בריוו. אַ שטרייקברעכער, האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין. ווען מיר וועלן זיך באַגעגענען, וועל איך אים גוט אויסזידלען. אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט, וואָס איך האָב אַזוי געטראַכט, האָט זיך דערהערט אַ קנאַל. אַ רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסן. איך האָב געזען, ווי אויפן ראָג גאַס האָט אַ יונגערמאַן אַריינגעלייגט זיין רעוואָלווער אין דער הינטערשטער קעשענע פון זיינע הויזן און איז אַוועק. דער שטרייקברעכער האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען און זיך צוגעשאַרט צו אַ וואַנט. די פּעקלעך און בריוו זיינען אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, כדי ניט אומצופאַלן. איך בין פריער פאַרביי־געגאַנגען אַ הויז, וואו איך האָט באַמערקט אַ שילד פון אַ דאָקטאָר. דאָס הויז איז געווען גאָר נאָנט פון דעם פּלאַץ, וואו איך בין איצט געשטאַנען. איך בין צוגעגאַנגען צום פאַרוואונדעטן שטרייקברעכער און געזאָגט: — קום! איך וועל דיר העלפן צוגיין צו אַ דאָקטאָר, וואָס וואוינט דאָ דערביי. אין אָנהויב האָט ער ניט געוואָלט. — מען דאַרף ניט, האָט ער געזאָגט. אָבער ווען איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך וועל אים קיין שלעכטס ניט טאָן, האָט ער נאָכגעגעבן. איך האָב אים צוגעפירט צום דאָקטאָר. איך האָב אָנגעקלונגען. דער דאָקטאָר האָט געעפנט די טיר: — אַ פאַרוואונדעטער, האָב איך אַ זאָג געטאָן. דער דאָקטאָר האָט איבערגענומען דעם פאַרוואונדעטן און איך בין גלייך אַוועק.

ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט אברהמקע דעם גאַרבער, האָט ער מיר געזאָגט: — דאַוויד (אַזוי האָט מען מיך גערופן אין דווינסק), איר שטעלט דאָך אויף קעגן זיך אַלע חברים. — וואָס האָבן זיי צו מיר? — האָב איך געפרעגט. — זיי זאָגן, אַז איר סימפּאַטיזירט מיט די שטרייק־ברעכער, אָט האָט איר נעכטן געהאָלפן אַ שטרייק־ברעכער צוצוגיין צו אַ דאָקטאָר. — דאָס אַלץ? נו, מוז איך אייך זאָגן, אַז אויב עס וועט נאָך אַ מאָל טרעפן אַזאַ פאַל, וועל איך טאָן דאָס זעלבע. און איך האָב

דערביי אָנגעגעבן פּאַלגנדיקן אַרגומענט: ווען איך וואָלט געווען אַ דאָקטאָר, האָב איך געזאָגט און וואָלט דערזען אין גאַס אַ פאַרוואונדעטן, וואָלט געווען מיין פליכט צו געבן אים מעדיציניש ע הילף. און ווען איך וואָלט אים גלייך אויפן אָרט קיין מעדיציניש ע הילף ניט געקענט געבן, וואָלט איך אים אָוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל. ניט זייענדיק קיין דאָקטאָר, אַז איך האָב דערזען אין גאַס אַ פאַרוואונדעטן, איז געווען מיין פליכט צו העלפן אים צוגיין צו אַ דאָקטאָר. כדי צו באַקרעפטיקן מיין שטאַנדפּונקט, האָב איך געבראַכט אַ ביישפּיל, ווי עס פירט זיך אין אַ מלחמה. צוויי פיינטלעכע אַרמייען שטייען איינע קעגן די אַנ־דערע, שיסן איינע אויף די אַנדערע און טויטן איינע די אַנדערע. אָבער ווען איינע פון די אַרמייען זעט, אַז זי ליידט שווערע פאַרלוסטן, ציט זי זיך צוריק אין איילעניש און לאָזט איבער אויפן שלאַכטפעלד אירע פאַרוואונדעטע. די זיגער קלויבן דעמאָלט אויף די פאַרוואונדעטע, גיבן זיי מעדיציניש ע הילף, ניט געקוקט דערויף, וואָס מיט אַ ווײַלע פריער זיינען די פאַרוואונדעטע געווען זייערע שונאים.

— איך ווייס ניט, האָט אברהמקע געזאָגט. אפשר זענט איר גע־רעכט, אָבער די חברים זיינען מיט אייער האַנדלונג ניט צופרידן און מורמלען זייער שטאַרק. און איך מיין, אַז איר דאַרפט ווייטער אַזוי ניט האַנדלען.

דער שטרייק־קאָמיטעט פלעגט אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען רעגל־מעסיק און זייער אָפט. מיר האָבן אויסגעהערט באַריכטן וועגן דעם צושטאַנד פון שטרייק און באַטראַכט, וואָס מיר האָבן צו טאָן ווייטער. מיר האָבן דורכגעפירט מאַסן־פאַרזאַמלונגען אויך זייער אָפט. איין מאָל האָבן מיר באַשלאָסן דורכצופירן אַ פאַרזאַמלונג שבת בייטאָג און, ווי געוויינלעך, אין צירק. אָבער שבת איינדערפרי האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער צירק ווערט באַוואַכט פון סאָלדאַטן און אויף דער טיר הענגט אַ שלאָס. מיר האָבן צוזאַמענגערופן דעם שטרייק־קאָ־מיטעט און נאָך אַ קורצער דיסקוסיע באַשלאָסן, אַז די פאַרזאַמלונג מוז אָפּגעהאַלטן ווערן. אַזוי ווי אין צירק קען מען ניט אַריינגיין, זאָל די פאַרזאַמלונג פאַרקומען אונטערן פרייען הימל און טאַקע לעבן צירק, דאָרט איז געווען אַ ליידיקער פּלאַץ, וואו טויזנטער מענטשן האָבן זיך געקענט צוזאַמענקומען.

אונזערע בחורים און מיידלעך זיינען שוין באַצייטנס געווען אויפן פּלאַץ. ווען די מאַסן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צו דער פאַרזאַמלונג, האָט מען זיי געוואָרנט זיי זאָלן ניט גיין צום צירק, ווייל די פאַרזאַמ־לונג וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אונטערן פרייען הימל. איידער די פאַר־זאַמלונג איז אָפיציעל געעפנט געוואָרן, האָב איך באַמערקט פּונ־

דערוויטנס, אַז גריליכעס דרייט זיך אַרום צווישן די פּאַרזאַמלטע, ווי ער וואָלט געזוכט עמעצן. ווער איז געווען גריליכעס? ער איז געווען איינער פון די גרעסטע גבירים אין דווינסק. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע לעדער־פאַבריק, וואו עס האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט אַרבעטער. די פאַבריק האָט זיך געפונען אין סטראָפּ, בערך דריי וויאָרסט הינטער דער שטאָט. אין דער זעלבער צייט איז ער געווען פון די מיטפילנדיקע, אָדער סימפּאַטיקער פון דער באַוועגונג. פון צייט צו צייט פלעגט מען ביי אים קריגן אַ געוויסע סומע געלט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין די פאַרשידענע שטעט, וואו מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דער באַוועגונג, בין איך געשטאַנען אָן אַ זייט פון די סימפּאַטיזירנדיקע בירגערלעכע עלעמענטן. די פאַר־בינדונגען מיט דער דאָזיקער גרופּע האָט געהאַט איינער פון דער אינ־טעליגענץ אָדער איינער פון דער בירגערלעכער גרופּע גופא, וואָס איז געשטאַנען גאָר נאָענט צו דער באַוועגונג און די אָרגאַניזאַציע האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם מענטשן. אין דווינסק איז אַזאַ פּערזאָן געווען פאַלינע. זי איז געווען אַן אינטעליגענטע פרוי און אַ רייכע אויך. באַלד ווי איך בין געקומען אין דווינסק האָט זי מיר געזאָגט, אַז גריליכעס האָט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג זיך צו טרעפן מיט אַ פאַר־שטייער פון קאָמיטעט. אפשר וויל איך זיך מיט אים טרעפן? — אַגב, האָט זי צוגעגעבן, קען מען ביי אים קריגן אַ פאַר הונדערט רובל פאַר דער אָרגאַניזאַציע. — פאַר גריליכעסן, האָב איך געזאָגט, זענט איר, פאַלינע, די פאַרשטייערין פון קאָמיטעט און וואָס שייך די פאַר הונדערט רובל, קריגט זיי טאַקע אַרויס פון אים, ס'וועט אונז צוניץ קומען. איך האָב זיך טאַקע דעמאָלט מיט אים ניט געטראָפן און איצט האָב איך געזען, אַז ער דרייט זיך אַרום ביי דער פאַרזאַמלונג. באַלד איז ער צוגעקומען צו מיר און געזאָגט: — איך וויל מיט אייך ריידן אַ פאַר ווערטער, קענט איר מיר געבן אַ פאַר מינוט? מיר זיינען אַוועק אַ ביסל אָן אַ זייט און ער האָט מיר געזאָגט: — איך האַלט פאַר נויטיק צו געבן צו וויסן דעם קאָמיטעט פון בונד, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט אין דווינסק איינגעפירט ווערן קריגס־צושטאַנד. איך האָב אַליין געזען דעם צירקולאַר ביי דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט ער צוגעגעבן.

— וואָס־זשע קען דער קאָמיטעט טאָן? האָב איך אַזוי ווי געפרעגט. מיר קענען דאָך ניט פאַרווערן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר איינצופירן קריגס־צושטאַנד. — דאָס וויס איך, האָט ער מיר געענטפערט, אָבער לויט מיין מיינונג דאַרפט איר גלייך אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט די קריסטלעכע אַרבעטער, דאָס וועט אפשר געבן אַן אַנדער ווענדונג דער

גאַנצער לאַגע, האָט ער געזאָגט. ער האָט געהאַט אין זינען איבערהויפּט די אַרבעטער פון די אײַזנבאַן־וואַרשטאַטן און אויך קריסטלעכע אַרבעטער פון אייניקע קלענערע פאַבריקן, וואָס זײַנען צום שטרײַק ניט צוגעשטאַנען. — מיר ווייסן, האָב איך אים געענטפערט, אַז ס׳איז נויטיק אַרײַנצוציען אין שטרײַק די קריסטלעכע אַרבעטער, און מיר זוכן וועגן און מיטלען דאָס צו דערגרייכן. אָבער דערווײַל קענען מיר גאָרנישט טאָן. מיט דעם האָט זיך אונזער געשפּרעך געענדיקט און ער איז פון דער פאַרזאַמלונג גלייך אַוועק.

צו דער באַשטימטער צײַט האָבן זיך אויפן פּלאַץ צוזאַמענגעקליבן טויזנטער מענטשן. אונזערע רעדנער און אַ פּאָר מיטגלידער פון שטרײַק־קאָמיטעט זײַנען אַרויף אויפן באַלקאָן פון אַ דערבײַאיק הויז. מ׳האָט געמאָלדן פון באַלקאָן, אַז די פאַרזאַמלונג הייבט זיך אָן און געבעטן דעם עולם צו זײַן שטיל. אַלע טויזנטער, וואָס זײַנען געווען אויפן פּלאַץ, האָבן אויסגעדרייט זייערע פּנימער צום באַלקאָן און האָבן אַזוי ווי אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס. דער הויפּט־רעדנער איז, ווי אַלעמאָל אויף די מאַסן־פאַרזאַמלונגען, געווען מאַקס גאָלדפאַרב. אַ פּאָר מאָל איז פאַרביי דער פאַרזאַמלונג דורכגעריטן אַ קליינע אָפּטיילונג קאָזאַקן, אָבער זיי האָבן ניט געשטערט און די מאַסע האָט זיך אויף זיי אַפילו ניט אומגעקוקט. ווען אַלע רעדעס זײַנען געווען אויסגעשעפּט, האָט מען פון באַלקאָן געמאָלדן, אַז די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן און געבעטן זיך רויִק פונאַנדערגיין.

די מיטגלידער פון שטרײַק־קאָמיטעט האָבן זיך צונויפגערעדט מען זאָל זיך באַלד פאַרזאַמלען אין אַ דירה און אָפּהאַלטן אַ זיצונג. אַ האַלבע שעה שפּעטער איז שוין דער שטרײַק־קאָמיטעט געווען אויפן אָרט. אָבער איידער מיר האָבן נאָך צײַט געהאַט צו עפענען די זיצונג, האָט זיך דערהערט אַ קראַך, אַזוי ווי אַ האַרמאַט וואָלט אויסגעשאָסן. מיר זײַנען אַרויסגעלאָפן אין גאַס. מ׳האָט געזען מאַסן מענטשן לויפן. אַלע פרעגן וואָס איז געשען, אָבער קיינער ווייס ניט. אינסטינקטיוו לויפן אַלע צום פּלאַץ, וואו די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען און וואו עס זײַנען נאָך פאַרבליבן אַ פּאָר הונדערט מענטשן. אויפן פּלאַץ האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז הירשקע פאַרבער (ער איז געווען פון דער קאַמפּס־דרוזשינע), וועלכער האָט געהאַט בײַ זיך אַ באָמבע, האָט זיך אויסגעגליטשט. די באָמבע איז אַרויסגעפאַלן און האָט אויפגעריסן. פיר אָדער פינף מענטשן זײַנען פאַרוואונדעט געוואָרן. צוויי פון די פאַרוואונדעטע האָט מען אַרײַנגעטראָגן אין אַן אַפּטייק, די איבעריקע האָבן זיך געפונען אין אַ פּריוואַטער דירה בײַ אַן אַרבעטער. חברים האָבן מיך אַרומגערינגלט און געשריגן: — אַ דאָקטאָר! זעט צו קריגן

אַ דאָקטאָר! אָבער אין היגזיכט פון קריגן אַ דאָקטאָר בין איך געווען איינגאַנצן הילפלאָז. איך בין ערשט אַ קורצע צייט געווען אין דווינסק און כ׳האָב פשוט ניט געוואוסט וואו מען קען קריגן אַ דאָקטאָר. אָבער גראָד אין דעם זעלבן מאָמענט איז צוגעקומען אַן אָפיצער און געזאָגט:
— איך בין אַ דאָקטאָר, וואו זיינען די פאַרוואונדעטע? און דאָ איז אַנטשטאַנען אַ דעליקאַטע סיטואַציע: אַ פּאָר בחורים, ווי עס ווייזט אויס אינטימע פריינט פון די וואָס האָבן זיך געפונען אין אַפּטייק, האָבן גענומען שלעפּן דעם דאָקטאָר צו דער אַפּטייק, אַנדערע ווידער האָבן אים געשלעפּט צו דער פּריוואַטער דירה. דער אָפיצער, דער דאָקטאָר איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ער האָט ניט געוואוסט מיט וועמען צו גיין. אַ מאָמענט האָב איך ניט געוואוסט ווי צו האַנדלען, ס׳איז מיר אָבער גלייך קלאָר געוואָרן, אַז דער דאָקטאָר מוז גיין צו דער פּריוואַטער דירה, ווייל די וואָס געפינען זיך אין אַפּטייק, וועלן דאָך קריגן די ערשטע הילף פון אַפּטייקער.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, קיין זיצונג פון שטרייק־קאָמיטעט איז שוין יענעם שבת ניט פאָרגעקומען. מיר זיינען אַלע געווען אַזוי דערשיטערט פון דער קאַטאַסטראָפע, אַז עס האָט ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַוועקזעצן זיך און באַהאַנדלען וועלכע ס׳איז פראַגן. זונטאָג אינדער־פרי האָב איך זיך געטראָפן מיט מאַקסימען. ער האָט מיר דערציילט, אַז אַלע פאַרוואונדעטע געפינען זיך אין שפּיטאָל. צוויי זיינען אין אַ קריטישן צושטאַנד, מען דאַרף זיי מאַכן ערנסטע אָפּעראַציעס, אָבער אין דווינסק קען מען די אָפּעראַציעס ניט מאַכן, מען מוז זיי אַוועקפירן אין ריגע. דערפאַר שלאָגט ער פאָר, אַז מיר ביידע זאָלן גיין צום וואָקזאַל און אויסגעפינען צי עס גייען צוגן קיין ריגע און ווען זיי גייען. אויב יאָ, וועלן מיר אַראַנזשירן מען זאָל די פאַרוואונדעטע אַוועקפירן קיין ריגע. מיר זיינען אַוועק צום וואָקזאַל. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ באַן־אַנגעשטעלטן, דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ געהילף פון סטאַנ־ציע־נאַטשאַלניק. מיר האָבן אים געזאָגט, אַז מיר דאַרפן אָפּפירן צוויי שווער פאַרוואונדעטע קיין ריגע און געפרעגט ווען עס גייט אַהין אַ צוג.
— קיין נאָרמאַלער באַן־פאַרקער איז איצט ניטאָ, האָט ער געענטפערט, פון צייט צו צייט קומט אָן פון ערגעץ אַ צוג, וואָס גייט קיין ריגע, אָבער מיר ווייסן קיינמאָל ניט, ווען אַזאַ צוג וועט אָנקומען. מיר דערוויסן זיך וועגן דעם מיט אַ האַלבע שעה פריער, ווען מען טעלע־פאָנירט אונז פון אַ פריערדיקער סטאַנציע. — קענט איר אַרויסשיקן אַ ספּעציעלן צוג פון אַ לאָקאָמאָטיוו מיט איין וואַגאָן? האָבן מיר געפרעגט, מיר וועלן באַצאָלן די קאָסטן. — וועגן דעם דאַרף מען רעדן מיט דעם נאַטשאַלניק, האָט ער געענטפערט. מיר זיינען אַוועק זוכן

דעם באַטשאַלניק, אָבער מיר האָבן אים אין ערגעץ ניט געפונען. מיר זיינען אַוועק מיט גאָרנישט.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך אונז איינגעגעבן אָפּצופירן די שווער פאַרוואונדעטע חברים (הירשקע פאַרבער און מאָטקע געווער) קיין ריגע. מיט אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער האָבן מיר באַקומען די טרויער־ריקע ידיעה, אַז זיי זיינען דאָרט געשטאָרבן. ס'וועט אפשר קלינגען ברוטאַל, אָבער ס'איז אַ פאַקט, אונזערע געמיטער האָבן זיך באַרואיקט. פאַרפאַלן, האָבן מיר געטראַכט, נאָך צוויי קרבנות אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע.

אויך נאָך דער קאַטאַסטראָפע פלעגט דער שטרייק־קאָמיטעט זיך צונויפקומען רעגלמעסיק און אָפט. קיין מאַסן־פאַרזאַמלונגען האָבן מיר שוין מער ניט גערופן. מיר פלעגן אויסהערן באַריכטן וועגן דעם צו־שטאַנד פון שטרייק און באַהאַנדלען דרינגענדיקע פראַגן. ס'האָבן אָנ־געהויבן אָנקומען באַריכטן, אַז די שטימונג ביי די מאַסן פאַלט. דורכ־פירן אַ וועלכע ס'איז גרויסע ריזיקאַלישע אַקציע, וואָס זאָל הויבן די שטימונג ביי די מאַסן, זיינען מיר ניט געווען בכוח. דערוויל זיינען די באַריכטן געוואָרן אַלץ ערגער און לעצטנס זיינען זיי געוואָרן אַלאַר־מירנדיק. מ'האָט אָנגעהויבן ריידן אין דער מאַסע הויך אויפן קול, אַז ס'האָט קיין זינען ניט אָנצוהאַלטן ווייטער דעם שטרייק. די יידישע אַרבעטער אין דווינסק קענען ניט און וועלן ניט מאַכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ס'איז געוואָרן אַ געפאַר, אַז דער שטרייק זאָל זיך ליק־ווידירן פון זיך אַליין, אַז די מאַסן זאָלן איבער אונזערע קעפּ האַנדלען אַליין און אַוועק צו דער אַרבעט. אויב אַזוינס זאָל פּאַסירן, האָט מען אַרגומענטירט אויף דער לעצטער זיצונג פון שטרייק־קאָמיטעט, וועט עס זיין אַ טויט־קלאַפּ פאַר דער באַוועגונג בכלל און פאַר דער אָרגאַ־ניזאַציע בפרט. די אָרגאַניזאַציע וועט פאַרלירן איר פּרעסטיזש, די מאַסן וועלן פאַרלירן דעם רעספּעקט צו איר. מיר זיינען דעריבער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די איינציקע און בעסטע זאַך, וואָס מיר קענען טאָן צו פאַרמיידן די סכנה, איז צוריקרופן דעם שטרייק.

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע, וואו מיר זאָלן מעלדן, אַז מיר פאַרענדיקן דעם שטרייק און הערביי דערקלערן, אַז מיר קאַפּיטולירן ניט. מיר ציען זיך בלויז צוריק ציטווייליק, כדי בעסער צו אָרגאַניזירן אונזערע קרעפטן און אין דעם פּאַסיקן מאָמענט געבן דעם לעצטן טויט־קלאַפּ דעם צאַרישן רעזשים. די פּראָקלאַמאַציע האָט אָנגעשריבן וולאַדימיר (שמואל) שטשופּאַק. מיר זיינען אַלע גע־ווען זייער צופרידן מיט דעם טעקסט פון דער פּראָקלאַמאַציע. אין אַ

קלאָרער און פּאָפּולערער שפּראַך איז געווען אויסגעדריקט דער געדאַנק, וואָס מיר האָבן געוואָלט אַרויסברענגען. שטשופּאַק האָט ניט געקענט שרייבן קיין יידיש, האָט ער די פּראָקלאַמאַציע אָנגעשריבן אין רוסיש און מ׳האָט עס געדאַרפט איבערזעצן אויף יידיש.

באַלד ווי איך האָב זיך באַזעצט אין דווינסק, האָבן חברים מיך באַקענט מיט דאַוויד איכלאָוו. ער איז דעמאָלט אָקערשט געווען געקומען פון אויסלאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט. ער איז געווען אַ זון פון רייכע עלטערן. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט. איידער ער איז אַוועק קיין אויסלאַנד האָט ער געאַרבעט אין זיין פאָטערס געשעפט און איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ פעאיקן געשעפטס־פירער. אין דער זעלבער צייט האָט ער אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די חברים האָבן מיר געזאָגט, אַז ער איז זייער אַן אינטעליגענטער בחור, ער קען אויך שרייבן יידיש און אויף דעם געביט קען די אָרגאַניזאַציע אים אויסנוצן. מיר האָבן אים באַלד קאָאָפּטירט אין דער אַגיטאַטאָרסקע, געגעבן אים אָנצופירן פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך, אָבער מיט זיינע שרייבערישע קענטעניש איז אונז ניט אויסגעקומען צו באַנוצן זיך. איצט, ווען מ׳האָט געדאַרפט איבערזעצן די פּראָקלאַמאַציע אויף יידיש, בין איך גלייך אַוועק צו אים און געזאָגט: — מיר האָבן פאַר איך אַ שטיקל אַרבעט — איבערצוזעצן אַ פּראָקלאַמאַציע פון רוסיש אויף יידיש. ער איז געווען זייער צופרידן און מיר זיינען אַוועק אין אַ רעסטאָראַן, וואו אונזערע חברים זיינען געווען איינגייער. דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף אונז וולאַדימיר שטשופּאַק. דאָס איז געווען אין אָוונט, אין רעסטאָראַן זיינען געווען בלויז אַ פּאָר פאַרשפּעטיקטע געסט, וואָס האָבן געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זייערע מאָלצייטן. מיר האָבן זיך געזעצט אין אַ ווינקל ביי אַ טישל און דאַוויד איכלאָוו האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

מיר זיינען געווען זיכער, אַז אין משך פון אַ שעה וועלן מיר זיין פאַרטיק, אָבער ס׳איז אַוועק אַ שעה און מיר זיינען נאָך געווען ווייט פון צו זיין פאַרטיק. און דאָ שטייט דער באַלעבאָס אַן אומגעדולדיקער, ער וויל פאַרמאַכן דעם רעסטאָראַן. מיר זיינען אַוועק צו וולאַדימיר שטשופּאַק אַהיים. ער האָט געוואוינט אויף איינער פון די באַלעבאַטע גאַסן אין אַ גרויס געמויערט הויז. מיר האָבן זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ טראַך. אַ שויב איז צעשמעטערט געוואָרן. אַ קויל האָט אַ זשומע געטאָן אין דער לופט איבער אונזערע קעפּ און איז געבליבן ערגעץ פאַרשטעקט. מיר האָבן פאַרהאַנגען די פענצטער און האָבן זיך איינגעאָרדנט אַזוי, אַז אויב

אַ קויל וועט נאָך אַמאָל פאַרבלאָנדזשען אַהער, זאָל זי אונדז ניט טרעפן. מיר האָבן זיך צוריק גענומען צו דער אַרבעט. ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן, איז שוין געווען אַרום האַלבע נאַכט.

איינע פון די אומלעגאַלע בונדישע דרוקערייען האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דווינסק. איך האָב גענומען דעם מאַנוסקריפּט און בין אַוועק אין דרוקעריי. איך האָב אויפגעוועקט די באַלעבאַטים (דאָס איז געווען אַ יונג פּאָר־פאָלק), געגעבן זיי דעם מאַנוסקריפּט און געזאָגט: — דאָס מוז מען גלייך אָפּדרוקן אין עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן. זיי האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט מיטן גאַנצן ברען. פון פריער איז שוין געווען אָפּגערעדט מיט איינעם פון שטרייקקאָמיטעט (דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אברהמקע דער גאַרבער), ער זאָל צונויפקלייבן אַ גרופּע בחורים אויף אַ באַשטימטער דירה און זיי זאָלן צוגרייטן אַלץ וואָס איז נויטיק אויף פאַנאַנדערצוקלעפּן די פּראָקלאַמאַציעס. איך בין אַוועק צו יענער דירה זען צי אַלץ איז אין אָרדנונג. איך האָב דאָרט געטראָפן די חברים, איינקע האָבן געדרעמלט, אַנדערע זיינען געווען וואַך און האָבן געשמועסט צווישן זיך. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז אַלץ איז פאַרטיק. די שמירעכטס (איינבינדערישער פּאַפּ) איז פאַנאַנדערגעגאָסן אין בלעכענע קענדלעך, בערשטלעך אויף אָנצושמירן די פּראָקלאַמאַציעס זיינען אויך דאָ. זיי האָבן אָנגעמערקט די טעריטאָריעס וואו יעדער דאַרף גיין. — וואו־זשע זיינען די פּראָקלאַמאַציעס? האָבן זיי געפרעגט. — די פּראָקלאַמאַציעס דרוקן זיך נאָך, האָב איך זיי געזאָגט, איך גיי איצט אַהין און אַזוי שנעל ווי זיי וועלן פאַרטיק ווערן וועל איך זיי ברענגען. איך בין אַוועק. ס'איז שוין געווען ניט מער ווי אַ פּאָר שעה צו טאָג, ווען די פּראָקלאַמאַציעס זיינען פאַרטיק געוואָרן. איך האָב זיי שנעל אַרומגעפּאַקט אַרום זיך און אַוועקגעאיילט צו די וואַרטנדיקע חברים.

צען אָדער מער פּאָרלעך זיינען אַוועק אין שטאָט טאָן די אַרבעט. און ווען ס'האָט אָנגעהויבן שפּראָצן אויף טאָג, זיינען שוין אַלע טעלעגראַף־סלופּעס, לאַמטערן־סלופּעס און די ווענט איבער דער גאַנצער שטאָט געווען פאַרקלעפּט מיט די פּראָקלאַמאַציעס. אין משך פון טאָג איז דער שטרייק געווען פאַרענדיקט און די שטאָט האָט באַקומען איר נאָרמאַלן אויסזען.

מיט אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער זיינען שוין די פּראָקלאַמאַציעס געווען אָראָפּגעריסן. זייער אָרט האָט פאַרנומען אַ צירקולאַר פון גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואו ס'איז געווען געמאָלדן, אַז אין שטאָט ווערט איינגעפירט קריגס־צושטאַנד. ס'זיינען געווען אויסגערעכנט פּונקטן מיט פאַרבאָטן. אַלץ וואָס מען טאָר ניט טאָן, ווען עס הערשט

קריגס־צושטאַנד. יענעם פרימאָרגן איז וולאַדימיר (שמואל) שטשופּאַק אַראָפּ אין גאַס און דערזעענדיק דעם צירקולאַר פון גענעראַל־גובערנאַ־טאָר, האָט ער אים איבערגעלייענט און דערנאָך, מעשה קונדס, אים אַראָפּגעריסן און אַוועקגעוואָרפן. אין דער מינוט איז לעבן אים, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן אַ מאַן אין ציווילע קליידער און אַ פּאָליציאַנט און זיי האָבן שטשופּאַקן אַרעסטירט. דאָס איז געווען אַ שטאַרקער פּאַרלוסט פאַר דער אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען איי־נער פון די גאָר וויכטיקע טוער אין דער באַוועגונג און אַ גוטער רעדנער (איך געווען טעטיק אין אַנדערע שטעט).

אַ טאָג נאָך דעם, אינדערפרי, האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון ווילנע. לויט דער אונטערשריפט האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז פון צ. ק.. די טעלעגראַמע האָט זיך געלייענט: ס'איז אומ־באַדינגט נויטיק אונטערצוהאַלטן דעם קרעדיט פון דער מאָסקווער פירמע. דאָס האָט באַדייט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט וויל מיר זאָלן אָנהאַלטן דעם שטריק. דער ערשטער געדאַנק ביי מיר איז געווען: מען דאַרף צונויפרופן דעם שטרייק־קאָמיטעט. כ'האָב זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז דאָס קען איך ניט טאָן, ווייל דער שטרייק־קאָמי־טעט עקזיסטירט שוין ניט. ער האָט זיך אויטאָמאַטיש אויפגעלייזט אין דער זעלבער צייט, ווען מיר האָבן אָפּגעשטעלט דעם שטרייק. דעם קאָמיטעט פון אונזער בונדישער אָרגאַניזאַציע האָב איך אויך ניט געקענט צוזאַמענרופן, ווייל ס'איז ניט געווען וועמען צו רופן. וולאַ־דימיר שטשופּאַק איז געווען אַרעסטירט, אַ צווייטער מיטגליד פון קאָמיטעט (איך געדענק ניט זיין נאָמען) איז מיט אַ פּאָר טעג פריער אַוועק פון דווינסק (איך געדענק ניט די סיבה), בין איך געבליבן דער איינציקער און כ'האָב זיך ניט געקענט געבן קיין עצה. ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק צוזאַמענצורופן אונזער אַגיטאַטאָרסקע. כ'האָב אָבער באַלד באַרעכנט, אַז דאָס טויג אויך ניט. וואָס קען די אַגיטאַטאָר־סקע אויפטאָן, האָב איך געטראַכט, מען קאָן דאָך ניט רופן די מאַסן ווידער צום שטרייק. אָבער ענטפערן אויף דער טעלעגראַמע מוז איך דאָך, און ענטפערן מיט אַ פּאָר ווערטער דורך אַ טעלעגראַמע האָט קיין זינען ניט געהאַט. מען דאַרף דאָך דערקלערן פאַרוואָס מיר האָבן דעם שטרייק אָפּגערופן. שרייבן אַ בריוו האָב איך אויך ניט געקענט — מיין געמיט־צושטאַנד איז געווען אַזאַ, אַז איך האָב זיך ניט געקענט קאָנ־צענטרירן. בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז די גלייכסטע און לאָגישסטע זאַך איז איך זאָל צופאָרן קיין ווילנע, זיך זען דאָרט מיט עמעצן פון צענטראַל־קאָמיטעט און אַלץ דערקלערן. איך בין אַוועק צום וואָקזאַל.

מ׳האָט מיר אויפֿן וואָקזאַל געזאָגט, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום גייט אָפּ אַ שנעל־צוג קיין ווילנע. דער צוג איז באַלד אָנגעקומען. איך בין אַריין אין וואַגאָן. מיט אַ שנעל־צוג פֿון דווינסק קיין ווילנע נעמט ניט לאַנג און אין אַ דריי שעה אַרום בין איך שוין געווען אין ווילנע. פֿון וואָקזאַל בין איך גלייך אַוועק צו אַרקאַדין (אַלעקסאַנדער קרעמער). אויפֿן וועג איז מיר אויסגעקומען פֿאַרבייצוגיין אַ מאַרק, וואו מען האָט געהאַנדלט מיט אַלטע זאַכן. ווייבער זיינען געזעסן אויף קעסטלעך מיט פֿייער־טעפּ לעבן זיך און אויף דער ערד איז געווען אָנגעוואָרפֿן זייער, משטיינס געזאָגט, סחורה. אַ ביסל אָן אַ זייט, אָנגעשפּאַרט אָן אַ טעלעגראַפֿן־סלופּ איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן און גערעדט שטיל, מאָנאָטאָן, אָן אַ ברעקל ענטוזיאַזם און קיינער האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט. מיר איז געווען טשיקאַווע צו הערן וועגן וואָס ער רעדט. איך האָב זיך צוגערוקט נענטער און האָב זיך אָפּגעשטעלט. איך בין געשטאַנען אַ פּאָר מינוט. אַ מיטליאָריקער ייד איז פֿאַרבייגעגאַנגען און האָט אַ זאָג געטאָן צו מיר: — ניטאָ וואָס צו הערן, דאָס איז אַן אַנאַרכיסט. אַז ס׳איז ניט געווען וואָס צו הערן, האָב איך מסכים געווען, אָבער צי דאָס איז געווען אַן אַנאַרכיסט האָב איך ניט געוואוסט. ביי דעם דאָזיקן יידן זיינען מסתמא אַלע רעדנער געווען אַנאַרכיסטן. איך בין אַוועק ווייטער. כ׳האָב געטראָפֿן אַרקאַדין. איך האָב אים אַלץ דערציילט און אויפֿגעקלערט. נאָכדעם ווי ער האָט מיך אויסגעהערט, האָט ער געזאָגט: — ביי די באַדינגונגען האָט איר אַנדערש ניט געקענט האַנדלען.

ווען איך בין מיט אַ טאָג שפּעטער צוריקגעקומען קיין דווינסק, איז די שטאָט ניט געווען צו דערקענען. איבער די גאַסן האָבן מאַרשירט גרויסע מיליטערישע פּאַטרולן. ציווילע מענטשן האָט מען אין די גאַסן געזען ווייניק און די, וואָס זיינען געווען, האָבן זיך געשאַרט אַרום די ווענט, כדי מען זאָל זיי וואָס ווייניקער באַמערקן. ס׳האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט געווען איינגעהילט אין אַ מרה־שחורה.

אַ דאַנק דעם, וואָס אַלע אונזערע אָנפֿירנדיקע קערפּערשאַפֿטן האָבן פֿונקציאָנירט די גאַנצע צייט און קיין איינע איז ניט אָפּגעשאַפֿט געווען, אַפֿילו דעמאָלט ווען מיר האָבן געקענט פֿירן די אַרבעט עפֿנטלעך, האָבן מיר איצט געהאַט די מעגלעכקייט אָנצוגיין מיט אונזער טאָג־טעגלעכער רוטינער אַרבעט. קיין מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען האָבן מיר טאַקע ניט געקענט דורכפֿירן, אָבער מיר האָבן געהאַט רעגולערע זיצונגען פֿון די אָנפֿירנדיקע קערפּערשאַפֿטן, וואו מיר פֿלעגן באַהאַנדלען פֿאַרשידענע פֿראַגן. מיר האָבן אָנגעפֿירט פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך

און אויך דורכגעפירט קליינע פאַרזאַמלונגען. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן שטרענג געהיים. מיר זיינען צוריק געוואָרן אַ פולשטענדיק אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע. ס'איז געווען שווער, ניט באַקוועם, אָבער מיר האָבן זיך ביסלעכווייז צו דעם צו־געוואוינט.

אין איינעם אַן אָוונט האָבן מיר געהאַט אַ זיצונג פון דער אַגי־טאַטאָרסקע. מיר פלעגן אויסרעכענען ניט צו פאַרציען די זיצונגען ביז שפעט ביינאַכט, ווייל צוליב די פאַטרולן איז געווען אַ סכנה צו גיין אין גאַס שפעט. מיר האָבן די זיצונג פאַרענדיקט און מיר האָבן אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערצוגיין איינציקווייז. איינער, וואָס איז דער ערשטער אַרויס פון הויז, האָט מיך אויף דער גאַס אָפּגעוואַרט און ווען איך בין צוגעקומען נאָנט האָט ער מיך צוגעפירט צו אַ ווינקל און געזאָגט: — דאָוויד, איר מוזט גלייך אַוועקפאָרן פון דווינסק. — וואָס איז, וואָס האָט פּאַסירט? פאַרוואָס מוז איך גלייך אַוועקפאָרן? האָב איך אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן. אַ געדאַנק איז מיר אַרויפגעקומען, אַז מסתמא האָט ער זיך דערוואוסט פון עמעצן, אַז די נאַכט וועט מען מיך קומען אַרעסטירן און דאָס האָב איך דערוואַרט פון אים צו הערן. אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. — איר מוזט אַוועקפאָרן דערפאַר, האָט ער געזאָגט, ווייל מ. א. האָט אייך פאַראורטיילט צום טויט...

דאָס איז געווען פאַר מיר אַזוי אומדערוואַרט, אַז איך האָב רעכט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט און איך האָב געזאָגט: — איך פאַר־שטיי ניט וואָס איר מיינט? — איך מיין וואָס איך זאָג, און ער האָט אי־בערגעחזרט: — מ. א. האָט אייך פאַראורטיילט צום טויט. און איך ראָט אייך איר זאָלט עס ניט בעמען לייכט, דאָס איז זייער ערנסט. איז ער משוגע? — יאָ, אויף דעם פונקט איז ער משוגע. — אָבער וואָס האָט ער צו מיר? האָב איך געפרעגט. — ער זאָגט, אַז איר געהערט צו די, וואָס שיקן אַנדערע אין פייער און אַליין בלייבן זיי זיצן אין דער היים.

איך האָב איינגעזען, אַז מער האָב איך איצט ניט וואָס צו רעדן. פאַרטיידיקן זיך פאַר דעם, וואָס האָט עס מיר דערציילט, אויפווייזן אים, אַז איך בין אומשולדיק, האָט דאָך קיין זינען ניט. ער אַליין זאָגט דאָך, אַז יענער איז משוגע. האָב איך אים געזאָגט: — גוט, וואָס איר האָט עס מיר דערציילט, איך וועל עס בעמען אין אַכט. און איך בין אַוועק אַהיים.

די באַלעבאָסטע פון מיין דירה איז נאָך ניט געשלאָפן, ווען איך בין געקומען. גלייך ווי איך האָב איבערגעטרעטן די שוועל, האָט זי מיר געזאָגט, אַז אַ בחור האָט זיך געפרעגט אויף מיר. — האָט ער

געזאָגט זיין נאָמען און צו וואָס ער דאַרף מיך? — האָב איך געפרעגט. — ניין! ער האָט נאָר געפרעגט ווי שפּעט איר קומט אַהיים ביינאַכט און ווען איר גייט אַוועק פון דער היים אינדערפרי. איך האָב אים געזאָגט, אַז געוויינלעך קומט איר אַהיים שפּעט ביינאַכט און אינדערפרי איז ווי אַמאָל, ניטאָ קיין באַשטימטע צייט. איך האָב שוין פאַרשטאַנען ווער עס האָט זיך אַזוי שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף מיר און איך בין געוואָרן אַ ביסל צעדרודערט. כדי ניט אַרויסצואווייזן עס פאַר דער באַלעבאָסטע, האָב איך געזאָגט: — מילא, אויב ער דאַרף מיך נויטיק, וועט ער קומען נאָך אַ מאָל. איך בין אַריין צו זיך אין צימער.

ס'איז מיר אַרויפגעקומען אַ געדאַנק, אַז אפשר זאָל איך ניט פאַרבלייבן אין דער היים, נאָר אַוועקגיין ערגעץ נעכטיקן. (מ. א. איז געווען אַן אַקטיוועו מיטגליד פון ב. אָ. און אין יענער צייט לייכט אויף אויספירן אַ טעראָריסטישן אַקט). אָבער איך האָב דעם געדאַנק פאַרוואָרפן. כ'האָב זיך אַליין געגעבן פאָלגנדיקן אַרגומענט: פון אַ באַהעלטעניש וועט ער מיר קענען אַרייניאָגן אַ קויל אין קאָפּ אָדער אין האַרצן, אָבער אַז ער וועט קומען צו מיר אַהיים און וועט מיר דאַרפן קוקן גלייך אין די אויגן, וועט ער ניט שיסן. אויב אַפילו דער רעוואָלווער וועט זיין אָנגעשטעלט אויף מיר, וועט ער ניט אויסשיסן, די האַנט וועט זיך ביי אים אַראָפּלאָזן. און איך בין אַריין אין בעט. שלאָפן האָב איך אָבער ניט געקענט. ס'האָט מיר געגעבערט די באַשולדיקונג, וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט קעגן מיר. איך האָב געגומען דורכטראַכטן אַלע פּאַסירונגען פאַר דער צייט, וואָס איך בין אין דווינסק. איך האָב ניט געקענט געפינען קיין שום באַרעכטיקונג פאַר דער באַשולדיקונג: גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט געפאַר, צו וועלכע איך זאָל רופן אַנדערע און אַליין ניט גיין, זיינען ניט פאָרגעקומען; די מאַסן־פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען ביז אַ געוויסן גראַד אויך געווען פאַרבונדן מיט געפאַר, האָב איך ניט אויסגעמיטן; איך בין געגאַנגען צו אַלע פאַרזאַמלונגען גלייך מיט אַלעמען. הייסט עס, אַז ס'איז ניטאָ קיין שום באַרעכטיקונג פאַר דער באַשולדיקונג. און איך האָב זיך באַרויקט.

איינשלאָפן האָב איך ניט געקענט. פאַרשידענע רעיונות זיינען געקראָכן אין קאָפּ. איך האָב זיך אַליין געפרעגט: ווי איז געווען מיין אויפפירונג די אַלע יאָרן, וואָס איך אַרבעט אין דער באַוועגונג? האָט אַמאָל געטראָפן, אַז איך זאָל געבן אַן אַנדערן אַ געוויסע אַרבעט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט געפאַרן, אָנשטאָט צו טאָן עס אַליין? איך האָב זיך דערמאָנט, אַז יאָ. דאָס איז געווען אין ביאַליסטאָק, מיט אַ זיבן

יאָר צוריק. ס'איז דורכגעפאַלן די דירה פון רייזל די זאָקנמאַכערקע (די שפּעטערדיקע פרוי פון בייניש מיכאַלעוויטש). זי האָט געוואוינט אויף פּאָלעוואיא גאַס אין אַ בוידעם־שטיבל. זי האָט געהאַט אַ מאַשין און האָט אויסגעאַרבעט זאָקן אויף באַשטעלונגען. בייניש איז דאָרט געווען אַן אָפטער אַריינגייער. נאָך דער רעוויזיע אין רייזלס דירה איז פאַר ביינישן געווען אַ געפאַר צו בלייבן אין ביאַליסטאָק, ווייל די שפּיאָנען, וואָס האָבן נאָכשפּיאָנירט רייזלס דירה, האָבן אים געוויס באַמערקט. צוליב זיין איינגעבויגענער פּלייצע איז אים געווען זייער גרינג צו דערקענען. דעריבער איז געווען אַ געפאַר, אַז אַ שפּיאָן קען אים צופעליק טרעפן אין גאַס און באַלד אַרעסטירן.

פאַרן אַוועקפאָרן האָט מיר בייניש דערציילט, אַז אין דעם טאָג פון דער רעוויזיע אין רייזלס דירה האָט ער געהאַט ביי זיך פאַרטיק דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַר דער אונטערערדישער צייטונג דער ביאַליסטאָקער אַרבעטער. אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אָפּצושיקן עס אין דרוק, האָט ער עס דערווייל באַהאַלטן אויפן בוידעם, וואו רייזל האָט געהאַט איר דירה. דער בוידעם איז ניט געווען איינגאַנצן פאַרבויט, אַ שטיקל פּלאַץ איז געבליבן ליידיק. דאָרט האָט ער עס פאַרשטעקט אונטער אַ קראָקווע. וואַרשיינלעך האָט די פּאָליציי בעתן אַרעסט געמאַכט אַ גענויע רעוויזיע אויפן בוידעם און האָט עס געפונען. עס קען דאָך אָבער געמאָלט זיין, אַז זיי האָבן עס ניט געפונען און דאָס ליגט נאָך דאָרט. דאַרף מען עס אויסגעפינען. ער אַליין זאָל גיין אַהין איז דאָך אויסגעשלאָסן. איך האָב עס אויך ניט געקענט טאָן, ווייל איך האָב שוין דעמאָלט געלעבט אומלעגאַל, די וויטעבסקער זשאַנדאַרמעריע האָט מיך אַרומגעזוכט. מיר האָבן אָפּגערעדט איך זאָל איבערגעבן ווען עס איז פון די חברים דורכצופירן דאָס שטיקל אַרבעט. און בייניש איז אַוועקגעפאָרן פון ביאַליסטאָק.

ווען ס'איז אַריבער אַ וואָך אָדער 10 טעג און מען האָט געקענט רעכענען, אַז די פּאָליציי האָט שוין אַראָפּגענומען דעם „נאַדזאָר", די אויפזיכט, פון רייזלס דירה, האָב איך גענומען טראַכטן וועמען איבערצוגעבן אויסצוגעפינען צי עס ליגן נאָך דאָרט מאַנוסקריפּטן, וואָס בייניש האָט באַהאַלטן. מיין אויסוואַל איז געפאַלן אויף איינעם, וואָס מיר פלעגן רופן דער ישיבה־בחור. ער האָט טאַקע פריער געלערנט אין דער ישיבה און איז דערנאָך צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער בחור, אַ טאַלקאָווער און איבערגעגעבן אונזער באַוועגונג מיט לייב און לעבן. אין אַ געוויסן אָוונט בין איך מיט אים אַריין אין אַ רעסטאָראַן, האָב אים דערציילט די גאַנצע מעשה און געפרעגט צי ער וואָלט גענומען אויף

זיך אויסצוגעפינען וועגן די מאַנוסקריפּטן. דערביי האָב איך אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ שטיקל געפאַר, ווייל ס׳איז מעגלעך, אַז אויף דער דירה זיצט נאָך אַ פּאָליציאַנט און וואַרט טאָמער וועט ווער ס׳איז קומען. פון דער צווייטער זייט, האָב איך געזאָגט, איז די געפאַר נישט קיין גרויסע, ווייל אויב מען וועט אים אַפילו אַרעסטירן, וועט מען אים לאַנג נישט האַלטן, ס׳איז דאָך קיינעם נישט פאַרווערט צו קומען צו אַ זאָקנמאַכערקע באַשטעלן פאַר זיך זאָקן. ער האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן דאָס שטיקל אַרבעט.

אויסגעלאָזט האָט זיך נישט אַזוי ווי איך האָב גערעכנט. מען האָט אים טאַקע אַרעסטירט און געהאַלטן אַ גאַנץ היפּשע צייט (איך געדענק נישט גענוי ווי לאַנג), ווייל מען האָט ביי אים געפונען אומלעגאַלע ליטעראַטור. מיר איז נישט איינגעפאַלן אָנצוזאָגן אים, אַז איידער ער גייט, זאָל ער זיך באַפרייען פון וועלכע ס׳איז טריפה סחורה און ער אַליין האָט פאַרגעסן, אָדער ער איז גלאַט געווען נישט־פאָרזיכטיק. איינער, וואָס ווייס נישט די אַלע איינצלהייטן האָט אויף דעם סמך אַ גרונט מיך צו באַשולדיקן, אַז איך גיב אַנדערע צו טאָן געפערלעכע אַרבעט אָנשטאָט צו טאָן דאָס אַליין. אָבער ווען ער ווייס די פּרטים, וואָלט ער דאָך מיך נישט באַשולדיקט, פאַרטיידיק איך זיך אַליין. איך קום דעריבער צום באַשלוס, אַז אויך אין דעם פאַל בין איך קיין פאַרברעכער נישט באַגאַנגען און איך באַרואיק זיך. איינשלאָפן אָבער קען איך נאָך אַלץ נישט און איך גריבל זיך ווייטער אין דער פאַרגאַנגענהייט.

איך דערמאָן זיך נאָך אַ פאַל, וואָס קען אויסגעטייטשט ווערן, אַז איך שאַנעווע זיך אַליין און גיב אַנדערע צו טאָן געפערלעכע אַרבעט. דאָס האָט אויך פּאַסירט אין ביאַליסטאָק, מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער. אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דאָס געווען אין 1901. ס׳איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון גאַרבער, וואו ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מ׳דאַרף גרינדן אַ גאַרבער־בונד. דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן צוויי מענטשן, מיך און מיינעם אַן אַלטע חבר, אַן אינטימען פריינט נאָך פון די ישיבה־יאָרן, אברהם איצקעס סאָרקין, מיר זאָלן באַזוכן אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו מיר האָבן געהאַט אָרגאַניזאַציעס פון גאַרבער און פּאָפּולער מאַכן דעם געדאַנק וועגן דער נויטיקייט צו גרינדן אַ גאַרבער־בונד. מיר האָבן איינגעטיילט צווישן זיך די טעריטאָריעס, וואו יעדער זאָל אַרבעטן. מיין טעריטאָריע איז געווען ביאַליסטאָקער ראַיאָן; אברהם איצקעס — איז געווען ווילנע און אומגעגנט, אַ טייל מינסקער גובערניע, דווינסק און וויטעבסק. אברהם

איצקע איז שוין געווען גרייט אָפּצופֿאָרן קיין ווילנע. דאָס איז געווען אין מיטן חודש אַפּריל. יענעם טאָג בין איך גראָד אַריינגעגאַנגען צו די ראָזענטאַלס (פּאַוועל און אַנע). זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז מען האָט געבראַכט די 1טע מאַי־פּראָקלאַמאַציעס, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן. די פּראָקלאַמאַציעס זייַנען פֿאַר ביאַליסטאָק און ווילנע. דאַרף מען, הייסט עס, אָוועקפֿירן אין ווילנע זייער טייל. איך האָב זיי געזאָגט, אַז אברהם איצקע סאָרקין (זיי האָבן געוואוסט ווער דאָס איז, ווייל פּאַוועל איז געווען אויפֿן גאַרבער־צונויפֿטרעף וואָס ס׳איז געווען מיט 3 וואָכן פֿאַר מיין אַרעסט) פֿאָרט סיי ווי קיין ווילנע, וועט ער מיטנעמען די פּראָקלאַמאַציעס. אַזוי איז עס געבליבן. איך בין אַוועק אַהיים און געזאָגט אברהם איצקען וועגן מיטנעמען די פּראָקלאַמאַציעס. ער האָט גאָרניט געהאַט דאַקעגן. איך האָב באַלד געבראַכט די פּראָקלאַמאַציעס, פֿאַר־פּאַקט אין אַ שטרויענעם קויש פֿון מיטעלן גרויס און די זעלבע נאַכט איז אברהם איצקע אַוועקגעפֿאָרן. אין ווילנע אויפֿן וואָקזאַל האָט מען אים אַרעסטירט צוזאַמען מיט די פּראָקלאַמאַציעס. אַ היפּשע צייט האָט מען אים געהאַלטן אין טורמע און נאָכדעם פֿאַר־שיקט אויף פֿינף יאָר אין מזרח־סיביר. דאָס וואָלט מען, הגם ניט־באַרעכטיקט, געקענט אויסטייטשן, אַז איך האָב געשיקט אַנדערע טאָן געפֿערלעכע אַרבעט און אַליין געבליבן אין דער היים. אין געדאַנק האָב איך געוואָלט זיך פֿאַרטיידיקן, אָבער דער קאָפּ איז מיר געוואָרן שווער און איך בין ניט געווען פֿעיִק ווייטער צו טראַכטן. איך בין אַריינגעפֿאַלן אין אַ דרעמל. ס׳האָבן מיך געמאַטערט חלומות און קאָש־מאַרן, כ׳האָב זיך פֿיל מאָל אויפֿגעכאַפּט אַ באַגאָסענער מיט שווייס. צום סוף בין איך פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿן האַרטן שלאָף.

ווען איך בין אויפֿגעשטאַנען איינדערפֿרי איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. איך בין געווען אויסגערוט און דער קאָפּ איז געווען קלאָר. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן מיינע גריבלענישן אין דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט און האָב זיך געוואונדערט ווי אַזוי אַ מענטשלעכער מוח קען זיך פֿאַרנעמען מיט אַזעלכע שטותערייען. די געשיכטע מיט אברהם איצקע סאָרקין, פֿון וועלכער איך האָב געזוכט אַרויסצודרינגען, אַז מען קען כלומרשט אויסטייטשן אַז איך בין באַגאַנגען אַ פֿאַרברעך קעגן אים, איז מיר איצט אויסגעקומען לעכערלעך. דער פֿאַקט איז דאָך, אַז נאָכדעם, ווי ער איז געקומען פֿון סיביר (ער איז דאָרט ניט אָפּ־געווען דעם גאַנצן טערמין, ער איז אַנטלאָפֿן אין מיטן), זייַנען מיר געווען די זעלבע אינטימע גוטע פֿריינט ווי פֿריער. אים איז קיינמאָל ניט איינגעפֿאַלן, אַז איך בין באַגאַנגען אַן עוולה קעגן אים. און וואָס שייך דעם אינצידענט מיט מ. א., האָב איך עס אַוועקגעמאַכט מיט דער

האַנט. כ׳האָב עס ניט גענומען ערנסט. מאַלע וואָס איינעם פאַלט אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ. ס׳וועט אַריבער אַ שטיקל צייט, וועט ער זיך פון דער משוגעת אויסהיילן, האָב איך געטראַכט.

ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז מיין אָפּשאַצונג וועגן מ. א. איז געווען אַ ריכטיקע. שוין זייענדיק דאָ אין אַמעריקע, בין איך איינמאָל געזעסן מיט אברהמקע דעם גאַרבער און געפירט אַ גע־מיטלעכן שמועס. גערעדט וועגן אַמאָליקע צייטן, וועגן חברים פון אַמאָל. צווישן אַנדערן איז דערמאָנט געוואָרן דער נאָמען מ. א.. ווייסט איר, אַז ער האָט מיך אַמאָל פאַרמשפּט צום טויט? האָב איך געפרעגט אברהמקען. — געוויס ווייס איך, האָט ער געענטפערט. אָבער ער האָט דאָך אייך געשריבן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט באַדויערט דעם אינצידענט און האָט זיך פאַרענטפערט פאַר אייך.

מיר איז אויסגעקומען צו הערן ווי קרימינעלע אַרעסטאַנטן באַ־רימען זיך, אַז זייער פאָסט אַרבעט אויסגעצייכנט. אונזערע בריוו אָן מאַרקעס, פלעגן זיי זאָגן, קומען אָן פּינקטלעך. אָבער וואָס שייך דעם בריוו, וואָס אברהמקע האָט דערמאָנט און וואָס איז אויך גע־גאַנגען „אָן אַ מאַרקע", האָט זיך עס ניט באַשטעטיקט. דער בריוו איז צו מיר קיינמאָל ניט אָנגעקומען. ער איז, הפנים, פאַרלוירן גע־גאַנגען ערגעץ אין די אונטערערדישע קאַנאַלן. אַ קורצע צייט נאָך דעם שמועס מיט אברהמקען איז מ. א. געקומען קיין אַמעריקע. איך פלעג זיך מיט אים טרעפן און מיר זיינען געווען די בעסטע גוטע פריינט. ניט ער און ניט איך האָבן ווען עס איז דערמאָנט דעם אינ־צידענט. ער האָט דאָ אָפּגעלעבט זיינע יאָרן, ווי אַ גוטער חבר און פיינער מענטש.

יענעם טאָג, נאָך דער קאָשמאַרנער נאַכט, האָט געדאַרפט פאָר־קומען אַ פאַרזאַמלונג פון אַ 30־35 מענטשן, וואו איך האָב אויך גע־דאַרפט זיין. אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר ניט געדאַרפט באַהאַנדלען קיין פראַגן, נאָר אויסקלייבן דעלעגאַטן צו אַ קאָנפערענץ פון בונד. די פאַרזאַמלונג האָט געזאָלט פאָרקומען אויף דער גריוועּ. דאָס איז גע־ווען אַ קליין שטעטל אויף דער אַנדערער זייט דווינע און האָט גע־הערט צו קורלאַנד. ווינטער־צייט, ווען די דווינע איז געווען פאַר־פרוירן, איז געווען זייער באַקוועם צוצוקומען אַהין.

ווען אַלע זיינען שוין געווען אויפן אָרט, האָבן מיר ווי גע־וויינלעך אַרויסגעשיקט אַ פּאָר חברים אין דרויסן, זיי זאָלן אַכטונג געבן און געבן אונז צו וויסן, אויב זיי באַמערקן עפּעס אַ געפאַר. און כּך־הווה, באַלד איז איינער פון די חברים אַריינגעקומען און געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך פאַנאַנדערגיין. אַ מיליטערישער פאַטרול דער־

נענטערט זיך אהער, צוזאמען מיט די סאלדאטן גייען אויך א פאר פאליציאנטן. זיי שמעקן אריין אין די הויפן, קוקן אריין אין די פענצטער און ווען זיי וועלן צוקומען אהער, וועלן זיי אונז געוויס דערזען. מיר האבן קיין ברירה ניט געהאט, מיר זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען. שוין זייענדיק אויפן טייך, האב מיר באשלאסן צו געפינען אן אנדער דירה, אויך אויף דער גריוועס, און אפהאלטן די פארזאמלונג. צומארגנס האט פאסירט די זעלבע זאך. איידער מיר האבן צייט געהאט צוצוטרעטן צו דער ארבעט, האט מען אונז אנגעזאגט, אז א פאטרול קומט אן. ס'האט געמאכט דעם איינדרוק, ווי דער פאטרול וואלט אונז ארומגעזוכט נאך פון נעכטן. מיר זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען און אוועק בראדזיען איבער דער פארפרוירענער דווינע. מיר האבן ניט געוואוסט וואס צו טאן. איינער האט פארגעשלאגן אפצוהאלטן די פארזאמלונג אין חיים בעקלס מנין. אלע זיינען געווען געשטימט אפצוהאלטן די פארזאמלונג איין מאל פאר אלע מאל און פטור ווערן. מיר האבן זיך אנגעכאפט אן דעם פארשלאג און זיינען אוועק אהין. דאס איז געווען א קליין שוהלכל אין דווינסק, ניט גאר ווייט פון ברעג. מיר זיינען ארויף אין דער וויבערשער שוהל און זיינען צוגעטראטן צו דער ארבעט. איינער איז צופעליק צוגעגאנגען צום פענצטער און באלד אויסגערופן: — חברה, מיר ווערן ארומגערינגלט!

מיר האבן זיך א לאז געטאן צו די פענצטער און דערזען, אז פאליציי, סאלדאטן און קאזאקן רינגלען ארום די שוהל. די וואס זייינען געווען נאנט צו דער טיר, האבן די טיר געעפנט און אנגעהויבן אראפלויפן. פיר אדער פינף זיינען אראפגעלאפן. איינער פון אונז האט באלד פארהאקט די טיר און אויסגערופן: — חברים, ניט לויפן! א פאר קענען זיך אפשר דורכשמוגלען אומבאמערקט, אבער ווען מיר וועלן אלע נעמען לויפן, וועלן די סאלדאטן אונז געוויס דערזען און אנהויבן שיסן. עס וועלן פאלן קרבנות. ס'איז בעסער ארעסטירט צו ווערן איידער דערשאסן צו ווערן. מיר האבן געזען, אז ער איז גערעכט און קיינער האט שוין ניט געמאכט קיין פרואוו צו אנטלויפן.

באלד איז ארויפגעקומען א פריסטאוו און געזאגט:

— איר זענט ארעסטירט. גייט אראפ!

איינער פון אונז, זלמן לאפציע, איז צוגעגאנגען נענטער צו אים און געזאגט:

— הער פריסטאוו, מיר גיבן זיך אונטער, אבער מיט איין תנאי, מען זאל אונז ניט שלאגן.

— גייט אראפ, האט דער פריסטאוו איבערגעחזרט, מען וועט אייך ניט שלאגן.

דער זעלבער זלמן לאַפּציע האָט איצט גענוי דערקלערט דעם פּריסטאַוו, וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אים. ער האָט געזאָגט צו אים: — ווען איר זאָגט, אַז מען וועט אונז ניט שלאָגן, זענט איר אַליין אין דעם ניט זיכער. מיר ווילן אָבער איר זאָלט גאַראַנטירן, אַז מען וועט אונז ניט שלאָגן. איר קענט אַזאַ גאַראַנטיע געבן, אויב איר זאָלט וועלן. אין דער קאָמפּאַניע, וואָס ריינגלט אַרום די שוהל, זענען מיר ניט קיין אָפיצער אָדער אַן אַנדערן העכערן פּאָליציי־באַאַמטן אויסער אײַך. איר זענט דער איינציקער, וואָס קען געבן באַפעלן דער קאָמ־פּאַניע און זי מוז אײַך פאָלגן. דעריבער פאַרלאַנגען מיר איר זאָלט אַראָפּגיין און אָפּגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אונז ניט שלאָגן. אויב איר וועט עס ניט טאָן, וועלן מיר שטעלן אַ ווידערשטאַנד, כאָטש מיר זײַנען ניט באַוואָפנט.

אַ מינוט איז ער געשטאַנען, ווי ער וואָלט זיך מישב געווען ווי אַזוי צו האַנדלען. נאָכדעם האָט ער געזאָגט: — גוט, איך וועל עס טאָן. און ער איז אַראָפּגעגאַנגען. מיר האָבן געזען דורך די פענצטער, ווי ער רעדט מיט די סאָלדאַטן און קאָזאַקן. באַלד איז ער אַרויפגעקו־מען און געזאָגט: — איך גאַראַנטיר, אַז מען וועט אײַך ניט שלאָגן. גייט אַראָפּ. און מיר זײַנען אַראָפּגעגאַנגען. מען האָט אונז אַרומגע־רינגלט מיט אַ דרײַפאַכער קייט. האַרט לעבן אונז האָבן זיך אויסגע־שטעלט פּאָליציאַנטן, הינטער זיי סאָלדאַטן מיט ביקסן אויף די פּליי־צעס. געשלאָסן די קייט האָבן קאָזאַקן, רײַטנדיק אויף זייערע פערד. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט דער פּריסטאַוו געגעבן די קאָ־מאַנדע: — מאַרש! און מיר האָבן אַוועקגעמאַרשירט.

ביידע צדדים זײַנען געווען צופרידן: מיר — ווײַל מיר האָבן פאַרשפּאָרט צו כאַפּן קלעפּ און צעבלוטיקט ווערן, און דער פּריסטאַוו — ווײַל לויט זיין אָפּשאַצונג האָט ער געכאַפּט גאָר וואַזשנע העכט. פון דער שוהל ביז צו דער טורמע איז געווען אַ גאַנץ לאַנגער וועג. ווען מיר זײַנען צוגעקומען צו דער טורמע איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. דער פּריסטאַוו איז צוגעגאַנגען צום טויער און האָט אָנגעקלונגען. אַ נאַדזיראַטעל האָט פון אינעווייניק געעפנט די פאָרטקע, דורך וועלכער ניט מער ווי צווי מענטשן מיטאַמאָל האָבן געקענט דורכגיין. איינ־ציקווייז און פאַרוויז זײַנען מיר אַרײַן אין טורמע־הויף. אַ סאָלדאַט פון קאָנוואָי, דערזעענדיק אַז ער פאַרלירט די געלעגנהייט אויסצופּרו־בירן דעם פּריקלאַד פון זיין ביקס אויף אונזערע פּלייצעס און קעפּ, האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן און געלאָזט אין גאַנג זיין פּרי־קלאַד. גראָד האָט ער געטראָפן די מיידלעך, וואָס זײַנען געווען אין אונזער גרופּע. זיי האָבן געמאַכט אַ געשריי, וואָס האָט פאַרהילכט

די גאַנצע געגנט אַרום. די, וואָס זיינען שוין געווען איבעווייניק, האָבן צוגעהאָלפן און גענומען שרייען אויף די העכסטע טענער. דער נאַטשאַלניק איז אַרויסגעלאָפן פון קאַנטאָר און געפרעגט: — וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס פאַר אַ גוואַלטן מאַכט איר דאָ? מיר האָבן אים געענטפערט, אַז די סאָלדאַטן שלאָגן. דאָ וועט אייך קיינער ניט שלאָגן, האָט ער געזאָגט, אָבער אויף יענער זייט טויער בין איך מאַכטלאָז. דאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער פאָרטקע און אַרויסגערוקט דעם קאָפ אינדרויסן. דאָס האָט געווירקט. דער סאָלדאַט האָט זיך באַרואיקט. מער האָט מען שוין קיינעם ניט געשלאָגן.

מ׳האָט אונז אַריינגעפירט אין קאַנטאָר. די פּראָצעדור פון באַזוכן און פאַרשרייבן אַלעמען האָט גענומען עטלעכע שעה. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט מען אונז אַריינגעפירט אין אַ קאַמער און פאַרשלאָסן. ביי איין וואַנט איז געווען אַ נאַרע. קיין שעניקעס זיינען ניט געווען, נאָר נאַקעטע ברעטער. די קאַמער איז געווען ניט געהייצט און ס׳האָט געהערשט אַ ביטערע קעלט. מיר האָבן אונטערגעשפרונגען, כדי צו דערוואַרעמען זיך אַ ביסל. אין די מאַנטלען און שטיוול זיינען מיר נאָכדעם אַרויף אויף דער נאַרע, זיך איינגעקאָרטשעט און אַזוי איבערגעקומען די נאַכט.

אינדערפרי האָט מען אונז איבערגעפירט אין אַן אַנדער קאַמער. דאָ איז שוין געווען וואַרעם. קיין נאַרע איז ניט געווען, ביי איין וואַנט איז בלויז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש און אַ פאָר בענק. דער טאָג איז אַריבער ווי געווינלעך אין אַ טורמע: אינדערפרי קיפּיאַטאָק און אַ פאָרציע שוואַרץ, שלעכט־אויסגעבאַקן ברויט, ביי טאָג אַ זופּ, אין אָוונט ווידער קיפּיאַטאָק און הירשענע קאַשע.

נאָכן אָוונט־עסן זיינען אין קאַמער אַריינגעקומען אַ געהילף־נאַטשאַלניק מיט דריי נאַדזיראַטעלעס אויף פּאָווערקע. אין נאַדזיראַטעל איז גלייך אַוועק קאָנטראָלירן די קראַטעס, די אַנדערע האָבן אונז אויסגעשטעלט אין אַ ריי און איבערגעציילט. נאָכדעם האָט דער געהילף־נאַטשאַלניק געפרעגט: — האָט איר עפּעס צו מעלדן? ווען קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן, האָט ער אונז געזאָגט, אַז די טורמע איז איבערגעפּאַקט, ס׳פעלן אויס שעניקעס, דעריבער וועלן מיר קריגן איין שעניק פאַר צוויי מענטשן. דאָ האָט מיך דער טיוול אַ שלעפּ געטאָן פאַר דער צונג. איך בין אַרויס פון דער ריי און געזאָגט: — נעכטן האָט מען אונז אַריינגעטריבן אין אַ קאַמער, וואָס איז ניט געווען געהייצט. ס׳האָט דאָרט געהערשט אַ ביטערע קעלט. אויף דער נאַרע איז ניט געווען קיין איין שעניק. דאָך האָבן מיר אַליין, רעדנדיק צווישן זיך, אייך פאַרענטפערט. מיר האָבן געזאָגט, מען קען אייך

אין קיין זאַך ניט באַשולדיקן, איר האָט זיך אויף אונז ניט געריכט, במילא האָט איר קיין זאַך ניט געקענט צוגרייטן. אָבער איצט, נאָכדעם ווי איר האָט געהאַט אַ גאַנצן טאָג צוצוגרייטן וואָס מען דאַרף, זאָגט איר אונז, אַז מיר וועלן באַקומען נאָר איין שעניק פאַר צוויי מענטשן. דאָס מיינט דאָך פשוט איזדיעקעווען זיך איבער אונז.

דער געהילף־נאַטשאַלניק האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און געזאָגט צו אַ נאַדזיראַטעל: — נעם אים אין קאַרצער! דער נאַדזיראַטעל האָט אַרויפגעלייגט זיין לאַפּע אויף מיין פלייצע און שוין געווען גרייט צו פירן מיך אין קאַרצער. אָבער דאָ האָט פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס אויסגערעכנטערהייט, גלויב איך, וואָלט עס ניט געקענט פּאַסירן. אַלע חברים האָבן אַרומגערינגלט דעם געהילף־נאַטשאַלניק און געפרעגט: — פאַרוואָס אין קאַרצער? וואָס אַזוינס האָט ער איך געזאָגט? איר האָט דאָך אַליין געפרעגט צי מיר האָבן איך עפּעס צו מעלדן, נו, האָט ער געמאָלדן. אויב איר ווילט באַווייזן אייער מאַכט איבער אונז און באַנוצן זיך מיט קאַרצער, דאַרפט איר אונז אַלעמען נע־מען אין קאַרצער. מיר אַלע זאָגן דאָס זעלבע וואָס ער. אַ מינוט איז דער געהילף־נאַטשאַלניק געשטאַנען און געשוויגן, ווי ער וואָלט גע־טראַכט וואָס מיט אונז צו טאָן. נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צום נאַדזיראַטעל, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן זיין האַנט אויף מיין אַקסל, און געזאָגט: — לאָז אָפּ! זיי זיינען גלייך אַוועק.

דער אויסגאַנג פון דעם אינצידענט איז פאַר אונז געווען אַ רעטעניש. פאַרוואָס האָט ער טאַקע ניט געהייסן אַלעמען פאַרשפּאַרן אין קאַרצער? — האָבן מיר זיך געחידושט. וואָס פאַר אַ זכות־אָבות איז אונז דאָ בייגעשטאַנען? צומאָרגנס, בעת מיר האָבן זיך געטראָפן אין קאָרידאָר מיט אַרעסטירטע פון אַנדערע קאַמערן, האָבן יענע גע־זאָגט, אַז מיט אונז איז פשוט געשען אַ נס. אין טורמע גילטן די געזעצן פון באַלאַגערונגס־צושטאַנד, אונזער אַרויסטרעטונג האָט גע־קענט אָנגענומען ווערן ווי אַ בונט און ס'האָט זיך געקענט ענדיקן זייער טראַגיש. די פראַגע וואָס פאַר אַ זכות־אָבות ס'איז אונז בייגעשטאַנען איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז די פראַגע פאַרענטפערט געוואָרן. דאָס איז געווען, ווען מיר האָבן באַ־קומען דעם אורטייל פון גענעראַל־גובערנאַטאָר. די שטראָף איז געווען זייער אַ מילדע, סך־הכל דריי חדשים טורמע. מיר האָבן זיך געריכט אויף אַ סך אַ האַרבערע שטראָף.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געהאַט רעכט צו פאַרשיקן אין סיביר אויף אַ טערמין פון דריי יאָר. אייניקע, ניט פון אונזער גרופּע, האָבן טאַקע אַזאַ שטראָף באַקומען. גראָד זיינען עס געווען

מענטשן, וואָס זייִנען געווען גאָט די נשמה שולדיק. זיי זייִנען אַרעס־טירט געוואָרן צופעליק און האָבן מיט פּאָליטיק גאָרניט געהאַט צו טאָן. פֿאַרוואָס־זשע האָבן מיר פּאָרט באַקומען אַזאַ מילדע שטראָף? שפּעטער איז די רעטעניש אויפגעקלערט געוואָרן. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז טאַקע זכות־אָבות איז אונז בייגעשטאַנען, אָבער ניט פון די פאַרשטאָרבענע זיידעס אָדער באָבעס, נאָר פון די לעבעדיקע טאַטעס פון עטלעכע מיידלעך אין אונזער גרופּע. זיי, די טאַטעס, זייִנען גראָד געווען גאַנץ רייך און אָנגעזעענע באַלע־באַטים אין שטאָט. זיי האָבן באַקומען אַ צוטריט צום גענעראַל־גובער־נאַטאָר און דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף אונזער אורטייל. איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די זעלבע טאַטעס האָבן זיכער ניט געהאַט קיין שוועריקייטן צו קריגן אַ צוטריט צום נאַטשאַלניק פון טורמע באַלד דעם ערשטן טאָג פון אונזער אַרעסט. די רעטעניש וועגן דעם אויסגאַנג פון אונזער צוזאַמענשטויס מיטן געהילף־נאַטשאַלניק דעם צווייטן אָוונט פון אונזער אַרעסט איז שוין אויך געווען פאַרענטפערט.

בכלל האָט אונזער גרופּע געהאַט מזל. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָבן מיר ווידער געהאַט אַ געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך אין דעם. אין אַ געוויסן טאָג האָט מען געבראַכט אין טורמע אַ פּאַרטיע יונגע בחורים. ס'איז געווען אַ שרעק צו קוקן אויף זיי — מיט פאַרבאַנדאַ־זשירטע קעפּ, אונטערגעהאַקטע אויגן, געשוואָלענע נעז. אייניקע האָבן אונטערגעהונקען, ווייל די פיס זייִנען ביי זיי געווען צעשלאָגן; אַנדערע האָבן געהאַלטן די הענט אויפגעהויבן צום האַרץ. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט זיי אויפגעקליבן פון אַ שלאַכט־פעלד אָדער זיי זייִנען קרבנות פון אַ פּאָגראָם. דאָס זייִנען געווען בערשטער־אַרבעטער פון קרעסלאַווקע. זיי זייִנען געווען קרבנות פון אַ פּאַרטיע דראַגונער, וואָס האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין אַ פאַבריק אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען, אַרויפגעוואָרפן זיך אויף די אַרבעטער און זיי ברוטאַל צע־שלאָגן און צעממיתט. קוקנדיק אויף זיי, האָבן מיר ערשט באַגריפן וואָס פאַר אַ גליקלעכע מענטשן מיר זייִנען. דער מזל האָט אונז צוגע־שפּילט צו האָבן אין אונזער גרופּע אַ פּאָר מיידלעך, וועלכע האָבן גע־האַט שכל אויסצוקלייבן פאַר זיך רייכע טאַטעס און מיר האָבן געהאַט דעם זכות אַרעסטירט צו ווערן צוזאַמען מיט זיי.

אונזער טורמע־לעבן האָבן מיר איינגעאָרדנט מער אָדער ווייניקער צופרידנשטעלנדיק. אָן אָפּקומעניש איז נאָר געווען די עטלעכע שעה שלאָף ביינאַכט. אונז איז אויסגעקומען צו ליגן איינגעפּרעסט איינע אין די אַנדערע ווי הערינג. די פּאַראַשע, אָן אַ צודעק, איז געשטאַנען

אַ גאַנצע נאַכט אין קאַמער און 30 מענטשן האָבן זיך מיט איר באַנוצט. די לופט איז געווען געדיכט. בייטאָג און אין אָוונט האָבן מיר זיך גע־פילט גאַנץ גוט. איינער פון אונזער גרופּע, בענצל אַבידוס, איז געווען אַ יונגער, אינטעליגענטער בחור און האָט געהאַט גאָלדענע הענט. ער איז געווען אַן אמתער סקולפּטאָר. פון ווייך ברויט פלעגט ער אויס־קנעטן פאַרשידענע זאַכן, אפילו בלומען. ער האָט אויסגעקנאָטן פּיעש־קעס פאַר דאַמקעס און אויך פיגורן פאַר שאַך. מ׳האָט געשפּילט שאַך און דאַמקעס. אַנדערע זיינען געשטאַנען זיך צוגעקוקט און געגעבן ניט־געבעטענע עצות. אַ טייל האָט זיך גרופּירט אין קליינע גרופּעס און דיסקוטירט וועגן פאַרשידענע פראַגן אָדער גלאַט געפירט געמיטלעכע שמועסן. אין די אָוונטן פלעגן מיר דורכפירן פאַרשידענע פאַרוויילונגען. אַזוי זיינען אַריבער די דריי חדשים.

אַן אינטערעסאַנטער קוריאָז: אַ טאָג אָדער צוויי פאַר אונזער באַ־פרייאונג איז צו מיר צוגעקומען איינער פון אונזער גרופּע און געפרעגט צו וועלכער גובערניע עס געהערט די שטאָט סלאָנים. — צו גראָדנער גובערניע, האָב איך אים געענטפערט. ווייסט איר אפשר צי עס איז דאָ אין ווילנער גובערניע אַ שטאָט מיט דעם זעלבן נאָמען? האָט ער ווייטער געפרעגט. — איך מיין, אַז ניט, האָב איך אים געענטפערט. אָבער אַנטקעגן וואָס פרעגט איר עס? — אַנטקעגן דעם, וואָס אין מיין פּאַספּאָרט (איך האָב געוואוסט, אַז ער לעבט אויף אַ פאַלשיווקע) איז פאַרשריבן סלאָנים, ווילנער גובערניע. טראַכט איך וואָס וועט זיין, ווען דער שרייבער דאָ אין קאַנטאָר וועט זיך כאַפּן און וועט מיר נעמען שטעלן פראַגן, ווי קען איך זיך אַרויסדרייען? איך האָב געטראַכט און אים געזאָגט: — איך מיין, אַז שטאַרק זאָרגן זיך וועגן דעם דאַרפט איר ניט. אויב ביי אונז האָט זיך געפונען אַן עם־הארץ און האָט גע־שריבן סלאָנים, ווילנער גובערניע, וועט דער שרייבער דאָ אין קאַנטאָר ניט זיין קיין גרעסערער למדן. ער וועט עס איבערלייענען און וועט זיך אויף דעם ניט אָפּשטעלן. אַזוי איז טאַקע געווען. אַלץ איז אַריבער בשורה.

אין טאָג פון דער באַפרייאונג, ווען מיר זיינען אַלע געווען אין קאַנטאָר, איז פאַר אונז אַנטשטאַנען אַ נייע פּראָבלעם. מען האָט אונז געמאָלדן אין נאָמען פון גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז קיין איינער פון אונז, אַפילו די תושבים — ד.ה. די וואָס זיינען צוגעשריבן צו דווינסק, טאָרן ניט בלייבן וואוינען אין דער שטאָט. יעדער איינער קען זיך אויס־קלייבן צו באַזעצן זיך וועלכע שטאָט ער וויל (וואו יידן מעגן וואוינען), אַחוץ די שטעט, וואו ס׳איז איינגעפירט קריגס־צושטאַנד. אין יענער

צייט איז קריגס־צושטאַנד געווען איינגעפירט אין זייער אַ סך שטעט, מער אין די גרעסערע שטעט. וועלכע שטעט עס זיינען פריי פון קריגס־צושטאַנד האָבן מיר ניט געוואוסט. מיר האָבן באַלד געליזט די פּראָבלעם אויף אַ גאָר פשוטן אופן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אַלע דווינסקער זאָלן זיך באַזעצן צייטווייליק אין די קליינע שטעטלעך אַרום דווינסק און דאָס וועט זיי געבן אַ מעגלעכקייט צו זיין אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער היים. ניט זייענדיק קיין דווינסקער און ניט זייענדיק פאַרבונדן מיט קיין היים, האָב איך אויסגעקליבן פאַר זיך וויטעבסק. איך האָב ניט געהאַט בדעה צו בלייבן וואוינען אין וויטעבסק. כ'האָב בלויז געוואָלט אַרויסקריגן מיין פּאַספּאָרט און פאָרן ערגעץ אַרבעטן לויט דער אָנווייזונג פון צענטראַל־קאָמיטעט.

ווען איך האָב זיך געמאָלדן אין דער וויטעבסקער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג, האָט דער פּאָליצמייסטער גלייך געפרעגט ביי מיר: — וואוהין ווילט איר פאָרן? — איך וויל אין ערגעץ ניט פאָרן, האָב איך געענטפערט, איך בלייב דאָ אין וויטעבסק. — ניין, איר קענט דאָ ניט בלייבן, האָט דער פּאָליצמייסטער געזאָגט. — פאַרוואָס? האָב איך געפרעגט. — ווייל, ווי איך פאַרשטיי, האָט מען אייך אַרויסגעשיקט פון דווינסק דערפאַר, וואָס איר פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטיק און פּאָליטיקער האָבן מיר דאָ גענוג, שוין צופיל אָן אייך. אַלזאָ, וואוהין ווילט איר פאָרן? האָט ער ווידער געפרעגט.

פאַר מיר איז איצט געשטאַנען די פראַגע צי זאָל איך באַשטיין אויף מיין רעכט (פאָרמעל האָט דער פּאָליצמייסטער קיין רעכט ניט געהאַט צו פאַרווערן מיר וואוינען אין וויטעבסק) און איינשפּאַרן זיך, אַז איך וויל ניט אַנדערש נאָר בלייבן וואוינען אין וויטעבסק אָדער עס לויט ניט פאַר מיר. איך האָב באַשלאָסן, אַז עס לוינט ניט. סיוויי וועל איך דאָך אין וויטעבסק ניט פאַרבלייבן און דעם פּאַספּאָרט וועל איך שוין ווי עס איז אַרויסקריגן אויף אַן אַנדער אופן. — איך וועל פאָרן אין מיין געבורטס־שטעטל, אין טשאַשניק, האָב איך געזאָגט. ער האָט מיר באַלד אַרויסגעגעבן אַ נייע „פּראָכאָדנאָיע", אַ צייטווייליקן דאָקומענט און איך בין אַוועקגעפאָרן.

אין טשאַשניק האָב איך זיך געמאָלדן צום פּריסטאַוו. שטערונגען צו בלייבן דאָרט וואוינען האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט. איך האָב געבעטן דעם פּריסטאַוו ער זאָל מיר אָפּגעבן מיין פּאַספּאָרט. — אייערע פּאַפּירן זיינען נאָך ניט אָנגעקומען, האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט. און ווען זיי וועלן אָנקומען האָב איך קיין באַגריף ניט. איך וועל אייך געבן צו וויסן ווען זיי וועלן אָנקומען. איך בין אַוועק מיט גאָרניט.

מיט אַ טאָג שפּעטער בין איך אַוועק צום סטאַראָסטע און ער האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ נייעם פּאַספּאָרט. אַזוי אַרום בין איך ווידער געווען אַ לעגאַלער מענטש. איך בין אַוועקגעפאָרן אין ווילנע און דאָ האָב אי־זיך געמאָלדן שוין ניט צו דער פּאָליציי, נאָר צום צ. ק. פון בונד. — פּאָרט אין מאָהילעוו, האָט מיר נח געזאָגט, די דאָרטיקע אָרגאַניזאַציע נויטיקט זיך אין טוער. און איך בין אַוועקגעפאָרן.

16. אין מאָהילעוו און אַרומיקע שטעטלעך

אין מאָהילעוו האָב איך זיך אויפגעהאַלטן צווישן פיר און פינף חדשים. פון דער מאָהילעווער אָרגאַניזאַציע איז ביי מיר אין זכרון כמעט גאָרניט פאַרבליבן. איך געדענק ניט קיין איין נאָמען, אפילו ניט פון די, מיט וועמען איך פלעג זיך טרעפן טאָג־טעגלעך. איך וועל דעריבער געבן בלויז אַ קורצן איבערבליק וועגן דער אָרגאַניזאַציע און מיין אָנטייל אין איר טעטיקייט.

די רוטינע טעגלעכע אַרבעט איז באַשטאַנען אין פאַרזאַמלונגען פון קרייזלעך, סכאָדקעס, פון צייט צו צייט קליינע פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער אין דעם אָדער יענעם פאַך. קיין איין גרויסע פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע איז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין דאָרט געווען, ניט פאָרגעקומען. יעדן שבת פלעגן פאָרקומען די זיצונגען פון דער אַגיטאַטאָרסקע. די פּראָפּאַגאַנדיסטקע פלעגט זיך אויך פאַרזאַמלען יעדן שבת. די אַגיטאַטאָרסקע איז באַשטאַנען פון די מאַסן־רעדנער און פּראַקטישע טוער, זי האָט פאַקטיש אָנגעפירט מיט דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. צו דער פּראָפּאַגאַנדיסטקע האָבן געהערט אינטעליגענטן און אַזוי־גערופענע האַלב־אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געפירט קרייזלעך, וואו מ׳האָט זיך פאַרנומען מיט סאָציאַליסטישער בילדונג־אַרבעט און באַהאַנדלט טעאָרעטישע פראַגן.

פון די מיטגלידער פון דער אַגיטאַטאָרסקע זיינען פאַרבליבן אין זכרון צוויי פּערזאָן, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. ער — אַ גימנאַזיסט, זי — אַ גימנאַזיסטקע. אין שייכות מיט דעם גימנאַזיסט וועל איך דאָ דערציילן אַ קוריאָז: איך האָב געוואוינט אין אַ צימער מיט אַ חבר, וואָס האָט געהערט צום קאָמיטעט. אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז די קאַסע פון קאָמיטעט איז פּוסט. מיר האָבן גענומען בודק זיין אונזערע קעשענעס, אפשר האָט זיך פאַרוואַלגערט עפּעס קליינגעלט. נאָך אַ גרינטלעכער רעוויזיע האָבן מיר אַרויסגעסקראַבעט עטלעכע קאָפּיקעס. וועגן גיין עסן אין אַ רעסטאָראַן האָט קיין רייד ניט געקענט זיין, אונזער פאַרמעגן האָט ניט געסטאַיעט אויף דעם. אויסער די עטלעכע קאָפּיקעס האָבן מיר נאָך פאַרמאָגט עטלעכע שטיקלעך צוקער און אַ ביסל טיי. האָבן מיר באַשלאָסן צו קויפן ברויט און מאַכן

טיי, וועלן מיר האָבן אַ סעודה פון טיי מיט ברויט. ווען מיר האָבן גע־האַלטן אין מיטן עסן, איז אַריינגעקומען דער דערמאָנטער גימנאַזיסט. דערזעענדיק ווי מיר פּראַווען די סעודה, האָט ער אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן. אַ מאָמענט איז ער געשטאַנען שווייגנדיק, נאָכדעם האָט ער געפרעגט: — וואָס איז עס ביי אייך, פרישטיק אָדער מיטאָג? (לויט דער צייט איז עס געווען צו שפּעט פאַר פרישטיק און צו פרי פאַר מיטאָג). — ביידע צוזאַמען, האָבן מיר געענטפערט. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרוואונדערט, ווי ער וואָלט ניט געגלויבט, אַז דאָס וואָס ער זעט איזווירקלעכקייט. — וואָס שטייט איר, האָב איך זיך געווענדעט צו אים, זיצט! מיר וועלן באַלד פאַרענדיקן עסן ווען מיר קענען אַ ביסל שמועסן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט: — מיין גרעס־טער פאַרלאַנג איצט איז, אַז מיין פאָטער זאָל אַהער אַריינקומען. — אויף וואָס דאַרפט איר דאָ אייער פאָטער? האָב איך געפרעגט. — איך וואָלט וועלן ער זאָל זען דאָס וואָס איך זע, האָט ער געענטפערט. — איך פאַרשטיי ניט וואָס איר מיינט, רעדט דייטלעכער. ער האָט דער־קלערט וואָס ער מיינט: — מיין פאָטער מוסרט מיך אָפּט, פאַרוואָס איך פאַרדריי זיך דעם קאָפּ מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס איז פאַר דיר ניט קיין תכלית, טענהט ער. ווען איך זאָג אים, אַז מיין אָנטייל אין דער באַוועגונג איז אַ נישטיקע, אַז איך פאַרנאַכלעסיק ניט מיינע לימודים און צעשטער ניט מיין קאַריערע בעת אין דער זעלבער צייט זיינען דאָ מענטשן, וואָס גיבן זיך איינגאַנצן אָפּ דער באַ־וועגונג און פטרן זייערע קאַריערעס צוליב דער באַוועגונג — זאָגט ער, אַז יענע מענטשן זיינען פוילע, זיי ווילן גאָרניט טאָן. זיי ווילן בלויז לעבן אַ גוטן טאָג אויפן קהלשן חשבון, דעריבער וואָלט ווען איך וועלן ער זאָל דאָ איצט קומען און זען וואָס פאַר אַ גוטן טאָג עס לעבן אויפן קהלשן חשבון די מענטשן, וועלכע גיבן זיך איינגאַנצן אָפּ דער באַוועגונג.

אונזער גאַנצע אָרגאַניזאַציע־אַרבעט האָבן מיר דעמאָלט אין מאָ־הילעוו געפירט אין געהיים, שטרענג קאָנספּיראַטיוו ווי פאַר דער רע־וואָלוציע, ווי עס וואָלט גאָר קיין רעוואָלוציע אין רוסלאַנד ניט פאָר־געקומען. יענעם זומער האָט דער בונד זיך געגרייט צום 7טן צוזאַמענ־פאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויגוסט 1906. אויך מיר אין מאָ־הילעוו האָבן זיך געגרייט. אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער אַגיטאַטאָר־סקע און פון דער פּראָפּאַגאַנדיסטקע פלעגן מיר דיסקוטירן די פראַגן פון טאָג־אָרדנונג. אַלס דעלעגאַט פון מאָהילעוו איז אויסגעקליבן געוואָרן דער חבר, וואָס האָט געוואוינט מיט מיר צוזאַמען אויף איין דירה. איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון מאָהילעווער ראַיאָן.

דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין לעמבערג. דאָס מאָל איז מיר ניט אויסגעקומען צו שוואַרצן די גרענעץ. איך האָב געהאַט אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט אָדער, ווי מען האָט דאָס גערופֿן, אַ גובערנאַטאָרסקער פּאַס. אמת, דער פּאַספּאָרט איז ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע, נאָר פֿון דער קאַנצעלאַריע פֿון צ. ק. פֿון בונד, אָבער ער איז געווען גוט צו פֿאָרן מיט אים איבער אַלע גרענעצן. דער פּאַס־פֿאָרטן־שרייבער ביים צ. ק. פֿון בונד האָט אים אויסגעפּילט. דעם גובערנאַטאָרס אונטערשריפֿט האָט נאָכגעמאַכט אַ חבר, וואָס האָט גע־אַרבעט אין דער בונדישער פֿאָלקס־צייטונג (זיין נאָמען איז געווען זלאַטקין). ער איז געווען אַ מייסטער נאָכצומאַכן פֿרעמדע האַנטשריפֿטן.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט אויף מיר געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק — סיי מיט דער גרויסער צאָל דעלעגאַטן (74), סיי מיט זייער אינטע־ליגענץ. ס'איז ביי מיר געבליבן דער איינדרוק, אַז דער 7טער צוזאַמענ־פֿאָר איז געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן ניוואָ. צווישן די דעלעגאַטן זיינען געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל גלענצנדע רעדנער, שרייבער און טעאָרעטיקער. אגב האָב איך אויף דעם צוזאַמענפֿאָר דעם ערשטן און איינציקן מאָל געהערט רעדן גראָסערן און דער איינדרוק איז ביי מיר געווען און פֿאַרבליבן, אַז ניט בלויז רעדט ער שיין, נאָר ער פֿאַרמאָגט אויך אַן אייזערנע לאָגיק און איבערצייגונגס־קראַפֿט. אַחוץ די רעגולערע דעלעגאַטן (מיט באַשטימונגס־רעכט) געדענק איך צוויי געסט, דעלע־גאַטן מיט באַראַטונגס־רעכט, וואָס האָבן פֿאַרטראַטן די רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי. איינער איז געווען לעאָן גאָלדמאַן, ליבערס ברודער און דער צווייטער איז געווען מאַרטינאָוו. דער בונד האָט אין יענער צייט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט. לויט די באַריכטן פֿון די דעלעגאַטן, האָט דער בונד דעמאָלט געהאַט דרייסיק טויזנט מיטגלידער. זיין השפּעה אויף דער יידישער גאַס איז געווען זייער גרויס, אַזוי אויך זיין קאַמף־קראַפֿט.

במשך פֿון דעם צוזאַמענפֿאָר האָב איך נאָכגעטראַכט וועגן דער אַרבעט אין מאָהילעוו און איך האָב באַשלאָסן, אַז איך וועל מער דאָרט ניט אַרבעטן. וואָס עס זיינען געווען מיינע מאָטיוון, געדענק איך ניט. איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט נחן און געבעטן, אַז דער צ. ק. זאָל מיך שיקן ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז נאָכ־דעם ווי איך וועל אָפּגעבן דעם באַריכט אין די שטעטלעך פֿון מאָהי־לעווער ראַיאָן, פֿון וואַנען איך בין געווען אַ דעלעגאַט, זאָל איך קומען קיין ווילנע און דעמאָלט וועט מען זען וואוהין איך זאָל פֿאָרן.

ווען דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך פֿאַרענדיקט, בין איך אַוועקגע־פֿאָרן צוריק קיין מאָהילעוו, כדי פֿון דאָרט צו פֿאָרן אין די פֿאַרשידענע

שטעטלעך פון ראַיאָן און אָפּגעבן אַ באַריכט פון צוזאַמענפאָר. דאָס ערשטע שטעטל, וואו כ'האָב געדאַרפט פאָרן איז געווען ליאַדי. קיין אַדרעס האָט די אָרגאַניזאַציע ניט געהאַט, אָבער די חברים האָבן מיר געזאָגט, אַז ס'איז ניט נויטיק קיין אַדרעס, ווייל דאָרט איז דאָ אַ חבר (דעם נאָמען געדענק איך ניט, וועל איך אים דאָ אָנרופן שמערל), וועמען אַלע קענען. וועט איר אַרויפגיין אויף דער בירזשע און בעטן מען זאָל אייך צונויפפירן מיט שמערלען און ער וועט שוין אַלץ אָרגאַ־ניזירן. איך בין געקומען אין ליאַדי און פאַרפאָרן אין אַן אכסניה. ביז פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער קומען אויף דער בירזשע, איז נאָך געווען עטלעכע שעה. בין איך אַרויס אין גאַס אָנקוקן דאָס שטעטל. איך בין געגאַנגען פון גאַס צו גאַס און דער איינדרוק איז געווען ניט קיין גינסטיקער. די אָרימקייט האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן. קליינע אַלטע הייזער, אַ סך מיט איינגעהויקערטע ווענט. אייניקע טיף געזונקען, אַז די פענצטער זיינען געווען באַלד ביי דער ערד. שענערע און גרעסערע הייזער, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט פאַר רייכע אָדער אפילו בלויז פאַרמעגלעכע מענטשן, האָב איך געטראָפן זייער וויניק.

פאַרנאַכט בין איך אַרויף אויף דער בירזשע. איך בין צוגעגאַנגען צו אַ בחור און געבעטן ער זאָל מיך צוזאַמענפירן מיט שמערלען. — שמערל איז היינט פאַרנומען, האָט ער געזאָגט. די „פּריוווילִיקע פייער־לעשער" האָבן היינט אַ יום־טוב און ער איז דאָרט פון די הויפּט־מחותּנים. — איך קום פון מאָהילעוו און איך דאַרף אים נויטיק האָבן, האָב איך געזאָגט. דאָס האָט געווירקט. — קומט מיט מיר, האָט דער בחור געזאָגט. ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ צוויי־שטאָקיקע געביידע. אונטן זיינען געשטאַנען מכשירים פאַר פייערלעשער און פון אויבערשטן שטאָק האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער טומל. — וואַרט דאָ צו, איך וועל אים אַרויסרופן, האָט דער בחור געזאָגט. ער איז אַריין אינעווייניק און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער צוגעפירט צו מיר שמערלען. איך האָב אים געזאָגט צוליב וואָס איך בין געקומען. — קומט, מיר וועלן ערגעץ אַריינגיין, האָט שמערל צו מיר געזאָגט. מיר זיינען אַוועק אין אַ צוויי־טער גאַס. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן צוויי שיינע גרויסע הייזער, וואָס זיינען געווען באַהאָפטן מיט אַ טויער — זיי האָבן געהאַט אַ געמיינזאַמען הויף. — וואַרט דאָ צו, איך וועל באַלד אַרויסקומען, האָט ער געזאָגט און איז אַוועק אין הויף. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַרויסגעקומען און געזאָגט: — קומט אַריין! מיר זיינען אַריין אין אַ גרויסן לאַנגן הויף. פון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען פאַרשידענע גע־ביידעס. מיר זיינען אַריין אין אַ קליין באַזונדער שטיבל. אין קאָרידאָר האָב איך אויסגעטאָן דעם מאַנטל און דאָס היטל און בין אַריין אין

צווייטן צימער. דאָרט זיינען ביי אַ טיש געזעסן עטלעכע יונגע בחורים און מיידלעך און אויפן טיש איז געשטאַנען טיי און צובייסן. שמערל האָט מיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט, מ'האָט געמאַכט פאַר מיר אַ פּלאַץ, דערלאַנגט אַ גלאָז טיי, צוגערוקט דאָס צובייסעכץ און ביסלעכווייז האָט זיך פאַרפירט אַ שמועס. זיי האָבן געבעטן איך זאָל זיי דערציילן נייעס פון דער באַוועגונג, פון די גרויסע שטעט. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ווי עס גייט די באַוועגונג אין ליאַדי. און אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט. נאָכדעם האָט זיך איינע פון די מיידלעך אָפּגערופן:
— ווייסט איר וואָס, קומט צו מיר! און זי האָט זיך די ערשטע אויפגעהויבן און אַרויסגעגאַנגען. די איבעריקע זיינען אייניציקווייז אַוועק נאָך איר.

ווען מיר זיינען שוין געווען אין גאַס, האָט שמערל געפרעגט ביי מיר: — ווייסט איר ביי וועמען אין הויז איר זענט איצט געווען? — ניין, איך ווייס ניט. — איר זענט געווען ביי דעם ליאַדער רבין אין הויז. אחוץ דער, צו וועמען מיר גייען איצט, זיינען די מיידלעך דעם רבינס אייניקלעך. ווען דער רבי און רביצין האָבן מיט אַ צייט צוריק דערזען, אַז די מיידלעך חברן זיך מיט יינגלעך און מיידלעך, פּשוטע באַלמעלאָכעס, און יענע קומען אַריין צו זיי אין הויז, האָבן זיי עס, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט ליידן. זיין צו שטרענג און פאַרווערן דאָס האָבן זיי אויך ניט געוואָלט (זיי האָבן געהאַט אַ סיבה דערפאַר), האָבן זיי אָפּגעגעבן פאַר די מיידלעך אַ באַזונדער שטיבל, טאַקע דאָרט, וואו מיר זיינען איצט געווען. דאָרט קומען זיך צונויף חברים און חברטעס, מען פאַרברענגט, מען לייענט, מען דיסקוטירט און קיינער שטערט זיי ניט.

— דאָס מיידל, צו וועלכער מיר גייען איצט, האָט ער ווייטער מיר אויפגעקלערט, געהערט צו דעם רבינס משפחה, אָבער ניט פון די נאָנטע. זי איז אַ דענטיסטקע, זי האָט אַ קאַבינעט און אַהין גייען מיר איצט. ביי דער דענטיסטקע אין קאַבינעט האָבן מיר זיך גאַנץ פיין איינגעאָרדנט. ווידער געשמועסט און באַשטימט די צייט און דאָס אָרט פון דער פאַרזאַמלונג. בעת מיר זיינען געזעסן ביי דער דענטיסטקע, האָט איינע פון די מיידלעך ביי מיר אַ פרעג געטאָן: — אפשר קענט איר מיין שוועסטער? — ווער איז אייער שוועסטער? האָב איך צוריק געפרעגט. — מיין שוועסטער איז סטערקע, האָט זי געענטפערט. פּער־זענלעך קען איך זי ניט, אָבער כ'האָב געהערט פון איר, האָב איך געזאָגט.

ביי דער געלעגנהייט וועט זיין אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען אין קורצן דעם סטערקע־עפּיזאָד, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט עטלעכע יאָר

פריער. סטערקע איז דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ יונג מיידל, לויט מיין השגה ניט מער ווי אַ 16־17 יאָר. זי איז געווען זייער אַ גראָטן מיידל. האָט געהאַט גלענצנדיקע פעאיקייטן, געווען באַלעזן און אינטע־ליגענט. וואָס־זשע טוט מען מיט אַ גראָטן מיידל אין דעם עלטער, וואָס איז נאָך אַ רבינס אַן אייניקל דערצו? די בעסטע זאַך, פאַרשטייט זיך, איז חתונה מאַכן. און שדכנים האָבן אָנגעהויבן אָפּשלאָגן די טירן. סטערקע האָט זיך געפּרואווט אַנטקעגנשטעלן, ס׳האָט אָבער ניט גע־האָלפן. ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז זי זאָל אין גיכן פאַרקנסט ווערן. האָט סטערקע אָפּגעטאָן אַ שפּיצל דעם זיידן און דער באָבען. אין איינעם אַ שבת בייטאָג, ווען דער זיידע און די באָבע זיינען אַוועק כאַפּן דעם אמתן עונג־שבתדיקן דרעמל, האָט זיך סטערקע אויסגעפּוצט און איז כלומרשט אַוועק שפּאַצירן. ביים עק שטאָט האָט שוין אָבער געוואַרט אויף איר אַ פור. סטערקע האָט זיך אַריינגעזעצט און ואיננו, פאַר־שוואונדן סטערקע! וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביים רבין אין הויז, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז סטערקע איז אַנטלאָפן, קען מען זיך פאַרשטעלן. אָבער פאַרפאַלן, סטערקע איז ווי אין וואַסער אַריין. די דאָזיקע געשעעניש האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ גוואַלטיקן רושם אין די חסידישע און אויך אין די ניט־חסידישע קרייזן און מ׳האָט אַ לאַנגע צייט גערעדט וועגן דעם.

איך האָב שוין וועגן דער געשיכטע געהאַט לאַנג פאַרגעסן, אָבער ווען די שוועסטער האָט מיך איצט געפרעגט צי קען איך סטערקען, האָט זיך אין מיין זכרון אָפּגעפרישט די גאַנצע געשעעניש. — וואו איז איצט סטערקע און וואָס איז מיט איר געוואָרן? האָב איך געפרעגט ביי דער שוועסטער. זי האָט מיר דערציילט, אַז אַ קורצע צייט נאָך איר פאַר־שווינדן האָט מען אויסגעפונען וואו זי געפינט זיך. דער זיידע מיט דער באָבען האָבן מיט איר שלום געמאַכט און האָבן איר דערלויבט צו שטודירן אין אויסלאַנד. אַ געוויסע צייט האָט זי שטודירט, נאָכדעם האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ געוויסן וויסנשאַפטלער און זיי וואוינען אין אויסלאַנד.

צומאָרגנס אין אָוונט איז פאַרגעקומען ערגעץ אין אַ סאָד אַ פאַר־זאַמלונג, וואו איך האָב אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון צוזאַמענפאָר. אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען אַן ערך 50 חברים און חברטעס.

דאָס צווייטע שטעטל וואוהין איך בין געפאָרן אָפּגעבן אַ באַריכט פון צוזאַמענפאָר, איז געווען דובראָוונע. איך האָב געהאַט אַ פאַר־שטעלונג וועגן דעם שטעטל, וואָס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון נאָך פון די ישיבה־יאָרן. מיט מיר צוזאַמען האָט דעמאָלט געלערנט אַ דובראָוונער בחור — יהושע בערקענבליט איז געווען זיין נאָמען. ער

האָט מיר דערציילט ווי אַזוי יידן אין דובראָוונע לעבן און פון וואָס זיי ציען זייער חיונה. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דובראָוונער יידן, האָט ער דערציילט, זיינען וועבער, זיי וועבן טליתים. יעדער האָט גע־האַט אין זיין שטוב אַ האַנט־וועב־שטול, אויף וועלכער ער האָט גע־אַרבעט. דעם רוי־מאַטעריאַל האָט ער באַקומען פון נגיד (אַזוי האָט מען גערופן אין שטעטל דעם, וואָס האָט באַשעפטיקט די וועבער). אַזעלכע נגידים זיינען געווען אין שטעטל עטלעכע. יעדע וואָך האָט דער וועבער אָפּגעבערענגט דעם נגיד די פאַרטיקע טליתים. דער וועבער האָט באַ־קומען באַצאָלט פון שטיק, פאַר יעדן אויסגעאַרבעטן טלית. אויב אין שטוב זיינען געווען קינדער, וואָס האָבן געקענט אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט און דאָס ווייב האָט אויך געקענט העלפן, איז אין שטוב געווען מער ברויט, ווען ניט איז געווען זייער ביטער. דער דובראָוונער בחור האָט פאַר מיר געשילדערט ווי אַזוי זיין אייגענע משפחה האָט געלעבט און דאָס האָט געקענט זיין אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע וועבער־משפחות. אַ גאַנצע וואָך פון שבת ביז שבת איז די הויפּט־שפּייז געווען ברויט אין בולבעס. צום הויפּט־מאָלצייט בייטאָג האָט די מאַמע אָפּגע־קאָכט אַ טאָפּ בולבעס און מען האָט געגעסן מיט ברויט. עס פלעגט טרעפן, אַז דער טאַטע האָט געזאָגט צו דער מאַמען: — גיטל, מיר ווילט זיך היינט עפּעס אַ נאַשעריי, כאַפּ זיך אַריין אין קרעמל און קויף פאַר אַ גראָשן הערינג־ראָסל. אויף דעם פלעגט די מאַמע ענטפערן: — דו האָסט אַ טריפעניעם האַלז, אַ נאַשעריי האָט זיך אים פאַרוואָלט! דאָך פלעגט זי אַוועק אין קרעמל און ברענגען אַ ביסל הערינג־ראָסל. דעמאָלט פלעגן אַלע טונקען די הייסע בולבע אין הערינג־ראָסל און ס'איז געווען אַ סעודה כיד המלך.

מיט דעם דאָזיקן בילד אין געדאַנק בין איך אַריינגעפאָרן אין דובראָוונע. איך האָב געהאַט אַן אַדרעס צו אַ שלאָסער. ס'איז מיר ניט שווער אָנגעקומען צו געפינען די וואוינונג פון דעם שלאָסער. אין שטוב האָב איך געטראָפן אַ מיטל־יאָריקע פרוי, ציכטיק אָנגעטאָן. איך האָב געפרעגט צי דאָ וואוינט דער און דער. — יאָ, האָט די פרוי געענטפערט, דאָס איז מיין זון. ער איז איצט ביי דער אַרבעט, אָבער ער דאַרף באַלד קומען עסן מיטאָג. אויב איר ווילט, קענט איר דאָ צוואַרטן, און זי האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ צווייטן צימער. איך בין אַריין אין צווייטן צימער, וואָס איז געווען אָרים אויסמעבלירט אָבער זויבער ביז גאָר. ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן פאַרן אויג. באַלד איז געקומען דער שלאָסער. ער האָט מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם. איך האָב אים געזאָגט צוליב וואָס איך בין געקומען. — גוט, מיר וועלן עס אָרגאַ־ניזירן, האָט ער געזאָגט. דערווייל קומט עסן מיטאָג מיט אונז. איך

האָב די איינלאַדונג גערן אָנגענומען. נאָכן עסן האָט דער שלאָסער צו מיר געזאָגט: — אויב איר פילט זיך פאַרמאַטערט פון וועג, קענט איר דאָ פאַרבלייבן. לייגט זיך צו און רוט זיך אויס; אויב ניט, קומט מיט מיר אין פאַבריק. — איך בין ניט פאַרמאַטערט, כ'וועל גיין מיט אייך, האָב איך געזאָגט, און מיר זיינען אַוועק. אויפן וועג האָט ער מיר געגעבן אייניקע קורצע ידיעות וועגן דער פאַבריק. — אויף דער פאַבריק וועבט מען טליתים, האָט ער געזאָגט, אָבער שוין ניט אויף האַנט־שטולן, נאָר אויף מאָדערנע דאַמף־מאַשינען. קיין האַנט־וועבער זיינען שוין אין דובראָוונע מער ניטאָ. אַלע האַנט־וועבער זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דער פאַבריק. ער אַליין אַרבעט אין דער פאַבריק אַלס שלאָסער. זיין אויפגאַבע איז אויפצופאַסן אויף די מאַשינען, זיי זאָלן זיין אין אָרדנונג און פאַריכטן, ווען עס פאַדערט זיך.

די פאַבריק איז געשטאַנען ביים עק שטאָט אויף אַן אומגעהויער גרויס פעלד. אַ גרויסער שטח איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ פאַרקאַן. דער שלאָסער האָט געעפנט די פאָרטקע פון פאַרמאַכטן טויער און מיר זיינען אַריין אינעווייניק. טיף אין הויף איז געשטאַנען אַ געמויערטע זעקס־שטאָקיקע געביידע און פון אינעווייניק האָט זיך געטראָגן דער רויש פון מאַשינען. דער שלאָסער איז צוגעגאַנגען צו אַ מענטש, וואָס איז געשטאַנען ביים טויער און געבעטן ער זאָל מיך אַרומפירן איבער דער פאַבריק און ווייזן אַלץ. מיר זיינען געגאַנגען פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג, פון שטאָק צו שטאָק און דער מענטש האָט מיר אַלץ דערקלערט. איך האָב געזען פאַר זיך גרויסע מאָדערנע דאַמף־מאַשינען, ביי וועלכע עס זיצן יידן און אַרבעטן, מען וועבט טליתים. פאַרטיק געוואָרן מיט דער פאַבריק, זיינען מיר אַראָפּ אונטן און דער מאַן האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ קליינער איין־שטאָקיקער געביידע, וואָס איז געשטאַנען בשכנות. אינעווייניק זיינען געווען צעשטעלט טישן און בענק. — דאָס איז די סטאָלאָווקע, האָט דער מאַן געזאָגט. די אַרבעטער, וואָס ווילן ניט גיין אַהיים עסן, ברענגען זייער מיטאָג מיט זיך און דאָ עסן זיי. דאָ ווערן אויך אָפּגעהאַלטן קליינע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ס'ווערן באַהאַנדלט פאַרשידענע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אַרבעט אין פאַבריק און טאָקע דאָ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויך מיין פאַרזאַמלונג, וואו איך האָב אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון בונדישן צוזאַמענפאָר.

אַזוי איז אַוועק דער האַלבער טאָג ביז די פאַבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיט דעם שלאָסער בין איך אַוועק צו אים אַהיים. פאַר די פאָר טעג וואָס איך בין געווען אין דובראָוונע, האָב איך אָנגעזאַמלט פיל פאַקטן וועגן דער אַנטשטייאונג און פונקציאָנירונג פון דער פאַבריק.

ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען אייניקע פון זיי, וועלכע איך געדענק נאָך. אויפגעבויט און אויסגעשטאַט די פאַבריק האָט די געזעלשאַפט ייק"אַ, וואָס האָט געהאַט אין איר באַזיץ אַ טייל פון די מיליאָנען וואָס דער יידישער מולטי־מיליאָנער באַראָן הירש האָט איבערגעלאָזט בירושה פאַר די נויטן פון דעם יידישן פאָלק. די זעלבע געזעלשאַפט האָט אויך פאַרוואַלטעט מיט דער פאַבריק. די ערשטע צייט זיינען פאָרגעקומען גרויסע שטרייטיקייטן צווישן די אַרבעטער און דער פאַר־וואַלטונג. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין דער גרויסער פאַבריק איז געווען אַ סך אָנגענעמער צו אַרבעטן, ווי פריער אויף די האַנט־שטולן אין די ענגע כאַלופּעס, זיינען אָבער די פאַרדינסטן געווען קלאָגעדיקע. די אַרבעטער זיינען געבליבן די זעלבע אָרימעלייט ווי פריער און האָבן געליטן דחקות און נויט. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט אַ העכערונג פון זייערע לוינען, אָבער די פאַרוואַלטונג האָט זיך אָפּגעזאָגט נאָכצוגעבן. די טענה פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען, אַז דאָס איז ניט קיין פּריוואַטע אונטערנעמונג, אַז ס'איז ניטאָ קיין באַלעבאָס, וואָס עקספּלואַטירט די אַרבעטער און נעמט צו די פּראָפיטן פאַר זיך. די פאַרוואַלטונג האָט אויך אַרגומענטירט מיט דעם, אַז אויפצובויען און אויסצושטאַטן די פאַבריק האָט אָפּגעקאָסט אַ קאָלאָסאַלע סומע געלט און דעריבער קען די פאַרוואַלטונג זיך ניט דערלויבן צו העכערן די שכירות. די אַרבעטער האָבן זיך אָבער ניט געקענט צופרידנשטעלן מיט די טענות, זיי זיינען באַשטאַנען אויף זייערע פאָדערונגען. אויף דעם באָדן זיינען פאָרגע־קומען גרויסע שטרייטיקייטן. אונטערן שטאַרקן דרוק פון די אַרבעטער האָט די פאַרוואַלטונג געמוזט העכערן די לוינען איין מאָל און אַ צווייט מאָל. ווען איך בין געקומען אין דובראָוונע, זיינען די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער, לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן, שוין געווען אָנשטענדיקע. די צייט, ווען פאַר אַ גראָשן הערינג־ראָסל איז געווען אַ נאַשעריי, איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. ס'דאַרף דערביי אויך דערמאָנט ווערן, אַז די פאַרוואַלטונג האָט קיינמאָל ניט דערלאָזט די פּאָליציי זאָל זיך אַריינמישן אין אירע סכסוכים מיט די אַרבעטער. ווען איך האָב באַזוכט דובראָוונע, האָט שוין פון לאַנג עקזיסטירט אַן אָפּמאַך פון דער פאַר־וואַלטונג מיט דער פּאָליציי, אַז די פּאָליציי זאָל ניט אַריינקומען אין הויף פון דער פאַבריק. בכלל האָט מיר דובראָוונע פאַרשאַפט אַ סך נחת און איך האָב פאַרלאָזט די שטאָט אַ זייער צופרידענער.

איך האָב באַזוכט נאָך אייניקע שטעטלעך פון מאָהילעווער ראַיאָן, וואו איך האָב אָפּגעגעבן באַריכטן פון בונדישן צוזאַמענפאָר, אָבער פון יענע שטעטלעך געדענק איך גאָרניט.

17. צוריק טעטיק אין גאַרבער־בונד

נאָכדעם ווי איך בין פאַרטיק געוואָרן, בין איך געקומען קיין ווילנע, אַזוי ווי איך האָב געהאַט אָפּגערעדט מיט נחן אויפן לעמבערגער צוזאַמענפאָר. נאָך מיט עטלעכע חדשים פריער, איידער איך בין אַוועקגעפאָרן אין מאָהילעוו, האָב איך זיך אין ווילנע געטראָפן מיט יודל קרעמער, אַ גאַרבער. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער בחור און אַן אָנגעזעענער מענטש ביי די גאַרבער. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן איך זאָל זיך נעמען באַנייען דעם גאַרבער־בונד. אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט אָפּגעמאַכט מיט נחן, אַז איך פאָר קיין מאָהילעוו, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך קען דאָס ניט טאָן, ווייל איך בין פאַרנומען. ווען איך בין איצט געקומען אין ווילנע, האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט יודל קרעמער און ער האָט מיר ווידער פאָרגעשלאָגן איך זאָל זיך נעמען באַנייען דעם גאַרבער־בונד. דאָס מאָל האָב איך אים שוין ניט אָפּגעזאָגט. איך האָב אים בלויז געענטפערט, אַז איך קען עס אַליין ניט באַשטימען. איך דאַרף אָנפרעגן ביים צ. ק. און אויב דער צ. ק. וועט גאָרניט האָבן דאַקעגן, וועל איך זיך נעמען צו דער אַרבעט. איך בין אַוועק צו נחן, האָב אים דערציילט וועגן קרעמערס פאָרשלאָג און געפרעגט צי איך זאָל אים אָננעמען. — אויב איר ווילט, האָט ער געזאָגט, איז אדרבא, נעמט זיך צו דער אַרבעט און איך גיב אייך מיין ברכה.

נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען די הסכמה פון נחן, האָב איך זיך נאָך אַ מאָל געטראָפן מיט יודל קרעמער און אים מודיע געווען, אַז איך בין פריי און קען זיך נעמען פאַר דער אַרבעט צו באַנייען דעם גאַרבער־בונד. מיר האָבן באַשלאָסן צונויפצורופן עטלעכע פון די וויכטיקע טוער צווישן די גאַרבער און באַראַטן זיך מיט זיי. פעסטשטעלן צי עס איז נויטיק און צוועקמעסיק צו באַנייען דעם גאַרבער־בונד און וואָס עס דאַרף גלייך געטאָן ווערן, כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן. סוף אויגוסט 1906 איז די באַראַטונג פאָרגעקומען אין ווילנע. אחוץ מיר און יודל קרעמער זיינען אויף דער באַראַטונג אָנוועזנדיק געווען פאָלגנדיקע חברים: אריה דער גראָדנער (בלום), גרשון פעלדמאַן, אַבע לעווי אָסיפּ אָדער יוזשעק פאָלאַנסקי און יאָשקע זאַבלודאָווער (ישראל פּלאַוו־

סקין). אפשר איז געווען נאָך ווער, אָבער איך געדענק ניט. אויף וויפל
איך קען זיך דערמאָנען, האָט די עצם פראַגע, ד״ה צי עס איז נויטיק
און צוועקמעסיק צו באַנייען דעם גאַרבער־בונד, קיין דעבאַטן ניט
אַרויסגערופן. אַלע זיינען געווען איינשטימיק, אַז דאָס איז נויטיק און
דאָס דאַרף געטאָן ווערן. די פראַגע איז געשטאַנען ווי אַזוי מען זאָל
עס טאָן.

אַלע האָבן געהאַלטן, אַז כדי צו באַנייען דעם גאַרבער־בונד דאַרף
מען רופן אַ צוזאַמענפאָר. די פראַגע איז אָבער געווען צי עס איז ראַטזאַם
גלייך אַרויסצושיקן אַ צירקולאַר צו אַלע גאַרבער־פאַראיינען — סיי
לעגאַלע, סיי אומלעגאַלע (אין אייניקע שטעט האָבן שוין דעמאָלט עק־
זיסטירט לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע גאַרבער־פאַראיינען) — אַז זיי זאָלן
שיקן דעלעגאַטן צו אַ צוזאַמענפאָר לויט אַ געוויסן מאָדוס, אָדער ס'איז
גלייכער פריער צוצוגרייטן די מיטגלידערשאַפט, אָנווייזן אויף דער
נויטיקייט פון אַזאַ צוזאַמענפאָר און פון אַ גאַרבער־בונד. אַרום דער
דאָזיקער פראַגע האָבן זיך אַנטוויקלט לעבהאַפטע דעבאַטן. נאָך אַ
גרינטלעכער דיסקוסיע איז מען געקומען צום באַשלוס, אַז רופן גלייך
אַ צוזאַמענפאָר איז ניט ראַטזאַם. מען דאַרף צוגרייטן די מיטגלידער־
שאַפט. די באַראַטונג האָט אויך באַשלאָסן, אַז מיט דער צוגרייטונגס־
אַרבעט זאָלן זיך פאַרנעמען צוויי מענטשן — איך און יאָשקע זאַבלו־
דאָווער. איך געדענק ניט צי די באַראַטונג האָט איינגעטיילט די טערי־
טאָריעס, וואו מיר זאָלן אַרבעטן, אָדער מיר אַליין, ד״ה יאָשקע און איך,
האָבן זיך איינגעטיילט מיט די טעריטאָריעס. יאָשקע איז אַוועקגעפאָרן
קיין דרום־רוסלאַנד. דער עיקר אין זשיטאָמירער גובערניע, וואו עס
האָבן זיך געפונען אַ ריי שטעטלעך מיט לעדער־פאַבריקן און גאַרבער־
אָרגאַניזאַציעס. פאַר מיר איז געבליבן דער צפון־מערב געגנט, וואָס
האָט אַרומגענומען: גראָדנער גובערניע, טיילווייז ווילנער און מינס־
קער גובערניעס, אויך דווינסק און וויטעבסק. מיין טעריטאָריע איז
געווען אַ גאַנץ גרויסע און איך האָב זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה, אַז
יאָשקע זאַבלודאָווער איז אַרעסטירט געוואָרן. דאָס איז פאַר די גאַרבער
געווען אַ גרויסער פאַרלוסט. דער צ. ק. האָט ניט געהאַט צו שיקן אַ
פאַסיקן מענטש, וואָס זאָל פאַרנעמען יאָשקעס פלאַץ. פון די גאַרבער
גופא איז ניט געווען ווער עס זאָל וועלן און קענען פאַרנעמען יאָשקעס
אָרט. איך בין געבליבן אַליין. דעם ראַיאָן פון דרום־רוסלאַנד האָט מען
פאַרלויפיק געמוזט אַרויסלאָזן. איך האָב געאַרבעט אויף מיין טערי־
טאָריע. איך האָב באַזוכט אַלע שטעט און שטעטלעך, אייניקע מער ווי
איין מאָל. אין טייל ערטער האָב איך נאָר געהאַט אַ זיצונג אָדער צוויי

מיט דער פאַרוואַלטונג פון פאַראײן, אין אַנדערע האָבן מיר דורכגע־פירט פאַרזאַמלונגען פון די פאַראײנס־מיטגלידער. אין משך פון בערך פיר חדשים בין איך פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט. די אַלע פאַר־אײנען, וואָס איך האָב באַזוכט, זײַנען איצט געווען פולקום באַוואוסט־זיניק וועגן דער נויטיקײט צו באַנײַען דעם גאַרבער־בונד און זײַנען געווען גרייט צו שיקן זייערע פאַרטרעטער צו אַ צוזאַמענפאָר.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס איך דאַרף איצט טאָן: צי זאָל איך פאָרן קיין דרום־רוסלאַנד און אָנהייבן די זעלבע אַרבעט, וואָס איך האָב דאָ איצט פאַרענדיקט און ערשט דעמאָלט ווען איך וועל דאָרט פאַרטיק ווערן זאָל מען רופן דעם צוזאַמענפאָר, אָדער ס׳איז גלייכער צו רופן דעם צוזאַמענפאָר איצט און די אַרבעט אין יענער געגנט לאָזן אויף שפּעטער, אויף דער צייט נאָכן צוזאַמענפאָר, ווען דער גאַרבער־בונד וועט שוין אָפיציעל אָנהויבן פונקציאָנירן. איך האָב זיך וועגן דעם באַראַטן מיט אַ פּאָר חברים פון צ. ק. און ס׳איז געבליבן, אַז מען זאָל דעם צוזאַמענפאָר רופן גלייך, ווייל ס׳וועט ניט זיין גוט אָפּצולייגן אויף אַ לאַנגע צייט. איך האָב גלייך אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע פאַראײנען זיי זאָלן לויט אַ געוויסן מאָדוס ווילן דעלעגאַטן צום צו־זאַמענפאָר. אין פעברואַר 1907 איז אין קאָוונע אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון באַנײַטן גאַרבער־בונד. ס׳זײַנען אָנ־געקומען געווען 26 פול־באַרעכטיקטע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַר־טראַטן 18 פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַכט טויזנט (8000). אחוץ די 26 פול־באַרעכטיקטע דעלעגאַטן זײַנען געווען דריי געסט־דעלעגאַטן מיט באַראַטונגס־רעכט. צוויי פון בונד — וויטאַלי (איסאַי אייזענשטאַט) און א. ליטוואַק און איינער פון דער רוס־לענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי — באַרטרעט. איך געדענק ניט די נעמען פון אַלע 26 דעלעגאַטן. איך וועל דאָ אויסרעכענען די, וואָס איך געדענק: אריה דער גראָדנער (בלום) אברהמקע ריידי, בענדעט, יודל קרעמער, אַבע לעוו, יוזשעק פּאָלאַנסקי, גרשון פעלדמאַן, ראוועקע דער מאָהילעווער, אַ וואַרשעווער גאַרבער (זיין נאָמען פאַרגעסן), בערל באַגראָוו און אַבראַם דער טאַטע.

נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלייענט דעם באַריכט וועגן מיין אַרבעט, האָט אַ דעלעגאַט מיר געשטעלט אַ האַרבע פראַגע: פאַרוואָס איז אין באַריכט ניט דערמאָנט געוואָרן קיין זאַך וועגן דער אַרבעט אין דרום־רוסלאַנד? ס׳איז מיר ניט שווער געווען צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע. איך האָב אין קורצן דערציילט, אַז דער וואָס האָט געדאַרפט אַרבעטן אין יענעם ראַיאָן, איז באַלד פון אָנהויב אַרעסטירט געוואָרן און פאַר מיר אַליין איז געווען פיזיש אוממעגלעך

צו אַרבעטן איןביידע ראַיאָנען. די פראַגע איז דעריבער געווען פאַרענטפערט, איך קען אָבער דערביי ניט צוגעבן — צו אַלעמענס צופרידנקייט. פאַקטיש איז קיינער ניט געווען צופרידן מיט דער געשאַפענער לאַגע. נאָכדעם ווי דער באַריכט איז גענומען געוואָרן צו קענטעניש, איז דער צוזאַמענפאָר צוגעטרעטן צום באַהאַנדלען די ווייטערדיקע פונקטן פון טאָג־אָרדנונג.

אויף וויפל איך געדענק, איז די טאָג־אָרדנונג געווען אַ גאַנץ לאַנגע. איך וועל בלויז פאַרצייכענען די באַשלוסן און רעזאָלוציעס, וואָס זיינען פאַרבליבן ביי מיר אין זכרון: 1. פריער האָט דער צ. ק. פון בונד געדעקט אַלע הוצאות פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פון גאַרבער־בונד. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די גאַרבער־אָרגאַניזאַציע זאָל אַריבער אויף אייגענע קעסט און דעריבער זאָל יעדער אָרטיקער פאַראיין אַ געוויסן פּראָצענט פון זיין הכנסה צאָלן פאַרן גאַרבער־בונד. 2. דער גאַרבער־בונד זאָל אָנהויבן אַרויסגעבן אַ פּעריאָדישע צייטשריפט, אויב מעגלעך, יעדן חודש. דער נאָמען פון דער צייטשריפט זאָל זיין די גאַרבער־שטימע. 3. די פּראָטאָקאָלן פון צוזאַמענפאָר צוזאַמען מיט מיין באַריכט זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן ווי אַ באַזונדערע בראָשור. צוגרייטן עס צום דרוק, ווערט איבערגעגעבן דעם צענטראַל־ביוראָ, וואָס דער צוזאַמענפאָר וועט אויסקלייבן (שפּעטער האָט דאָס צענטראַל־ביוראָ מיר איבערגעגעבן צו מאַכן די צוגרייטונג און איך האָב עס געמאַכט. כדי צו זיין זיכער, אַז דאָס איז שוין ראוי צו גיין אין דרוק, האָב איך עס פאָרגעלעזן פאַר דעם סעקרעטאַר פון דער פאָלקס־צייטונג בענסקי (ד"ר ב. לעוויגסאָן). נאָכדעם ווי ער האָט געגעבן זיין הסכמה, האָב איך עס איבערגעגעבן דעם צ. ק. פון בונד ער זאָל עס אַריינגעבן אין דרוק. אָבער אַזאַ בראָשור איז קיינמאָל פון דרוק ניט אַרויס. פאַרוואָס ווייס איך ניט. 4. וועגן דער פאָרם פון דער אָרגאַניזאַציע איז באַשלאָסן געוואָרן: א) די העכסטע אינסטאַנץ פון גאַרבער־בונד איז דער צוזאַמענפאָר; ב) צווישן איין צוזאַמענפאָר און דעם צווייטן איז די העכסטע אינסטאַנץ דאָס צענטראַל־ביוראָ, וואָס דאַרף אַרבעטן אין הסכם און אין די ראַמען פון די אָנגענומענע צוזאַמענפאָר־באַשלוסן. 5) ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע מיט אַ פאָדערונג, אַז די גאָסודאַרסטווענע דומע (דער רוסישער פאַרלאַמענט) זאָל אויסברייטערן דעם געזעץ וועגן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דער עקזיסטירנדיקער געזעץ האָט דערלויבט אַרבעטער פון אַ געוויסן פאַך צו גרינדן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און פירן די אַרבעט לעגאַל, אָבער די דאָזיקע פאַראיינען האָבן זיך ניט געטאָרט פאַראייניקן מיט ענלעכע פאַראיינען פון אַנדערע שטעט און גרינדן אַ צענטראַלן פאַרבאַנד פון גאַנצן לאַנד אָדער אפילו בלויז

פון אַ באַשטימטן ראַיאָן. די רעזאָלוציע האָט געפאָדערט, אַז דער פּאַר־באַט צו גרינדן צענטראַלע פאַרבאַנדן זאָל אַראָפּגענומען ווערן. די דאָזיקע רעזאָלוציע האָבן מיר אָפּגעשיקט מיט אַ ספּעציעלן שליח, אַ קאָוונער מיידל זלאַטקע, קיין ווילנע צו דער בונדישער פאָלקס־צייטונג. מיר האָבן עס געטאָן, כדי צו פאַרהיטן, אַז די רעזאָלוציע זאָל ניט אַריינ־פאַלן צו דער אָכראַנע איידער זי ווערט אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג. די דאָזיקע רעזאָלוציע איז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געווען געדרוקט אויך אין דער פאַרשפּרייטסטער רוסישער ליבעראַלער צייטונג רעטש.

6. ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צענטראַל־ביוראָ פון פינף פּערזאָן: זיי זיינען געווען: דער וואַרשעווער גאַרבער, רוואָקע דער מאָהילעווער, אברהמקע דער דווינסקער, אַבראַם דער טאַטע. (ווער ס׳איז געווען דער פינפטער געדענק איך ניט). דעם פאָרזיץ אויף אַלע זיצונגען האָט געפירט וויטאַלי (דער פאָרשטייער פון בונד איסאַי איזענשטאַט). בכלל קען איך זאָגן, אַז דער צוזאַמענפאָר איז געווען דערפאָלגרייך און איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער בעסטער אָרדנונג. די דעלעגאַטן זיינען זיך צופאָרן אין אַ זייער געהויבענער שטימונג.

די ערשטע צייט איז די אַרבעט פון גאַרבער־בונד געגאַנגען גאַנץ גלאַטיק און מיט דערפאָלג, פינאַנציעל האָבן מיר זיך געפונען אין אַ גוטער לאַגע. די אָנגעשלאָסענע פאַראיינען האָבן פּינקטלעך צוגעשיקט זייערע צאָלונגען. דאָס צענטראַל־ביוראָ האָט אויסגעטיילט צוויי פּערזאָן, דעם וואַרשעווער גאַרבער און מיך, אויף אַרומצופאָרן. מיר האָבן געדאַרפט באַזוכן אַזוי אָפט ווי מעגלעך די פאַראיינען פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, אָפּצוהאַלטן זיצונגען פון די פאַרוואַלטונגען א.אַ.וו. דער וואַרשעווער האָט פאַרמאָגט אַ מעלה, וואָס איך האָב ניט געהאַט — ער האָט געקענט גוט רעדן פּויליש. און דעריבער פלעגט ער באַזוכן פאַראיינען, וואָס האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקע צאָל קריסטלעכע אַרבע־טער, פּאָליאַקן. איך האָב צוגעצויגן צום גאַרבער־בונד גאָזשאַנסקין (לנו). פאַרוואָס ער האָט זיך פאַראינטערעסירט גראָד מיט דער אַרבעט פון גאַרבער־בונד, איז מיר איצט שווער צו זאָגן. אָבער פאַראינטערע־סירט האָט ער זיך זייער שטאַרק. אַלס ביישפּיל קענען דינען פאָלגנדיקע פאַקטן: ווען מיר פלעגן זיך צופעליק באַגעגענען אין גאַס, פלעגט ער זאָגן: — גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן. איך וויל זיך מיט אייך דורכשמועסן וועגן אַ געוויסער פראַגע אין שייכות מיטן גאַרבער־בונד. אויב איר האָט צייט, קומט צו מיר אַהיים וועלן מיר כאַפּן אַ שמועס. און מיר פלעגן אַוועק צו אים אַהיים און שמועסן. מיר האָבן אָפט געהאַט באַראַטונגען מיט אַ גרעסערער צאָל וויכטיקע טוער. אויף די דאָזיקע באַראַטונגען בין איך תמיד געקומען צוזאַמען מיט גאָזשאַנסקין. אַ פּאָר

מאָל האָב איך אויך איינגעלאַדן וולאַדעקן. אַזעלכע באַראַטונגען האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אין סמאָרגאָן. ערשטנס דערפאַר, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען אַ גרופּע זייער אינטעליגענטע אַרבעטער און וויכטיקע טוער אין פאַראיין, צווייטנס, ווייל סמאָרגאָן איז געווען זייער נאָנט פון ווילנע און מיר האָבן געקענט אַרויספאָרן פאַרנאַכט און נאָך די זעלבע נאַכט זיין צוריק אין שטאָט.

אחוץ דער אַרבעט פון אַרומפאָרן, האָט מיר דאָס צענטראַל־ביוראָ איבערגעגעבן צו פירן די קאָרעספּאָנדענץ. איך קען ניט זאָגן, אַז איך האָב געשריבן ידידי־בריוועלעך צו די פאַראיינען. איך בין תמיד געווען און געבליבן ביז היינט אַ זייער שלעכטער בריוו־שרייבער. איך האָב אָבער אָפט אַרויסגעשיקט צירקולאַרן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו אַלע פאַראיינען. די צירקולאַרן האָב איך געדרוקט אויף אַ העקטאָגראַף. דער העקטאָגראַף, וואָס איך האָב באַנוצט, איז געווען אַ בויגן פּאַפּיר באַדעקט מיט אַ דינעם שטאָף. פון אַזאַ בויגן פּאַפּיר פלעגט מען קענען אַראָפּציען אַ 20־30 עקזעמפּלאַרן. טוענדיק די דאָזיקע מלאכה, האָב איך זיך דערמאָנט די צרות, וואָס איך האָב געהאַט, ווען איך האָב מיט אַ צייט פריער געאַרבעט אויף אַ העקטאָגראַף, וואָס איך האָב אַליין צו־געגרייט. איך האָב געהאַט דעם זעלבן געפיל, ווי איינער וואָס פאָרט מיט דער באַן און דערמאָנט זיך ווי ער פלעגט מיט אַ צייט פריער די זעלבע שטרעקע דורכמאַכן מיט פערד און וואָגן אין אַ באַלעגאָלישער בויד.

אין זין פון אָרגאַניזאַציע, איז די אַרבעט אין גאַרבער־בונד געגאַנ־גען ביז גאָר צופרידנשטעלנדיק. גאַנץ אַנדערש איז געווען מיט דער צייטשריפט, וואָס דאָס צענטראַל־ביוראָ האָט לויטן באַשלוס פון צו־זאַמענפאָר געדאַרפט אַרויסגעבן. דאָ האָבן מיר געהאַט גרויסע שוועריי־קייטן.

אגב, אין יענער צייט האָט דער בונד געפּלאַנט אַ ספּעציעלע אויס־גאַבע, וואָס זאָל באַדינען די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג בכלל. אין אַ געוויסן טאָג בין איך אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע פון דער פאָלקס־צייטונג. באַלד ווי איך בין אַריינגעקומען, האָט בענסקי ביי מיר גע־פרעגט: — איר זענט צופרידן מיט דעם נייעם פּאָסטן, צו וועלכן מען האָט אייך באַשטימט? איך האָב אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן: — איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ פּאָסטן. — וואָס, איר ווייסט גאָר ניט? האָט אַ צווייטער חבר געפרעגט. איך האָב געמיינט, אַז זיי וויצלען זיך אויף מיין חשבון און באַלד וועלן זיי אַרויסקומען מיט דעם עצם וויץ. — נו, לאָמיר שוין הערן דעם וויץ, האָב איך געזאָגט. — ס'איז ניט קיין וויץ, האָט בענסקי געזאָגט, איר זענט באַשטימט געוואָרן אַלס איינער פון

דער פּראָפעסיאָנעלער קאָמיסיע, וואָס דער צ. ק. האָט געגרינדעט, מען וועט איך שוין געבן צו וויסן אָפיציעל.

שפּעטער מיט אַ טאָג אָדער צוויי האָט מען מיך גערופן צו אַ זיצונג. אויף דער זיצונג זיינען געווען: טאַראַס (דוד כץ), גאָזשאַנסקי, בענסקי, נח און איך. נח האָט אָפיציעל געמאָלדן וועגן דער גרינדונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער קאָמיסיע. איר אויפגאַבע וועט זיין אויפצוקלערן און באַלייכטן פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע פּראָבלעמען. צו דעם צוועק וועט די קאָמיסיע אָפּט אַרויסגעבן אַ ביילאַגע צו דער טעגלעכער פאָלקס־צייטונג. דער פולער נאָמען פון דער קאָמיסיע, האָט נח געזאָגט, איז פּראָפעסיאָנעלע קאָמיסיע ביים צ. ק., אָבער צוליב קאָנספּיראַציע איז גלייכער מען זאָל דעם צ. ק. אַרויסלאָזן. דער נאָמען פון דער ביילאַגע וועט זיין פון פּראָפעסיאָנעלן לעבן. טאַראַס האָט דעמאָלט געהערט צו דער גרופּע מיט. דאָס איז אויך געווען אַ קאָמיסיע, וואָס דער צ. ק. האָט געגרינדעט מיט אַ געוויסער צייט פריער. די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער קאָמיסיע איז געווען צו אָרגאַניזירן קאַמפּס־דרוזשינעס און באַוואָרגן זיי מיט געווער. צוליב דעם איז טאַראַס כסדר אַרומגעפאָרן און באַזוכט פאַרשידענע שטעט. איך בין ווידער אַרומגעפאָרן אין די שטעט און שטעטלעך צוליב די גאַרבער. ס'איז דעריבער באַשטימט געוואָרן, אַז טאַראַס און איך זאָלן זיין די שטענדיקע קאָרעספּאָנדענטן פון דער ביילאַגע. אַלס הויפּט־שרייבער פון די אַרטיקלען איז באַשטימט געוואָרן גאָזשאַנסקי. אין זכרון איז ביי מיר פאַרבליבן אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס גאָזשאַנסקי האָט אָנגעשריבן וועגן לערניינגלעך און די מייסטערס. אין די דאָזיקע אַרטיקלען איז געווען אָנגעוויזן אויף דער שרעקלעכער עקספּלואַטאַציע מצד די מייסטערס לגבי די לערניינגלעך. ס'איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן ווי אַזוי מען קען די דאָזיקע שענדלעכע עקספּלואַטאַציע אָפּשאַפן. די רעגירונג איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו גרינדן אין אַלע שטעט פרייע פאַך־שולן, וואו יעדער וואָס וויל זיך לערנען אַ מלאכה, זאָל אָן דיסקרימינאַציעס אַריינגענומען ווערן. בכלל איז די ביילאַגע געווען אויסגעפילט מיט אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן מאַטעריאַל.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז דאָס צענטראַל־ביוראָ פון גאַרבער־בונד האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן אַרויסצוגעבן די צייטשריפט פאַר די גאַרבער. די הויפּט־שוועריקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן ניט געקענט קריגן קיין פּאַסיקן מענטשן צו זיין דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דער צייטשריפט. אין יענער צייט האָט אַן אָפיציעלער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער געמוזט זיין פּאָליטיש כשר און אויך זיין וויליק און גרייט צו ווערן אויף אַ פּאָר חדשים אַן

איינוואוינער אין טורמע. אַזאַ רעדאַקטאָר האָט ביי אונז געהאַט דעם נאָמען — זיץ־רעדאַקטאָר.

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע חדשים און מיר האָבן אַלץ ניט געקענט קריגן קיין פּאַסיקע פּערזאָן. אונזערער אַ חבר, אַ בונדיסט — זיין נאָמען איז, דוכט זיך, געווען יואל שערמאַן — האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן צו זיין דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער. ער איז דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון דעם ווילנער גאַרבער־פאַראיין. האָבן מיר אַריינגעגעבן אַן אַנאָנס אין דער פאָלקס־צייטונג און אויך אין דער אָרטיקער רוסישער צייטונג, אַז אין גיכן וועט אָנהויבן דערשיינען אַ פּעריאָדישע צייטשריפט מיט אַזאַ און אַזאַ נאָמען. מיר האָבן זיך גענומען צוגרייטן דעם ערשטן נומער. ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָבן מיר דעם מאַטעריאַל אַריינגע־געבן אין דער דרוקעריי, וואו די פאָלקס־צייטונג האָט זיך געדרוקט. באַלד ווי עס זיינען פאַרטיק געוואָרן אַ פּאָר הונדערט עקזעמפּלאַרן, האָב איך זיי אַריבערגעטראָגן צו זיך אַהיים. כ'האָב געטראַכט, אַז ביסלעכ־ווייז וועל איך אַריבערטראָגן די גאַנצע צאָל עקזעמפּלאַרן, בערך אַ צוויי טויזנט. מער האָב איך אָבער שוין פון דער דרוקעריי ניט געקענט נעמען, ווייל די איבעריקע האָט די פּאָליציי צוגענומען. דער נומער איז קאָנ־פיסקירט געוואָרן. „שולדיק" אין דער קאָנפיסקאַציע בין איך געווען. מיט אַ קורצער צייט פריער זיינען די גאַרבער פון אַ שטעטל אַרויס אין שטרייק און דער שטרייק איז געווען אַ פאַרביסענער. וועגן דעם שטרייק האָב איך אַריינגעגעבן אין דעם נומער אַ קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער איך האָב שטאַרק אָנגעגריפן די באַלעבאַטים און געשילדערט זייער ברוטאַלע האַנדלונג קעגן די אַרבעטער. דער צענזאָר האָט געהאַלטן, אַז דאָס מיינט העצן איין טייל פון דער באַפעלקערונג קעגן צווייטן, מחמת דעם האָט ער פאַראָרדנט צו קאָנפיסקירן דעם נומער און פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן דעם רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער חבר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין ווייטער דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר. מער ווי איין נומער איז שוין ניט דערשינען.

בכלל איז דער פּרעסטיזש פון גאַרבער־בונד פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט פונקציאָנירט, געשטאַנען זייער הויך. אַלס אילו־סטראַציע וועל איך ברענגען דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד: אין אַ געוויסן טאָג, דאָס האָט געמוזט זיין אין 1907, איז צו מיר אין ווילנע געקומען מרדכי דער גאַרבער (קאַרפּ אָדער קאַרפּל) און האָט מיר דערציילט אַזאַ געשיכטע: אין ראַזשינאַי האָט זיך געפונען אַ גרויסע לעדער־פאַב־ריק, אין וועלכער עס האָבן געאַרבעט בערך דריי הונדערט גאַרבער.

דער פֿאַבריקאַנט איז געווען אברהם יצחק כוואָיניק. *) זייער אַ רייכער ייד און אַן אָנשטענדיקער מענטש. מרדכי איז געווען אַ קאָנטראַקטאָר, ד"ה ער האָט גענומען ביים פֿאַבריקאַנט רויע פֿעל און אין זיין אייגענעם וואַרשטאַט פֿון דעם אויסגעאַרבעט פּאַרטיקע לעדער. מיט די אַרבעטער אין דער פֿאַבריק האָבן אָנגעפֿירט צוויי אַנאַרכיסטן. זיי האָבן פֿאַר קיין פֿאַל ניט דערלאָזט, אַז די ראָזשינאָיער גאַרבער זאָלן אַריינטרעטן אין גאַרבער־בונד. כאָטש ער האָט זיך דאָן אין דער באַוועגונג ניט באַטייליקט, האָט מרדכי דאָך געהאַט אַן איינפֿלוס אויף אַ סך אַרבעטער. ביי יעדער געלעגנהייט פֿלעגט ער שאַרף אָנגרייפֿן די אַנאַרכיסטן, קריטיקירן זייערע פּירונגען און האַנדלונגען. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז די אַנאַרכיסטן זיינען אים געוואָרן דם־שונאים און זיי האָבן געזוכט מיטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון אים. זיי האָבן געוואָלט פֿאַרטרייבן אים פֿון שטאָט. מיט איין מיטל זיינען זיי דורכגעפֿאַלן: זיי האָבן געפֿאָדערט פֿון פֿאַבריקאַנט ער זאָל מרדכין ניט געבן קיין אַרבעט, אָבער דער פֿאַבריקאַנט האָט זיך אַנטזאָגט דאָס נאָכצוגעבן און אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ שטיקל צייט. איינמאָל האָט מרדכי פּאַרטיק געמאַכט אַ פּאַרטיע לעדער און ער האָט עס געדאַרפֿט צושטעלן אויפֿן צווייטן טאָג אין קאָנטאָר פֿון פֿאַבריק. אָבער ווען ער איז אויף מאָרגן פֿרי געקומען אין זיין וואַרשטאַט, האָט ער געפֿונען די טיר אויפֿגעבראָכן און פֿון די לעדער איז קיין זכר ניט געווען. מען האָט אים באַגנבֿעט. מרדכי איז געווען זיכער, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט אַ האַנט אין דעם, אָבער ער האָט גאָרניט געקענט טאָן. ער איז אַוועק צום פֿאַבריקאַנט און האָט אים דערציילט וועגן דער גנבֿה. זיי האָבן זיך אויף אַ געוויסן אופֿן

---

*) אַן אייניקל פֿון דעם פֿאַבריקאַנט, אַבראַשע כוואָיניק, איז מיט יאָרן שפּעטער געווען אַן אָנגעזעענער טוער אין בונד — פֿריער אין ביאַליסטאָק און שפּעטער אין ווילנע, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון קאָמיטעט פֿון בונד. נאָכדעם ווי די נאַציס זיינען אין 1941 אַריין אין ווילנע און האָבן אַריינגעשפּאַרט אַלע יידן אין געטאָ, איז אַבראַשע כוואָיניק געווען אַ בויער און אומדערמידלעכער טוער פֿון דער אונטערערדישער בונדישער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך דער בונדישער פֿאַרשטייער אין דער אָנפֿירונג פֿון די ווילנער פּאַרטיזאַנער. אין 1943 האָבן די נאַציס אים אַרעסטירט מיט נאָך אַ פּאָר חברים, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפֿונען זיין אינטימע חברטע אַסיע ביג, בעת אַ שיסעריי מיט אַ דייטשן פּאַטרול. מ'האָט זיי שרעקלעך געפּייניקט און זיי האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם אויף די תּליות פֿאַר די אויגן פֿון טויזנטער ווילנער יידן.

פאַרגלייכט און דער פאַבריקאַנט האָט אים ווייטער געגעבן אַרבעט. אין דער זעלבער צייט האָט מען גענומען זוכן די געגנבעטע סחורה, און מען האָט זי טאַקע באַלד געפונען אין אַ לעדער־קראָם אין אַ נאָענט שטעטל. פעסטשטעלן ביי וועמען דער קרעמער האָט עס געקויפט, האָט זיך ניט איינגעגעבן. שפּורן זיינען געווען, אָבער קיין דירעקטע באַווייזן האָט מען ניט געקענט קריגן. האָט מען געהאַלטן אין איין פאָרשן. צוליב געשעפט פלעגט כוואַיניק אָפט פאָרן אין ביאַליסטאָק. ווען אין ראָזשינאָי האָט זיך נאָך געטומלט מיט דער גנבה, איז ער אויך אַוועק־געפאָרן אין ביאַליסטאָק אויף אַ פּאָר טעג. איינמאָל ווען ער איז אַרויס פון האָטעל איז אים ביים סאַמע טיר אַ יונגערמאַן באַפאַלן מיט אַ מעסער. כוואַיניקן האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוכאַפּן אינעווייניק איידער דער מעסער האָט אים דערגרייכט. דער אַטענטאַט האָט זיך ניט איינגעגעבן. דער אָנפאַלער איז אַוועק מיט גאָרניט. כוואַיניק איז שוין מער אין שטאָט ניט געגאַנגען. ער איז באַלד צוריקגעפאָרן אין ראָזשינאָי. גלייך ווי ער איז געקומען אַהיים, איז ער אַריין אין פאַבריק, האָט געהייסן אָפּשטעלן די אַרבעט און געמאָלדן, אַז ער שליסט צו די פאַבריק. ער האָט דערציילט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין ביאַליסטאָק. — ווי־באַלד איך בין ניט זיכער מיטן לעבן, וויל איך ניט פירן די פאַבריק, האָט ער געזאָגט. איך שליס צו די פאַבריק און פאָר אַוועק אין אויסלאַנד. ער האָט געהייסן די אַרבעטער פאַרלאָזן די פאַבריק. אַז דאָס איז ניט קיין פּוסטער סטראַשונאַק, האָט זיך געלייגט אויפן שכל.

אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויצעקו. דריי הונדערט פאַמיליעס, מעגלעך מער, האָבן געצויגן חיונה דירעקט פון פאַבריק. אַנדערע הונדערטער פאַמיליעס האָבן געמאַכט אַ לעבן אַרום זיי. די שטאָט וועט דאָך רואינירט ווערן, ווען די פאַבריק זאָל בלייבן געשלאָסן. דעמאָלט איז מרדכין איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דער גאַרבער־בונד זאָל זיך אַריינמישן. אפשר וועט זיך אים איינגעבן צו באַאיינפלוסן כוואַיניקן צוריק צו עפענען די פאַבריק. ער האָט גערעדט וועגן דעם מיט די אַרבעטער און אָנגעוויזן, אַז דאָס דאַרפן זיי אַליין באַשליסן. זיי דאַרפן פון פאָרויס באַשטימען, אַז זיי וועלן זיך אונטערוואַרפן דעם אורטייל פון גאַרבער־בונד. זיי דאַרפן אויך באַשליסן, אַז זיי וועלן שטיין פעסט און וועלן זיך ניט לאָזן טעראָריזירן פון די אַנאַרכיסטן. אויב זיי זיינען מסכים מיט אים, וועט ער ריידן מיטן פאַבריקאַנט. די אַרבעטער האָבן פייערלעך צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, ווי מרדכי לייגט פאָר. דעמאָלט איז מרדכי אַוועק צום פאַבריקאַנט און אים פאָרגעשלאָגן זיין פּלאַן. דערביי האָט ער אים פאַרזיכערט, אַז די אַרבעטער וועלן געוויס אויספאָלגן דעם אורטייל פון גאַרבער־בונד. כוואַיניק האָט צוגעשטימט צו מרדכיס

פּלאַן און האָט זיך אויך פּון פּאָראויס פּאַרפּליכטעט אונטערצואוואַרפֿן דעם אורטייל פון גאַרבער־בונד. מרדכי האָט אויך געפּועלט ביי כוואָיניקן צוריק צו עפענען די פאַבריק. מיט דעם האָט מרדכי פאַרענדיקט זיין לאַנגע געשיכטע. — און איצט, האָט ער געזאָגט, בין איך געקומען צו אייך, איר זאָלט מיט מיר פאָרן קיין ראָזשינאָי, אויספאָרשן דעם גאַנצן ענין און אין נאָמען פון גאַרבער־בונד אַרויסגעבן אַן אורטייל.

— ניין, האָב איך מרדכין געענטפערט, דער גאַרבער־בונד וועט זיך ניט אַריינמישן און במילא פאָר איך ניט מיט אייך קיין ראָזשינאָי. איך האָב עס מאָטיווירט מיט דעם, וואָס די ראָזשינאָיער גאַרבער האָבן די גאַנצע צייט איגנאָרירט דעם גאַרבער־בונד, ניט געוואָלט וויסן פון אים, דאַרף איצט דער גאַרבער־בונד ניט קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט.

מרדכי איז אַוועק פון מיר אין אַ זייער געדריקטער שטימונג, אָבער ער האָט די זאַך ניט אויפגעגעבן. ווען ער האָט מיט עטלעכע יאָר פריער געוואוינט אין ביאַליסטאָק, איז ער געווען אַן אָנגעזעענער טוער אין דער באַוועגונג. ער איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פון בונד און האָט זיך געקענט מיט ד״ר פּאַוועל ראָזענטאַל. איז ער איצט אַוועק אין רעדאַקציע פון דער פאָלקס־צייטונג צו טרעפן זיך מיט ראָזענטאַלן. ער האָט אים דערציילט וועגן די געשעענישן אין ראָזשינאָי און צוליב וואָס ער איז געקומען אין ווילנע. ער האָט אים אויך דערציילט, אַז ער האָט זיך געזען מיט מיר און אַז איך בין קעגן דעם, אַז דער גאַרבער־בונד זאָל זיך אַריינמישן. פאַרלאַנגט ער פון ראָזענטאַלן אויסצואיבן זיין איינפלוס און ווירקן אויף מיר איך זאָל בייטן מיין מיינונג. ראָזענטאַל האָט גראָד מסכים געווען מיט מרדכין, אַז דער גאַרבער־בונד דאַרף זיך יאָ אַריינמישן און איז געווען גרייט איבערצורייד ן מיט מיר וועגן דעם. מרדכי איז געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז ראָזענטאַל בעט מיך קומען אין רעדאַקציע. ווען איך בין געקומען, איז ראָזענטאַל גלייך צוגעטראָטן צום פּונקט: — פאַרוואָס ווילט איר ניט, אַז דער גאַרבער־בונד זאָל זיך אַריינמישן אין די ראָזשינאָיער געשעענישן? האָט ער ביי מיר געפרעגט. איך האָב אָנגעגעבן מיינע מאָטיוון. ראָזענטאַל האָט זיי צונישט געמאַכט. ער האָט אַנטקעגנגעשטעלט אַנדערע מאָטיוון און האָט אויסגעפירט, אַז דער גאַרבער־בונד מוז זיך אַריינמישן, דאָס איז זיין פליכט. איך האָב זיך געפילט באַזיגט, אָבער דאָך האָב איך זיך נאָך ניט געוואָלט אונטערגעבן. איך האָב געזאָגט, אַז איך קען עס אַליין ניט באַשטימען. איך דאַרף רופן אַ זיצונג פון צענטראַל־ביוראָ. אויב דאָס צענטראַל־ביוראָ וועט מיך שיקן, וועל איך פאָרן. אַגב,

וועל איך פאָדערן מען זאָל צוזאַמען מיט מיר שיקן נאָך איינעם, אַליין וועל איך ניט פאָרן.

מרדכי איז געווען שטאַרק קעגן דעם מען זאָל עס איבערגעבן צום צענטראַל־ביוראָ, ווייל וואַרטן דאָ אויף דעם באַשלוס פון צ. ב. קען ער ניט, ער מוז גלייך צוריקפאָרן. אָבער קומען אין ראַזשינאַי אַליין טויג אויך ניט. ווען כוואַיניק האָט איינגעשטימט צו עפענען די פאַבריק, איז עס געווען מיטן תנאי, אַז ער, מרדכי, פאָרט קיין ווילנע און וועט קומען צוריק צוזאַמען מיט אַ פאָרשטייער פון גאַרבער־בונד. ווען כוואַיניק וועט זען, אַז אַ פאָרשטייער פון גאַרבער־בונד איז ניט געקומען, קען ער חרטה האָבן אויפן גאַנצן עסק. ער האָט דעריבער פאַרלאַנגט אומבאַדינגט, אַז איך מוז גלייך צוזאַמען מיט אים פאָרן קיין ראַזשינאַי. ראָזענטאַל האָט אויך געהאַלטן, אַז איבערגעבן דעם ענין דעם צ. ב. טויג ניט. אין איין פונקט האָט ער אָבער מסכים געווען מיט מיר, — אַז חוץ מיר זאָל פאָרן נאָך איינער. גראָד איז אין רעדאַקציע געווען ניעמאַנסקי (סענדער זעלדאָוו), האָט זיך ראָזענטאַל געווענדעט צו אים און געפרעגט: — אפשר וואָלט איר צוגעפאָרן מיט אַבראַמען? ניעמאַנסקי האָט עס אָנגענומען און מיר זיינען מיט מרדכין אַוועקגעפאָרן קיין ראַזשינאַי.

פינף טעג זיינען מיר געווען אין ראַזשינאַי און געפירט די אויספאָרשונג. מיר האָבן אויסגעפרעגט אַ גאַנצע ריי אַרבעטער, דער עיקר האָבן מיר געוואָלט דערגיין ווער עס האָט געהאַט אַ האַנט אין דער גנבה פון די לעדער. אָבער מיר האָבן קיין שום ממשותדיקס ניט געקענט אַרויסקריגן. ס'זיינען געווען אייניקע אָנצוהערענישן, אָבער אויף דעם האָט מען גאָרניישט געקענט בויען. איין זאַך איז אונז פון דער אויספאָרשונג יאָ קלאָר געוואָרן, אַז איינער פון די צוויי אַנאַרכיסטן איז אין עצם אַן אָרנטלעכער און אָנשטענדיקער מענטש און אויב ער טוט אָפּ עפּעס אַ נישט פיינע זאַך, איז עס אונטערן דרוק פון זיין חבר. דער צווייטער, פאַרקערט, האָט קאָנצענטרירט אין זיך אַלע נעגאַטיווע זייטן פון דעם אַנאַרכיזם בכלל מיט אַ צוגאָב פון דעם שמוץ, וואָס האָט זיך אין יענער צייט צוגעקלעפּט צו דעם אַנאַרכיזם. זייענדיק מסכים אין דער דאָזיקער אָפּשאַצונג, האָבן מיר, איך און זעלדאָוו־ניעמאַנסקי, באַשלאָסן, אַז אונזער אורטייל זאָל זיין אַזאַ: דער, וועמען מיר באַצייכענען אַלס אָנשטענדיקן מענטש, מוז בלייבן אַרבעטן אין דער פאַבריק און דער צווייטער מוז די פאַבריק פאַרלאָזן. וואָס שייך דעם צווייטן, האָט דאָס געמיינט פאַרלאָזן די שטאָט, ווייל קיין אַנדער פּלאַץ, וואו צו אַרבעטן אויסער כוואַיניקס פאַבריק, איז אין ראַזשינאַי ניט געווען. כדי ער זאָל ניט אַוועק פון פאַבריק אינגאַנצן מיט ליידיקן, זאָל

דער פאַבריקאַנט אים דערפאַר פאַרגיטיקן מיט אַ געוויסער סומע געלט. דאַכט זיך, אַז אונזער רעקאָמענדאַציע איז געווען — דריי הונדערט רובל. דעם דאָזיקן באַשלוס האָבן מיר געדאַרפט אויפן צווייטן טאָג איבערגעבן סיי דעם באַלעבאָס, סיי די אַרבעטער. אָבער דאָס האָט שוין דורכגעפירט זעלדאָוו־ניעמאַנסקי אַליין, ווייל איך בין די זעלבע נאַכט אַרעסטירט געוואָרן.

די גאַנצע צייט בין איך איינגעשטאַנען ביי מרדכין. פאַרטאָג האָט מען אָנגעקלאַפּט ביי מרדכין אין טיר. ווען ער האָט געעפנט, האָבן זיך אין שטוב אַריינגעלאָזט עטלעכע סטראַזשניקעס. זיי האָבן געמאַכט אַ גרינטלעכע רעוויזיע, אָבער האָבן גאָרנישט געפונען. מיר האָבן זיי געהייסן זיך אָנטאָן און גיין מיט זיי. יענע נאַכט האָט גראָד גענעכטיקט ביי מרדכין אַ בחור פון אַ שכנותדיק שטעטל, אַ בונדיסט יודל, האָבן זיי אים אויך אַרעסטירט. מען האָט אונז געבראַכט צום פּריסטאַוו און פאַרשפּאַרט אין קוטוזקע. מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער איז צו דער קוטוזקע צוגעקומען מרדכי, ער האָט געפרעגט ווי ס׳איז מיין נאָמען לויטן פּאַס, וואָס איך האָב ביי זיך געהאַט. ער האָט געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך גאָר־ניט זאָרגן. כוואַיניק וועט באַלד גיין צום פּריסטאַוו און נאָך היינט וועל איך זיין פריי. אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען מיך גערופן אין קאַנצעלאַריע. דער פּריסטאַוו האָט מיר געוויזן אויף אַ דערבייאיקן צימער און געזאָגט, אַז דאָרט וואַרט אויף מיר מרדכי, ער וויל זיך מיט מיר דורכריידן. מרדכי האָט מיר דערציילט, אַז אַרעסטירט האָט מען מיך צוליב אַ מסירה. דער פּריסטאַוו האָט באַקומען אַן אַנאָנימען בריוו, אַז איך בין געקומען אין ראַזשינאַי מיטן צוועק צו בונטעווען די אַרבעטער אין שטאָט. כוואַיניק האָט עס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט. ער האָט געזאָגט, אַז איך האַנדל מיט לעדער און ער קען מיך שוין אַ לענגערע צייט אַלס העכסט־אָנשטענדיקן מענטשן. די אַרבעטער אין פאַבריק קענען מיך אויך און האָבן צו מיר דעם גרעסטן צוטרוי. גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז דאָס מאָל ווען איך בין געקומען, האָט ער, כוואַיניק, געהאַט אַ סכסוך מיט אַ פּאָר אַרבעטער, האָט ער מיך געבעטן צו זיין דער פאַרמיטלער און אויסגלייכן דעם סכסוך. מרדכי האָט מיר גע־הייסן דערציילן דעם פּריסטאַוו דאָס זעלבע, כדי ס׳זאָל ניט אויסקומען קיין ווידערשפּרוך.

מיר איז די גאַנצע געשיכטע ניט געפעלן געוואָרן, כ׳האָב אָבער גאָרניט געקענט ענדערן. איך בין אַריין אין קאַנצעלאַריע. דער פּריסטאַוו האָט מיר אָנגעוויזן אַ שטול, איך האָב זיך געזעצט און ס׳האָט זיך אָנ־געהויבן דער דאָפּראָס. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער דאָפּראָס. דער פּריסטאַוו האָט מיר אונטערגעזאָגט וואָס איך האָב צו זאָגן. ער האָט

גערעדט אין מיין נאָמען און אין דער זעלבער צייט פאַרשריבן, און ס'איז אויסגעקומען ווי ער פאַרשרייבט דאָס, וואָס איך דערצייל אים. און כלומרשט דערציילט האָב איך אים דאָס וואָס דער פאַבריקאַנט כוואַיניק האָט אים פריער געזאָגט. פאַרטיק געוואָרן מיטן פּראָטאָקאָל, האָט ער מיר געוויזן אַ פאַרשריבן בייגעלע פּאַפּיר און געזאָגט: — ווען ניט דער בריוו, וואָלט איך אייך גלייך באַפרייט. דאָס איז אַן אַנאָנימער בריוו, האָט ער ווייטער גערעדט, אין וועלכן דער שרייבער זאָגט, אַז איר זענט אַן אַנאַרכיסט און געקומען אין ראַזשינאַי ספּעציעל צו בונטעווען די שטאָטישע אַרבעטער. איך ווייס, אַז דאָס איז אַ ליגן. דער הער כוואַיניק האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איר זענט אַ העכסט־אָנשטענדיקער מענטש און האָט גאָרניט צו טאָן מיט אַנאַרכיזם און איך גלויב אים. באַפרייען אייך קען איך אָבער ניט. ווען איך זאָל אייך איצט באַפרייען, קען דער זעלבער שרייבער, וואָס האָט אייך געמסרט, אוועק־שיקן צום איספּראַווניק אַ מסירה אויף מיר, אַז איך טו ניט מיין פליכט. איך לאָז אַרויס פריי פאַרברעכער. כדי צו באַשיצן זיך אַליין, מוז איך אייך אָפּשיקן אין סלאָנים צום איספּראַווניק. לויט דעם פּראָטאָקאָל, וואָס איך האָב צוזאַמענגעשטעלט, וועט אָבער דער איספּראַווניק ניט האָבן קיין גרונט אייך צו פאַרהאַלטן, ער וועט אייך זיכער באַלד באַפרייען. כ'האָב ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און אונטערגעשריבן דעם פּראָ־טאָקאָל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען מיך און דעם חבר יודל אַריינ־געזעצט אין אַ פּאָטשטאָוון וואָגן און אין דער באַגלייטונג פון צוויי סטראַזשניקעס אויף פערד האָט מען אונז אַוועקגעפירט קיין סלאָנים. פאַרן אָפּפאָרן איז צו מיר צוגעגאַנגען מרדכי און געזאָגט, אַז כוואַיניק איז שוין אַהין אַוועקגעפאָרן.

מען האָט אונז געבראַכט אין דער פּאָליצײ־פאַרוואַלטונג און פאַר־שפּאַרט אין אַ קאַמער. איך האָב דערוואַרט, אַז דעם צווייטן טאָג וועט מען מיך רופן צום איספּראַווניק. ס'איז אָבער אַוועק איין טאָג און אַ צווייטער און אַ דריטער און מען רופט מיך ניט. ווי מען וואָלט אינ־גאַנצן פאַרגעסן וועגן מיר. ערשט אויף דעם פינפטן אָדער זעקסטן טאָג האָט מען מיך גערופן אין קאַנצעלאַריע. דאָרט האָב איך געטראָפן עטלעכע יידן. איינער נאָכן אַנדערן זיינען זיי צוגעגאַנגען צו מיר, אָפּגעגעבן מיר אַ ברייטן שלום־עליכם, אָנגערופן מיך ביים נאָמען און געפרעגט ווי איך פיל זיך. איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר (שפּעטער איז דאָס מיר קלאָר געוואָרן). ביים שרייב־טיש איז געזעסן אַ מאַן אין ציווילע קליידער און זיך צוגעקוקט צום ספּעקטאַקל. דאָס איז געווען דעם איספּראַווניקס פּריוואַטער סעקרעטאַר, זיין „פּיסמאָ־וואָדיטעל". נאָכדעם ווי דער ספּעקטאַקל האָט זיך געענדיקט, האָט ער

זיך געווענדעט צו די עטלעכע יידן און געפרעגט: — נו, איר קענט אים? — געוויס, האָבן אַלע געענטפערט. — גוט, איר קענט גיין! האָט ער געזאָגט. אַלע זיינען אַוועק, אַחוץ איינעם, זיין נאָמען איז געווען לוריע. דער „פיסמאָוואָדיטעל" האָט געהאַלטן מיין פּאַספּאָרט און האָט אין אים אַריינגעקוקט. עפּעס איז אים ניט געפעלן געווען. איך געדענק ניט וואָס ער האָט געהאַט אויסצוזעצן, אָבער ער האָט זיך געגומען טשעפּען. לוריע איז צוגעגאַנגען צו אים גאָר נאָנט, האָט אים עפּעס אַ זאָג געטאָן אין אויער. אין דער זעלבער צייט האָט ער אין האַנט אַרויפגעלייגט אויפן שרייב־טיש. איך האָב ניט געקענט זען דייטלעך, וואָס דאָרט איז געווען, אָבער אַלץ איז באַלד געוואָרן כשר. דער „פיסמאָוואָדיטעל" האָט מיר אָפּגעגעבן דעם פּאַספּאָרט און געזאָגט: — איר זענט פריי.

ווען מיר זיינען אַרויס אין גאַס, האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל גלייך גיין צום וואָקזאַל. — וואָס איז די איילעניש, האָט לוריע געזאָגט. קומט צו מיר אַהיים, מיר וועלן אַ ביסל פאַרברענגען, איר וועט זיך אויסטשוכען פון דעם קאָשמאַר, און שפּעטער וועט איר גיין צום וואָקזאַל. איר וועט די באַן ניט פאַרשפּעטיקן. מיר, איך און דער צווייטער באַ־פרייטער חבר, האָבן די איינלאַדונג גערן אָנגענומען. ער האָט אונז געבראַכט צו זיך אַהיים. אין הויז איז קיינער ניט געווען. ער האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ שיינעם, באַלעבאַטיש אויסמעבלירטן צימער און געזאָגט: — דער צימער איז ספּעציעל צוגעגרייט פאַר אַרעסטאַנטן. מיר האָבן זיך געמאַכט באַקוועם און לוריע האָט אונז דערציילט פאַר־וואָס מען האָט אונז אַזוי לאַנג געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג. ער האָט אַזוי אויפגעקלערט דעם ענין: אונזער איס־פּראַווניק איז ניט קיין כאַבאַרניק, האָט ער געזאָגט מיט אַ סאַרקאַס־טישן שמייכל. ווען איינער זאָל צו אים קומען בעטן אַ טובה און וועלן אים באַשענקען מיט אַ מתנה, וועט זיך טאָן חושד. דער איספּראַווניק וועט ווערן אַן אָנגעצונדענער און גוט אָנזידלען און דער מתנה־ברענגער וועט אַוועקגיין מיט גאָרנישט. מיט מיר איז ער אין זייער גוטע און נאָנטע באַציאונגען און פון מיר נעמט ער גערן אַ מתנה. אויב איינער וויל עפּעס פועלן ביים איספּראַווניק, מוז איך זיין דער פאַרמיטלער. גראָד האָט דער איספּראַווניק איצט זיין וואַקאַציע און קומט ניט אַריין אין קאַנצעלאַריע, ס׳האָט דעריבער געדויערט עטלעכע טעג ביז איך האָב אים געכאַפּט אין דער היים. איך האָב אים דערלאַנגט אַ פיינע מתנה און עס איז רעכט געוואָרן. ער האָט בלויז פאַרלאַנגט, אַז צען סלאָנימער איינוואוינער זאָלן באַשטעטיקן אייער פּערזאָן און דערפאַר

האָבן געמוזט זיין די ברייטע שלום־עליכמס פון אַ מנין סלאָנימער יידן אין דער קאַנצעלאַריע.

מיר האָבן געפירט אַ געמיטלעכן שמועס וועגן פאַרשידענע זאַכן און אין מיטן שמועס האָט לוריע אַ זאָג געטאָן צו מיר: — איך מיין, אַז איר קענט מיינע צוויי זין. — ווער זיינען אייערע זין? האָב איך געפרעגט. דער עלטערער הייסט נח, האָט ער געזאָגט, ער איז געווען אַרעסטירט אין ווילנע אין 1905. איך האָב אים איבערגעשלאָגן און געזאָגט: געוויס קען איך נחן. צוזאַמען מיט אים האָט מען מיך אויך דעמאָלט אַרעסטירט. אין משך פון עטלעכע חדשים פלעגן מיר זיך אין טורמע טרעפן אַלע טאָג און פאַרברענגען צוזאַמען. דער רעזשים אין טורמע איז געווען אַ פרייער און כאָטש מיר זיינען געזעסן אין איינצל־קאַמערן, פלעגן מיר אַ גאַנצן טאָג קענען גיין איינע צו די אַנדערע. שפּעטער האָט מען נחן מיט נאָך אַכט פון אונזער גרופּע אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער פליגל אין אַן אַלגעמיינער קאַמער. אין יענער צייט האָט מען געבראַכט אין טורמע אייער יינגערן זון שלומקען, ער איז געזעסן אין אַן איינצל־קאַמער ניט ווייט פון מיר. איך פלעג אָפט אַריינקומען צו אים און מיר פלעגן שפּילן שאַך. אַזוי ווי איך בין געווען זייער אַ שוואַכער שאַך־שפּילער פלעגט ער מיר אַלע מאָל געבן מאַט. איז וואָ־זשע זיינען זיי איצט, וואָס טוען זיי? האָב איך געפרעגט. — נח איז אין פּעטערבורג און שלומקע איז אין דייטשלאַנד, האָט לוריע געזאָגט. אויב איר זענט נייגעריק, וועט איר באַלד קענען האָבן אַ לעבעדיקן גרוס פון אים, מיין פרוי איז היינט געקומען פון דייטשלאַנד. מיינע טעכטער זיינען אַוועק צום וואָקזאַל זי באַגעגענען און זיי וועלן באַלד אָנקומען.

זיי זיינען טאַקע באַלד אַריינגעקומען. לוריע האָט מיך פאַרגע־שטעלט פאַר זיין פרוי מיט די צוויי טעכטער און געזאָגט, אַז איך קען שלומקען און איך בין נייגעריק צו וויסן, ווי ער לעבט און וואָס ער טוט. די פרוי לוריע האָט דערציילט, אַז ער אַרבעט אין אַ פאַבריק, וואו מען מאַכט פאַרשידענע מאַשינען. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער פעאיק צו דער אַרבעט און ער איז שוין איצט אַ מאָנטיאָר און שטעלט צוזאַמען די פאַרשידענע טיילן פון די מאַשינען און ער פאַר־דינט גוט. מיר האָבן אָנגענעם פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג ביי די לוריעס אין הויז.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין אַמע־ריקע, איז צו מיר דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז שלומקע לוריע איז געוואָרן אַ באַרימטער לופט־פליער אין דייטשלאַנד. אויף מאַנעווערס פלעגט ער מיט זיין עראָפּלאַן דעמאָנסטרירן קונצן אין דער לופט. אויף איינער

אַזאַ מאַנעוורע האָט זיין עראָפּלאַן געקראַכט און ער איז דערהרגעט געוואָרן. זיין באַרימטקייט און פּאָפּולאַריטעט איז געווען אַזוי גרויס, אַז קייזער ווילהעלם האָט געפונען פאַר נויטיק צו שיקן אַ טרייסט־טעלעגראַמע צו זיין פאָטער אין סלאָנים. דער פאָטער איז גלייך אַוועק־געפאָרן אין בערלין. ווען ער איז געקומען צום פּלאַץ פון וואַנען די לוויה האָט זיך געזאָלט אָנהויבן, איז ער געווען איבעראַשט צו זען, אַז זיין זון ליגט שוין אין טרומנע באַדעקט מיט דער דייטשער פאָן און באַצירט מיט אויסצייכענונגען, מעדאַלן און צו דעם אַלעמען — אַ גרויסער צלם. אויפן פּלאַץ האָבן זיך אַרומגעדרייט מיליטער־לייט. דאָס האָט מען זיך געגרייט צו מאַכן אַ פּאַראַדנע מיליטערישע לוויה. דער פאָטער האָט פּראָטעסטירט און געפאָדערט מען זאָל אים אַרויסגעבן זיין זונס קערפּער. דערהערנדיק, אַז דער באַרימטער פליער איז גאָר געווען אַ ייד, האָבן די אָפיצערן זיך אָפּגעטרייסלט און דער פאָטער האָט מקבר געווען זיין זון אויפן יידישן בית־עולם.

נח לוריע איז אין די וויטערדיקע יאָרן געווען טעטיק אין דער בונדישער באַוועגונג אין דער שטאָט לאָדזש. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש איז ער געווען איינער פון די סאָוועטישע יידישע שרייבער. מער האָב איך פון אים ניט געהערט. איצט, שרייבנדיק די זכרונות, בין איך געוואָרן פאַראינטערעסירט צו וויסן וואָס מיט אים איז געשען. כ׳האָב געוואָלט וויסן צי האָט ער געטיילט דעם גורל פון אַלע אַנדערע יידישע שרייבער. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם ביי לאַזאַר עפּשטיין און ער האָט מיר געזאָגט, אַז נח לוריע האָט די ליקווידאַציע פון די יידישע שרייבער איבערגעלעבט.

פון סלאָנים בין איך צוריקגעפאָרן קיין ווילנע. דאָרט האָט מיך די אַרבעט אין גאַרבער־בונד פאַרשלונגען אינגאַנצן און איך האָב זיך אין דער דירעקט־בונדישער אַרבעט ניט געקענט באַטייליקן. דאָך פלעג איך פון צייט צו צייט צולייגן אַ האַנט, אָדער ווי מען זאָגט, אונטערשטעלן אַ פּלייצע, כדי אַרויסצוהעלפן מיט עפּעס אין דער טעכנישער אַרבעט פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע אָדער פון צ. ק.. געטאָן האָב איך דאָס פרייוויליק און אַזוי ווי דורך אַ צופאַל. קיינער האָט מיר ניט געזאָגט, אַז די אַרבעט האָט די אָרגאַניזאַציע באַשטימט פאַר מיר. און דער צופאַל איז געווען דאָס, וואָס איך האָב געוואוינט ביי אַורעמטשיק דעם איינבינ־דער (בערנאַדיק). ער איז געווען זייער אַ גוטער טעכנישער אַרבעטער. די טעכנישע אַרבעט איז אין יענער צייט באַשטאַנען בעיקר אין אַריבער־טראָגן אָדער אַריבערפירן געווער פון איין אָרט אויף אַ צווייטן, אָדער פון איין שטאָט אין אַ צווייטער. און אַורעמטשיק פלעגט די דאָזיקע אַרבעט אויספירן אויסגעצייכנט. ער האָט פאַרמאָגט אומשעצבאַרע

אייגנשאַפטן פאַר דעם. ער איז אַלעמאָל געווען קאַלטבלוטיק, אומדער־שראָקן און האָט זיך ניט פאַרלוירן ביי פאַרשידענע סיטואַציעס.

אַלס אילוסטראַציע וועל איך ברענגען פאָלגנדיקן פאַל: טיילמאָל פלעגט מען אים ברענגען עטלעכע רעוואָלווערן. האַלטן דאָס ביי זיך האָט ער ניט געקענט, ס'איז געווען אַ סכנה. און גראָד האָט מען אין דעם באַטרעפנדיקן טאָג ניט געקענט צוקומען צום צענטראַלן סקלאַד פון געווער. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ער עס געבן באַהאַלטן פאַר אַ קורצער צייט צו וועמען ס'איז פון זיינע באַקאַנטע. איינער פון זיינע באַקאַנטע האָט געוואוינט אין די ביליקע הייזער (די ייק״א האָט אויס־געבויט אין ווילנע הייזער מיט ביליקן דירה־געלט). איז ער איינמאָל אַוועק צו זיין פריינט באַקוקן די דירה. יענער האָט געוואוינט אויפן דריטן שטאָק. אויסער די צימערן האָט ער אויך געהאַט אַ בוידעם, וואו ער האָט געהאַלטן ניט־נויטיקע זאַכן. אַווּרעמטשיק איז אַרויף אויפן בוידעם, ער האָט אים גוט באַטראַכט און דער בוידעם איז אים זייער געפעלן געוואָרן. זיין געניט אויג האָט אים געזאָגט, אַז דאָ קען זיין אַ גוטער פּלאַץ צו באַהאַלטן אַ ביסל געווער. ער האָט באַמערקט אייניקע ווינקלען, וואו מען קען פאַרשטעקן אַ פּאָר רעוואָלווערן אַזוי, אַז דער טייוול אַליין זאָל עס ניט באַמערקן. ער האָט גערעדט וועגן דעם מיט זיין פריינט און געפרעגט צי וואָלט ער אים דערלויבט צו ברענגען אַהער פון צייט צו צייט רעוואָלווערן צו באַהאַלטן אויף אַ קורצער צייט. יענער האָט מסכים געווען און אַווּרעמטשיק האָט זיך מיט דעם באַנוצט. ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דאָ איז טאַקע אַן אידעאַלער פּלאַץ צו האַלטן אַ ביסל געווער און ס'איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערמאַנענטן קליינעם סקלאַד פון געווער. ווי לאַנג דאָס האָט אָנגעהאַלטן, ווייס איך ניט. אָבער אין איינעם אַ טאָג איז דער פריינט פון די ביליקע הייזער געקומען צו אַווּרעמטשיקן און געזאָגט, אַז מען מוז די רעוואָלווערן גלייך צונעמען. — וואָס איז געשען? האָט אַווּרעמטשיק געפרעגט. און זיין פריינט האָט דערציילט, אַז אויפן בוידעם איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. צום גליק האָט ער עס באַמערקט באַצייטנס און האָט דאָס פייער אויס־געלאָשן. קיין פייערלעשער האָט מען ניט אַרויסגערופן און אַחוץ דעם אויפזעער פון די הייזער ווייס כמעט קיינער ניט וועגן דעם. דעם מאָל איז עס אַראָפּ גלאַט, אָבער האַלטן דאָרט ווייטער דאָס געווער קען ער ניט דערלויבן. ס'איז ניט געווען קיין ברירה, מען האָט געמוזט דאָס געווער צונעמען.

אַווּרעמטשיק האָט אָפּגעמאַכט מיט זיין פריינט, אַז ער זאָל מאָרגן גאַנץ פרי, ווען אַלע וועלן נאָך שלאָפן, אַראָפּנעמען דאָס געווער פון בוידעם צו זיך אין וואוינונג און שפּעטער וועלן קומען אַ פּאָר מענטשן

און זיי וועלן עס צונעמען. אָבער אויף מאָרגן פרי איז דער פריינט פון די ביליקע הייזער געקומען צו אַווראַמטשיקן און דערציילט וועגן אַ נייער צרה, דער אויפזעער פון די הייזער האָט אויפגעהאָנגען אַ שלאָס אויף דער טיר פון בוידעם. איצט קען מען צו דעם געווער ניט צוקומען און ער ווייס ניט וואָס צו טאָן, ער איז געווען פאַרצווייפלט. אַווראַמטשיק האָט אים באַרואיקט און געזאָגט, אַז ער וועט שפּעטער צוקומען און זען וואָס מען קען טאָן. שפּעטער איז אַווראַמטשיק אַהין געקומען. ער האָט באַטראַכט דעם שלאָס און די טיר און געזען, אַז ס׳איז ביטער. ער קען גאָרניט מאַכן. נאָר אַ שלאָסער אָדער אַ געניטער גנבֿ, וואָס קען עפענען אַלע שלעסער, וואָלט דאָ געקענט העלפן. אָבער צו זייער הילף האָט מען זיך דאָך ניט געקענט ווענדן. ס׳איז ביי אים אויפגעקומען אַ געדאַנק צו מאַכן אַ געוויסע פּראָבע, אפשר וועט זיך אים איינגעבן צו לייזן דאָס פּראָבלעם. ער האָט גענומען אַ שטיקל וואַקס און געמאַכט אַן אָפּדרוק פון דעם שליסל־לאָך אין שלאָס. מיט אָט דעם שטיקל וואַקס האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער די אייזן־קראָמען זוכן צוצופּאַסן אַ שליסל. אַ פּאָר קרעמער האָבן זיך פון אים אויסגעלאַכט. מען קען ניט צופּאַסן אַ שליסל לויט אַ שטיקל וואַקס, האָבן זיי געזאָגט. אַווראַמטשיק האָט ניט אויפגעגעבן. ער איז געגאַנגען זוכן ווייטער ביז איין קרעמער האָט געזאָגט: — איך מיין אַז איך האָב אַזאַ שלאָס. ער האָט אַרויסגענומען דעם שלאָס און צוגעגליכן דעם שליסל־לאָך צום אָפּדרוק אויף דעם שטיקל וואַקס. ס׳האָט אויסגעזען אַז ס׳וועט זיין גוט. אַווראַמטשיק האָט געקויפט דעם שלאָס און איז אַוועק צום בוידעם. ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דער נייער שלאָס איז טאַקע פּונקט דער זעלבער און דער שליסל פון געקויפטן שלאָס האָט די בוידעם־טיר געעפנט. צו באַשרייבן די שמחה, וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט, איז אוממעגלעך. ווען מיר קענען, וואָלטן מיר געגאַנגען טאַנצן אין די גאַסן.

איצט האָט אַווראַמטשיק דערמאָנט זיין פריינט, וואָס ער דאַרף טאָן מאָרגן גאַנץ פרי און איז פון דאָרט אַוועק צו אַדעלע ליאַס. ער האָט איר געזאָגט זי זאָל קומען מאָרגן אינדערפרי צו אים אַהיים, ער האָט פאַר איר אַ שטיקל אַרבעט. ער האָט איר געזאָגט אין וואָס די אַרבעט באַשטייט. אויף מאָרגן אינדערפרי איז אַדעלע געקומען צו אונדז. זי האָט מיטגעבראַכט אַ קאָשיק, וואָס פרויען גייען מיט דעם אין מאַרק איינקויפן. מושל, אַווראַמטשיקס פרוי, האָט אויך גענומען אַ קאָשיק. ווען זיי זיינען שוין געווען גרייט צו גיין, האָט אַווראַמטשיק גע־זאָגט צו זיי: — ס׳וואָלט געווען זייער גוט, ווען איר זאָלט פאַרנעמען אַלץ מיט איין מאָל, אויב אָבער דאָס וועט זיין אוממעגלעך, איז פאַרפאַלן, וועט איר מוזן גיין אַ צווייטן מאָל. דערהערט אַזאַ זאַך, האָב איך זיך

אַנגערופן צו די פּרויען: — גייט און נעמט וויפל איר וועט קענען, אָבער ניט צופיל, אַז איר זאָלט עס ניט קענען טראָגן. איך קום באַלד אַהין און וועל נעמען די איבעריקע. דאָרט האָט שוין דאָס געווער געוואַרט אויף אונז. די פּרויען האָבן אָנגעפּאַקט זייערע קאָשיקעס און פּאַרדעקט מיט אַ ביסל גרינצייג, וואָס זיי האָבן איינגעהאַנדלט אויפן וועג. די איבעריקע רעוואָלווערן האָב איך אַרומגעפּאַקט אַרום זיך. די פּרויען זיינען אַוועק פריער, מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער בין איך אַוועק. איך האָב זיי באַלד אָנגעיאָגט און כלומרשט זיך צופעליק געטראָפן, האָב איך זיי געפרעגט וואָס פאַר אַ גוטע זאַכן זיי האָבן איינגעהאַנדלט, נאָר אַ ביסל גרינצייג, האָבן זיי געזאָגט, אַלץ איז בראַנד־טייער. צו פיש קען מען זיך ניט צורירן, האָבן זיי זיך באַקלאָגט. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען און גערעדט וועגן באַלעבאַטישקייט, יקרות א. אַז. וו. אַזוי זיינען מיר צוגעקומען נאָענט צום הויז, וואו דער צענטראַלער סקלאַד פון געווער האָט זיך געפונען. די פּרויען זיינען אַוועק גלייך אַהין. איך האָב זיך אַריינגע־דרייט אין אַ זייטיק געסל. עטלעכע מינוט זיך דאָרט אַרומגעדרייט און אויך אַוועק צום צענטראַלן געווער־סקלאַד. מיר האָבן זיך אויסגע־לײדיקט און דערפילט, אַז מיר האָבן אָפּגעטאָן אַ שטיק אַרבעט. אויף אַזאַ אופן האָב איך צוליב דעם צופאַל, וואָס איך האָב געוואוינט ביי אורעמטשיק דעם איינבינדער, צוגעלייגט אַ האַנט אַרויסצוהעלפן דער אָרגאַניזאַציע אין דער טעכניטער אַרבעט. אגב איז כדאי צו באַמערקן, אַז דעם צענטראַלן סקלאַד פאַר געווער האָט איינגעאָרדנט ישראל מיכל קאָפּלינסקי, דער שפּעטער באַוואוסט־ און באַרימט־געוואָרענער פּראָ־וואָקאַטאָר. ער האָט איינגעאָרדנט דעם סקלאַד זייער קונציק. לייבעטשקע בערמאַן באַשרייבט אין זיינע זכרונות, אין זיין בוך אין לויף פון יאָרן די איינצלהייטן, ווי אַזוי דער סקלאַד איז איינגעאָרדנט געוואָרן.

איך דערמאָן זיך נאָך אַ פאַל, ווען איך האָב צוגעלייגט אַ האַנט אַרויסצוהעלפן אין דער טעכנישער אַרבעט. דאָס מאָל ניט פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע, נאָר פון צ. ק.. ביים צ. ק. האָט דעמאָלט פונק־ציאָנירט די צענטראַלע קאָמיסיע „מים”, וואָס איר הויפּט־אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן געווער און פאַנאַנדערפירן עס אין פאַרשידענע שטעט. איינמאָל איז אָנגעקומען אַ גרויסער טראַנספּאָרט געווער, וואָס מען האָט צייטווייליק אָפּגעלייגט אין גראָדנע. פון דאָרט האָט מען אַ טייל געדאַרפט פאַנאַנדערפירן אין פאַרשידענע שטעט און די איבעריקע ברענגען קיין ווילנע אין צענטראַלן סקלאַד. צו ברענגען דאָס געווער קיין ווילנע האָט מען איבערגעגעבן אורעמטשיקן. ער האָט צו דער קאָמיסיע „מים” ניט געהערט. פאַרן אַוועקפאָרן האָט ער דערציילט זיין פרוי מושל וואוהין און נאָך וואָס ער פאָרט. אַזוי ווי איך האָב ביי זיי

געוואוינט, האָט ער עס מיר אויך דערציילט. און כדי מיר זאָלן וויסן ווען מיר קענען אים דערוואַרטן צוריק, האָט ער אונז איבערגעגעבן דעם פּלאַן, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעאַרבעט: ער וועט קומען אין גראָדנע אָנהויב אָוונט. ער וועט איבערנעכטיקן אין אַ האָטעל און במשך פון מאָרגנדיקן טאָג וועט ער ברענגען דאָס געווער צו זיך אין האָטעל. שפּעט ביינאַכט וועט ער אַרויספאָרן צוריק קיין ווילנע. מיר קענען אים אַלזאָ דערוואַרטן איבערמאָרגן אינדערפרי. אויב צוליב וועלכער ס'איז סיבה וועט ער דעם ערשטן טאָג ניט קענען ברענגען דאָס געווער צו זיך אין האָטעל, וועט ער פאַרבלייבן אין גראָדנע אויף נאָך אַ טאָג. ער האָט גענומען אַ טשעמאָדאַן אָדער צוויי און איז אַוועקגעפאָרן. דאָס מאָל איז אַלץ געגאַנגען כשורה און ער האָט זיך אומגעקערט צו דער באַשטימטער צייט. מושל און איך האָבן דאָס געווער גלייך אַריבערגעטראָגן אין צענטראַלן סקלאַד. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אַוורעמטשיק ווידער געפאָרן אין גראָדנע. דאָס מאָל איז ער שוין צו דער באַשטימטער צייט ניט געקומען. פונדעסטוועגן זיינען מיר ניט געווען באַזאָרגט, מיר זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט קומען מיט אַ טאָג שפּעטער.

איך בין אַוועק צו ישראל מיכל קאַפּלינסקין. ניט ווייל איך האָב דאָרט עפּעס געדאַרפט, נאָר גלאַט אַזוי. געוויינלעך, אַז מען פלעגט קומען צו ישראל מיכלען פאַרן האַלבן טאָג, פלעגט ער נאָך ליגן אין בעט. און אַז מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער ליגט אַזוי שפּעט, האָט ער געענטפערט מיט אַ פראַגע: — וואָס ס'איז שוין טאָג? דאָס מאָל איז ער שוין געווען אַרויס פון בעט און איז געווען אָנגעטאָן. איך בין ביי אים געבליבן זיצן. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אַריינגעקומען אַוורעמטשיקס זון, אַ ייִנגל פון אַ יאָר אַכט. — מען האָט אַרעסטירט דעם טאַטן, האָט ער געזאָגט. — וואו, ווען? האָב איך אים געפרעגט — אין ווילנע אויפן וואָקזאַל, האָט ער געענטפערט. אַ מענטש, וואָס קען אים, האָט עס געזען און ער איז געקומען צו אונז אַהיים און דערציילט. די ידיעה האָט מיך אויפגעשוידערט. כ'האָב דאָך געוואוסט, אַז אַוורעמטשיק איז ניט געקומען מיט ליידיקן. דער ערשטער אימפּולס איז ביי מיר געווען צו גיין גלייך אַהיים. כ'האָב זיך אָבער געכאַפּט, אַז דאָס טויג ניט. ס'וועלן דאָך זיכער באַלד קומען זשאַנדאַרמען מאַכן אַ רעוויזיע, טאָ צו וואָס דאַרף איך דאָרט זיין. איך בין געבליבן זיצן און דאָס ייִנגל איז אַוועק אַהיים. איך האָב ניט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט און האָב אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער ווי אַ ווילדער. אָבער באַלד איז אַוורעמטשיקס ייִנגל ווידער געקומען און געזאָגט, אַז דער טאַטע איז פריי. מיר זיינען גלייך ביידע אַוועק אַהיים. און דאָרט האָט אַוורעמטשיק דערציילט פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע געשיכטע:

— קומענדיק קיין גראָדנע, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן, בין איך אַזוי ווי דעם ערשטן מאָל פאַרפאָרן אין אַ האָטעל און דאָרט איבערגענעכטיקט. אינדערפרי, ווען איך בין שוין געווען פאַרטיק אַוועקצוגיין, האָב איך אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון מיין צימער. דאָס פענצטער איז אַרויסגעקומען צו אַ זייטיק געסל, וואו מ׳האָט זעלטן געזען אַ מענטשן דורכגיין. אָבער איצט האָב איך באַמערקט, אַז אויף דער אַנדערער זייט גאַס, אַנטקעגן האָטעל, שפאַצירט אַרום אַ מאַן הין און צוריק. ס׳איז מיר געוואָרן פאַרדעכטיק. וואָס פאַר אַן אָרט איז דאָ צו שפאַצירן? האָב איך געטראַכט. און כ׳האָב באַשלאָסן אָפצוואַרטן אַ שטיקל צייט און דערנאָך ווידער אַרויסקוקן דורכן פענצטער און זען צי דער שפאַצירנדיקער איז נאָך דאָ אָדער ניט. אין אַ ווײלע אַרום בין איך צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָב זיך געשטעלט אין אַזאַ פאָזיציע אַז איך זאָל קענען זען אַלץ, וואָס טוט זיך אין דרויסן, אָבער מיך זאָל מען פון דרויסן ניט קענען זען. איך האָב געזען, אַז דער מאַן שפאַצירט נאָך אַלץ אַרום. נאָך מער, איך האָב געזען, אַז ווען דער מאַן איז געקומען פונקט קעגנאיבער מיין פענצטער, האָט ער זיך אָפגעשטעלט, פאַררויכערט אַ פאַפּיראָס און דערווייל אַרויפגעקוקט צו מיין פענצטער. ס׳איז שוין ביי מיר קיין ספק ניט געווען, אַז מען שפיאָנירט מיר נאָך און דאָס מיינט, אַז אַ שפיאָן איז מיר נאָכגעפאָרן פון ווילנע. איך בין אַוועק פון האָטעל, האָב זיך אַרומגעדרייט עטלעכע שעה אין שטאָט. דערנאָך בין איך צוריקגעקומען אין האָטעל. קיין געווער האָב איך, פאַרשטייט זיך, אין האָטעל ניט געבראַכט און ביינאַכט בין איך אַרויסגעפאָרן פון גראָדנע קיין ווילנע. באַלד ווי איך בין אַרויס פון וואַגאָן אין ווילנע, איז צוגעקומען צו מיר אַ זשאַנדאַרם און גערופן איך זאָל גיין מיט אים. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין צימער פון דער זשאַנדאַרמעריע און געהייסן עפענען די טשעמאָדאַנעס. ער האָט אַרויסגענומען יעדע זאַך באַזונדער, באַטראַכט, אויסגעטרייסלט און געוואָרפן אויפן דיל. דערנאָך האָט ער אויסגעטרייסלט די ליידיקע טשעמאָדאַנעס, געקלאַפט אין די דעקן און צום סוף געזאָגט: — איר קענט עס איינפאַקן צוריק און פאָרן אַהיים. און אָט בין איך דאָ, האָט אַוורעמטשיק פאַרענדיקט.

אויף אַזאַ אופן האָט דער שפיאָן מיט זיינע ניט גאָר געלונגענע מאַנעוורעס פאַרהיט אַוורעמטשיקן פון אַ געפערלעכער לאַגע.

ס׳זיינען געווען נאָך אייניקע פאַלן, ווען איך האָב אַרויסגעהאָלפן דער אָרגאַניזאַציע אין דער טעכנישער אַרבעט, אָבער איך געדענק ניט קיין פרטים. כ׳וועל דאָ פאַרציייכענען אַ צווייטן פאַל, ווען איך האָב אויך געהאַט צו טאָן מיט געווער. דאָס איז געווען אין אַ שפעטערער צייט.

אין דעם ערשטן פעריאָד איז די אויפגאַבע פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און פון דער צענטראַלער קאָמיסיע געווען — זאַמלען געווער, פאַנאַנ־דערפירן אין פאַרשידענע שטעט און געפינען צייטווייליקע אָדער פער־מאַנענטע באַהעלטענישן פאַר דעם געווער. אין שפּעטערדיקן פעריאָד האָט מען געדאַרפט טאָן פונקט פאַרקערט — מ׳האָט געדאַרפט פּטור ווערן פון דעם געווער, וואָס איז געוואָרן מיט אַזוי פיל מי און מסירת־נפש אָנגעזאַמלט פאַר די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר. אין די אָנפירנדיקע קרייזן פון בונד איז מען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די צייט, ווען מען וועט קענען רופן די מאַסן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, איז גאָרניט אַזוי נאָענט, ווי מען האָט פריער געקענט מיינען. יאָרן קענען נאָך אַוועקגיין ביז אַזוינס וועט זיין מעגלעך. די באַוועגונג איז כסדר געגאַנגען באַרג־אַראָפּ און ס׳זיינען ניט געווען קיין סימנים פון אַ גיכער אויפלעבונג. אייניקע זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער: זיי האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף בכלל פאַרגעסן וועגן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די באַוועגונג וועט פון איצט אָן אָננעמען נייע פאָרמען. די פריערדיקע טאַקטיק וועט ניט טויגן. מ׳וועט דאַרפן אויסאַר־בעטן אַ נייע טאַקטיק, צוגעפּאַסט צו די נייע פאָרמען פון דער באַוועגונג. ס׳האָט דעריבער ניט קיין צוועק צו זאַמלען געווער און אָנהאַלטן אַ קאָנספּיראַטיוון געווער־לאַגער. צו וואָס זאָלן מענטשן זיין אין שטענ־דיקער סכנה דורכצופאַלן פאַר אַ זאַך, וואָס קען קיין נוצן ניט ברענגען?

לייבעטשקע בערמאַן שרייבט אין זיינע זכרונות אין לויף פון יאָרן, אַז אין 1909 האָט די קאָמיסיע מ״ם ליקווידירט דעם צענטראַלן סקלאַד פון געווער אין ווילנע. געטאָן האָבן זיי דאָס אויף אַ גאַנץ פּשוטן אופן, מען האָט דעם קאַסטן מיט געווער, וואָס איז געשטאַנען אין דער אויס־געהוילטער וואַנט, פאַרשאָטן מיט שטיינער און זאַמד, פאַרקלאַפּט און פאַרשלאָגן דאָס פענצטער־ברעט. די רעוואָלווערן און די אַנדערע מכשירים זיינען דאָרט געקומען צו קבורה און געבליבן ליגן אין זייער אייביקער רו. שווערער איז געווען צו באַפרייען זיך פון די רעוואָלווערן, וואָס אַוורעמטשיק האָט פאַרשפּרייט אין קליינע צאָלן אין אַ סך צייט־ווייליקע באַהעלטענישן. צו אַוורעמטשיקן האָבן אָנגעהויבן קומען מענטשן מיט דעם זעלבן פּיזמון: — כ׳האָב אייך געבראַכט די פּאָר רעוואָלווערן, וואָס איר האָט מיר געגעבן צו באַהאַלטן מיט אַ צייט צוריק. איך קען דאָס מער ביי זיך ניט האַלטן. אַוורעמטשיק האָט עס ביי זיך געוויס ניט געקענט האָבן. די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע האָבן שטענדיק געהאַלטן אַן אויג אויף אים. אינגאַנצן כשר בין איך אויך ניט געווען, כ׳האָב דאָן ניט געלעבט אויף מיין אייגענעם נאָמען. אָביסקעס אין מיטן נאַכט איז ניט געווען קיין זעלטנקייט. מיר האָבן זיך געריכט

יעדע נאַכט, אַז פּאָליציי זאָל זיך אַריינרייסן און אָפּשטאָטן אַ וויזיט. מ׳האָט דעריבער געמוזט פּטור ווערן פון דעם געווער דעם זעלבן טאָג, וואָס מען האָט עס געבראַכט. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך אַרויס־געהאָלפן. מיין סיסטעם ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון די רעוואָלווערן איז געווען פאָלגנדיקע: איך פלעג נעמען עטלעכע רעוואָלווערן, אַוועק־גייען אין גאַסן וויט פון אונזער דירה, אַריינגייען אין אַ הויף און דאָרט אַריינגיין אין קלאָזעט. קאַנאַליזאַציע איז אין ווילנע נישט געווען און דער קלאָזעט איז באַשטאַנען פון אַ גרוב אַרומגעצאַמט מיט אַ ביידל. דאָרט האָב איך אַרונטערגעלאָזט די רעוואָלווערן. מער ווי איין רע־וואָלווער פלעג איך אויף איין אָרט ניט אַריינוואַרפן. אויב איך האָב געהאָט עטלעכע רעוואָלווערן, איז מיר אויסגעקומען דורכצושפּאַצירן עטלעכע געסלעך ביז איך בין פון זיי אַלע פּטור געוואָרן.

בכלל איז עס געווען אַן אָנגעשטרענגטע און ניט קיין אָנגענעמע אַרבעט, אָבער איך האָב עס גערן געטאָן. אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אונז צוריקגעבראַכט אַ היפּשע צאָל רעוואָלווערן. גיין מיט דעם איבער די הויפן איז געווען ניט באַקוועם און ניט פּראַקטיש, האָב איך זיך באַ־פרייט פון דעם אויף אַן אַנדער אופן. כ׳האָב אַרומגעפּאַקט די רעוואָל־ווערן אַרום זיך, אויסגעזוכט אַ באַגלייטערין, אַ מיידל פון דער אָרגאַני־זאַציע און מיר זיינען אַוועק צו דער ווילי. (דעם טייך וואָס פליסט אין ווילנע). מיר האָבן געדונגען אַ שיפל און אַוועקגעפאָרן אַראָפּצו מיטן שטראָם. ווען מיר זיינען שוין געווען וויט הינטער דער שטאָט, האָב איך אָוועקגעלייגט די וויאָסלעס און זיך פאַנאַנדערגעגאַרטלט. כ׳האָב אַראָפּגענומען פון זיך די רעוואָלווערן און איינציקווייז זיי אַרונטער־געלאָזט אין טייך.

אייניקע וואָכן האָט אָנגעהאַלטן די אַרבעט צו באַפרייען זיך פון דעם אָנגעזאַמלטן געווער. אַזוי ווי קיין זאַך דויערט ניט אייביק, איז צו דעם אויך געקומען אַ סוף. מ׳האָט אויפגעהערט ברענגען אָורעמ־טשיקן געווער. עס איז שוין מער ניט געווען וואָס צו ברענגען. דאַכט זיך, אַז מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט מיין אַרויסהעלפן אין דער טעכנישער אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט איז ביי מיר געווען אַ ביי־זאַך. די אמתע אַרבעט, וואָס האָט מיך פאַרשלונגען אינגאַנצן, איז געווען די אַרבעט אין גאַרבער־בונד.

בערך צוויי יאָר האָט דער גאַרבער־בונד פונקציאָנירט און געהאַט גרויס אָנזען סיי ביי די אַרבעטער, סיי ביי די באַלעבאַטים. ווי גרויס ס׳איז געווען דער פּרעסטיזש פון גאַרבער־בונד, האָב איך געזען, ווען איך און סערגיי ביעמאַנסקי (סענדער זעלדאָוו) זיינען אַלס זיינע פאָר־שטייער געקומען אין ראָזשינאָי אויסגלייכן די שטרייטיקייטן אויף

כוואַיניקס לעדער־פּאַבריק.ביידע צדדים האָבן אַרויסגעוויזן צו אונז
דעם גרעסטן רעספּעקט און דעם פּולסטן צוטרוי. זיי האָבן גערן אָנגע־
נומען און אויסגעפאָלגט אונזער פּסק־דין. אָבער סוף 1908 האָט אָנגע־
הויבן גיין באַרג־אַראָפּ. די רעאַקציע אין לאַנד האָט זיך פאַרשטאַרקט
ביז גאָר. די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פון דעם שטאַרק געליטן.
אין אַ ריי שטעט זיינען זיי זיך אינגאַנצן פונאַנדערגעפאַלן. אין יענע
ערטער, וואו זיי זיינען יאָ געבליבן עקזיסטירן, זיינען זיי געווען ניט
מער ווי סקעלעטן פון די פריערדיקע אָרגאַניזאַציעס. די גאַרבער־
פאַראיינען אין די שטעט זיינען געווען אין אַן ענלעכן מצב. אין סמאָרגאָן
האָבן די גאַרבער דורכגעמאַכט אַ פאַרצויגענעם און ביטערן שטרייק.
די קאַסע איז אויסגעליידיקט געוואָרן און מ׳איז נאָך געבליבן איינגע־
טונקט אין חובות. אויף אַזאַ אופן איז אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער
הכנסה פון צענטראַל־ביוראָ אינגאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן. די
הכנסות פון אַנדערע פאַראיינען זיינען אויך געוואָרן מאָגערער. אָנהויב
1909 איז די פינאַנציעלע לאַגע פון צענטראַל־ביוראָ געוואָרן קאַטאַס־
טראָפאַל. מיר האָבן גאָרניט געקענט טאָן. באַזוכן די פאַראיינען אין
די פאַרשידענע שטעט האָבן מיר ניט געקענט, ווייל מיר האָבן פּשוט
ניט געהאַט פון וואַנען צו דעקן די רייזע־הוצאות. פאַקטיש איז אונזער
גאַנצע טעטיקייט געוואָרן פאַראַליזירט. איך האָב זיך באַראַטן מיט
עטלעכע וויכטיקע טוער פון ווילנער פאַראיין און מיר זיינען געקומען
צו אַ הסכם, אַז ס׳איז נויטיק צו רופן אַ קאָנפערענץ פון אַ צאָל פאַר־
איינען, אפשר וועט זיך איינגעבן ווי עס איז צו פאַרבעסערן די לאַגע.
מיר האָבן באַשלאָסן די קאָנפערענץ אָפּצוהאַלטן אין סמאָרגאָן.
בייניש מיכאַלעוויטש איז גראָד געווען אין ווילנע און איך האָב אים
געבעטן ער זאָל פאָרן מיט מיר אין סמאָרגאָן צו דער קאָנפערענץ. —
אפשר וועט איר קענען געפינען אַן עצה ווי אַזוי מיר זאָלן זיך קענען
אַרויסקאַראַבקען פון דער געשאַפענער לאַגע, האָב איך אים געזאָגט.
ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. איך געדענק ניט גענוי וויפל דעלע־
גאַטן זיינען געקומען צו דער קאָנפערענץ און וועלכע שטעט זיינען געווען
פאַרטרעטן. אויב איך האָב ניט קיין טעות, זיינען געווען פאַרטרעטן
ווילנע, סמאָרגאָן און אָשמענע. איך האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן
דער געשאַפענער לאַגע און האָב פאָרגעשלאָגן די דעלעגאַטן זאָלן זיך
אַרויסזאָגן, וואָס מען דאַרף טאָן, כדי דער גאַרבער־בונד זאָל ווייטער
קענען עקזיסטירן. מיר האָבן די פראַגע גרינטלעך דיסקוטירט. נאָך די
דעבאַטן זיינען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז אין די עקזיסטירנדיקע
באַדינגונגען קען מען גאָרניט אונטערנעמען און ווי פיינלעך דאָס זאָל
ניט זיין, זיינען מיר געצוואונגען דעם גאַרבער־בונד פונאַנדערצולאָזן.

די רעוואָלוציע, וואָס מיר האָבן דעמאָלט אָנגענומען, האָט געהאַט בערך אַזאַ אינהאַלט: צוליב די ניט־גינסטיקע און שווערע באַדינגונגען זיינען מיר געצוואונגען צייטווייליק אָפּצושטעלן די טעטיקייט פון גאַרבער־בונד. ווי נאָר עס וועלן געשאַפן ווערן גינסטיקערע באַדינ־גונגען, וועלן מיר די טעטיקייט באַנייען. פאַקטיש איז דער גאַרבער־בונד ליקווידירט געוואָרן.

אין זיינע זכרונות שרייבט אַבע לעוו, אַז אין 1912 און 1913 זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויפצולעבן דעם גאַרבער־בונד, אָבער פון דעם איז גאָרניט אַרויסגעקומען. אין די 20־ער יאָרן, ווען אין רוסלאַנד האָט שוין געהערשט דער קאָמוניסטישער רעזשים, האָב איך באַקומען פון מאָסקווע אַ בריוו פון אַבע לעוו, אַז זיי האָבן דאָרט באַנייט דעם גאַרבער־בונד. אויף דעם צוזאַמענפאָר, וואו דער באַשלוס צו באַנייען דעם גאַרבער־בונד איז אָנגענומען געוואָרן, איז אויסער אים, געווען נאָך אַן אַלטער טוער פון גאַרבער־בונד, אגב מיינער אַ נאָענטער חבר פון די ישיבה־יאָרן, אַברהם יצחק סאָרקין. ווייטער האָט ער געשריבן, אַז ער האָט צו מיר אַ בקשה: ער ווערט דאָרט פאַרעכנט אַלס דער היסטאָריקער פון גאַרבער־בונד. ער ווייס די געשיכטע פון גאַרבער־בונד זינט זיין אַנטשטייאונג, ער וואָלט אָבער געוואָלט וויסן וואָס עס איז געווען פריער, „פאַר בראשית״. בעט ער מיך איך זאָל אים וועגן דעם שרייבן. צווייטנס, פאַרלאַנגט ער איך זאָל אים צושיקן מיינע אַ פאָטאָגראַפיע. זיי וועלן עס דאָרט פאַרגרעסערן און אויפהענגען אין לאָקאַל. איך האָב אים געענטפערט, אַז „פאַר בראשית״ איז, וואַרשיינלעך, געווען תוהו־ובוהו. אַזוי ווי איך בין ניט געווען להוט צו הענגען אין מאָסקווע, האָב איך וועגן זיין פאַרלאַנג צו שיקן מיין פאָטאָגראַפיע גאָר ניט געשריבן.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער מיר צוגעשיקט מאַטעריאַלן פון צוזאַמענפאָר (פּראָטאָקאָלן, רעזאָלוציעס) און אַן עקזעמפּלאַר פון אַ פּעריאָדישער צייטשריפט, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן. אין דער זעלבער צייט האָב איך באַקומען פון אים אַ צווייטן בריוו, און ער האָט מיר געשריבן: היות איך האָב אים גאָרניט געענטפערט וועגן זיין פאַרלאַנג צו שיקן מיין פאָטאָגראַפיע, פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז מיר דערווידער, אַנשטאָט דעם בעט ער איך זאָל אים צושיקן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ גרופּע אַלטע טוער פון גאַרבער־בונד און בערשטער־בונד, וואָס געפינען זיך איצט אין ניו־יאָרק. ער וויל אַזאַ בילד אַריינשטעלן אין צייטשריפט. דעם פאַרלאַנג זיינעם האָב איך שוין ניט געקענט איגנאָ־רירן, ווייל איך האָב דאָך ניט געקענט באַשליסן פאַר אַנדערע. איך האָב דעריבער צונויפגערופן עטלעכע אַלטע טוער פון גאַרבער־בונד

און בערשטער־בונד און פֿאַרגעלייענט פֿאַר זיי דעם בריוו. אַלע האָבן מסכים געווען, אַז מען דאַרף אַזאַ פֿאָטאָגראַפֿיע אַוועקשיקן. מיר האָבן זיך פֿאָטאָגראַפֿירט און אַוועקגעשיקט דאָס בילד אין מאָסקווע. דערביי האָבן מיר צוגעלייגט אַ בריוו אין דער פֿאָרם פֿון אַ רעזאָלוציע. דער תמצית פֿון דער רעזאָלוציע איז געווען: מיר האָפֿן, אַז זיי וועלן ניט פֿאַרשווערכן די פֿאָן פֿון גאַרבער־בונד און מיר ווינטשן זיי דערפֿאָלג אין זייער אַרבעט. אויפֿן בילד זיינען געווען: אריה דער גראָדנער (בלום), אברהמקע דער דווינסקער (ריידי), גרשון פֿעלדמאַן, זלמן זינגער, אורציק און איך. אונזער האָפֿנונג איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט מקוים געוואָרן. ווי אַלע אַנדערע אַזוי־גערופֿענע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַר־איינען אין רוסלאַנד, איז דער גאַרבער־בונד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעגירונגס־קאַרטעל, וועמענס אויפֿגאַבע ס׳איז ניט צו זאָרגן פֿאַרן וואוילזיין פֿון די אַרבעטער, נאָר אַרויסצוקוועטשן פֿון די אַרבעטער וואָס מער.

18. אַ לעצטער פּרוּוו

פאַר מיר פּערזענלעך איז די ליקווידאַציע פון גאַרבער־בונד געווען אַן אמתע טראַגעדיע. איך בין געבליבן אַזוי ווי אויפן וואַסער. איך האָב ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן זיך און צו וואָס זיך צו נעמען. ס׳זיינען ניט געווען קיין שום אויסזיכטן אחוץ איינער — די אויסזיכט אַרעסטירט צו ווערן. און די פּערספּעקטיוו צו גיין אין טורמע פאַר גאָרניט טאָן, נאָר צוליב אַ פאַרדאַכט אָדער אַ קאַפּריז פון אַ זשאַנדאַרם און אַ שפּיאָן, האָט מיך גאָרניט געלאָקט. בין איך געווען אין זייער אַ געדריקטער שטימונג. ס׳איז מיר אויפגעקומען דער געדאַנק צו עמיגרירן. פון אייניקע חברים, וואָס האָבן פריער פאַרלאָזט רוסלאַנד, האָב איך גע־וואוסט, אַז פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט ניט קיין פאַך, איז אין די איראָ־פּעאישע לענדער אוממעגלעך איינצואָרדענען זיך. איז אויסגעקומען, אַז דער פּאַסיקסטער פּלאַץ וועט זיין אַמעריקע.

אין יענער צייט האָט אין ווילנע געוואוינט דער מיטגליד פון צ. ק פון בונד מאַרק ליבער. איך פלעג זיך טרעפן מיט אים גאַנץ אָפט. איין מאָל האָט ער געזאָגט צו מיר: — כ׳האָב געהערט, אַז איר טראַכט צו פאָרן קיין אַמעריקע. — ניט איך טראַכט, האָב איך געענטפערט, דאָס איז ביי מיר אַ פעסטער באַשלוס. — איר טאָרט עס ניט טאָן, איר וועט זיך צום אַמעריקאַנער לעבן ניט קענען צופּאַסן, איר וועט דאָרט פאַר־פאַלן ווערן. — איך טו עס ניט פון פאַרגעניגן וועגן. אין עטלעכע ווער־טער האָב איך פאַר אים קלאָר געמאַכט מיין לאַגע.

ער האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט: — פאַרוואָס זאָלט איר ניט פּרובירן איינאָרדענען זיך אין איינעם פון די לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אַלס סעקרעטאַר? האָט ער געפרעגט. איך האָב אים געענטפערט, אַז אויף וויפל מיר איז באַוואוסט, איז אין די געציילטע לעגאַלע פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען ניטאָ קיין פרייער פּלאַץ פאַר אַ סעקרעטאַר. — עס איז יאָ דאָ, האָט ער געזאָגט, איך ווייס אַז דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון די פּריקאָזטשיקעס אין בערדיטשעוו זוכט אַ סעקרעטאַר. אויב איר ווילט, וועל איך זיי גלייך אָנשרייבן און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט איר האָבן אַן ענטפער.

איך האָב זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט, ווייל טיף אין האַרצן האָט זיך

מיר זייער ניט געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב אים געבעטן ער זאָל שרייבן אין בערדיטשעוו. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך פון דאָרט באַקומען אַ בריוו איך זאָל באַלד קומען. כ׳בין טאַקע גלייך געפאָרן. דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין האָב איך געטראָפן אין אַ קלאָגעדיקן מצב. אין די האַניק־חדשים נאָך דעם, ווי עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער 1905, האָבן די האַנדלס־אָנגעשטעלטע, ווי די אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן, דערוואָרבן פאַר זיך באַדייטנדיקע פאַרבעסערונגען אין די אַרבעטס־באַדינגונגען. מ׳האָט געהעכערט די שכירות און דער עיקר — ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ רעגולירטער אַרבעטס־טאָג. איינע פון די שווערסטע זאַכן איז געווען איינצושטעלן ביי האַנדלס־אָנגעשטעלטע אַ רעגולירטן אַרבעטס־טאָג. פון קדמונים איז געווען איינגעשטעלט, אַז אַ פּריקאַזטשיק זיצט אין קראָם כל־זמן די קראָם איז אָפן. יעדער פּריקאַזטשיק האָט געוווּסט, אַז זיין אַרבעטס־טאָג איז געענדיקט, ווען די קראָם ווערט געשלאָסן. ערשט דעמאָלט קען ער גיין אַהיים. ווען אין אַלע פאַכן איז שוין געווען איינגעשטעלט אַ רעגולערער אַרבעטס־טאָג, האָט נאָך ביי די פּריקאַזטשיקעס געהערשט די אַלטע טראַדיציע. דערפאַר איז ביי זיי דאָס איינפירן אַ פעסטגעשטעלטע אַרבעטס־צייט געווען אַ גרויסע דערגרייכונג. אין יענע האַניק־חדשים האָבן עס די פּריקאַזטשיקעס געגרינדעט זייער פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

ווען איך בין געקומען אין בערדיטשעוו זיינען אָבער די האַניק־חדשים שוין לאַנג געווען אַוועק. די פאַרשטאַרקטע רעאַקציע אין לאַנד האָט ניט אויסגעמיטן אויך בערדיטשעוו און דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין האָט עס גאַנץ שטאַרק געפילט. דעם זעלבן טאָג, וואָס איך בין געקומען, האָב איך אין אָוונט זיך געטראָפן מיט דער פאַרוואַלטונג און מיר האָבן געהאַט אַ קורצע זיצונג. דער איינדרוק איז ביי מיר געווען, אַז די פאַרוואַלטונג האָט אַן אויפריכטיקן און שטאַרקן פאַרלאַנג דעם פאַראיין אויפצולעבן, כדי מען זאָל קענען עפּעס ממשותדיקס אויפטאָן. יעדער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט איינצושפּאַנען זיך אין דער דאָזיקער אַרבעט. די פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון אַ גרופּע גאַנץ אינטעליגענטע און באַוואוסטזיניקע יונגעלייט.

אין אָנהויב האָט זיך געמערקט אַ שטיקל אויפלעבונג. די מיטגלידער פון פאַראיין האָבן אָנגעהויבן באַזוכן דעם לאָקאַל מער ווי פריער און די וועכנטלעכע אַפּצאָלונגען האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען מער רעגלמעסיק. ס׳איז מיר איצט שוין ניט מעגלעך פעסטצושטעלן, ווי אַזוי מיר האָבן דעמאָלט דערקלערט די סיבה פון דער אויפלעבונג. ווען איך טראַכט איצט וועגן דעם, דוכט זיך מיר, אַז מען קען עס דער־

קלערן דערמיט, וואָס ביי די מיטגלידער איז שטענדיק געווען אַ שטאַרקער פאַרלאַנג צו זען זייער אָרגאַניזאַציע אין אַ בעסערן צושטאַנד. אַזוי ווי עס איז אָנגעקומען אַ נייער סעקרעטאַר, וועט דאָך דער צושטאַנד פון פאַראיין געוויס פאַרבעסערט ווערן (אַזוי האָבן זיי געהאָפט) און דאָס האָט געווירקט, אַז זיי זאָלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַפּאַטיע און זיך באַציען צום פאַראיין מיט מער אינטערעס. די אויפלעבונג האָט אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. ווען ס'זיינען אַריבער עטלעכע וואָכן און די מיטגלידער האָבן געזען, אַז אַלץ איז געבליבן ווי פריער, האָבן זיי פאַרלוירן דעם אינטערעס. זיי זיינען געוואָרן גלייכגילטיק און ווידער אַריינגעפאַלן אין אַן אַפּאַטיע. דאָס מיינט ניט, אַז די מיטגלידער האָבן זיך אינגאַנצן דערווייטערט פון פאַראיין און געזאָגט דער פאַרוואַלטונג — „פאַרדרייט זיך אַליין אייערע קעפּ". ניין, דאָס האָט ניט פּאַסירט. פאַרקערט, די מיטגלידער פלעגן קומען צו דער פאַרוואַלטונג מיט טענות, אָנקלאַגעס און פאָרוואורפן. די הויפּט־אָנקלאַגעס זיינען געווען קעגן פּריקאַזטשיקעס, וואָס ברעכן דעם איינגעשטעלטן אַרבעטס־טאָג און אַרבעטן לענגערע שעהן. זיי פלעגן פאָרוואַרפן דער פאַרוואַלטונג פאַרוואָס מען דערלאָזט עס, פאַרוואָס מען טוט גאָרניט קעגן דעם. די פאַרוואַלטונג איז געווען אין אַ ביטערער לאַגע. פאַר איר איז געשטאַנען אַ שווער פּראָבלעם. כדי דעם פּראָבלעם צו לייזן, האָט מען געדאַרפט אָננעמען דראַסטישע מיטלען, דערקלערן אַ שטרייק, אָבער דאָס איז געווען צו ריזיקאַליש. ערשטנס איז מען ניט געווען זיכער, אַז די פּריקאַזטשיקעס וועלן פאָלגן דעם רוף פון דער פאַרוואַלטונג, גיכער האָט מען געקענט דערוואַרטן, אַז ניט. און דאָס וואָלט געווען פאַרן פאַראיין אַ טויט־קלאַפּ. דער פאַראיין וואָלט פאַרלוירן זיין גאַנצן אָנזען און דאָס וואָלט באַדייט, אַז די פאַרוואַלטונג האָט אַליין דעם פאַראיין דערהרגעט. פון דער אַנדערער זייט, אויב די פּריקאַזטשיקעס וועלן יאָ פאָלגן דעם רוף פון דער פאַרוואַלטונג און וועלן אַרויס אין שטרייק, זיינען מיר געווען זיכער, אַז דעמאָלט וועט די פּאָליציי שליסן דעם פאַראיין, אַרעסטירן די פאַרוואַלטונג און זי אַדמיניסטראַטיוו באַשטראָפן. הכלל, מיר זיינען געווען אין אַ קלעם.

ביי יעדער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג איז געשטאַנען די פראַגע וואָס מען קען אונטערנעמען, כדי צו ווייזן דער מיטגלידערשאַפט, אַז דער פאַראיין קען נאָך עפּעס אויפטאָן. ס'איז אויפגעקומען דער געדאַנק צו אָרגאַניזירן מעדיצינישע הילף פאַר די מיטגלידער און זייערע משפחות. פאַר דעם צוועק האָבן מיר זיך געווענדעט צו אַ צאָל דאָקטוירים און זיי גערופן צו אַ באַראַטונג מיט דער פאַרוואַלטונג. אין אַ געוויסן טאָג איז די באַראַטונג אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָקאַל פון פאַראיין. ס'זיינען געקומען דאָקטוירים פון פאַרשידענע ספּעציאַליטעטן.

מיר האָבן זיי דערקלערט וואָס מיר ווילן. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז דער אָרימער טייל פון דער באַפעלקערונג איז ניט אימשטאַנד צו באַנוצן זיך מיט מעדיצינישער הילף, ווען ס'איז נויטיק. מען רופט אַ דאָקטאָר בלויז דעמאָלט ווען עס האַלט שוין גאַנץ שמאָל. ווען דער דאָקטאָר קומט, איז שוין צו שפּעט און ער קען שוין ווייניק וואָס אויפטאָן. מיר פאַר־לאַנגען דעריבער, אַז די דאָקטוירים זאָלן געבן געוויסע הנחות אונזערע מיטגלידער און זייערע משפּחות, כדי צו קענען באַנוצן זיך מיט דער מעדיצינישער הילף אין דער ריכטיקער צייט. אויף וויפל איך קען זיך דערמאָנען, האָבן די דאָקטוירים זיך באַצויגן צו אונזער פּראָיעקט גאַנץ סימפּאַטיש. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן די הנחות, וואָס זיי קענען געבן. מיר האָבן דאָס אָנגענומען און געשלאָסן מיט זיי אַ פאָרמעלן אָפּמאַך

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פּריקאַזטשיקעס. אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר גערעדט ווי וויכטיק ס'איז פאַר יעדן איינעם צו קריגן מעדיצינישע הילף ווען ס'איז נויטיק. די פאַרוואַלטונג האָט דעריבער באַשלאָסן צו פאַרלייכטערן פאַר די מיטגלידער די מעגלעכקייט צו באַקומען מעדיצינישע הילף אין צייט און מיר האָבן איבערגעגעבן אַלע פּרטים פון אָפּמאַך מיט די דאָקטוירים. די פאַרזאַמלונג האָט אונז זייער אויפמערקזאַם און גערן אויסגעהערט. ס'זיינען געשטעלט געוואָרן אייניקע פראַגן, וועלכע מיר האָבן פאַר־ענטפערט צו אַלעמענס צופרידנקייט. אויף דער פאַרזאַמלונג איז גע־זעסן אַ פאַרשטייער פון דער מאַכט אין דער פאָרעזאָן פון אַן אָקאָלאָדאָ־טשניק. די גאַנצע צייט איז ער געזעסן און געשוויגן און קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געפאָדערט מען זאָל ריידן רוסיש. איינער פון דער פאַרוואַלטונג איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים איינגערוימט אַ סוד אין אויער און ס'איז געוואָרן רעכט. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט. די פאַרזאַמלונג איז אָנגעגאַנגען אַזוי ווי פריער אָן ווייטערדיקע שטערונגען.

די פאַרזאַמלונג איז געווען גוט באַזוכט. דאָס איז געווען די איינציקע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין בער־דיטשעוו. אויף אַ געוויסער צייט האָט די אַקציע צו באַזאָרגן די מיט־גלידער מיט מעדיצינישער הילף אַריינגעטראָגן אַ סך לעבן אין פאַראיין. פיל מיטגלידער פלעגן קומען מיט פאַרשידענע אָנפראַגעס. מיר האָבן צוגעגרייט ליסטעס פון די מיטגלידער און זייערע משפּחות און דאָס אַריינגעשיקט צו די דאָקטוירים. מיט איין וואָרט, ס'האָט זיך גערודערט. און אַז ס'רודערט זיך, קומען אַריין די וועכנטלעכע אָפּצאָלונגען רעגל־מעסיק און אין קאַסע איז געוואָרן פרייילעכער.

ווען עס איז אַריבער אַ שטיקל צייט, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן מערקן אַ קאַלטקייט מצד די מיטגלידער צום פֿאַראיין. און דאָס האָט זיך באַלד אָפּגערופֿן אויף די פֿינאַנצן. די וועכנטלעכע מיטגלידס־אָפּצאָלונגען האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען אַלץ ווייניקער. מיר האָבן גענומען זוכן די סיבות. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס זיינען מיר געקומען צו דעם אויספֿיר, אַז דאָס איז אייגנטלעך אַ נאַטירלעכע זאַך: די מיטגלידער האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו די פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן באַקומען דורך דער מעדיצינישער הילף, און זיי ווילן ניט טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס איז געווען פֿריער. ניט זעענדיק קיין נייע אויפֿטוען פֿון פֿאַראיין, איז נאַטירלעך, אַז זייער באַציאונג צו דער פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע זאָל אָפּגעקילט ווערן. אַחוץ דעם האָבן מיר געזען נאָך אַ סיבה. מיטן דאָקטאָר קומט דער מיטגליד אין קאָנטאַקט זעלטן, נאָר אין פֿאַל פֿון קראַנקייט. קיין שום מיספֿאַרשטענדענישן קומען ביי זיי ניט פֿאָר. מיט זיין באַלעבאָס באַגעגנט זיך דער אָנגעשטעלטער טאָג־טעגלעך, ס'אַנטשטייען צווישן זיי מיספֿאַרשטענדענישן און רייבונגען. ס'זיינען פֿאַראַן קריוודעס און דער פּריקאַזטשיק פֿילט זיך אָנמעכטיק. ער ווייס, אַז הינטער אים שטייט ניט קיין פֿעסטע אָרגאַניזאַציע, וואָס קען אים באַשיצן. ער פֿילט, אַז ער האָט ניט אויף וועמען אָנצושפּאַרן זיך. דאָס ווירקט, אַז דער פֿאַראיין זאָל אים ווייניק אינטערעסירן.

מיר האָבן, הייסט עס, געוואוסט די סיבות פֿאַרוואָס דער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין געפֿינט זיך אין אַזאַ ביטערער לאַגע. אָבער פֿון דעם איז די לאַגע ניט געוואָרן בעסער. פֿאַרקערט, וואָס ווייטער איז די לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער.

אויף אַ זיצונג פֿון דער פֿאַרוואַלטונג האָב איך איינמאָל אָפּגעגעבן אַ פֿינאַנציעלן באַריכט און געמאָלדן, אַז איך האָב באַצאָלט דירה־געלט פֿאַר דעם לאָקאַל, געקויפֿט אַ פּאָר קלייניקייטן פֿאַרן פֿאַראיין און איצט איז די קאַסע פּוסט. פֿאַר דער לעצטער וואָך איז אין קאַסע קיין גראָשן ניט אַריינגעקומען. מיין געהאַלט האָב איך די לעצטע וואָך ניט באַקומען און איך זע ניט פֿון וואַנען איך וועל דאָס קענען באַקומען די וואָך. איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו רעזיגנירן. די פֿאַרוואַלטונגס־מיטגלידער האָבן פּרובירט מיר אָפּריידן פֿון דעם. זיי האָבן געבעטן איך זאָל נאָך פֿאַרבלייבן אַ שטיקל צייט. זיי האָבן פֿאַרגעשלאָגן, אַז פֿון איצט אָן זאָל איך יעדן גראָשן, וואָס וועט אַריינקומען, נעמען פֿאַר זיך ווי מיין געהאַלט און ניט מאַכן קיין שום אַנדערע אויסגאַבן. איך האָב זייער פֿאַרשלאָג ניט אָנגענומען און זיי האָבן אַקצעפּטירט מיין רעזיגנאַציע.

איצט האָב איך זיך געפֿונען אין דער זעלבער לאַגע, ווי פֿאַר מיין קומען אין בערדיטשעוו. איך בין געבליבן הענגען אין דער לופֿטן. איך

האָב ענדגילטיק באַשלאָסן צו עמיגרירן. כ׳האָב זיך געזעגנט מיט דער פאַרוואַלטונג און בין אָוועקגעפאָרן קיין ווילנע. געלט האָב איך פאַרמאָגט ווייניק. ס׳איז געווען גענוג צו באַצאָלן פאַר אַריבערשמוגלען די גרענעץ און דערפאָרן ביז בערלין. צו קויפן אַ שיפס־קאַרטע האָב איך קיין געלט ניט געהאַט. איך האָב געהערט, אַז אין בערלין איז דאָ אַ הילפס־קאָמיטעט, וואָס באַזאָרגט מיט שיפס־קאַרטעס עמיגראַנטן, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענע מיטלען. זיכער איז דעם בין איך ניט געווען. אַנע ראָזענטאַל איז דעמאָלט געווען אין בערלין, האָב איך באַשלאָסן אָנצופרעגן ביי איר וועגן דעם. איך בין אַוועק צו דר. פּאַוועל ראָזענטאַל און גענומען ביי אים אַנעס אַדרעס. אגב האָט ער שוין עקזאַמענירט מיינע אויגן. זיין דיאַגנאָז איז געווען, אַז מיינע אויגן האָבן אַן אָנצינדונג. — דאָס איז ניט קיין טראַכאָמע, האָט ער געזאָגט, דאָך דאַרף מען די אויגן קורירן, וויל די אימיגראַציע־באַאַמטע אין אַמעריקע קענען עס נאָך אָננעמען פאַר טראַכאָמע און מיך ניט אַריינלאָזן אין לאַנד. ער האָט מיר פאַרשריבן טראָפּנס. איך האָב אָוועקגעשריבן אַ בריוו צו אַנען און געבעטן זי זאָל מיר שרייבן צי מיין אינפאָרמאַציע וועגן דעם הילפס־קאָמיטעט איז ריכטיק. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך פון איר באַקומען אַן ענטפער, אַז מיין אינפאָרמאַציע איז ריכטיק און איך זאָל קומען קיין בערלין. זי איז זיכער, אַז איך וועל קריגן אַ שיפס־קאַרטע.

***

אַ קאָנטראַבאַנדיסט, מיט וועמען מיר האָבן אין די פריערדיקע יאָרן געפירט „געשעפטן" פאַר דער באַוועגונג, האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס צו אַ קאָנטראַבאַנדיסט אין אַ גרענעץ־שטעטל. דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אײדקונען. איך בין אַהין אָוועקגעפאָרן. אויף דעם אָנ־געגעבענעם אַדרעס האָט מיך אויפגענומען אַ מיידל — דעם באַלעבאָס אַ טאָכטער. איך האָב איר געזאָגט ווער עס האָט מיך געשיקט און וואָס איך דאַרף. — גוט, האָט זי געזאָגט, מיר וועלן עס באַזאָרגן. זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער און געזאָגט: — אויב איר דאַרפט ניט אין שטאָט עפּעס נויטיקס, איז בעסער איר זאָלט זיך ניט אַרומדרייען איבער די גאַסן. זיצט בעסער אין הויז. זי איז אַרויסגעגאַנגען.

אין אָוונט איז דאָס זעלבע מיידל אַריינגעקומען און געזאָגט: — קומט אַריין אין צווייטן צימער וועט איר זיך באַקענען מיט אונזער משפּחה. זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער, פיין אויס־מעבלירט. דאָרט זיינען געזעסן דער באַלעבאָס, זיינע אַ צווייטע טאָכטער, און אויף אַ ווייכער שטול איז געזעסן אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט אין

פוס אויסגעצויגן און פארבאנדאזשירט. ער האט זיין פוס געהאלטן אנגעשפארט אויף א צווייטער שטול, וואס איז געשטאנען קעגנאיבער. איך קוק זיך איין און איך זע, אז דאס איז א בחור, מיט וועמען איך האב זיך זייער גוט געקענט אין דווינסק. ער איז געווען א הויכער, א געזונטער און געהאט א העלדישע פיגור. ער איז געווען פון די וויכטיקע טוער אין דער באוועגונג, דוכט זיך, אז ער איז געווען א בערשטער. מיר זיינען, פארשטייט זיך, געווען צופרידן פון דער באגעגעניש. אז ס'זיינען אריבער די ערשטע פאר מינוט פון איבעראשונג, האב איך ביי אים געפרעגט, וואס ס'איז מיט זיין פוס און וואס ער טוט דא. ער האט מיר דערציילט פאלגנדיקע געשיכטע: ער איז געווען ארעסטירט (איך געדענק ניט אין וועלכער שטאט). אים האט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן און ער האט באשלאסן צו עמיגרירן. פארן מיט דער באן איז געווען פאר אים צו ריזיקאליש, האט ער זיך אוועקגעלאזט שפאצירן צופוס צו דער דייטשער גרענעץ. זיבעצן טעג האט ער געוואנדערט דורך וועלדער און פעלדער, געשפייזט האט ער זיך מיט ניס, וואס זיינען געוואקסן אין די וועלדער לרוב און מיט יאגדעס. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אים איינ־געבן צו גנבענען פון א פויערשן גארטן א פאר אוגערקעס, מערן, א ברוצקע א. אז. וו. . אלץ וואלט געווען צו דערליידן, אבער עס האט אים אנגעהויבן ווי טאן א פוס. ס'איז אים וואס ווייטער געווארן אלץ שווערער אויף דעם פוס אנצוטרעטן. דער פוס האט אלץ שטארקער ווי געטאן און ווען ער האט דערגרייכט דאס שטעטל איז שוין זיין פוס געווען געשוואלן. מיט גרויס מאטערניש האט ער זיך דערשלעפט צום הויז, וואו מיר געפינען זיך. איצט וועט ער דא מוזן בלייבן ביז זיין פוס וועט געזונט ווערן. ער געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון א דאקטאר. ניט גע־קוקט אויף דער אומאנגענעמער לאגע זיינער, האבן מיר פארבראכט א גאנץ אנגענעמען אוונט.

נאכן איבערנעכטיקן האט מיר די טאכטער פון באלעבאס געבראכט א „פאלפאסעק". דאס איז געווען א פערזענלעכער דאקומענט, וואס די איינוואוינער פון שטעטל האבן געקענט קריגן פון דער פאליציי אויף אריבערצופארן די גרענעץ הין און צוריק. אזא פאס איז געווען גילטיק אויף א לענגערער צייט. אין דער דאזיקער צייט האט דער אייגנטימער פון „פאלפאסעק" געקענט אריבערפארן די גרענעץ וויפל מאל ער האט געוואלט. אזוי ווי קיין פאטאגראפיש בילד איז צום פאספארט ניט געווען צוגעקלעפט, האט זיך יעדער איינער געקענט מיט אים באנוצן. עס האט נאר געדארפט מער אדער ווייניקער שטימען די עלטער. מיט דעם דאזיקן „פאלפאסעק" בין איך אין אוונט אריבער די גרענעץ און פון דארט אוועקגעפארן קיין בערלין.

א גאַנצע קאָלאָניע בונדיסטן איז דעמאָלט געווען אין בערלין. פון זיי געדענק איך: אַנע ראָזענטאַל, אַלבערט זאַלקינד, וולאַדעק און אַוורעמטשיק דער איינבינדער (בערנאַדיק). און אַלע פלעגן עסן מיטאָג אין איין אָרט, אין דעם פּאַנסיאָן פון דער מאַדאַם באַראָווער. דאָרט האָב איך מיטאָג־צייט אַלעמען געטראָפן. נאָך מיטאָג האָט מיך איי־נער פון זיי אַוועקגעפירט אין הילפס־קאָמיטעט. דער פאַרוואַלטער פון קאָמיטעט איז געווען דר. טיאָמקין, אַ הויכער מאַן מיט אַ הדרת־פּנים, מיט אַן אימפּאָזאַנטער פיגור און מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד. דער חבר, וואָס האָט מיך געבראַכט, האָט גערעדט פאַר מיר מיט דעם דר. טיאָמקין. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער ענין געווען דערליידיקט. ס'זיינען ניט געווען קיין שום פראַגן, קיין שום ביוראָ־קראַטישע פּראָצעדורן. דר. טיאָמקין האָט מיר געשיקט אין אַ פּאָלי־קליניק צו באַטראַכטן מיינע אויגן. צומאַרגנס איז שולדינער (ער וואוינט איצט אין ניו־יאָרק און איז אַ מיטגליד פון ברענטש 99 אַר־בעטער־רינג) געגאַנגען מיט מיר אין פּאָליקליניק. אין דעם זעלבן פּאָליקליניק האָט ער אַליין מיט אַ קורצער צייט פריער קורירט זיינע אויגן און איז באַפריינדעט געוואָרן מיט דעם אויגן־דאָקטאָר פּאָליאַק. באַלד ווי מיר זיינען אַריינגעקומען, האָט אים דר. פּאָליאַק באַמערקט און ער האָט אים צוגערופן. שולדינער האָט אים אָנגעוויזן אויף מיר און געזאָגט, אַז איך בין אַן עמיגראַנט, וואָס פאָרט קיין אַמעריקע און אַז דר. טיאָמקין האָט מיך געשיקט אַהער צו עקזאַמענירן די אויגן.

דער דיאַגנאָז פון דר. פּאָליאַק איז געווען דער זעלבער, וואָס פון דר. פּאַוועל ראָזענטאַל. אויב איר ווילט מען זאָל אייך אַריינלאָזן אין אַמעריקע, מוזט איר די אויגן קורירן, האָט דר. פּאָליאַק געזאָגט. די קוראַציע וועט דויערן צוויי אָדער דריי וואָכן. ער האָט באַשטימט די טעג, ווען איך דאַרף קומען אין פּאָליקליניק. מיט דעם ראַפּאָרט בין איך אַוועק אין הילפס־קאָמיטעט. דר. טיאָמקין האָט באַשטעלט פאַר מיר אַ צימער מיט עסן אין פּאַנסיאָן פון דער מאַדאַם באַראָווער. אַזוי אַרום בין איך געוואָרן אַ קעסט־קינד ביים הילפס־קאָמיטעט.

די קוראַציע פון מיינע אויגן האָט געדויערט אַ סך לענגער ווי דר. פּאָליאַק האָט פאָראויסגעזאָגט. ער האָט מיך אָפּגעהאַלטן אַכט אָדער ניין וואָכן. ערשט דעמאָלט האָט ער מיר אַרויסגעגעבן אַ באַשטעטיקונג, אַז מיינע אויגן זיינען פולשטענדיק אויסגעהיילט. מיט דער באַשטעטי־קונג בין איך אַוועק אין הילפס־קאָמיטעט. דר. טיאָמקין האָט מיך געשיקט קיין האַמבורג צום דאָרטיקן פּאַרטרעטער פון הילפס־קאָמיטעט. יענער האָט באַשטעלט פאַר מיר אַ פּלאַץ אויף אַ שיף, וואָס גייט קיין

אַמעריקע. אין דעצעמבער 1909 האָט די שיף פאַרלאָזט די דייטשע ברעגעס.

אָנהויב יאַנואַר 1910 האָט מיך די שיף געבראַכט אין ניו־יאָרקער פּאָרט. פון דעמאָלט אָן לעב איך אין ניו־יאָרק, אָן אויסנאַם זיבעצן בלויז געווען אַנדערטהאַלבן יאָר. אין 1917, נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער רעוואָלוציע, בין איך צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, אָבער צוליב דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, האָב איך באַשלאָסן דאָרט ניט צו בלייבן און כ׳בין צוריקגעקומען קיין אַמעריקע. מיט אַ פּאָר צענטליק יאָר פריער, וואָלט איך אפשר געקענט זאָגן, אַז איך האָף צו שרייבן אַ צווייטן טייל וועגן מיין צווייטן, הגם קורצן, רוסישן פעריאָד און בעיקר וועגן מיין לעבן אין אַמעריקע. איצט אָבער, נעמענדיק אין אַכט מיין עלטער, קען איך עס ניט זאָגן.

ס ו ף .

זוכצעטל פון נעמען

א

אַבראַמאָוו אידל — 25.
אַבראַמאָוויטש ר. — 169, 221.
אברהם העניטשקע־מאַכער — 152.
אברהם הערש — 154, 155.
אהרן לייב — 84.
אווראַמקע וואַסילקאָווער — 47.
אוסאָוו — 40, 126.
אוסישקין ביילקע — 22, 27.
אוסישקין באַצקל — 22, 23, 41.
אורציק גערצאָוו — 283.
איזאַקסאָן אהרן (טל־ומטר) — 152, 155, 156, 158, 159.
אייזיק וואַסיל — 90, 92.
אייזענשטאַט איסאַי (וויטאַלי) — 156, 158, 159, 183, 184, 185, 219, 259, 261.
איבלאָוו דאוויד — 230.
אַלטער אייזיק — 52, 53.
אַמסטערדאַם אברהם מאיר — 20, 23, 41.
אַמסטערדאַם וואָלף בער — 20.
אַמסטערדאַם ישראל — 20.
אַנידום בענצל — 245.
אַפּנער גיסיע — 46, 47, 49.
אשפּיז — 158.
אשר גאָלדשמיד (סאָלאָווייטשיק) — 152.

ב

באַגאַראַד יונה — 97.
באַגראַוו בערל — 97, 101, 259.
באָטווייניק בערעלע — 175.
באָטווייניק הירש — 105.
באַנעוואַור אבראַם — 158.
באָראָווער — 291.
באַראָן הירש — 256.
באַרטרעט — 259.
באַרישניק אַנאַ — 47, 48.
ביעלינסקי — 24.
בלום אריה (גראָדנער) — 101, 118, 257, 259, 283.
בלעכמאַן מאיר — 13.
בלעכמאַן שיינע אסתר — 13.
בענדעט — 101, 103, 118, 147, 259.
בעקל חיים — 240.
בערמאַן לייבעטשקע — 152, 276, 279.
בערמאַן פּאַוועל — 156.
בערנאַדיק אווּרעמטשיק — 273, 274, 275, 276, 277, 278, 279, 280, 291.
בערנאַדיק מושל — 275, 276, 277.
בערעזאָווקער ראָבקע — 31.
בערקענבליט יהושע — 253.
בראָדסקי ברוך — 27.
בראַון אברהם (סערגיי) — 176.
בריינין ראובן — 20.

ג

גאָזשאַנסקי שמואל (לנו) — 150, 151, 197, 199, 200, 203, 204, 218, 261, 263.
גאָלדמאַן — 131.
גאָלדמאַן לעאָן — 250.
גאָלדפאַרב מאַקס — 221, 227.
גדליה — 47.
גיטעלסאָן — 17.
גילזאָווטשיק אברהם — 173.
גינזבורג אבראַם — 28, 31, 32, 38, 39, 40, 49, 128, 129, 130, 131, 134, 135, 137, 138, 139, 140.
גינזבורג אברהם זלמן — 14.

געזענצוויי נתן — 105.
גראָסער בראָניסלאַוו — 250.
גריליכעס — 226.
גרינבלאַט (אַמסטערדאַם) ליזע — 23, 38, 41, 105, 109, 110.
גרינבלאַט ראָזע — 23.
גרינבערג עטל — 120.
גרישאַ — 47.

ד

דאָבראָליובאָוו — 24.
דוד דער זעמשער — 173.

ה

האַמבורג שלומקע — 22, 23.
האָפמאַן איצקע — 33, 44, 93.
האָפמאַן באַקאַ — 28, 93.
האָפמאַן פּאַליע — 93, 94.
הורוויטש מנוחה — 105.
הורוויטש צביה — 59, 105, 158.
הירשקע פּאַרבער — 227, 229.
העלער העלענאַ — 117.
העניע רחל — 47, 155.
העלצער אידל — 97, 99, 100, 118.

וו

וואָלין י. — 179.
וואַלענטין — 223.
וואַסיליעוו — 181, 182.
ווילבושעוויטש מאַניע — 108, 179.
וויטל שניידערקע — 173.
וויטענבערג — 26.
ווילענסקי באַסיע — 22, 27, 31.
ווילענסקי הלל — 21.
ווילענסקי מירע — 22, 27.
ווילענסקי סאָניע — 22.
ווילענסקי פייגע איטע — 21, 27.
וויניצקי — 139.
ווינאָקור מאַקס — 158.
ליאַם אַדעלע — 275.
וויינשטיין רחמיאל — 105, 156, 158, 188.
ווייסענבלום שמאי — 61, 67, 71, 154, 158.
וולאַדעק (ברוך טשאַרני) — 174, 185, 186, 188, 189, 197, 202, 203, 262, 291.
וועטליצקי (מעטליצקי) זעליג — 173.
וועלוול דער שוסטער — 98, 147.

ז

זאַלקינד אַלבערט — 291.
זאַסלאַווסקי דוד — 176.
זאַקאָן חיים — 105.
זובאַטאָוו — 108, 109, 179, 181.
זלאַטקין — 250.
זלאַטקע — 261.
זלמן דער איינבינדער — 173.
זלמן דער בערשטער (זינגער) — 105, 158, 283.
זלמן לאַפּציע — 240, 241.
זעלדאָוו-ניעמאַנסקי סענדער — 105, 268, 269, 280.
זשאַלודסקי מאַריע — 59, 158, 218, 219.
זשאַראָוו — 21.
זשעליאַבאָוו אַנדריי — 20.

ח

חנא לייב — 147, 148.
חנה די האָרבאַטע — 120, 121.
חיים יודל — 47.

ט

טאַטאַרסקי חיים — 49, 96, 120.
טאַראַטוכאַ — 139.
טיאָמקין דר. — 291.
טערמאַן משה — 174, 186.
טערמאַן ראָדיע — 39, 129.
טרוכעוויטש סטאַניסלאַוו — 102.
טשעמעריסקי סאַשאַ — 179, 180, 181, 182, 183, 184, 185.
טשערנישעווסקי נ. — 24.

י

יאָבע („די רביצין") — 47, 48.
יאַנאָווסקי — 54, 55, 56.
יאַנקל — 47.
יאַנקעלעוויטש — 134, 135.
יאָפע — 139.
יאָקאָבי סינאי — 61, 62, 67, 71.
יאַקובאָוויטש — 130, 139.
יאשקע דער סטאָלער — 27.
יאָשקע פּאָדוואָראַטניק (סמאָלאַקאָווסקי) — 30, 31, 32, 33, 34, 35, 36, 37, 93, 94.
יודל — 269, 270.
יודל (אַ מינסקער) — 177, 178, 179, 180, 181, 182, 184.
יודל שווידעלסקי (בובּינדער) — 49
יודל העלצער (גאַרבער) — 97.
יודל (וועבער) — 47.
יודע נחום — 32.
יוזקע — 53, 54.
ישראל גאָלדשמיד — 152.
ישראל קייטעל-מאַכער — 152.

כ

כּאָוקין — 30.
כּאַלפין — 26.
כּאַנין נחום — 196.
כוואַיניק אַבראַשע — 265.
כוואַיניק אברהם יצחק — 265, 266, 267, 268, 269, 270, 281.

ל

לאַנדאַ סאַלאָמאָן — 28, 49, 52, 66.
לאַסאַל פערדינאַנד — 24.
לאַפּין רחמיאל — 47.
לוריע — 271, 272.
לוריע אַלבערט — 147, 151.
לוריע נח — 198, 272, 273.
לוריע שלומקע — 272.
ליאַס אַרעלע — 275.
ליבער מאַרק — 105, 158, 159, 175, 176, 284.
ליטוואַק א. — 221, 259.
ליליענבלום משה לייב — 19.
ליעף איסאַק (איצקע דער פאַרבער) — 27, 43 — 45.
ליעף בלומע — 45.
ליפשיץ — 161.
לעוו אַבע — 101, 148, 257, 259, 282.
לעוויט ראָזע (פרידע) — 151, 154, 158.
לעווין בענציע — 48, 49, 50, 101, 105, 118, 148, 149.
לעווין חנה — 48.
לעווין שלום — 52, 53, 158.
לעווינסאָן ב. ד"ר (בענסקי) — 260, 262, 263.
לעווענזאָן יצחק בער — 19.
לעווקאָוויטש משה לייב — 61.
לעמבערגסקאַיאַ — 131.
לענין וו. — 149, 150.
לענסקי יוסף — 198.

מ

מאַזאָווער מאַקס — 170.
מאַטאַלסקי אליהו אהרן (יודל) — 151, 161, 169.
מאַטיע (גלובאָווער רבס זון) — 19, 20, 41, 42.
מאַטקע געווער — 229.
מאַסלאָוו איסאַק — 207.
מאַפּו אברהם — 19.
מאַקסים — 223, 228.
מאַרגאָלין סעמיאָן — 173, 189, 190, 191, 192.
מאַרטינאָוו — 250.
מאַריאַשין אַלטער — 31, 36, 37, 38.
מאַריאַשין נחמן — 14.
מאַרקס קאַרל — 24.
מינוועז חאַציע — 47, 50, 55, 170.
מינוועז קאַטיע — 173, 185, 192.
מוסין-פושקין — 188.
מיכאל — 14, 16, 17.

מיכאַלעוויטש בייניש (יוסף איזביצ־
קי) — 47, 48, 102, 103, 117,
118, 120, 147, 151, 236, 281.
מילל דזשאָן — 158.
מינדעל יאַקאָוו — 102, 110, 111,
112, 113, 114, 116, 117.
מינץ וועלוול — 25.
מיצקון — 105, 158.
מעדעם וולאַדימיר — 58, 59, 158,
159.
מעזשעוועצקי פסח — 25, 58, 193,
194.
מענדל (גלובאָווער תּכס זון) — 19,
41, 42.
מרדכי — 47.
מרדכי בלעטל־מאַכער — 152.
משה — 84.

נ

נח (יקותיאל פּאַרטנײ) — 50, 59
60, 61, 104, 105, 120, 156, 158,
159, 170, 173, 175, 198, 201,
202, 205, 216, 217, 218, 247,
250, 257, 263.

ס

סאָקאָלאָוו — 188, 189.
סאָרקין אברהם איצקע — 25, 97,
102, 237, 238, 282.
סטאָלפּנער ברוך — 176.
סטערקע — 252, 253.
סמאָלענסקין פּרץ — 19.
סניטקא — 199.

ע

עטקין — 92, 93, 95.
עליע שלאָסער (שווירזאַנסקי) — 152.
עפּשטיין אַלטער — 105.
עפּשטיין לאַזאַר — 173, 174, 181,
182, 185, 273.

פּ

פּאַלאַנסקי יוזשעק — 257, 259.
פּאָליאַק דר. — 291.
פּאָלינע — 226.
פּאַסאַדעטשיק אַרקע — 27, 97.
פּינצאָוו בערל — 49, 52, 96, 121,
122, 125, 143, 146, 164.
פּינצאָוו שרהקע — 164.
פּילוים — 90, 91, 92.
פּלאַגאָוו זעלדע — 27, 32, 35.
פּלעכאַנאָוו געאָרגי — 24.
פּעלער — 130, 135, 144, 145, 146.
פּעסיע — 84.
פּעראָווסקאַיאַ סאָפיע — 20.

פֿ

פֿאָן פּלעווע — 168.
פֿייוול שטעפּער — 105.
פֿלאָווסקין יאשקע — 97, 257, 258.
פֿעלדמאַן גרשון — 101, 257, 259,
283.
פֿרומקין אסתר — 189.
פֿרומקין באָרים — 158.
פֿרידמאַן — 32, 33, 34, 35.
פֿרידענבערג שלמה יצחק — 97.

צ

צייטלין באָרים — 39, 129, 138,
139.
ציפּקין סאַשאַ — 158, 172.
צירל — 47.

ק

קאַוטסקי קאַרל — 24, 164.
קאָזלאָווסקי מיעטשיסלאָוו — 102,
118.
קאַטשעריאַן — 133.
קאַיגען יונה — 158.
קאַלבאַנאָווסקי — 26.
קאַלעצקי איסאַק און סאַשאַ — 194,
195.
קאַלקשטיין (קאַרל) פּנחס — 61, 68,
69.
קאַסאָווסקי וולאַדימיר — 158, 159.

קאַסטעלאַנסקי אבראַם — 151.
קאַפּלינסקי ישראל מיכל — 105, 108, 109, 157, 158, 276, 277.
קאַפּעליזאַן צמח — 158.
קאַץ דוד — 105, 158, 220, 263.
קאַרעוו — 97.
קאַרפּ מרדכי — 97, 101, 103, 118, 147, 264, 265, 266, 267, 268, 269, 270.
קהאַטין אבראַמטשיק — 27, 43.
קהאַטין רחל — 43.
קורסקי פּראַנץ — 158.
קיווענסאַן מענדל — 93, 94.
קרעמער אַרקאַדי — 158, 159, 233.
קרעמער יודל — 101, 118, 257, 259.

ר

ראַבינאָוויטש מאַקס — 158.
ראַבקין איסר — 25, 154, 158.
ראובן דער פעלדשער — 81, 84, 85, 86.
ראַזענטאַל אַנאַ — 50, 57, 60, 61, 96, 100, 105, 109, 117, 120, 238, 289, 291.
ראַזענטאַל פּאַוועל ד"ר — 50, 55, 60, 61, 96, 100, 103, 104, 105, 107, 108, 109, 117, 118, 120, 148, 238, 267, 268, 289, 291.
ראַזענפעלד חנהקע — 28, 39, 40, 103, 129, 142, 143.
ראזענקראַנץ יעקב שלמה — 47, 104.
ראַטשפּאַן אברהמל — 152.
ראַם אַרקע — 27, 89, 90.
רב-רבי גרשון — 197, 198, 201.
רואַוקע דער מאַהילעווער — 259, 261.
ריטערבאַנד — 61.
ריידי אוראַמקע — 97, 101, 224, 225, 231, 239, 259, 261, 283.
רייזל די זאַקענמאַכערין — 47, 48, 49, 236.
ריין אַנאַ — 163, 190.
ריסקינד אסתר — 50, 62, 63, 64, 69, 197, 198, 204, 206.

ש

שאול דוד — 47.
שאַליט וועלוול — 27, 29.
שאַליט חיים — 17, 18.
שאַפּיראַ אַלטער (בלעכער) — 171, 173.
שולדינער — 291.
שבורמאַן — 48.
שטשופּאַק שמואל (וולאַדימיר) — 229, 230, 232.
שיינע עלקע הובאַר — 47, 105.
שלומקע גאַזאָוויק — 152.
שליאַכטער ישראל מאיר — 38, 46, 93, 94.
שמואל (גלוכאָווער רבס זון) — 19, 20, 23, 41, 42.
שניירסאַן — 158.
שעוועלעוו זינע — 28.
שערמאַן יואל — 264.

דער קאָמיטעט אַרויסצוגעבן די זכרונות
פון אַבראַם דער טאַטע

נ. כאַנין, פּאָרזיצער
פ. מאַסלאָוו, וויצע־פּאָרזיצער
ל. עפשטיין, וויצע־פּאָרזיצער
ב. טאַבאַטשינסקי, קאַסירער
דוד מייער, סעקרעטאַר
ה. א. אַבראַמסאָן
ג. אַראָנסאָן
מ.ש. אָשרי (לאָס־אַנדזשעלעס)
ד. בלאָנד
ס. דובנאָוו־ערליך
י. ש. הערץ
ז. יעפרויקין
י. לעווין
ע. נאָוואָגרודסקי
ל. נעלסאָן
י. עבעריל
מ. ל. פּאָלין (שיקאַגאָ)
ר. צוקערמאַן
ה. קעמפּינסקי
ע. ראַבקין
פ. שוואַרץ
ש. שוועבער
ב. שעפּנער
ד״ר ע. שערער

פאַרלאַג „אונזער צייט"

י. י. טרונק — פוילן ב׳ I, 252 זייטן	$ 2.00
י. י. טרונק — פוילן ב׳ II, 318 זייטן	2.50
י. י. טרונק — פוילן ב׳ III, 288 זייטן	2.50
י. י. טרונק — פוילן ב׳ IV, 304 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער	3.00
י. י. טרונק — פוילן ב׳ V, 308 זייטן	3.00
י. י. טרונק — פוילן ב׳ VI, 244 זייטן טעקסט, 4 זייטן בילדער	3.00
י. י. טרונק — פוילן ב׳ VII, 280 זייטן טעקסט, 5 זייטן בילדער	3.00
י. י. טרונק — קוואַלן און ביימער, 472 זייטן	4.00
י. ש. הערץ — די געשיכטע פון אַ יוגנט, 592 זייטן טעקסט, 48 זייטן בילדער	3.50
י. ש. הערץ — די יידן אין אוקראַינע, 262 זייטן	3.00
י. ש. הערץ — הירש לעקערט, 132 ז׳ טעקסט, 8 ז׳ בילדער	1.50
י. ש. הערץ — די געשיכטע פון בונד אין לאָדזש, 504 ז׳ טעקסט 32 ז׳ בילדער	4.00
לייבעטשקע בערמאַן — אין לויף פון יאָרן, 386 ז׳ טעקסט 38 בילדער	2.50

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן

FARLAG UNSER TSAIT

25 East 78th Street

New York 21, N. Y.

פאַרלאַג „אונזער צייט"

זיגעלבוים־בוך — 408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער — — 3.00

בערנאַרד גאָלדשטיין — 5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ,
500 זייטן טעקסט, 24 זייטן בילדער — — 3.50

די יידן אין פוילן (א. מענעס, דר. ר. מאַהלער, דר. יעקב שאַצקי,
וו. שולמאַן) 920 שפּאַלטן פון גרויסן פאָרמאַט— 5.00

אַרקאַדי — 436 זייטן טעקסט, 11 זייטן בילדער — — — — — 2.00

אין די יאָרן פון יידישן חורבן — די שטים פון אונטערערדישן
בונד, 342 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער — — — 3.00

וולאַדימיר מעדעם — 367 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער — — 2.00

שלמה מענדעלסאָן — 492 זייטן טעקסט, 5 זייטן בילדער — 3.50

ערליך־אַלטער־בוך — 472 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער — 4.00

מרים ראַסקין — זלאַטקע, 336 זייטן — — — — — — — — — 3.00

דורות בונדיסטן — ערשטער באַנד 480 זייטן טעקסט, 79 בילדער;
צווייטער באַנד 528 זייטן טעקסט, 177 בילדער — צוזאַמען—10.00

כמורנער־בוך — 232 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער — — — 3.00

דער „בונד" אין בילדער — 192 זייטן, 500 בילדער, טעקסט —
יידיש און ענגליש — — — — — — — — — — — — — 5.00

אַבראַם דער טאַטע (לייב בלעכמאַן) — בלעטער פון מיין יוגנט,
297 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער — — — — — — — 3.00

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן

FARLAG UNSER TSAIT

25 East 78th Street

New York 21, N. Y.